This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

9

1985

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

סענטיאַבער

9

1985

אינהאַלט

איציק פעפער. לידער. (צום 85־טן געבורטסטאָג) . 3

יויסעף בורג. נײַע דערציילונגען . . . 6

מאָטל גרוּוומאַן. די גאַנצע ווײַט איז פול מיט ליכט (לידער) . . . 19

אַרן ווערגעליס. דער היטער בא די טויערן (ראָמאַן) 21

דאָרע כײַקינע. אין די ליכטיקע פאַרטאָגן (לידער) . 83

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. מוישע קאַץ (1885—1960). בא שאָלעם־אַליינכעמען . . . 85

שימען פרוג (1860—1916). לידער . . . 89

„בירא־בידזשאַנער שטערן" — נעכטן, הײַנט, מאָרגן" (אינטערוויו מיטן רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג ל. שקאָלניק) . . . 91

סאַמויִל קליגער, יעפים דרוץ. דעם ראַמבאַמס פּערזענלעכקײַט און פילאָסאָפיע (צו זײַן 850־טן געבורטסטאָג) . . . 100

אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. וויקטאָר מיטראָשענקאָוו. דאָס יאָר 1964 (פונעם בוך „די ערד אונטערן הימל") . . . 106

ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש. איך דערמאָן זיך . . . 122

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן. א נײַע באַגעגעניש מיט די ווײַסרוסישע שטעטלעך . . . 126

וויקטאָר לענזאָן. וועניאַמין פליישמאַן און זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פידל" . . . 131

וולאַדימיר מילאַשעווסקי. וויאַזוי איך האָב געמאָלט איסאַק באַבעלס פּאָרטרעט . . . 136

אושער ספּעקטאָר. די געשיכטע פון באַבעלס אַן אומבאַוווּסטן פּאָרטרעט . . . 138

געפונענע מאַנוסקריפּטן. מייער ווינער. דער צאַפּלדיקער דויפּעק פונעם פאָלק . . . 140

שאָלעםביילין. פאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און וויציקע מײַסעס . . . 149

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען . . . 154

צו די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער . . . 158

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מענטשן און גורלאָלעס (איבערזיכט פון בריוו) . . . 159

דאָס איז טשיקאַווע . . . 168

ביבליִאָגראַפיע . . . 169

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור . . . 171

רעזומע (רוסיש, ענגליש) . . . I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

ח. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), ש. גאָרדאָן, ט. גען, א. טווערסקאָי, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, ח. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

איציק פעפער

דעם 85-טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן סאָוועטישן יידישן דיכטער איציק פעפער מערקן מיר אָפּ מיט א ציקל לידער, וועלכע מיר נעמען פון זיין לעצטן בוך „אפסניי״.

מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בייגן

הער נאַר, וועלט מיט גיפט אין אויגן,
וועלט פון אומרעכט און פון שאַנד,
מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בייגן —
ניט אזא איז אונדזער לאַנד!

ניט אזא איז אונדזער שטורעם,
ער זאָל שאַנעווען דיין ערד,
ניט אזא איז אונדזער גוורע,
זי זאָל פאַלן פון דיין שווערד!

ס'איז דיין כאָכמע אויסגעזויגן
אויסגעדראָשן ווי א זאַנג,
מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בייגן
פאַר דיין אָפּגעלעבטן גאַנג.

ס'וועט ניט שרעקן אונדז דיין זשאַווער,
דיין באַגילדעטער פאַרמעג,
און דיין אָוואַר און דיין אַווער
וועט ניט פּלאָנטען אונדזער וועג.

אין טאַכריכים איינגעצויגן
ליגט דיין צוקונפט, אַלטער נאַר,
מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בייגן
בא די שוועלן פון געפאַר!

ווער עס קריצט נאָך מיט די ציינער
און ער צילט אין אונדזער גליק
מיט רעצייעכדיקע שטיינער,
דער וועט קריגן זיי צוריק.

ווער עס וויל מיט אונדז זיך קריגן,
זאָל ער וויסן, ווו ער איז,
אויב ער וויל אין קיווער ליגן,
זאָל ער אופהייבן זיין שפּיז!..

הער נאַר, וועלט מיט גיפט אין אויגן,
דיין מאַפּאָלע איז ניט ווייט!
מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בייגן —
ניט אזא איז אונדזער צייט!

צו אן אמעריקאַנער פרײַנט

איר ווייסט וואָס הייסט מילכאָמע?
פאַרגעסן שוין! איך ווייס,
די ערד ווערט קאַלט פון מייסים,
די הימלען ווערן הייס...

און פון די מענטשן-אויגן
די פריילעכקײַט פאַרשווינדט,
עס טרינקען זיך די פעלדער
אין טײַכן ווײ און ווינד...

די טרערן אַף די גראָזן,
די גראָזן ביזן האַלדז.
איר הערט די פעלדער וויינען?
און דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

איר ווייסט, וואָס הייסט מילכאָמע?
פאַרגעסן שוין! איך פיל.
אין שאָלעמדיקע סעדער
איז יאָמטעוודיק און שטיל...

כ׳דערזע דאָרט יענע צווײַגן,
וואָס צוויטען שוין ניט הײַנט,
אַף זיי זײַנען געהאַנגען
די בעסטע מײַנע פרײַנט...

געבליבן איז נאָך הענגען
א שטריקעלע אַן אַלטס,
א שטריקל פון א טליִע,
און דאָס איז נאָך ניט אַלץ...

איר ווייסט, וואָס הייסט מילכאָמע?
פאַרגעסן שוין, מע זאָגט...

ווי פרידלעך קומט דער אָוונט,
ווי שאַלוועדיק עס טאָגט.

איך ווייס אויך פון מילכאָמעס,
פון שלאַכטן קעגן טראָן,
ווען ס׳קומט די זון פון הימל
און ווערט א רויטע פאָן.

און ס׳נעמט די נאַכט אַנטלויפן
אַוועק אינמיטן נאַכט,
געלויבט איז די מילכאָמע,
ווען ס׳גייט דאָס פאָלק אין שלאַכט.

און אויב קעגן מילכאָמעס
צו רופן אײַך איך וואַג,
איז קעגן די, וואָס ס׳פירן
די יאָרשים פון רייכסטאַג.

איר ווייסט, וואָס הייסט מילכאָמע?
דערמאָנט זיך שוין געוויס?
ווי גיך ס׳פאַרגייט דאָס ביטערס,
ווען ס׳ווערט א ביסל זיס!..

עס קלינגט נאָך די מילכאָמע
מיט שאָלעם-טעג געפּאָרט,
זי גייט נאָך בא די טישן,
געדעקט מיט גרינעם קאָרט...

עס בושעוועט די סינע,
איר הערט ניט, ווי זי שרײַט!
איר ווייסט, וואָס הייסט מילכאָמע?
פאַרגעסט נאָך ניט, האָט צײַט!

לעבן מײַנס

לעבן מײַנס, מײַן יאָמטעוודיקס,
לאָמיר מער ניט טרויערן,
לויטער זײַנען וועגן שוין,
דורכזיכטיק — די טויערן...

מעג דער ווײ זיך אײַנקאָרבן,
יענער ווײ, דער נעכטיקער,
זאָל ער אָבער דינען אונדז,
ווי א שטויס א מעכטיקער...

זאָל דער ווײ דער נעכטיקער
קלינגען הײַנט קלייזײַענדיק,
לאָמיר גוט געדענקען אים
אַף יאָמטויווים זײַענדיק.

לאָמיר שפּאַנען פײַערלעך,
מוטיק און ניצאָכנדיק,
די יאָמטויווים וועבנדיק
פון די גרויע וואָכנטעג...

לאָמיר אונדזער ווײ און מוט
קיינמאָל ניט צעפּאַטערן,
זעט, ווי פרײַ און ראַכוועסדיק
מאָסקווער שטערן פלאַטערן!

פרישקײַט

כ׳ווייס:
ניט אַלע שוועלן בין איך שוין אריבער,
אין די אויגן מײַנע לעבט דער זעלבער פיבער,
און דער זעלבער נײַגער און די זעלבע ווונטשן,
וואָס איך טראָג פון לאַנג שוין אונטער הויכער זון-שײַן...

און די זעלבע פרישקײַט וווינט אין מײַנע אויגן,
און דער זעלבער שמייכל האָט זיך אויסגעבויגן
לעם די ליפּן מײַנע.
ווו איך בין געלאָפן,
פֿלעגן וועגן ליגן קעגן הימלען אָפן.
אָפן הייסן דאָרעם,
אָפן קאַלטן צאָפן
האָב איך שטענדיק הערצער וואַרעמע געטראָפן...

איך האָב ליב, ווי שטענדיק, איבער ערדן שפּאַנען,
וועלדער, טאַנען, סאָסנעס, דעמבעס און קאַשטאַנען
טראָגן זיך אַנטקעגן.
נייגן זיך און בוקן.
און אויף יעדן וועלדל, ווילט זיך מיר פאַרקוקן,
איבער אַלע גראָזן ווילט זיך ווידער קוליען,
צו דער זון זיך הייבן, צו דער ערד זיך טוליען,

טראָגן מיר אַנטקעגן טײַכן זייער אָטעם,
און אין אַלע טײַכן ווילט זיך מיר א באָד טאָן,
און מיט אַלע זייער וויל איך זייען זומען,
כ׳וויל מיט די פּילאָטן שווענקען זיך אין רוימען,
כ׳וויל אויף ווײַטן צאָפן מיט די מענטשן פרירן,
און אין אַלע פּאַרקן ווילט זיך מיר שפּאַצירן!
ס׳איז מײַן היים דאָס לאַנד מיר, ס׳איז מײַן לאַנד די היים מיר,
ווו איך זאָל ניט קומען, שטילן זיי דעם וויי מיר,
ווו איך זאָל ניט קומען, קום איך אין א הייכל,
אויב מײַן ליבסטע כ׳טרעף ניט, טרעף איך דאָרט איר שמייכל...

יוסף בורג

פיר ליבעס

פאַר דער קורצער צײַט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אפן באַם, האָב איך זיך אָנגעהערט א סאַך אויסטערלישע ליבע-געשיכטעס, געבוירענע אינעם פלאַטער פון מענטשלעכער פרייד, וועלכע איז געווען ניט ווינציק, און אינעם ציטער פון סאַקאַנעס, וואָס האָבן אויך ניט געפעלט.

באַם האָט געבויט דאָס ראַווו יוגנט, געבויט אין גלי פון קאַמף מיט דער אומגעצוימטער נאַטור, אין שטורעם און געוויטער. און דאָרט, ווו יוגנט, דאָרט שפּינען זיך ליבעס, ווי איידלשטיינער אויסגעטאָקטע. און כאָטש די ליבעס זײַנען אַלט, ווי די וועלט, און אייביק, ווי דאָס לעבן, האָבן זיי אָבער אפן באַם געשפּילט מיט פאַרבן פון עפּעס א נײַעם קאָליר, און געווען זײַנען זיי באַשטראַלט מיט יענער יונגער ליכטיקער מיסיע, וואָס שאַפט און בויט. דרײַ פון זיי האָב איך פאַרשריבן אפן אָרט.

און די פערטע?

די פערטע איז געווען א טרויעריקע ליבע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין אן אנדער צײַט און אף טויזנטער מײַלן מײַרעוודיקער פון דער בײַקאַל-אַמורער מאַגיסטראַל. א ליבע, וואָס האָט אופגעפלאַקערט, ווי א פלאַם, און ווי א פלאַם זיך אויסגעלאָשן אף אָפענע שליאַכן, צווישן דווירעסדיק-צעפלאַמטן צאָרן. און אויב איך האָב זי צוגעטוליעט צו די דרײַ באַמישע, האָב איך עס געטאָן דערפאַר, וואָס ניט נאָר אפן באַם, נאָר אויך דאָרט, ווו ס'האָט דער נעכטן אַרומגעבלאָנדזשעט אָן א שטעג און אָן א וועג, לייגט מען אויס נײַע וועגן. מע בויט פאַבריקן, זאַוואָדן און ריזיקע שטעט. און ס'וועבט אונדזער הײַנט, ווי א בונטער פאָדעם, זיך אַרײַן אינעם נעכטן. און נאָך האָב איך עס געטאָן מיטן הייסן פאַרלאַנג, אַז אַזאַ צײַט, וואָס איז געווען ווי כמאַרע שוואַרץ, זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן. און ליבעס זאָלן מער ניט פאַרשוועכט ווערן...

א שפּרונג אין דער פינצטער

נעכטן האָבן זיי אָפּגערעדט וועגן א שפּאַציר אין די בערג.

ער — א מאַטעמאַטיקער, וואָס ענדיקט אין א פּאָר כאָדאָשים אַרום דעם אוניווערסיטעט. זי — א פּיִאַניסטן, שטודירט אין קאָנסערוואַטאָריע.

ס'איז שאַבעס.

דער טאָג איז א פרײַער, א זוניקער. דער בלויער הימל, אַן אומענדלעך-הויכער און א דורכזיכטיק-צאַרטער, איז ערטערווײַז פאַרצויגן מיט דינע וואָלקנדלעך, ווי שניייווײַסע קרוזשעווע.

זיי שפּאַנען איבער א שמאָלן שלענגלענדיקן וועג, וואָס פירט אַרויף צו די באַרגשפּיצן. דער וועג איז שטײַל און מעשופּעדיק. אָבער אין די גלידער פלייצט אַזאַ מאָדנע לײַכטקײַט, ווי, מיסטאָמע, בײַ פייגל, וואָס הייבן זיך מיטאַמאָל אויף און שוועבן אַוועק אין כאָלעל צווישן הימל און ערד.

זיי זײַנען יונג.

און איבער דער וועלט בליט א יונגער פרילינג. שטילע ווינטעלעך פאַרשפּרייטן זיסע רייכעס פון שפּראָצנדיקע גראָזן און צעעפנטע קנאָספּן, און פײַערלעך ריזלען פאַרהוילענע קלאַנגען.

— היי, היי! — קײַקלט זיך הילכיק איבער די בערג דאָס שטיפערישע געשריי פון יונגער

פרייד און ווערט פארפאלן ערגעץ ווײַט אין די טיפע בארגשפאלטן.

צופוסנס פון די בערג שימערט מיט זילבער-בלויע רונצלען א שמאָל בארג-טײַכל, מורמלט שטיל, גלײַך ס׳וואָלט עמעצן פארוויגט. און באם ברעג גרינט א בערגעלע ערד, וואָס די צײַט האָט עס נאָך ניט באוויזן אויסצוגלײַכן, און סע פינקלט אין זונען-שײַן א רויטער שטערן צוקאָפּנס, וואָס דערמאָנט דער וועלט די פרײַז, מיט וועלכער ס׳איז דעראָבערט געוואָרן די געבענטשטע פרייד...

— היי, היי!...

זי בלײַבט הינטערשטעליק.

ער דערלאנגט איר א האנט, טוט זי א ציארוף צו זיך, נעמט זי ארום, דערפילט דעם באריר פון אירע גאָלדענע האָר און דעם גערוך פון איר הויט. און זי, איידל און שלאנק, גייט פארלוירן אין דער ווארעמקײַט, וואָס שטראָמט פון זײַן קערפּער. זי איז עטוואָס נידעריקער פון אים, הייבט זי אוף צו אים איר בליק, און עס זעט אויס, ווי זי וואָלט געפרעגט מיט די אויגן:

— האָסט מיר דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן?

יאָ, ער האָט געוואָלט איר זאָגן, אז ער האָט זיך פארשריבן אין קאָמיוגישן בוי-אָטריאַד און וועט באלד נאָכן באקומען דעם דיפּלאָם אָפּפאָרן אפן באם. נאָר וויאַזוי איר דערקלערן זײַן באשלוס? צי וועט זי דאָס וועלן פארשטיין? און פונקט ווי מע פירט א דײַטלעכע ליניע איבער א צייכענונג, פון וועלכער ס׳ווערט פארלאנגט בלויז א געאָמעטרישע שטרענגקײַט, פונקט אזוי אנטשלאָסן הייבן אָן קלינגען זײַנע רייד:

— איך בין זיכער, אז דו וועסט פארשטיין. אלע ציִען זיך איצט צו דער בויונג פון דער בײַקאל-אמורער מאגיסטראל...

זי רעדט קיין וואָרט ניט ארויס. אף א רעגע ווערן אויך אנשוויגן אלע ארומיקע קלאנגען. נאָר די אויערן בא איר זײַנען פול מיט אומרו, און א ריטמיש קלאפּן האמערט אין די שלייפן.

פּלוצעם טוט זי א פארצי די ברעמען, און אויגן שטעלן זיך אף אים אָן מיט א פאַרשעריש פײַערל.

וואָס זאָל באטײַטן אָט דער שווײַגנדיקער בליק?

שווײַגן איז די שעמעוודיקײַט פון פארליבטע.

זי האָט ניט געקענט, אָדער עפּשער ניט געוואָלט, אויסדריקן דאָס, וואָס זי האָט געפילט. נאָר אירע אויגן האָבן געקוקט אזוי, ווי זי וואָלט מיט זיי ארומגענומען די גאנצע שײַן פון דער זון, וואָס איז געהאנגען איבער דעם גאָלדענעם פרילינג. און ס׳האָט געפלייצט פון זיי א קלאנגלאָזע מעלאָדיע, פאר וועלכער ס׳האָט אקאָמפּאנירט דער צערטלעכער ברום פון דעם ווינט אין די בערג.

דערנאָך איז געווען דער אָוונט פאר זײַן אוועקפאָרן.

אין יענעם אָוונט האָט זי לאנג מוזיצירט. כוואליעס קלאנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער נאכט ארײַן. שטארקע, ברונטע, צעפלאקערטע. און געווען איז אין זיי דער פלאטער פון א ברענענדיק קאָל.

— איך פארשטיי, פארשטיי...

אזוי שפּילן האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געהערט. די קלאנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין א מעכטיקער הארמאָניע. און א געמיש פון אקאָרדן האָבן אי געלאכט, אי געוויינט...

ווי פיל זשע צײַט איז פארבײַ?

די צײַט, דאכט זיך, האָט אָנגעוויִען די מאָס, פארלוירן די גרענעץ.

אין זײַנע בריוו האָט ער איר דערציילט וועגן ווינטערדיקע פרעסט, וואָס אפילע קיין אײַז האלט זיי ניט אויס. און וועגן זומערדיקע היצן, ווי אין דעם מידבער. דערציילט וועגן בריקן, וואָס זאָטלען אָן אָפּגרונטן, און וועגן בריקן, וואָס רעכענען זיך ניט מיטן טײַך...

און זי האָט אין איר לעצטן בריוו אים געענטפערט:

„טײַערינקער מײַנער!

איצט איז בא אונדז טיפע נאכט. בא דיר דאָרט איז העלער טאָג, און דו ביסט געוויס אף דײַנע בויונגען. בא אונדז איז שוין ווידער פרילינג. די סעדער בליִען, און די בערג גרינען מיט יונגן גרינס. איך שרײַב דיר דעם בריוו אונטערן אײַנפלוס פון דערמאָנונגען, וואָס זײַנען מיר פּלוצעם באפאלן. מיר ווילט זיך כאָטש אין געדאנק אומקערן אונדזער פארגאנגענהײַט.

דו ווייסט דאָך, אז איך האָב געגאַרט אין לעבן נאָך א טיפער און שטארקער ליבע. איך האָב קיינמאָל ניט אנערקענט קיין פארוויינטע אָדער בענקענדיקע. מיר זײַנען צום הארצן געווען נאָר טרערן פון פרייד. און אָט האָב איך געלאָזט א טרער. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז אינײנעם מיט מיר האָט די נאכט אויך א כליפּע געטאָן...

איך ווייס, אז דו וועסט קומען צו מיר, ווי נאָר דו וועסט זיך אָפּפּארטיקן מיט דײַנע בריקן. צומאָל דאכט זיך מיר, אז איך הער, ווי דער ווינט זינגט אין דעם געפלעכט פון די בריקן-בויגן, און די פינגער מײַנע נעמען לויפן איבער די קלאווישן. דו האָסט דאָך שטענדיק געליבט מײַן שפּילן.

הײַנט האָב איך, גײענדיק איבער דער גאַס, פֿאַרבלאָנדזשעט צום אוניווערסיטעט, וווּ דו האָסט געלערנט. די פֿיס אַליין האָבן מיך פֿאַרטראָגן אַהין. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועסטו אַרויסגיין און מיר וועלן, ווי אַמאָל, זיך לאָזן אין אַ לאַנגן שפּאַציר...״ וויפֿל זשע צײַט איז אַוועק זינט יענעם „אַמאָל״?

לויט דעם קאַלענדאַר — אַ יאָר פֿיר, לויט די געפֿאַרן און שוועריקייטן, וועלכע אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין, איז אַ לעבן אויך צו ווינציק.

כאַדאָשים האָבן זיך געקײַקלט אין אָנגעשטרענגטע פֿאַרהאָרעוועטע אײַנדערוואָכנס. פֿון מײַרעוו ביז מיזרעך, איבער יאָרן און אָפּגרונטן, איבער שאַלקהאַפֿטיקע ריטשקעלעך און שטורמישע טײַכן זײַנען געהאַנגען בריקן, אין וועלכע ער האָט אַרײַנגעכעזשבנט אויך זײַן כײַלעק.

נאָר אַ בריק, ביז זי פֿאַרײניקט ניט בײדע ברעגן, איז אַ באַגריף קימאַט אַן אַבסטראַקטער — אַ לאַבירינט מיט צײכענונגען און כעזשבוינעס, צעפּירטע איבער ווײַסע וואַטמאַנבויגנס. זי ווערט ערשט ווירקלעכקײַט, ווען שטאָל צו שטאָל שווייסן זיך צונויף אין איין גאַנצקײַט.

וואָלט עמעצער אים געזאָגט מיט אַ צײַט צוריק, אַז אַזאַ מאַכינע, ווי די בריק איבער דעם שטורמישן טײַגע-טײַך בורייע, קאָן מען אויפֿשטעלן פֿאַר געציילטע דרײַ כאַדאָשים, וואָלט ער ניט געגלייבט. ס׳וואָלטן זיך אים ניט געלייגט אויפֿן סייכל אַפֿילע די בעסטע אינזשעניערישע אויסרעכענונגען.

און אָט שווימען בלומען אויף די בורייע-כוואַליעס. און אויבן, איבער די כוואַליעס, פֿײַרן יובלדיקע שאָפֿערן די ערשטע קאָלאָנע לאַסט-אויטאָמאָבילן. לײַכט-פֿרײדיק, ווי די בלומען אויפֿן טײַך.

אָבער דער וועג פֿון די, וואָס האָבן די בריק געבויט, איז ניט געווען מיט בלומען פֿאַרזייט. ס׳זײַנען געווען שנײַדיקע טעג און נעכט.

און אָט האָט די בריק זיך אויסגעצויגן אין איר גאַנצער קילאָמעטערדיקער לענג. ס׳דאַכט זיך, אַז ערגעץ דאָרט, אין קאָמסאָמאָלסק, ענטפֿערט איר מיט אַ פֿרײדיקן אָפּקלאַנג אַ צווייטע בריק איבערן אַמור, גלײַך ווי צוויי סטרונעס, אָנגעסטראָיעטע אין אוניסאָן: צעשפּילט זיך איינע — רופֿט זיך אָפּ די צווייטע.

ער איז געשטאַנען באַם ברעג און קיין אויג ניט אָפּגעריסן פֿון דעם ווּנדערלעכן געפֿלעכט פֿון שטאָל און אײַזן. אָט דער ווּנדער איז געווען ווי אַ ליד, ווי אַ סימפֿאָניע. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָר וואָס אויפֿגעהויבן אויף זײַנע הענט אָט די גאַנצע פּילטאָניקע גראָמאַדע און זי אַוועקגעשטעלט אויף די שטיץ-זײַלן, זי זאָל שטיין אַזוי אין אײביקײַטן.

ווען ס׳איז געקומען די צײַט פֿון שטורמישן אײַזגאַנג, האָט די בורייע מיט אַ ברייטן שטראָם געטראָגן גרויסע הליבעס אײַז, זיי געטריבן מיט אַ ווילדקײַט צו די אײַזברעכער, און זיי זײַנען צעשפּאָלטן געוואָרן, צעקרישלט און אַוועקגעשוווּמען מיט פֿרײלעכע ווירבלען.

די בריק האָט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן גרויסן אײַז-שטורעם.

אינגיכן אָבער איז איר באַשערט געווען זיך אַנטקעגנשטעלן אַ פֿיל גרעסערן ניסאָיען, ווי דער שטורמישער אײַזגאַנג.

...דער פֿרילינג האָט געהערשט אומעטום: אין די ווײַטע באַרג-אָפּהאַנגען, ערטערווײַז נאָך באַדעקטע מיט שניי, און אין די זומפּיקצעווירטע טאָלן. אין די אַלטע ווײַסשטאַמיקע בערעזעס און צעגרינטע לאָרכנביימער האָבן פֿייגעלעך זיך געייסעקט, און בלויע רינגען פֿון אויפֿגעבליטן באַגולניק האָבן אַרומגעגאַרטלט די סאָפּקעס.

מײַ!

כאָטש אין די בערג האָט מיט אַ טאָג פֿריִער געגאָסן אַ שלאַקסרעגן, האָבן די סינאָפּטיקער ניט פֿאָרויסגעזאָגט קיין שום סאַקאָנעס. לײַכטע הויכע וואָלקנס האָבן זיך געראַכערט איבער די שטײַלע שפּיצן פֿון בורייִשן באַרגרוקן, און די טײַגע, אַ דערפֿרישטע פֿון נאַכטישער קילקײַט, האָט באַגעגנט אַ נײַעם זוניקן פֿרימאָרגן.

באַלד נאָך האַלבן טאָג איז אָבער געקומען אַ פֿאַרפֿליצונג, זי האָט זיך צעיאָגט פּלוצעמדיק-ווילד, ווי אַ לאַווינע.

מיט אַ מעכטיקן געבריל האָט די בורייע, ווי אַ צעכושטע, געטריבן אירע קאַלעמוטנע וואַסערן, און דער עכאָ האָט ווײַט און הילכיק איבערגעכאַזערט איר קאַס. אַלץ, וואָס עס איז געשטאַנען אין וועג, איז אָפּגעשווענקט געוואָרן. ביימער, אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, איבערגעקערטע שיפֿלעך, פּעסער זײַנען געשווּמען מיט אַ כײַישן קרײַזלויף. אַ ווײַסער שטויב איז געהאַנגען איבערן טײַך. און פֿייגל זײַנען מיט אַ דערשראָקענעם געשריי אָפּגעפֿלויגן פֿון די ברעגן, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, אַז דער צעבושעוועטער טײַך זאָל זיי ניט פֿאַרטרינקען.

אַלץ, וואָס די בורייע האָט געטראָגן אויף איר אויבערפֿלאַך, האָט טעמפּ געהאַקט אין די אײַזברעכער און שטיץ-זײַלן, זיך פֿאַרטשעפּעט

אין זיי. און גיך איז אויסגעוואַקסן א פּראָפּקע, וועלכע האָט געהאַמעוועט דעם זינדיקן שטראָם, פאַרשפּאַרט פאַר אים דעם וועג. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ברויזנדיקע וואַסערן זײַנען אימשטאַנד אופצוּוועקן אַלע בייזע קוייכעס פון דער וועלט.

יעדע מינוט האָט די בריק זיך געקאָנט אײַנברעכן אונטערן שווערן דרוק פון דער טײַוולשער שטויסקראַפט.

מענטשן מיט העק, לאָפּעטעס, שטריק האָבן זיך געוואָרפן צענעמען דעם אָנוואַלגער. מינוטן און שאָען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין באַוועגונג, אין איין ריטם און שרעק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ניט די בורייע ווילדעוועט אונטער דער בריק, נאָר אירע שטיק־זײַלן און אײַזברעכער וואַקלען זיך, רירן זיך פון די ערטער. און מענטשן האָבן בלויז געבעטן, ס'זאָל אַזוי גיך ניט פינצטער ווערן, די זון זאָל וואָס לענגער זיך פאַרהאַלטן.

די נאַכט אָבער איז צוגעפאַלן מיט שווערע רעגן־כמאַרעס. פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען? די אַזוי אויך געפּאַרפּולע אַרבעט איז פאַרשוועריקט געוואָרן. ערגעץ אין סאַמע מיטן טײַך האָט אין קלעם זיך געפונען איינער פון די הויפּט־שטיק־זײַלן. די וואַסערן האָבן ניט געקאָנט זיך דורכרײַסן און זײַנען געשטיגן אין דער הייך. די בריק האָט געהודיעט, וויברירט אונטער די פיס. פּלוצעם איז עמעצער אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם געלענדער, און ווען אַ שײַן־פּאַס פון די פּראָזשעקטאָרן, וועלכע האָבן געשמיסן מיט בײַטשן ליכט, האָט אים אָנגעטאַפּט, האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף פון אַ צענדליק מײַלער מיטאַמאָל:

— פּי־מאַ, דערזשיס!

און פון אונטן האָט אָפּגעענטפערט אַ שטרענג־באַפעלעריש קאָל:

— טראָס דאַווײַ!

ער האָט פלינק זיך געראַנגלט מיטן אָנגעהויפטן ווינטברוך. דאָס וואַסער האָט מינוטנווײַז אים דערגרייכט ביז דער ברוסט, געקילט דעם קערפּער, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג געוועזן נאַס פון שווייס. און אונטער אים האָט געבושעוועט אַ טונקעלער אָפּגרונט.

ער איז געווינט געוועזן נאָך פון קינדווײַז באַ זיך אינדערהיים צו באַלאַנסירן, ווי אַ קאַנאַטן־טענצער, איבער נאַסע גליטשיקע קלעצער, פאַרטראָגענע צו סקאַלעס, דורך שטורמישע באַרג־טײַכן.

צי האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ כעזשבן, אַז ער שטעלט אין קאָן דאָס לעבן?

נאָר אויב די בריק איז אין אַ געפאַר?

איז זײַן אייגן לעבן מיטאַמאָל געוואָרן ווײַט פון אים. זײַן אייגענע סאַקאָנע האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים. ער איז געוועזן אַרײַנגעשלונגען אין אַ טויטלעכער געפאַר, אָבער ער האָט זי ניט געזען, ניט באַנומען, ניט געפילט...

וויפל איז דורכגעגאַנגען צײַט? אַ מינוט, צוויי, צען?

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ פאַרטויבנדיקער אופרײַס, ווי די וועלט וואָלט אײַנגעפאַלן. די בורייע האָט זיך געוואָרפן און געשלײַדערט אין אַ וויסטן געלויף...

ער האָט בײַגעקומען די אָנגעטראָגענע דאַמבע, וואָס האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט די וואַסערן. און די בריק, אופגעבויט פון זײַנע טרוימען, האָט אויסגעהאַלטן דעם ווילדן שטורעם.

בריקן אָבער ווערן געבויט ניט בלויז פון טרוימען, נאָר מיט דער הילף פון שרײַפּעלעך און באַלקן. און אין יעדן שרײַפּעלע, אין יעדן באַלקן איז געוועזן אַרײַנגעכעזשבנט אויך אַ טייל פון זײַן מויעך, פון זײַן האַרץ...

ווען מע האָט אים אַרופגעצויגן ניט טויט ניט לעבעדיק, אַראָפּגעשלעפּט פון אים די נאַסע קליידער און געהאָלפן זיך איבערטאָן אין טרוקענע, האָט ער, קלאַפּנדיק אַ צאָן אין אַ צאָן, שפּאַסיק זיך געבעטן:

— רעביאַטקי, ס'איז מעסוקן קאַלט, און איך בין אַ צעפּעסטעטער. פון ווײַטן דאָרעם־מײַרעוו בין איך...

און נאָר די בריק, פון ברעג צו ברעג, איז געשטאַנען באַוועגלאָז און רויִק צווישן דעם רוישיקן געטומל.

ערגעץ אין דער נאָענט האָט זיך אופגעכאַפּט אַ פויגל, אַ פּאָכע געטאָן מיט די פליגלען.

— מאָרגן וועט זײַן אַ שיינער טאָג.

דעם פויגל מעג מען גלייבן.

דערווײַל איז די נאַכט געשטאַנען אַ קאַלטע, אַן אויסגעווייקטע. צו די וואַגאָנדלעך זיך דערקלײַבן איז געוועזן ווײַט, און מע האָט געדאַרפט פריִער זיך אַ ביסל דערוואַרעמען. איז אָבער ניט געוועזן קיין שטיקל פּאַפּיר אָף צעצינדן אַ פײַער. האָט ער אַרויסגענומען פון דער קורטקע דאָס סאַמע טײַערסטע — אַ בריוו פון זײַן געליבטער, און דער שײַטער האָט זיך צעברענט.

ס'איז געוועזן אין דער טײַגע אַ נאַכטישע קעלט. און ס'איז געוועזן די ליבע פון אַ מיידל, וואָס האָט אַלעמען דערוואַרעמט...

דער שײַטער האָט געטרעשטשעט. די פלאַמען האָבן אומרויִק געטאַנצט, באַלויכטן מיט אַ מאַטער שײַן אַ קליינעם שטעטך. ווײַטער האָט די פינצטערניש זיך געקנוילט שוואַרץ און הויך, ביזן הימל. די נאַכט האָט פאַרהוילן געקלונגען אין די צווײַגן פון סאָסנעס און לאַרכנביימער. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט ווײַטע קלאַוויר־טענער.

אָט ליכטיקע, שאלנדיקע, צעשפליטערטע אין טויזנטער קלאנגען, און אָט שטילע און צאַרטע, ווי די בענקשאפט פון פארליבטע. ווּוהין האָט געפירט די בענקשאפט? צו די פארגאנגענע טעג אין די ווייַטע קארפאטן־בערג? צי עפשער צו דער צוקונפט?..

ווען איך בין מיט דעם יונגן אינזשעניער יעפים מעדריש צוגעפאָרן צו דער בריק, איז שוין לאנג געווען אלץ פארבייַ. אונטער די רעדער פון אונדזער „גאזיק" האָט זיך געשטויבט דער וועג, וואָס איז מיט א צייַט צוריק געווען דער דנאָ פון א יאם. און די בורייע, אויסגעמאטערט פון איר אייגענער ווילדקייַט, איז רויִק געגאנגען איר אייביקן גאנג. די פארפלייצונג האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפורן. אויב עפשער נאָר איין שפור אין יעפימס הארצן — דעם שפור פון א שפרונג אין דער פינצטער.

אין פלאָנטער פון פייַער

אין יענעם טאָג איז די זון געהאנגען איבער דער וועלט, ווי א ריזיקע, פייַערדיקע רייף, און געסארפעט מיט אלע קויכעס. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן העכער דרייַסיק גראַד אין שאָטן. בלויז אין דער טיף פון דער טייַגע האָט די היץ, א פארטראכטע און פארשטומטע אין איר אייביקייַט, ניט געבראָטן אזוי שטארק.

צוויי געאָלאָגן, אָפּגעטיילטע פון זייער באַזע אף עטלעכע מייַל, האָבן אין יענעם טאָג אנטדעקט א געדיכט באוואלדעטע סאָפּקע און געפונען דאָרט דאָס, וואָס זיי האָבן א לאנגע צייַט געזוכט:

ארץ!

זיי האָבן געקליבן מוסטערן פון קאָלערליי שטיינער און בארג־ערד און זייַנען געווען אזוי פארטיפט אין דער ארבעט, אז זיי האָבן אפילע ניט באמערקט דאָס דינע רויך־הייַטל, וואָס האָט אף א רעגע פארשטעלט די זון.

זיי זייַנען געווען אינצווייען — ער און זי. ביידע יונג, ביידע פארליבט אין זייערע געאָלאָגישע זוכונגען. און דאָס יונגע לעבן האָט געשוימט, געפלייצט, געזונגען ארום זיי.

זי איז געגאנגען א פאָר שפאַן פאָרויס. אירע טונקל־בלאָנדע האָר זייַנען געווען צעפלאָכטן, א בלייך־גאָלדיקע פארב האָט פארגאָסן אירע באקן, און די ציין האָבן ארויסגעבליצט פון די פולבלעכע ליפּן, וועלכע האָבן געשפילט מיט א ווייַבערשער און קינדערשער זיסקייַט.

פון מאָל צו מאָל האָט זי א קער געטאָן צו אים איר פּאָנעם, אים צוגעוואָרפן א שמייכל, א בליק, א הילכיק וואָרט, וואָס די סאָפּקע האָט עס באלד אופגעכאפט, צעטראָגן ווייַט איבער דער טייַגע, און אין זייַנע אויגן האָט געגליט עפּעס א פארהוילענער פלאַם. זיי האָט ניט שטארק געקימערט, וואָס די קאָנסערוון זייַנען שוין געווען אופגעגעסן, דאָס ברויט האָט זיך אויך געענדיקט. געבליבן זייַנען בלויז א פעקל סוכארעס, די ארבעטס־מאכשירים און די קארטע, אָן וועלכער אין דער טייַגע באטייַט א זיכערער אומקום. דערפאר אָבער האָבן זיי אין די רוקזעק געטראָגן אן אויצער ניט בלויז פון פארשיידענע מינים ארץ, נאָר אויך פון א סאך אנדערע מינעראלן.

פלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. מיט א שנעלער באוועגונג פארשארט די האָר, וואָס דער ווינט האָט פּאסמעסווייַז צעוואָרפן איבער איר פּאָנעם, און איבערכאפנדיק דעם אָטעם, אים קורץ א זאָג געטאָן:

— דאכט זיך, דער ווינט טרייַבט פון מייַרעוו א געדיכטן רויך...

זי האָט די ווערטער ארויסגעבראכט אף אזויפיל אומרויִק, אז דער שמייכל, וואָס האָט א שטראל געטאָן אף זייַנע ליפן, איז געבליבן א פארגליווערטער. די אויגן־אפלען האָבן זיך בא אים אויסגעברייטערט, און ער האָט שטיל, מיט אן אייַנגעהאלטענעם אָטעם איר געענטפערט:

— מיר ווייַזט זיך אויך אזוי אויס.

נאָר די ארבעט האָבן זיי ניט איבערגעריסן. צו פארלאָקנדיק איז געווען די סאָפּקע, צו לאנג האָבן זיי געזוכט דאָס אָרט.

אין א מין שאָ ארום האָט דער ווינט זיך געשטארקט: די קרוינען פון די ביימער האָבן זיי צעוויגט אזוי, ווי זיי וואָלטן געפרוּווט זיך ארויסרייַסן פון די ערטער, נאָר די וואָרצלען האָבן זיי ניט געלאָזט. די וועווערקעס האָבן ארומגעהאוועט, ווי געלע פונקען, געשפרונגען אף מיזרעך. א פויגל האָט זיך צעשריגן, און זייַן יאָמערדיקער געשריי האָט אָנגעוואָרפן א פּאכעד.

זי האָט נאָכאמאָל זיך אָפּגעשטעלט, א צי געטאָן מיט די נאָזלעכער, גלייַך זי וואָלט אייַנגעזויגן עפּעס א שארפן רייעך:

— די טייַגע ברענט!

איר שטים האָט באַקומען עפּעס אַ פֿאַרטויבטן קלאַנג, ווי די ווערטער וואָלטן געפֿלאָסן פֿון אומבאַקאַנטע קוואַלן. זי האָט געקוקט אויף דעם מיט אַ בלאָנדזשענדיקער שרעק אין די פֿאַרנעפּלטע אויגן. ער אָבער האָט זיך געפּאָרעט מיטן רוקזאַק, אָט אים צעבונדן, אָט ווידער צונויפֿגעשנורעוועט. ער האָט אַקשאַנעסדיק ניט געוואָלט אויפֿכאַפּן אירע צעשראָקענע בליקן, ווײַל אין זיי איז געווען דער שרעקלעכער עמעס — אַ פֿײַער גייט אויף זיי פֿון מײַרעוו, טיילט זיי אָפּ פֿון דער סרייפֿע אײַנגאַנצן אַ מעהאַלעך פֿון אַ צען קילאָמעטער, און זײַנע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין דער ווײַט.

— אַן אייבערשטע סרייפֿע, — האָט ער אַ פֿליסטער געטאָן אַזוי ווי צו זיך אַליין. און זי האָט באַמערקט, ווי זײַן פּאָנעם האָט מיטאַמאָל פֿאַרצויגן אַ בלייכקײַט.

וואָס אַזאַ סרייפֿע באַטײַט, האָבן זיי גוט געוווּסט. דער ווינט יאָגט דאָס פֿײַער אונטער די וואָלקנס מיט אַ געשווינדקײַט פֿון אַן עקספּרעס-צוג, צינדט אָן צוערשט די אייבערשטע ביימער-שפּיצן, דערנאָך פֿאַלט עס אַראָפּ מיט אַ ווילדער טראַסקערײַ, ווי אַ פֿײַער-פֿויגל, און דעמלט ברענט הימל און ערד.

פֿאַרהאַלטן די צײַט איז געווען אוממעגלעך. מע האָט נאָר געדאַרפֿט אַרויסרײַסן פֿון איר אַזויפֿיל, וויפֿל ס'וועט זיך אײַנגעבן אויף קאָנען זיך דערווײַטערן פֿון דער סאַקאָנע.

זיי האָבן זיך געלאָזט אויף מיזרעך, אַלעמאָל איז זיי אויסגעקומען זיך דראַפּען איבער אָנגעוואַלגערטע ביימער, זינקען אין טיפֿן מאָך. יעדער שפּאַן האָט זיי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן שווייס, און די פֿולגעפּאַקטע רוקזעק האָבן געשלעפּט אויף צוריק.

איר איז געווען לײַכטער אַ ביסל, ווײַל קימאַט אַלע באַרג-מינים האָט ער איבערגעלאָדן אין זײַן רוקזאַק.

— פֿאַרזיכטיק, — האָט זי אים געוואָרנט, און אַליין זיך באַמיט גיין פֿאַרזיכטיק, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז אויב זי וועט אין אײַלעניש אויסגליטשן אַ פֿוס, וועט אים אויסקומען זי טראָגן אויף זיך.

איבער זייערע קעפּ זײַנען געפֿלויגן וועווערקעס און פֿייגל. אַלץ, וואָס לעבט, האָט איבערגעיאָגט די צוויי געלאָגן.

ס'איז געוואָרן שווער צו אָטעמען.

דאָס פֿײַער איז זיי נאָכגעגאַנגען. געקנאַלט, געטרעשטשעט, געשאָטן מיט פֿונקען, און אָפּגעשפּאָלטענע שטיקער סרייפֿע האָבן זיך געפֿלאָנטערט אין די קרוינען פֿון די ביימער.

— עפּשער איבערלאָזן די רוקזעק? — האָט זי מער מיט די אויגן, ווי מיט די ליפּן, פֿאָרגעלייגט.

— איבערלאָזן די רוקזעק? — האָט ער איבערגעפֿרעגט אַזוי, ווי ער וואָלט זײַן אייגענעם געהער ניט געטרויט. — ניין, קיינמאָל ניט! דאָרט זײַנען די מוסטערן פֿון אַרץ, די קאַרטע מיטן אָנגעצייכנטן אָרט...

און דאָך איז ער אויך אויף אַן אויגנבליק באַהערשט געוואָרן פֿון דער שרעק. זי האָט אַ קלינע געטאָן אויף אים, ווי אַ צעבושעוועטער פֿלאַם, געבריט דעם מויעך. ער האָט ווי פֿון אַ זײַט דערזען דאָס יאָגנדיקע פֿײַער און פֿלוצעם זיך דערפֿילט אינגאַנצן אַ קלייניקער, אַן אומבאַהאָלפֿענער קעגן דער אומגעצוימטער סטיכיע.

אַזאַ כעזשבן האָט געמאַכט דער סייכל, וואָס האָט געדויערט טאַקע ניט מער פֿון אַן אויגנבליק, אָבער אַן אינערלעכער קויעך האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אויף דער קאַרטע האָט ער געהאַט באַמערקט אַ דין בלוי שלענגעלע ערגעץ ניט ווײַט פֿון דעם אָרט, וווּ זיי געפֿינען זיך. ער האָט אין אײַלעניש זי אַרויסבאַקומען, אויסגעווישט די אויגן, אָנגעפֿילטע מיט רויך, און אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין יעדער ליניע, אין יעדן בייג.

— שטיי! — האָט ער אויסגערופֿן ניט מיט זײַן קאָל, און זי האָט געדאַרפֿט אָנשטרענגען גענוג קויעך אויף זיך אָפּשטעלן.

זי האָט געוווּסט, אַז די קאַרטע וועט זיי ניט צוגעבן קיין גיכקײַט, ניט פֿאַרשטעלן פֿאַר זיי דאָס פֿײַער, וואָס הודיעט שוין גאָר נאָענט. די קאַרטע האָט אָבער פֿאָרט געקאָנט עפּעס אונטערזאָגן.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ בלוי שנירעלע, וואָס געפֿינט זיך אינגאַנצן אַ פּאָר קילאָמעטער פֿון זיי. מע דאַרף נאָר פֿאַרקערעווען אויף רעכטס.

און זיי זײַנען שווײַגנדיקע אַוועק אויף רעכטס.

זיי זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען, נאָר פֿונעם פֿײַער אויף אַ האָר זיך ניט דערווײַטערט. פֿאַרקערט, עס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿאָרויס, און מע האָט געדאַרפֿט זיך דורכשלאָגן דורך אַ פֿלאַקערנדיקער ליניע, קעדיי צו דערגרייכן דאָס טײַכל.

זי האָט געבלאָנדזשעט צווישן ביימער, וועמענס קאָרע האָט געפּלאַצט פֿון היץ, און די קרוינען האָבן געפֿלאַקערט, ווי פֿאַקלען. אים און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט-אָט צינדן זיך אָן זייערע קליידער. און דאָס וועט הייסן זייער סאָף, ווײַל אַפֿילע די פֿײַכטע ערד, וואָס וואָלט געקאָנט זיי לעשן, ציטערט אויך פֿאַר די אָנקומענדיקע פֿלאַמען.

— איצט האָט ער געשפּאַנט פּאַריס, און זי האָט געפילט, אַז אויב זי וועט אומפאַלן, וועט קיין שום קויער זי מער ניט אופהייבן. און ווען זי איז טאַקע געפאַלן, איז ער צוגעשפּרונגען צו איר — פאַרשוויצט, קוים זיך האַלטנדיק אַליין אַף די פיס.

— טײַערינקע, שטיי אוף... שטיי אוף וואָס גיכער, ליבּע מײַנע...

דאָס איז געווען זײַן ערשטע ליבּע-דערקלערונג, אַף וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט...

די ווערטער האָבן באַרויקט. אין זיי איז געווען זיכערקײַט און צוטרוי, טרייסט און האָפענונג. דער קויער פון דער נאַרוואָס אונטפּלעקטער ליבּע האָט דערווײַטערט די געפאַר. זי האָט זיך אופגעהויבן און לײַכט, מיט אַ צעשפּילט האַרץ, זיך געריסן מיט אים דורכן פײַער דעם טײַכל אַנטקעגן, ניט פילנדיק קיין שרעק, ניט פילנדיק די פיס. אַ הייסער שטראָם האָט מיטאַמאָל אָפּגעשווענקט איר מידקײַט.

און ווען ער איז אומגעפאַלן, האָט זי געפּליסטערט, קוים הערנדיק איר אייגענע שטים:

— אייניציקער מײַנער, שטיי אוף...

ער האָט אופגעכאַפּט אירע צעשראָקענע בליקן, דערפילט אַף זײַן פּאַנעם אירע פײַכטע אויגן. ער האָט זיך אופגעשטעלט אַזאַ הויכער, זיך אומגעקוקט, גלײַך ער וואָלט זיך געשעמט פון איר צערטלעכקײַט...

און די סרייפע האָט געהוליעט פון אַלע זײַטן, און די פלאַמען האָבן געטאַנצט אַ שיידים-טאַנץ. מיטאַמאָל איז זי ווידער אומגעפאַלן. די סרייפע האָט זיך אויסגעלאָשן, ס'איז פינצטער געוואָרן...

זי האָט זיך אופגעכאַפּט פון קעלט, אופגעעפנט די אויגן און דערזען — ער שטייט אינמיטן פון אַ טײַכל, האַלט זי, ווי אַ קינד, צוגעטוליעט צו דער ברוסט און רײַסט ניט אָפּ זײַנע בליקן פון איר פּאַנעם, פון אירע צעעפנטע אויגן מיט די פּערלדיקע ווײַסלען.

— מיר זײַנען געראַטעוועט...

זי האָט געפילט זײַנע ווערטער, ווי זיי וואָלטן גלײַכצײַטיק געווען לײַכט, ווי פּוך, און שווער, ווי בלײַ. דאָס זײַנען געווען ווערטער פון אַ מענטשן, וועלכער האָט ניט דאָס ערשטע מאָל שוין פאַרזוכט דעם טעם פון פײַער.

זיי איז נאָך לאַנג אויסגעקומען צו גיין מיטן שטראָם, אַרומגערינגלט פון פײַער-ווענט. זיי האָבן געוווּסט, אַז מאָרגן וועלן זיי די בראַנדצייכנס אָפּן פּאַנעם, אַף די הענט פּלאַמען מיט אומדערטראָגלעכער היץ, נאָר דאָס סאַמע שרעקלעכע איז שוין געווען פאַרבײַ.

איבּער זיי האָט זיך געשפּרייט אַ טונקעלער הימל, באַקוויטלט מיט שטערן. און ס'איז ניט געווען אַף אים קיין איין וואָלקן, וואָס זאָל אויסלעשן די לעוואָנע.

איך האָב געזען די פאַרקוילטע ביימער, צעפּרעסענע פון סרייפעס. איך האָב זיך געטראָפן מיט די צוויי געאָלאָגן, היינט שוין מאַן-און-ווײַב, געעלטערטע אַף אַ צענדליק יאָר. מיט אַ פאַרטראָגענעם שמייכל פון אַ גליקלעכער דערמאָנונג האָבן זיי מיר דערציילט די אויסטערלישע געשיכטע. און איך האָב געטראַכט, אַז אַזוי האָבן זיך צונויפגעפעסטיקט אָפּן באם ניט בלויז שטאָלענע רעלסן, נאָר אויך מענטשלעכע גורלס...

פלאָרינע

צווייטע העלפט מאַרט. באַ איר איז געווען דער צוואַנציקסטער פרילינג און דער ערשטער אָפּן באם.

זי, אַ מעדיצין-שוועסטער, איז געקומען צו פאָרן פונקט דעמלט, ווען אַ נאַרוואָס אופגעבויטער שפּיטאָל האָט געפײַערט כאַנוקאַס-האַבאַיִס. מע האָט זי פרײַנטלעך באַגעגנט. ווי אַ יונגער בוים, וואָס מע האָט פאַרפלאַנצט אין אַ נײַעם באָדן, האָט זי געדאַרפט זיך אײַנוואָרצלען אין אַ נײַ לעבן, געדאַרפט דערפילן דעם אייגענעם קויער צווישן הימל און טײַגע. און זי האָט זיך גיך אײַנגעהיימישט אין דער האַרבער סיבירער ווירקלעכקײַט. דערצו האָבן ניט ווינציק מיטגעהאָלפן איר פּראַקטישקײַט, צוגעלאָזטקײַט און איר אויסטערלישער כיין.

אַזוי האָט זי, אַשטייגער, נאָכן ענדיקן אַ מעדשול און נאָכן ווערן אַ כירורגישע שוועסטער, זיך געיאָוועט אין געגנטקאָם פון קאָמיוג און זיך געבעטן אָפּן באם. מע האָט איר דערקלערט, אַז אַזעלכע ספּעציאַליסטן דאַרף מען דערווײַל ניט. מע דאַרף מאַליערס, שטוקאַטורן.

— גוט, נעמט מיך פאַר אַ מאַליער, פאַר אַ שטוקאַטור!

און זי האָט גענומען דערווײַז, אַז אָן איר וועט דער באם זיך ניט קאָנען באַגיין.

אַ גאַנץ יאָר איז זי אַזוי געגאַנגען וואָך נאָך וואָך. און ווען זי האָט ענדלעך געפּועלט, האָבן אַ שפּיל געטאָן אַלע אירע זיבן כיינען.

א געבוירענע אין די שיינע מאָלערישע קאַרפּאַטן, איז זי געווען ווי א שטיק פון אָט דער דאָזיקער שיינקייט. איידל, שלאַנק, מיט פעך-שווארצע קורץ-געשוירענע האָר, גרוילעכע מאַנדל-פאָרמיקע אויגן, וועלכע האָבן געבלענדט מיט א שאַטירונג, און אויף איר טונקל-הויטיק פּאָנעם זײַנען פאַרשריבן געווען די איידעלע שטריכן פון דער שענסטער מענטשלעכער מײַלע — גוטסקייט.

זי איז געשטאַנען אין דעזשור-צימער באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין פאַרשנייטן דרויסן. אויף יענער זײַט האָט, ווי א ווײַסער נעפּל, זיך געהויבן צו די רויִקע הימלען א דינער שנייִיקער רויך, גלײַך די טײַגע וואָלט געברענט פון אַלע זײַטן מיט א ווײַסער סרייפּע. און עס איז ניט געווען קיין כילעק פון דער דרויסנדיקער ווײַטקייט און דער אינווייניקסטער, וואָס האָט זי אַרומגענומען.

נאָר וואָס איז עס? צי דען האָט, ווי א שאָטן, דורכגעשווינדלט פאַר די אויגן א באַקאַנטע מענערישע געשטאַלט?

ניין, איר האָט זיך נאָר אויסגעוויזן.

אין פענצטער האָבן אַרײַנגעקוקט הויכע סאָסנעס, שווער זיך געבויגן צו דער ערד. און דער שניי האָט פאַרדעקט די קרוינען אַזוי, אַז ס׳האָבן זיך אײַנגאַנצן אָנגעזען די גרינע צווײַגן.

וואָס פאַר א קראַפט וועט זיי דערוואַרעמען, צווינגען נאָכאַמאָל אויפלעבן, אָנפילן דעם אַרום מיט שאַרפע סמאָלע-רייכעס?

פאַרשטייט זיך, אַז דער פרילינג.

נאָר טראַכטן וועגן פרילינג איז נאָך געווען צו פרי. דער גראַדוסניק האָט פעסט זיך געהאַלטן בײַ דעם שטריכעלע מינוס דרײַסיק. דער גאַנצער אַרום איז געווען אײַנגעדעקט אין שניי און פאַרקאָוועט אין אײַז. פונדעסטוועגן האָט זיך געפילט, אַז דער ווינטער האַלט בײַם סוף — טאַקע לויטן גראַדוסניק. אויב מיט צוויי וואָכן צוריק האָט ער געוויזן פערציק גראַד פראָסט, און מיט א כוידעש פריִער האָט זײַן סטויפיק זיך אַראָפּגעלאָזט ביז פופציק, איז דער איצטיקער דרויסן געווען אַן אָנזאָג פון פרילינג.

אין דעזשור-צימער, אָנגעפילט מיט רייכעס פון יאָד און כלאָראָפאָרם, האָט געהערשט א זעלטענע שטילקייט, אין וועלכער נאָר דער טרעשטשענדיקער פראָסט האָט זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט, פּונקט ווי טריט וואָלטן געסקריפּעט. אָט טרייסלט עמעצער שוין אָפּ בײַ דער טיר דעם שניי פון די אונטעס, און אַלע ווינקלען ווערן פול מיט דער לעצטער רעגע פון דערוואַרטונג.

ניין, איר האָט זיך נאָר אויסגעוויזן.

עטלעכע מאָל האָט די זון דורכגעבויערט דעם ווײַסן נעפּל, א לאַך געטאָן מיט א ברייטן שמייכל, און דער שניי האָט זיך צעבלענדט מיט אַלערלײַ קאָלירטע דימענטן. זי איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט, ווי דער פרילינג ראַנגלט זיך מיטן ווינטער און קאָן אים ניט בײַקומען, און געטראַכט, אַז דאָרט, אין דער ווײַטער היים אירער, פלייצן איצט אַרום דער ערד שטראָמען זון מיט ליכט און מיט פריידיקער פאַרביקייט. און איר האָט מיטאַמאָל זיך פאַרוואָלט אָפּטאָן דאָס סאַמע אומגלייבלעכע — זיך אויפהייבן אויף דער נאָענטסטער סאָפּקע, נעמען דעם נידעריקן זונען-רייף און אויפהייבן אים הויך איבער דער טײַגע. אויפהייבן אַזוי, אַז ס׳זאָל פּלוצעם זיך צעגיסן א ווייכע וואַרעמקייט, ס׳זאָל פאַרשווינדן דער ווײַסער רויך און גרינקייט זאָל א שפּריץ טאָן פון אַלע זײַטן...

זי האָט נעענטער צוגעטראָגן די אויגן צו דער שויב, א באַמאָלטער מיט פראָסט, נאָכאַמאָל אין איר אַרײַנגעהויכט איר וואַרעמען אָטעם און דערזען פונוויַטן א צעפאָרענעם זימניק. אויף אים האָט זיך געשלעפּט אַן אָנגעלאָדענער „קראַז”. ער איז לאַנגזאַם געקראָכן, ווי ער וואָלט מיט זײַנע הויכע קאַנטיקע רעדער געטאַפּט דעם וועג. און וואָס נעענטער צום אויג, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די ריזיקע לאַסטמאַשין.

אָט האָט די מאַשין זיך אָפּגעשטעלט. דאָס טירל פון דער קאַבינע האָט זיך געעפנט. א וואַרעמקייט האָט א ריר געטאָן איר האַרץ.

ניין, די מאַשין האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ער האָט געוווּסט, אַז זי וואַרט אויף אים, און ניט געקענט פויעלן בײַ זיך צו קומען איר אָנזאָגן, אַז ער דאַרף אָוועקפאָרן. ער האָט געפילט, ווי עס ווערט אים ענגער אין דער ברוסט. ס׳איז געווען עפּעס א קויעך, וואָס האָט אים געשראָקן, צוריקגעהאַלטן.

שוין באַלד זעקס כאָדאָשים, ווי ער איז אויפן באַם. פאַר דער קורצער צײַט איז ער געוואָרן איינער פון די, וועלכע האָבן דורכגעהאַקט דעם וועג אויפן מיזרעכדיקן אָפּשניט. ער האָט געשטורעמט בערג, טײַכן, בײַגעקומען דעם פאַראַקשנטן אײביקן פרירבאָדן.

אַלץ ווײַטער האָט זיך פאָרויסגערוקט די מאַגיסטראַל. און ער האָט אַלעמאָל געקוקט אויף מיזרעך, ווי ער וואָלט אָפּגעמאָסטן מיטן אויג, וויפל עס איז נאָך געבליבן ביזן אָקעאַן.

אים איז שווער געווען און פײַנלעך איבערטראַכטן אַלץ פון אָנהייב. און דער אָנהייב איז געווען דאָרט, אין מאָלדאַוויע, וווּ ער האָט שטודירט זשורנאַליסטיק און פונוואַנען ער איז געשיקט געוואָרן אויפן באַם דורכמאַכן זײַן ערעוו-דיפּלאָם-פּראַקטיק. נאָר אָנשטאָט אַרומ-

גייִן בלויז מיטן בלאָקנאָט איז ער געוואָרן אַ רעלסן-לייגער. אַליין דערפילט דעם טאַם פון פיזישער אַרבעט און די פרייד פון שעפערישער מי. און איבערגעלאָזט זײַן קסאָוו אויף די רעלסן, וועלכע זײַנען געלאָפן צום אַמור.

און אָט האָט זיך דערנענטערט דער סאָף פון זײַן פּראַקטיק. וואָס טאָן? פאָרן אַהיים, פאַרטיידיקן דעם דיפלאָם און זיך פאַרוקן ערגעץ אויף אַ שטילער אַרבעט, אין אַ שטילן ראַיאָן? אָדער זיך אומקערן אַהער, וווּ מענטשן זײַנען אַזעלכע, כאָטש נעם און שרײַב וועגן זיי פּאָעמעס, ראָמאַנען? זײַן דימיען האָט אָנגעפילט אַ געמיש פון כאַלעם און וואָר, וואָס מע האָט באַדאַרפט דערגרונטעווען, אויפקלערן. און אים איז שווער געווען אין דעם זיך פאַנאַנדערקלײַבן.

און זי? פאַרנעמט זי דען דאָס לעצטע אָרט אין זײַן צעצווייטקייט? וויאַזוי וועט ער זיך צעשיידן מיט איר פּונקט איצט, ווען זייער ליבע האָט, ווי אַ בלום, זיך צעבליט?

ער האָט ווידער איבערגעלעבט יענעם טאָג פון זייער באַקאַנטשאַפט. ער האָט דאָך קימאַט פון דעמלט אָן נאָך זײַן קומען אַהער געוואַרט אויף אָט דעם טאָג. ער האָט ניט געקאָנט זאָגן, צי איז זי טאַקע אַזוי שיין, ווי אין זײַן פאָרשטעלונג. ווי אַ צעעפנטע בלום האָט זי אויסגעזען אין זײַנע אויגן. איינמאָל אין גאַס, ווען זי איז אים אַנטקעגנגעקומען גאָר באָענט, האָט ער פון איבעראַשונג אַ צעוועקטן רוף געטאָן:

— פלאָרינאַ!

און געווען איז אין אָט דעם רוף די שיינקייט פון צעבליטע סעדער און דער רייץ פון בלומען.

ער האָט געזען אַ פאַרבאָרגענעם רעמעז אין יעדער באַוועגונג אירער. זי איז געווען פאַר אים הוילער סאָד, הוילער צויבער.

אין פרײַע טעג האָט ער אומעטום געזוכט אירע טריט. געזוכט אין קלוב, געוואַרט לעבן קינאָ. נאָר די פרײַע טעג זײַנען זיך, ווײַזט אויס, ניט צונויפגעפאַלן.

און אָט איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע — ער האָט זיך צעדראַפּעט אַ פינגער. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער אויף אַזאַ מין דראַפּ אַפילע קיין אַכט ניט געלייגט. איצט אָבער האָט די וווּנד, ווי אַ שטערן, אַ לויכט געטאָן פאַר די אויגן.

פאַראַן אַן אויסרייד!

נאָר אין דעם זעלבן טאָג איז ער געשטאַנען פאַר איר אַ געזונטער, קרעפטיקער, אָפּגעברענטער פון דער זון און פראָסט. און בײַס זי האָט פאַרבאַנדאַזשירט זײַן וווּנד האָט ער געקוקט אויף איר פּאָנעם. אַ ליכט פון שעמעוודיקייט האָט עס באַדעקט, ווי מיט אַ דורכזיכטיקן שלייער. מיטאַמאָל האָבן צוויי פּאָר אויגן זיך באַגעגנט אָן אַ וואָרט צו זאָגן. אייגנטלעך, איז אין דעם ניט געווען קיין נויטווענדיקייט. דאָרט, וווּ עס ריידן די אויגן, קאָנען די ליפּן שווײַגן.

זי האָט פאַרשריבן זײַן נאָמען, דאָס אָרט, וווּ ער אַרבעט, און באַ וואָס. און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שטאָלענע רעלסן דאַרפן זײַן הייס, ווי די הערצער פון די, ווער עס בויט דעם וועג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער ווידער געקומען אויף איבערבינדן. דערנאָך האָט ער זיך שוין אָפּטער געגומען באַווײַזן, אויסזוכנדיק אַלעמאָל אַן אַנדערן טערעץ.

איינמאָל, דערציילנדיק איר, וויאַזוי ער איז געוואָרן אַ רעלסן-לייגער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מיר קענען זיך שוין אַ שטיקל צײַט, און איך ווייס נאָך אַלץ ניט, צי דו האָסט נאָך אַ נאָמען אויסער „שוועסטער".

איר פּאָנעם איז געוואָרן צונטער-רויט. זי האָט אַ רעגע זיך געוואַקלט און... צום ערשטן מאָל פאַרצויגן אַ צאַרטן מיידלשן שמייכל. און אים האָט זיך געדאַכט, ווי דער שמייכל שרײַט:

— זע, ווי שיין איך בין...

באַ אים האָבן די אויגן אויפגעבליצט. ער האָט פון אַנציקונג ניט געקאָנט זיי אָפּרײַסן פון איר. און ווי דאָס ערשטע מאָל אין גאַס האָט ער טרוימעריש אַ פליסטער געטאָן:

— פלאָרינאַ...

— ניין, איך הייס רײַע, רײַע לעוויטינאַ.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און זי פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר. ער האָט ניט דערוואַרט אויף קיין דערפאָלג, נאָר זי האָט ניט דערווידערט.

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ שטילער, פראָסטיקער. אַ ווינטל האָט זיך געשפּילט מיטן טרוקענעם שניי. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט. דער פראָסט האָט געבריט דאָס פּאָנעם. און זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין דער גרויסער, פאַרשנייטער טײַגע. זיי האָבן ניט געפילט די קעלט. זיי איז געווען גוט אַיינעם. ווען ער האָט זיך צוגערירט צו איר אַקסל, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּאָנעם און אַ מורמל געטאָן:

— און באַ דיר אין די אויגן פינקלען שטערן...

אַ פריידיקע נאָענטקייט האָט געשטראָמט צו אים דורכן באַריר פון אירע וואַרעמע הענט.

— פלאָרינאַ!

דער נאָמען איז געווען אינעם רויש פון דער טײַגע און אין דער טרער, וואָס דער ווינט האָט אַרויסגעבלאָזן פונעם אויג...

סערגיי האָט זיך אָנגעפּעלצט און איז
אַוועק צו רייַען. און גייענדיק אַ צופרידענער,
געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:
— איך וועל זיך אומקערן, אומבאַדינגט
אומקערן...
און סאָף זומער, נאָך איידער עס האָבן זיך
געשטעלט די האַרבע סיבירער פרעסט, האָט
ער זיך אומגעקערט. מע האָט געפּראַוועט אַ
קאָמיוגישע כאַסענע מיט מאָלדאַווישן ווייַן.
רייַע האָט געזונגען, געטאַנצט, זיך געפרייט
און געטראַכט, אַז ס'איז ניטאָ קיין גליקלע-
כערע פון איר אין דער גאַנצער וועלט. אַ
קלייניקייַט — פייַערן אַ כאַסענע אפן באַם, אין
דער טייַגע! וויפל לידער האָט מען אויסגע-
זונגען, וויפל גוטע ווערטער אויסגערעדט!
פּלוצעם האָט סערגיי פאַרצויגן אַן אַלטע ייִדי-
שע פאָלקסליד, וועלכע ער האָט געהערט זינ-
גען אין רוסיש בא זיך אינדערהיים:

אונטער בערג און אונטער טאָלן
פליִען טויבן פּאָרן,
נאָר קיין נאַכעס ניט געהאַט,
שוין אַוועק די יאָרן...

דאָס איז אַן אומעטיקע ליד געווען. אַזעל-
כע זינגט מען ניט אף קיין כאַסענעס. די ליד
איז געווען אַ טרויעריקע און האָט דערציילט
וועגן אָפּגעלעבטע יאָרן, האָפענונגסלאָזער על-
טער, נאָר געקלונגען האָט זי פריילעך, מונ-
טער, וויַיל זיי זייַנען יונג געווען און וועגן דער
עלטער ניט געטראַכט. זיי האָבן געטראַכט
וועגן דעם באַם, וועגן שטיינערנע בערג, וואָס
בלויען זיך אפן ווייַטן מיזרעך. איבער אָט די
בערג, איבער די בלויע באַרגרוקנס גייט איצט
די מאַגיסטראַל, וועלכע זיי האָבן געבויט...

אַ טראָפּן וואַסער

פון דאָרף צו דאָרף — אַ ווייַטער מעהאַ-
לעך.
אין אָט דער ווייַטקייַט, באַם סאַמע ראַנד
פון בוקאָווינער טראַקט, וואָס שנייַדט זיך דורך
אַ וועג צו די הויכגראָזיקע מאָלדאַווישע סטע-
פּעס, שטייט אַ ציכטיק-ווייַסע הילצערנע קרע-
נעצע מיט אַ הימל-בלוי דעכל, און פיר סטריי-
כעס, געשניצטע אין אוקראַיִנישן אָרנאַמענט.
און דאָס אַלץ זעט אויס פונווייַטן, ווי אַ טעאַ-
טער-דעקאָראַציע.
אפן שפּיץ דעכל זיצט, ווי אַ לעבעדיקע,
אַ ווייַסע טערקלטויב, און, ווי שטראַלן פון באַ-
גינען, גאָלדיקן זיך בא איר צופוסנס עטלעכע
קונציק אויסגעקריצטע צעוואָרפענע בוכשטאַבן:
א ל ב י נ א.
דער טאָג איז אַ הייסער, דער אַספאַלט
אַן אָנגעגליטער. די אומבאַוועגלעכע בלעטער
פון די ביימער לענגויס דעם וועג וואַרפן אַ
קאַרגן שאָטן, און דער גומען לעכצט נאָך אַ
טראָפּן וואַסער. פעכלט די קרענעצע מיט איר
ווייַסקייַט אף אַ מייַל די ווייַט, און סע דאַכט
זיך, אַז די טערקלטויב אפן דעכל וואָרקעט צו
יעדן דורכפאָרער:
— פאַרהאַלט זיך אַ ווייַלע... די היץ
ברענט... דער וועג איז ווייַט... מייַנע קוואַלן
וועלן שטילן דייַן דאָרשט...
און זעלטן-ווען עמעצער פאָרט פאַרביי,
ניט געניסנדיק פון איר פריש וואַסער. יעדער
שלונג טריפט מיט אַ זיסלעכער קילקייַט, וואָס
צעגיסט זיך אין אַלע איווורים.
שוין אַ סאַך יאָרן שטייט זי, די קרענעצע,
איינע אַליין צווישן הימל און ערד, באַגלייַך
מיט אַלע אַרומיקע געוויקסן, און ס'איז ניט
שווער צו באַקלערן, אַז סייַ די ווייַסקייַט אירע,
סייַ די טויב אפן דעכל און סייַ דער צערטלע-
כער נאָמען — אַלבינאַ („אַלב" איז אף מאָל-
דאַוויש — ווייַס) זייַנען איין געפלעכט פון אַ
ווייַספאַרביקן ליבע-ניגן.

און דורכפאָרער פון באָענט און ווייַט
בלייַבן פאַרכידעשט שטיין:
אַ קרענעצע — אַ צויבערשלאָס,
אַ קישעף פון ווייַסער שייַן...

דאַכט זיך טאַקע צומאָל, אַז אָט וועט פון
דער קרענעצע-טיפקייַט אַרופשווימען אַ וווּנ-
דערלעכע רוסאַלקע, אין ווייַסן אָנגעטאָן, גלייַך
ווי באַשאַפן פון לויטער ליכט, און דאָס ליכט
וועט מיט יעדער רעגע זיך בייַטן אין אַנדערע
שאַטירונגען, זיך וויקלען אַרום איר שפּילעוו-
דיקן קערפּער, און דער סטעפּישער ווינט וועט,
ווי אַ שאַל-רוף אין מידבער, צעטראָגן איבער
פעלדער און וועגן:
— אַל-בי-נאַ!
ווער זשע האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט די
קרענעצע אויסגעמייַסטערעוועט? ווער האָט זי
אַוועקגעשטעלט, זיכער ניט צופעליק, אף אַזאַ
האַוועדיק אָרט, ווו סע יאָגט פול מיט לעבן
פאַרבייַ אַ לוסטיקע און פריידיקע וועלט?
ווער?
עס האָט זיך מאַמעש געהערט דער זיפץ
פון דער נאַכט, וואָס איז אויסגעגאַנגען אף

דער שוועל פון א נײַ-אײַנבערעכנדיקן טאָג, און שוין האָט דער אָטעם פון א סאָף-זומערדיקן באגינען אים ארויסבאגלייט אין וועג.

ער האָט געשפּאנט, מיט א קירקע און א לאָפּעטע פארוואָרפן איבערן רעכטן אקסל. געשפּאנט אזוי, ווי ער וואָלט די פרימאָרגן-שאָען דערשלאָפן אונטערוועגנס. און זײַנע שלאבעריקע טריט האָבן געוועקט דעם דרעמלענדיקן קאַיאָר.

ער איז געגאנגען פאָרויס, און די געדאנקען האָבן זיך געוויקלט אַף צוריק, צוריק.

...א לויטערער פרימאָרגן, מיט גאָלדיקגרין באשטראלטע פעלדער און סטעפּעס, וועלכע האָבן געקלונגען פון זון און ליכט. און ער האָט געטראכט וועגן איר. א נאָרוואָס געענדיקטער אגראָנאָם, האָט ער אנטפלעקט פאר איר דעם סאָד פון זאנגען און גראָזן.

ער איז געגאנגען, און זי איז אין געדאנק אים נאָכגעגאנגען.

א זונען-שטראל האָט זי א גלעט געטאָן, זיך צוגערירט, ווי צו א בלום, און איר פּאָנעם האָט פײַערלעך אופגעלויכטן, די אויגן האָבן פארשטארט געפינקלט, ווי זי וואָלט אינגאנצן באשטאנען פון פלאמיקער שײַן. און ער האָט איניינעם מיט דער פארע פון אופגעוואכטער ערד ארײַנגעאָטעמט די פרישקײַט פון איר יונגן קערפּער.

— אלבינא!

און זי האָט ארויסגעהויכט מיט א שטילער שטים, ווי דער שאָרך פון א ווינטעלע:

— ארעלע...

אירע האלב-צעעפנטע ליפּן האָבן פארהוילן געשמייכלט, און פון דעם שמייכל איז איר ליכטיק פּאָנעם אזש דורכזיכטיק געוואָרן.

ער האָט זי לײַכט ארומגענומען. אירע אקסלען האָבן געבריט זײַנע הענט. ער האָט זי געקושט, און זי האָט ניט פארמאכט די אויגן, נאָר געקוקט אַף אים, און א דינער נעפּל האָט פארצויגן אירע אפּלען.

א כוואַליע פון גליק האָט אים פארטרונקען. אזוינס האָט ער נאָך אין זײַנע צוויי צענדליק יאָר ניט איבערגעלעבט.

— אלבינא!..

ער האָט ניט פארשטאנען, און זי אליין האָט אויך ניט געוווּסט, פארוואָס אזא שווארץ-אויגיק מיידל מיט א קאָרנהויטיק פּאָנעם זאָל גאָר הייסן אלבינא. דערצו נאָך א נאָמען עפּעס ניט קיין ייִדישער...

וואָס ווײַטער ער האָט געשפּאנט, אלץ בוילעטער איז אלבינא אויסגעוואקסן פאר זײַנע אויגן — אזא ליכטיקע, אזא פרישע, און איבערגעלאָזט ארום אים א פלאטער פון שווארצע האָר און זאפטיקע ליפּן... אָבער ער האָט ניט געקאָנט אַף לאנג אײַנהאלטן אין געדאנק איר בילד, פּונקט ווי עס געשעט אין כאָלעם.

א שטיק וועג איז ער געגאנגען דורך א שיטער וועלדל. דיביימער זײַנען שוין געווען באריירט פון א לײַכטן הארבסטיקן אָטעם. יעדער בוים האָט אָנגעהויבן פארבן זײַנע בלעטער אין אן אנדער קאָליר, גלײַך ווי אין יעדן פון אָט די ביימער איז באהאלטן א באזונדערער סאָד. פייגעלעך האָבן זיך געייסעקט צווישן די צווײַגן און זיך פארגאנגען אין א טרעלנדיקן גליקלעכן געלעכטער.

ער איז ווי פארכאפּט געוואָרן פון די פארטאָגיקע קלאנגען און פארבן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז איבערן וואלד טראָגט זיך, ווי א כוואליע, א ווײַטער עכאָ. אָט שווימט ער אָן, אָט ווערט ער פארפאלן, אָט קערט ער זיך אין א ווײַלע ארום ווידער צוריק.

— דאָרשט... דאָרשט...

די זון האָט אָנגעהויבן מאכן איר ערשטן קרײַז ארום דער ערד. אירע שטראלן האָבן רויטלעך געפארבט א שטיק הימלשע בלויקײַט. דער מאָרגנרויט האָט זיך גיך צעוואקסן, און די געדאנקען — נאָך גיכער, נאָך שארפער.

...אין יענעם יאָר האָט דער הימל איבערגעפולט דעם קאָס פון היץ. ווי א שטיק אָנגעגליט אײַזן איז איבער דער וועלט געהאנגען א בראָטנדיקע זון און צעשאָטן איבער הימל און ערד פײַערדיקע שטראלן.

א צעהוידעטע, שטיל-שאָרכנדיקע מאכנע מיט פּעקלעך און זעק, געטריבן פון ווילדער רעציכע און געהיט פון באוואָפנטע, אָנגעזויפטע גארדיסטן, האָט קריכעריש-מיד זיך געשלעפּט איבער א צעפּאָרענעם וועג. שווערע טריט האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שטיקנדיקן געוויין פון קינדער און מיט איינצלנע אָפּגעריסענע ייִדישע ווערטער.

— מאמע, א טרונק...

די ווערטער האָבן א בלאָז געטאָן מיט ווייטיק, און א צעשוווּמענע גרוילִיקע שרעק האָט זיך פאנאנדערגעוויגט אין דער לופט.

שוואכע האָבן ניט אויסגעהאלטן דעם דאָרשט, אוועקגעפאלן מיט אָפענע מײַלער, אויסגעשטרעקטע צונגען און אויסגעצויגענע, צוקנדיקע העלדזער. און געבליבן אונטערוועגנס איניינעם מיט פארשטויבטע ביימער, אָנגעשפּארטע אין די אייגענע שאָטנס. וועלכע האָבן אויך געכאלעשט נאָך א טראָפּן וואסער.

א פארשאָלטענער טאָג האָט געוואָגלט איבער דער וועלט!

אלבינא איז אויך קוים געגאנגען, שטיצנדיק זיך אויף זײַן אָרעם. די היץ האָט אויסגעטריקנט איר אָטעם אין די לונגען. און די פּאַרבאַקענע ליפּן האָבן ניט אופגעהערט בעטן:

— כאָטש א שלונג... איין־איינציקן שלונג...

איר שטים האָט זיך געבראָכן פון פאַרצווייפלונג און דאָרשט.

— שטאַרק זיך, טײַערינקע, סע מוז דאָך ערגעץ זײַן וואַסער... עפשער א טײַכל... מיר וועלן זיך דערשלעפּן... מע דאַרף נאָר אויסהאַלטן...

ער האָט ניט איבעריק געגלייבט אין דעם, וואָס ער זאָגט, נאָר דורך די ביטערסטע רייד אײַנגעהאַלטן זײַן טראַגישע רויִקײַט.

און די זון?

זי האָט, ווי א זוכנדיק אויג, זיי געפונען און געשטאָכן זייערע לײַבער מיט אָנגעגליטע שפּיזיקע שטראַלן.

— אַרעלע, איך וועל ניט דערגיין...

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט אומרו, גלײַך זי זאָל זיך האָבן דערשראָקן פאַר אירע אייגענע רייד. און עפשער גאָר פאַר זײַן אויסגעטריקנט פּאָנעם, וואָס האָט אין העלן זונליכט אויסגעזען ווי א שטיקל געפּלאַצטע ערד.

ער האָט זי גענומען אויף די הענט. געטראָגן פאַר זיך, ווי מע טראָגט א קליין שלאָפנדיק קינד, און מיט זײַן סאַרפּענדיקן אָטעם נאָך מער פאַרשטאַרקט איר דאָרשט.

ווי א קנויל, האָט זי זיך אײַנגעמאָסטעט אין זײַנע ברייטע קרעפּטיקע אָרעמס, און ער איז גרייט געווען זי צו טראָגן אזוי לאַנג, וויפל די קויכעס וועלן אים סטײַען, און עפשער נאָך לענגער...

ער האָט זי געטראָגן, און שנירלעך שוויס האָבן זיך געקײַקלט איבער זײַן לײַב. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, ווי א פּאָר הייסע בליקן לעכערן דורך זײַן שווייסיקע פּלייצע. ער האָט געוואָלט זיך אומקוקן, נאָר עפּעס ניט געוואָגט. און וואָס ווײַטער ער איז געגאַנגען, אַלץ צודרינגלעכער זײַנען הינטער אים געוואָרן די בליקן, ביז א שטײַפהאַריקער פאַרשויך, פון די אָנטרײַבער, האָט מיט א צעפּאַרעט פּולבלוטיק פּאָנעם זיך דערנעענטערט:

— וואָס, זי וויל א טרונק?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט, אייגנטלעך, אויף קיין ענטפער ניט געוואַרט.

זײַנע אויסגעכאָליעטע פינגער האָבן גענומען אָפּשרויפן דאָס העלדזל פון א פעלדפלאַש, און ער האָט צוגעטראָגן די קײַלעכדיקע עפענונג צו אַלבינאַס פּאָנעם:

— בי־טע!

בא אַרענען האָט אינעווייניק א ציטער געטאָן, ניט אין דער ברוסט, נאָר ערגעץ העכער, קימאַט אין האַלדז. וואָס האָט ער פאַרטראַכט, אָט דער פאַרשויך? אַלנפאַלס, עפּעס ניט קיין גוטס. א בייזוויליקער געדאַנק ווערט מיסטאַמע פאַרטראַכט. נאָר באַלד האָט אַרן זיך אַליין באַרויִקט: „גיי ווייס, עפשער האָט אין דער כײַע א מענטשלעכער אייוועך זיך א ריר געטאָן?"

דערווײַל האָבן לעבן אַלבינאַס מויל זיך א גאָס געטאָן עטלעכע וואַסער־טראָפּנס, אָבער אירע ליפּן ניט דערגרייכט. זיי זײַנען אַראָפּגעפאַלן אויפן שטויביקן וועג און באַלד צעטראָטן געוואָרן.

א טראָפּן נאָך א טראָפּן איז געפאַלן. קאַפּ, קאַפּ... א טראָפּן וואַסער, צי א טראָפּן לעבן?..

— פאַרוואָס טרינקט זי ניט?

דעם פאַרשוינס שטים האָט שפּאָטיש זיך געזיפּט אין אָנגעגליטן רוים, געשפּיזט מיט אײַנגעהאַלטענעם צאָרן. ער האָט ווידער צוגעבויגן די פלאַש נאָענט צו אירע ליפּן. ווי נאָר אָבער דאָס וואַסער האָט זיך באַוויזן, האָט ער דאָס העלדזל א פאַרטראָג געטאָן אין א זײַט. זי האָט נאָר געכאַפּט מיטן אָטעם די פײַכטע קילקײַט. און נאָך יעדן טריף האָט ער אויסגעשאָסן מיט א טײַוולאָנישן געלעכטער. עס האָבן געלאַכט זײַן מויל, זײַנע אויגן, דער גאַנצער פּאַרצעף זײַנער. און נאָר די זון האָט גלײַכגילטיק צוגעקוקט און ניט אופגעהערט סאַרפּען.

וויפל האָט געדויערט די שפּיל? עפשער אַן אייביקײַט?

פּלוצעם האָט אַלבינא זיך אַרויסגעגליטשט פון אַרנס הענט. אין אירע אויגן האָט זיך צעפלאַקערט א פיבערהאַפטער פלאַם. זי האָט זיי ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון דער פלאַש. און אין איין אויגנבליק האָט זי זיך האַסטיק ווילד א וואָרף געטאָן, ווי א פּאַנטערע, אַרויסגעריסן די פלאַש פון יענעמס הענט און מיט אַלע פאַרבליבענע קויכעס זיך אײַנגעגעסן אין דעם אָפּגעשרויפטן העלדזל. ס'האָט זיך געהערט א זשעדנע שלונג, נאָך א שלונג... א שווערע זעץ איבערן קאָפּ האָט איבערגעריסן דאָס שלינגען... און די זון האָט זיך אויסגעלאָשן...

דאָס מיידל איז אומגעפאַלן, נאָר די פלאַש פון מויל ניט אַרויסגעלאָזט, ווי זי וואָלט פאַלנדיק ניט אופגעהערט זויגן די קילע, דערפרישנדיקע פליסיקײַט, און נאָר אין די מויל־ווינקלען, איבער די געשוואָלענע פאַרבאַקטע ליפּן, איז טראָפּנווײַז גערונען דאָס וואַסער, באַפאַרבט מיט וואַרעם בלוט.

קאַפּ, קאַפּ... א טראָפּן וואַסער, צי א טראָפּן טויט?..

א שטורעם האָט זיך צעבושעוועט אין ארנס נעשאָמע, און א פארשטיקטער ברום האָט צעוויגט די טויבקײַט פון דער צעסאַרפּעטער וועלט. די הימלען זײַנען געהאנגען איבער אים פרעמדע, און א פארלוירענער אין רעגעס פון גרויסן פּײַן, האָט דאָס אָפּראַטעווען זײַן אייגן לעבן אויסגעזען ווי אן אומנוצלעכע זאך. אָבער דער פלאם פון נעקאָמע, וואָס האָט א ברי געטאָן דאָס הארץ, ווי א סרייפע, וואָס לעשט זיך צומאָל מיט איר אייגענעם פײַער, איז שטארקער געווען, איידער די געפאר פון זינלאָזן אומקום...

איצט האָט די דערמאָנונג א שניט געטאָן, ווי א כליסט פון א בײַטש איבערן פּאָנעם.

ער האָט דורכגעמאָסטן נאָך א שטיק וועג.

...שטיי, וואָס איז עס דאָרט, לעבן טראקט? פונוויטן שימערט א פרויען-געשטאלט. אף א מעהאלעך זעט מען איר ליכטיק פריש פּאָנעם. זי איז איינגאנצן אין ווײַסן אָנגעטאָן, ווי א קאלע. און נאָר אין די צעלאָזטע האָר, פּונקט א רויז, פרילינגדיק צעבליט, גליווערט א בלוטיקער פלעק...

אָט גייט זי אים אנטקעגן, אויסגעוועבט פון זונענגאָלד און הימלשן בלוי, ווי אין א קישעף-וועלט, און עס וויברירט איר שטים, ווי א בלוי געזאנג:

— ארעלע, איך ווארט שוין לאנג אף דיר... מײַן הארץ ברענט פון דאָרשט, און אין גאנצן ארום איז קיין טראָפּן וואסער ניט פאראַן...

ער האָט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעטרייסלט פון זיך א שווערן כאָלעם, און זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט דאָ וועל איך גראָבן...

און ער האָט אראָפּגעלאָזט די קירקע אין דער הארטער טרוקענער ערד.

א טאָג נאָך א טאָג, א וואָך נאָך א וואָך איז געגאנגען די ארבעט. ניט איין מעטער גרונט האָט מען באדארפט אויסגראָבן, ביז מע האָט דערגרייכט צו די אונטערערדישע קוואלן. דער קאָלווירט, צו וועמען ס'האָבן געהערט די ארומיקע פעלדער און סטעפּעס, האָט געשיקט א פּאָר מענטשן צו הילף. אויך אויסגעשריבן דעם נייטיקן מאטעריאל.

ארן האָט געארבעט, און די געדאנקען האָבן זיך געצויגן צו יענע טעג, ער האָט ווי גערעדט מיט אלבינען. ער האָט איר דערציילט, וויאַזוי ער האָט אין א צײַט ארום, שוין זײַענדיק אפן פראָנט, נאָכן אנטלויפן פונעם לאגער, נאָכאמאָל איבערגעלעבט דעם פּרײַז פון א טראָפּן וואסער.

...א קליין טײַכל, מיט דער האַנט צו דערלאנגען. ניט קיין טײַכל אפילע, נאָר א סטרונקעלע, א שפּאַן די ברייט. פּרוּוו אָבער מאכן אָט דעם שפּאַן, ווען די לופט איז אָנגעפילט מיט בלײַ. דער סוינע שטייט אף יענער זײַט טײַכל און לאָזט דעם קאָפּ ניט אופהייבן, און פון יעדן אופרײַס ווערט דעם טײַכל ענג אין די אייגענע ברעגן, כוואליעכלעך וויגן זיך אף זײַן אויבערפלאך, שפּאלטן זיך, ווערן צעדרויבלט. און דאָס טײַכל שפּריצט מיט זילבער-בלויע פונקען.

און א מעשוגענע זון סאַרפּעט.

א הונגעריקן זעלנער איז שווער מילכאָמע צו האלטן, א דאָרשטיקן — נאָך שווערער. די מוירע פאר אויסגיין פון דאָרשט האָט זיך פארשפּרייט, ווי פײַער איבער טרוקן גראָז.

— דערלויבט מיר, כאָווער לייטענאַנט!

אַן אנדערש מאָל וואָלט דער קאָמאנדיר ניט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן פון איינעם פון זײַנע... בעסטע אויסשפּירער, אָבער איצט איז קיין אנדער ברירע ניט געווען.

— נו, ס באַגאָם!

ער האָט גוט אויסגערעכנט די דיסטאנץ, פונוואַנען דאָס פײַער קומט, און א רוק טוענדיק זיך פאָרויס, מיטן גאנצן קויעך א שלײַדער געטאָן די ערשטע גראנאטע.

— פאר אלבינען...

דאָס שיסן פון יענער זײַט האָט א ווײַלע אופגעהערט. דאָס האָט אים דערמעגלעכט א רוק טאָן זיך פאָרויס נאָך אף עטלעכע מעטער. ער האָט אָפּגעוואַרט א פּאסיקע רעגע, און ווי נאָר דאָס פײַער האָט זיך באַנײַט — א שלײַדער געטאָן די צווייטע גראנאטע.

— פאר אלע, פון דאָרשט אומגעקומענע...

צוריק איז אים אויסגעקומען פויזען אף דער פלייצע אָפּשטופּנדיק זיך מיט די פיס איבערן גליטשיקן גראָז. ער האָט זיך דערקליבן בעשאָלעם צו די אָקאָפּעס מיט צוויי פולע קעסעלעך וואסער. קיין טראָפּן ניט פארלוירן.

איבער דרײַסיק יאָר טרינקט די קרענעצע אָן דורכגייער און דורכפאָרער, וואָגלער און וואנדערער פון נאָענט און פון ווײַט. מע הייבט שוין אָן צו פארגעסן, ווער ס'האָט זי אויסגעבויט.

איך האָב אויך אין א מיטן זומערטאָג מיט איר קילן וואסער זיך געקוויקט. און טאקע דאָ אפן אָרט פארשריבן, וואָס ס'האָט מיר דעמלט דערציילט דער הויפּט-אגראָנאָם פונעם קאָלווירט „באָלשעוויק" — אראָן יעפימאָוויטש מינצער.

די גאנצע וועלט איז פול מיט ליכט

א נײַער טאָג

ס'איז נאָך א פרילינג דיר געגעבן אַף דער
ערד...
פון אַט דעם פרילינג ניט פארגעס די ווערט:
זײַן ליכטיקייט, זײַן ווארעמקייט און גלי
אין דעם געשמאַק פון פרילינגדיקער מי.

שטיי אויף גאנצפרי,
ווען שטיל איז נאָך ארום,
ווען ס'גליטשט זיך פונעם טײַך ארויס די זון,
ווען ס'ציטערט נאָך דאָס בלעטעלע קוים-קוים,
ווי גלײַך ס'וואָלט ערשט געבוירן אים דער
בוים.

עס הייבט זיך אָן א טאָג — א נײַער טאָג,
וואָס האָט געוויס אין גאנצן יאָר זײַן וואָג.
גיי ניט פארבײַ דעם פרילינגדיקן טאָג
אוי אויב קאָנסט עפּעס זאָגן, טאַקע זאָג!
גיב אָפּ דעם טאָג,
אזוי, עס זאָל געשען:
דײַן ליבע און דײַן קראַפט, דײַן כּיין און ברען,
זאָל לויטערקייט און גליק דיר זײַן באַשערט!
— — — — — — — — — — — —
ס'איז נאָך א פרילינג דיר געגעבן אַף דער ערד!

אַן אויסשטעלונג אין נאַוואָגראַד

אין נאַוואָגראַד
אַן אויסשטעלונג פון בלומען.
אַף אַט דער ערד, ווו ס'האָט די גרויזאַמע
מילכאָמע
מיט רויך און פלאַם,
מיט סרייפעס און מעהומע
געוואָלט פארניכטן אלץ
און אין א מידבער שטומען
אַף שטענדיק שיין פארבײַטן אַט די שטאָט, —
אַט דאָ, אַף יעדער גאַס, אַף יעדן טראָט,
ווו מ'האָט געזען בלויז אַש און לײַם און
גריבער,
ווו פּערציק הײַזער זײַנען בלויז פארבליבן,
פון דעכער כאַרעווע און ווענט פארקוילטע,
קרומע, —
אין נאַוואָגראַד
אַן אויסשטעלונג פון בלומען.

אָ, וויפל בלומען זײַנען דאָ פאראַנען!
אַט שטייען רויטע, איידעלע טיולפּאַנען,
ווי בעכערס גאָלדענע זיי זעען אויס,
אין פײַער-פלאַם איז אָנגעטאָן די רויז,
ווי שוואַנען שלאַנקע, ווײַסע ווי די שנייען,
די העלדזער שטעקן אויס דאַ אַרכידייען.
א צויבער-סאַד האָט זיך צעשפּרייט ארום, —
אין נאַוואָגראַד
אַן אויסשטעלונג פון בלומען.
ניט איין מאָל כ'האָב געהערט אזוינע
ווערטער:
ווער בלומען פלאַנצט, וועגן דער צוקונפט
קלערט ער...
וועגן דער צוקונפט וויל איך טאַקע קלערן —
די גאנצע ערד א גרויסער סאַד זאָל ווערן,
אַן סרייפעס און אַן רויכן, אַן מעהומע.
— — — — — — — — — — —
אין נאַוואָגראַד
אַן אויסשטעלונג פון בלומען.

נעמיראָוו

נעמיראָוו! —
פֿון מײַן קינדהײַט ס'איז דאָס שטעטל;
נאָך יאָרן פֿיל געקומען כ'בין אהער.
די ווײַסע הײַזעלעך, די סעדער מיט שטאכעטן,
ווי אין א מײַסעלע, וואָס כ'האָב אמאָל געהערט.

אָט איז די גאַס,
ווו עס פֿארבעטן אײַך די שילדן
א קוק טאָן אַף דער מי פֿון היגע הענט.
אָט איז די שול.
פֿון קינדערשן געפֿילדער
ניט איין מאָל פֿלעגן ציטערן די ווענט...
אָט איז דער שטעג,
וואָס צו דעם וואַלד ער קומט,
דאָרט ווינען שאָטנס צווישן אַלטע קליאָנען.

אינמיטן וואַלד האָט זיך צעליײגט א זומפּ,
אָט איז דער פֿלאַץ.
ווי מיט פֿיל יאָר צוריק,
פֿארברוינטע פֿון דער זון, געוואגטע,
זשוואווע,
מארשירן פּיאָנערן.
פֿאר מײַן בליק
וואַקסט אויס א ייִנגעלע א שווארצס,
א קוטשעריאַווע,
און ער פֿארציט א ליד. און קעלכלעך אַן
א שיר —
די ליד זיי כאפּן אונטער. ס'זינגען אלע.
ווי ענלעך איז דאָס ייִנגעלע אַף מיר!
כ'בין אויך אמאָל געווען א זאפּעוואַלע...

די קראָ און דער סאָלאָוויי

„די ליד קלינגט שטארקער, ווען עס זינגען צוויי, —
געזאָגט האָט עס די קראָ צום סאָלאָוויי, —
איז לאָמיר ביידע ווינען אין איין נעסט,
צוזאמען זינגען פֿאר דעם עולם, ווי פֿאר געסט".
די קראָ פֿון דעמלט
מיט איר פֿילדער און געשריי,
פֿארשלאָגן האָט די ליד פֿון סאָלאָוויי...

מײַן זיידע

ער — מײַן זיידע
אײַזיק דער מעלאמעד —
איז געוויס געווען א פּראָסטער ייִד.
נאָר א לעבן אָפּגעלעבט אזא מין,
וואָס עס בעט זיך פּאָשעט אין א ליד...
פֿינף און צוואנציק יאָר געדינט דעם קייסער,
שווער געשפּאנט דורך היץ און פֿראָסט און
ווינט,
און אין שלאכטן גרויזאמע און הייסע
א געאָרגיעווסטע מעדאל פֿארדינט.
ווען אין גאס
האָט אײַזיק דעם מעלאמעד
דער גאָראָדאָוואָי אליין באמערקט,
פֿלעגט ער אויסציִען אזוי זיך ווי א לאמעד —
שטרענג באגריסט דעם ייִד — דעם
קאוואלער...

ניט פֿארמאכט די טירן און די לאָדנס,
האָט געלעבט דער זיידע שטאָלץ און קלאָר!
ער האָט זיך פֿארמאָסטן מיט אן אָדלער,
פֿעסט געלעבט ביז הונדערט פֿינעף יאָר!
אָט דער מענטש,
דער הארציקער און שטילער,
א באזונדער גוירל האָט פֿארמאָגט.
ס'איז געווען באשערט אים
הונדערט פֿינעף פֿרילינגס.
אָט אזוי — אַף אונדז אזוי געזאָגט!

ארון ווערגעליס

דער היטער בא די טויערן

(ראמאן)

ערשטער טייל

1

די מענטשן, וועלכע זײַנען פֿארמישט אין דער דאָזיקער געשיכטע, האָבן געהאט אין זייער לעבן אויך פֿיל אנדערע פּאסירונגען, און גיכער פֿון אלץ וואָלט זי שוין פֿארגעסן געווארן, ווען ניט אונדזער איצטיקער פּרוּוו צו איבערגעבן זי דער עפֿנטלעכקײַט. מע דארף דערבײַ זאָגן קלאָר און דײַטלעך, איידער מיר נעמען נאָך דערציילן די פּראָטים, אז ביידע העלדן פֿון אָט דער געשיכטע — עלכאָנען צאָמבער און עזרא שליווניאק — האָבן פֿון אָנהייב ביזן סאָף געהאנדלט אופֿריכטיק, אָן זײַטיקע קאַוואָנעס, יעדערער האָט געגלייבט, אז ער גייט מיטן ריכטיקן וועג. ווען זיי האָבן זיך צעשיידט, האָבנדיק פֿריִער אָפּגעמאכט צווישן זיך, אז דעם בריוו פֿון זעקס ווערטער — „דער היטער בא די טויערן ביסטו״ — וועט אָפּשיקן דער, וואָס עס וועט אָף זײַן אויסגעקליבענעם וועג דערגיין מיטן אייגענעם סייכל, אז געדערעכט איז געווען דער צווייטער, — ערשט דאן וואָלט אין דער דאָזיקער געשיכטע געדארפֿט זיך אָנהייבן צו פֿילן די לײַדנשאפֿט פֿון א פֿאראקשנטן געוועט, נאָר שליווניאק און צאָמבער האָבן שוין געלעבט ווײַט איינער פֿונעם אנדערן, אין אָפּגעטיילטע צווישן זיך מיט יאבאַשע און מיט וואסערן לענדער, און דער סיוזשעט פֿון אונדזער באשרײַבונג וועט דערצײ-

בער ווערן צעצווײַגט, און פֿון אַט דעם מאָמענט אָן וועט די האַנדלונג פֿאַרלירן דעם אָנשטרענג פֿון קעגנגעשטעלטע צווישן זיך שטרעבונגען. באַם סאָף וועלן מיר דערציילן, צי דער איבנדערמאָנטער בריוו איז טאַקע אָנגעשריבן געוואָרן, און אויב יאָ, איז ווער האָט עס געטאָן.

ס׳האָט אַזוי געטראָפֿן, אַז די צוויי פֿאַרשווינונגען, מיט וועלכע מיר וועלן זיך אָפּט באַגעגענען אין אונדזער שילדערונג, זײַנען געקומען אין שטעטל איינער גלײַך נאָכן אַנדערן. מע וואָלט געקאָנט אפֿילו כּוישעד זײַן, אַז אייגנטלעך צוליב פֿאַרקניפּן און פֿאַנאַנדערוויקלען די ריכט־ליניעס אינעם ראָמאַן האָט דער מעכאַבער אַראָפּגעבראַכט צו דער געהעריקער צײַט און אויף דעם נייטיקן אָרט פּונקט יענע מענטשן, וועלכע זײַנען דאָ פּאַסיק. זיכער זעט עס אויס ווי בעקיוון. אָבער וואָס קאָן מען טאָן, אויב עס איז בעפּיירעש געשען אַזוי?

אין אַ רויִקן אַפּרעל־טאָג איז געקומען אויף די סלוטשניער כּורוועס עלכאָנען צאַמבער, אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעריבענעם און פֿאַרלאַטעטן בושלאַט, וואָס עס טראָגן פֿאַרשיקטע, און אַליין שטאַרק אויסגעצערט און פֿאַרענדערט צום דערגערן. ער האָט אויסגעזען אַ סך עלטער פֿון זײַנע קנאַפּע דרײַסיק יאָר. די אײַנגעפֿאַלענע באַקן זײַנען געווען באַדעקט מיט פֿאַרוויאַנעטע האָר, אַ סימן, אַז דאָס פּנים איז שוין אַ סך טעג ניט געגאָלט. די כאַקי־הויזן — אויסגעברענט פֿון דער זון ביז ווײַסקייט. אויף די פֿיס, אָנשטאָט שיך, — דאַרע קעפּלעך פֿון קירזאָווע שטיוול, בײַ וועלכע די כאָליעוועס זײַנען אָפּגעשניטן. דער גאַנצער אויסזען עלכאָנענס איז געווען אַן אומגליקלעכער, און עזראַ, וואָס האָט אויך געהאַלטן ווײַט פֿון פֿרײלעך זײַן בעשאַסן אַרופֿקומען אויף די כּורוועס, האָט, דערזעענדיק אים, זיך אַזש דערשראָקן:

— עלכאָנען? ווען זע איך עס! עלכאָנען! אָבער וואָס האָט געטראָפֿן?

— ס׳איז געווען אַ וועלט־מילכאָמע, עזראַ, — האָט געענטפֿערט אָן לײַדנשאַפֿט עלכאָנען, וועלכער האָט שוין פֿריִער געהערט פֿון עמעצן, אַז זײַן כאַווער פֿון דער קינדהײַט האָט זיך אויך אַראָפּגעיאַוועט אין שטעטל און ער בלאָנדזשעט אַרום צווישן דעם ברוכוואַרג. אַרײַנגעוואָרפֿן אין מויל עטלעכע שוואַרצע יאַדערן, האָט עלכאָנען אויסגעשפּיגן די לושפּײַקעס און פֿאַרגעזעצט, ניט צוגעבנדיק צו די רייד קיין מינדסטן געפֿיל:

— אונטער אונדזער שטוב האָב איך געפֿונען אַ טאָרבעלע מיט יאַדערן, די מאַמע האָט זיי, ווײַזט אויס, אָפּגעזשאַרעט פֿאַרן טויט. ווילסט אַ זשמעניע?

ער האָט אַ רוק געטאָן די האַנט אין דער קעשענע פֿונעם בושלאַט, און עזראַ האָט מאַשינעל אויסגעצויגן זײַן האַנט נאָך די יאַדערן, אָבער די שוואַרצע קערלעך האָבן זיך צעשאָטן, ווײַל די אויסגעצויגענע האַנט האָט גענומען זיך טרייסלען און עזראַ האָט זיך צעוויינט. עלכאָנען האָט אַ רגע אים גלײַכגילטיק אָנגעקוקט און גענומען ווידער ריידן:

— דאַרפֿסט ניט אַזוי אופּציטערן, עזראַ. אונטער אונדזערע פֿיס ליגט איין מעס, איינער, — דאָס שטעטל. קיין מענטשן־מייסים ליגן דאָ ניט. איך האָב זיך שוין געניי דערוווּסט. מײַן מאַמע מיטן טאַטן און דײַן גאַנצע מישפּאָכע, זיכרוינוי ליווראָכאָ, רוען מיט אַלע ייִדן אינאיינעם אין די גריבער באַם וואַלד.

אין דעם אָנגעפֿלייץ פֿונעם וויסטן געיאָמער האָט בײַ עזראַן צוערשט אַ בליץ געטאָן אַ פֿאַרדאַכט, אַז עלכאָנען איז געריִרט פֿון זינען, אַזוי מאָדנע האָט אויסגעזען דאָס, וואָס ער האָט בעשאַסן אַרויסריידן די שרעקלעכע ווערטער פּאַשעט געקראַצט דעם פּאַרוואַקסענעם ברודיקן האַלדז, פֿאַרבײַסנדיק דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פֿון פֿאַרגעניגן, און דערבײַ ניט אַראָפּגעשאַרט פֿון די ליפּן און פֿון דער באָרד די אַרויסגעשפּיגענע לושפּײַקעס. נאָר דער זיקאָרן האָט שוין גענומען אונטערזאָגן, אַז דאָס איז דאָך ער מיט די ביינער, עלכאָנען צאַמבער, וועלכער האָט עטלעכע אײַנגעקאָרעניעטע טעוועס, און די סאַמע ווערעמדיקע פֿון זיי איז דאָס אַרופֿציִען אויף זיך אַ טאַמעוואַטן גלײַכגילט פּונקט דאַן, ווען מע דאַרף שרײַען גוואַלד.

נאָך אַזויפֿיל יאָרן פֿון צעשיידונג מיט עזראַן האָט עלכאָנען אָנגעהויבן זײַנע רייד ווי פֿון אַ מיטן, און דאָס איז אויך געווען אין זײַן נאַטור. עזראַ, פֿאַרקערט, האָט ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, לאַכלוטן אָנגעווירן זײַן רויִק געמיט און דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער צײַט, וואָס עס דויערט די מילכאָמע, זיך צעיאָמערט. אַזעלכע שווערע יאָרן אָפּגעלעבט מיט טרוקענע אויגן, און איצט ניט אויסגעהאַלטן... עלכאָנענס צעשוווּמען געשטאַלט איז זיך לאַנגזאַם צעפֿלאָסן פֿאַר זײַנע אויגן און איבערגעאַנדערשט געוואָרן אין אַ טײַך, אַ שטאַרק גערונצלטן, ווײַזט אויס — איבער די אײַנגעשניטענע קנייטשן אויף עלכאָנענס געזיכט. בלײַבן

שטיין אזוי, ווי ער שטייט, בא דעם טײַך, האַלטנדיק זיך באם טרוקענעם ברעג, קעדיי ניט פאַרנעצן זיך, איז ניט געווען מעגלעך, און אויך פאַרסירן דעם דאָזיקן מענטשלעכן טײַך איז געווען נאָך צו פרי. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן ארומגעבראָכענעם קלאָץ און מיט שפרינגענדיקע פינגער פאַרדרייט א מאַכאָרקע־ציגאַרעט, איבערגעבנדיק שפעטער אָן ווער־טער דעם קיסעט עלכאָנענען. יענער האָט דעם קיסעט גענומען, נאָר אים בלויז געהאַלטן א פּאָר רגעים, ווי מע נעמט איבער בא א מענטשן א ניט נייטיקע זאַך און מע האַלט זי, ביז דער מענטש וועט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט עפּעס און צוריק זי אָפּנעמען.

בעשאַסן אומקערן עזראַן דעם קיסעט האָט עלכאָנען א שמייכל געטאָן:

זע! אויך איצט האָסטו זיך ארויסגעוויזן פלינקער פון מיר. אינטריגעס, גראַזשדאַנין שליוניאַק?

— וואָס רעדסטו?

— איך זאָג, אַז דו האָסט מיך ווידער דערטאַפּט אין כאַוועס שטוב. אַליין האָסטו זיך ברייט צעזעצט, און איך שטיי...

— כאַוועס שטוב! — איז עזראַ דערשראָקן אופגעשפּרונגען, נאָר גלײַך צוריק זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער קלאָץ.

עלכאָנען האָט אים א טאָרע געטאָן באַם אַקסל:

— דאָס הינטערפּיסעלע, וואָס דו האָסט מיר געשטעלט דעם איין־און־צוואַנציקסטן יוני, האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט אומעטום, ווו כ'בין שפּעטער געווען — אין פּלען און אין לאַגער... געדענקסט? — האָט ער אַן קאַס א כיכיקע געטאָן. — האָסט דעמלט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דו גייסט אוועק איינעם מיט מיר פון כאַוועס שטוב. דערנאָך טו איך א קוק פון מײַן פענצטער. אהאַ! דו קערסט זיך אום. ווען אויף מאָרגן זאָל זיך ניט געווען אַנהייבן די מיל־כאָמע, וואָלט איך דיר געפּלעט דעם קאָפּ! איבער כאַוועלען בין איך געבליבן א באָכער, און דו האָסט שוין, גלייב איך, אײַנגעאָרדנט דײַן לעבן. פאַלשע גענג, מאַשענסטווע...

עזראַ האָט ווי ניט געהערט עלכאָנענס רייד. יענער האָט אָפּגעזוכט א ברעט, וואָס איז שוין געווען ארײַנגעטאָפּטשעט אין דער ערד, קאָן זײַן, די שוועל פון דער שטוב, וואָס איז דאָ געשטאַנען, און אויך זיך צוגעזעצט. ער האָט שפּילעוודיק א דראָע געטאָן עזראַן מיטן פינגער:

— האָסט געפּליאַנדרעוועט, גראַזשדאַנין שליוניאַק. אָנגעטאָן מיר א היטעלע. ע, וואָס איז דאָ צו ריידן...

עזראַ האָט זיך אופגעכאַפּט פון דער פאַרגליווערטקײַט:

— פונוואַנען נעמסטו, אַז דאָ איז געווען כאַוועס שטוב?

— וואָס זשע, דו זעסט אַליין ניט? און די צווייטע שטוב איז מײַנע. אָט איז געבליבן צווישן זיי דער טויער...

דער געמויערטער טויער! עזראַ איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט און גענומען ארומגיין דעם ליידיקן ווײַס־גרויען פּאַרדעכלטן כאַלל — די פאַנסקע אַרקע, ווי מע פלעגט זאָגן אין שטעטל. די מעסוירע האָט דערציילט, אַז באַם אוועקשטעלן סלוטשעניע זײַנען צוזאַמען מיטן פּאַרעץ אראָפּגעקומען אויף דעם אָרט צוויי יידישע יונגעלײַט, וואָס האָבן בא אים געדינט אין וואַלד — עלכאָנענס און כאַוועס אורעלטערזיידעס, און קאַלזמאַן דער גרויסער פּוילישער פּאַן האָט געבויט זײַן פּאַלאַץ אויפן ברעג פונעם סלוטש, האָבן די צוויי יונגעלײַט אוועקגע־שטעלט פאַר זיך שטיבלעך, איינס לעבן אַנדערן, און אָפּגעשפּאַרט פונעם פּאַלאַץ א שטיי־נערנעם טויער, ווי אַן אַרקע צווישן די שטיבלעך. דערנאָך האָבן זיי אראָפּגעבראַכט זייערע ווײַבער, און פונדאַנען איז אוועק דאָס שטעטעלע סלוטשעניע.

עלכאָנען האָט זײַטלדיק געקוקט אויף עזראַן, וועלכער האָט אויסגעזען אזוי ווי געוויינ־לעך די דעמאָביליזירטע נאָכן שפּיטאָל סאָלדאַטן: א קורצע שינעל, וואָס איז פריי צעשפּיליעט און פונקט ווי ערשט פאַנאַנדערגעוויקלט פון דער סקאַטקע — מיט פרישע קנייטשן אויף דער פּלייצע און אויף די פּאָלעס; זײַן שטאַמפּאַוונע אַנטועכץ האָט שוין פאַרמאָגט צווילע סימאַ־נים — די מעשענע קנעפּ ניט געפּוצט, דאָס כאַקי־העמדל אָן א ווײַס אונטערקעלנערל.

די אַנדערשקײַט אינעם גורל פון די צוויי כאַוויירים האָט זיך גלײַך פונעם ערשטן קוק געלאָזט באַשטעטיקן מיט זייער אויסזען. כאָטש אין טאָג איז די ענדערונג אינעם הוילעך, אויב פאַרגלײַכן דעם איצטיקן מיט יענעם פון די ייִנגלשע יאָרן, געווען בא זיי אַן אַלצײַנע — דער סטאַנדאַרט האָט באביידן ארויסגעשטויסן דעם פּאַסאָן און די אויסגעפּוצטקײַט, — דאָך איז טאַקע דער סטאַנדאַרט געווען א פאַרשיידענער: עזראַ — מיט אַלע פּישטשעווקעס א סאָלדאַט, וואָס האָט זײַנס אָפּגעמילכאָמעוועט, און עלכאָנען...

— עלכאָנען, האָסט מיר ניט געענטפערט, וואָס עס האָט פּאַסירט.

— וואָס האָט געדאַרפט פּאַסירן? איך בין ניט קיין אויסנאַם.

— אָבער דו זעסט אויס אַזוי מאָדנע. און דײַנע רייד... ווי דו וואָלסט דאָ גערעדט ניט מיט מיר, נאָר מיט א סליעדאָוואַטעל. נו, דערצייל... נו, דערצייל...

— איַ, וועסט מיך ניט פאַרשטיין. דער אופזעער עסט פון א טעלער, דער אַרעסטאַנט פון א פלאַשקע...

— איך האָב די פיר יאָר געטראָגן מיט זיך א קאַטיעלאַק.

— באַרים זיך ניט.

— און דו רעדסט ווי א מענטש. האָסט אַקאָרשט געזאָגט, אַז דו ביסט געווען אין פלען און אין לאַגער. וויאַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין, עלכאַנען?

— אין פלען בא די דײַטשן, אין א לאַגער אַן אייגענעם...

עזראַ האָט דערפילט, אַז דער ציגײַער בריט אים שוין די פינגער און אַז עס בריט אים אין דער ברוסט אַן אופגעבראַכטקייט אף עלכאַנענען פאַר זײַן פײַנטלעכקייט. ער האָט א שפּײַ געטאָן מיט קאַס אפן איבערגעבליבענעם עקל פונעם ציגײַער, קעדיי פאַרלעשן עס פאַרן אוועקוואַרפן, און אַרויסגעפּרעסט פון צווישן די ליפּן:

— אַן מאַניפאַרגעס! איך בין דיר ניט קיין פובליקום, און דו שפּיל ניט מעפיסטאָפעלן...

— ע! — האָט עלכאַנען א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אוועקגעגאַנגען.

2

קעדיי ניט האַמעווען די האַנדלונג אין אָט דער מיט שפּאַנונג אָנגעהויבענער דערציילונג און ניט מאַטערן די לייענער מיט ניט דערזאָגעכצן און געווויסע מיט אָנדײַטונגען, וועלן מיר פאַרשפּאָרן א גאַנג עלכאַנענען, פאַרשטייענדיק, אַז ער אַליין וועט נאָך א צײַט ניט זײַן אימשטאַנד איבערצוגעבן די פאַקטן פון זײַן צעקאַליעטשעט לעבן, און מיר וועלן גלײַך עפענען אַלע קאָרטן.

דעם איין-און-צוואַנציקסטן יון פון טויזנט נײַן הונדערט איין-און-פערציקסטן יאָר זײַנען זיי טאַקע ביידע — ער און עזראַ — געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט בא כאַוועץ אין ענגן צימערל, און ס'איז ניטאָ פון וואָס צו מאַכן דאָ א סאָד — עזראַ מיט כאַוועץ זײַנען געווען פאַשעט כאַווירים, זייער נאָענטע, ווי א ברודער מיט א שוועסטער, פון דער סאַמע קינדהײַט אָן, און פאַרליבט אין כאַוועץ איז געווען עלכאַנען, ניט עזראַ, פאַרליבט אָן א מינדסטער האָפענונג, און דעריבער איז ער געווען פאַרבלענדט פון א פאַרדאַכט, אַז עס איז דערין פאַראַן איין סיבע — עזראַס ליבע-אינטריגעס. אַרויסקוקנדיק אין גאַס דורך דעם פאַרטונקלטן פענצטער נאָכן פאַנאַנדערגיין זיך, האָט עלכאַנען דערזען, ווי עזראַ גייט צוריק, און ניט געקאָנט עס אויסטײַטשן אַנדערש, ווי א הינטערפּיסעלע, אָבער אינדערעמעסן האָט עזראַ זיך אומגעקערט דערפאַר, ווײַל כאַוועץ האָט אים א רוף געטאָן אף צו אָפּשאַפן אײַליק די צוניפגערעדטקײַט ווידער זיך זען מאָרגן אין דער זעלבער צײַט און פאַרזעצן דעם שמועס. זי האָט גאַר אַרויסגעלאָזט פון זיקאָרן, אַז מאָרגן קלײַבט זי זיך מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען צו די קאַפּילעגקאַס, און ווער עס איז אָט די מישפּאָכע, דאַרף מען עזראַן ניט דערציילן, ווײַל דאָס דאַרף טשאַרטאַרישטשע, וווּ אַפּאַנאַס גאָוורילאָוויטש קאָמאַנדעוועט מיטן קאָלווירט, איז א מין ראַנד-גאַס פון סלוטשניע, און קאַפּילענקאַס זון, אַרכיפּ, איז מיט כאַוועץ, עזראַן און עלכאַנענען אין איין קאָמיוגיש קעמערל.

כאַוועץ איז אַרויסגעגאַנגען אפן גאַנעק, ווען עזראַ האָט זיך אומגעקערט, און געזאָגט מיט א שטיל קאָל, קעדיי קיינעם אין שטוב ניט אופוועקן:

— פאַרשטייסט, אַרכיפּ שרײַבט זיך מאָרגן אויס פון שפּיטאָל, וועל איך נאָך איינדערפרי אוועקגיין קיין טשאַרטאָרישטשע אַרויסצוהעלפן אין קיך דער מומע אָקסאַנע. די מאַמע מיטן טאַטן מיט אַפּאַנאַס גאָווריליאָוויטשן וועלן דערווײַל אָפּנעמען אַרכיפּן, און מיר וועלן זיך שוין אוואַדע פאַרהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָט וועל איך אַרכיפּן אויך אַראָפּברענגען איבערמאָרגן צו אונדז, וועלן מיר זיך שוין אָנריידן וויפל דאָס האַרץ גלוסט... פאַרגעס ניט זאָגן וועגן דעם עלכאַנענען.

אף מאָרגן, אַזייגער עלף פאַר מיטיק, ווען כאַוועץ איז געשטאַנען מיט דער מומע אָקסאַנע — ביידע פאַרפּאַליעטע — באַם אויוון, זײַנען מיט א פרעמדער הודזשערײַ דורכגעפלויגן אין דער ריכטונג פון דער גרויסער שטאָט עטלעכע באָמבאַרדירער, און איינער פון זיי האָט ווי אומגערן אַראָפּגעוואָרפן א באָמבע אינמיטן סלוטשניע, אפן מאַרק.

אַזוי האָט אין דעם שטעטל זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. כאַווע איז מיט די עלטערן שוין פֿאַרבליבן בײַ די קאַפּילענקאָס, אַהיים זיך ניט אומגעקערט, אַפֿילע ניט גענומען קיין נייטיקע זאַכן, ווײַל די אופֿגעריסענע באָמבע און די איבער זעכציק דערהאַרגעטע און צעקאַליעטשעטע אויפֿן מאַרק האָבן גלײַך פֿון די ערשטע שאָען פֿונעם קריג אַרויסגערופֿן אַ מוירע אַרויסצוגיין פֿון די ערטער, ווו מע האָט זיך געפֿילט זיכערער, און דערצו נאָך איז אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטש ערגעץ אַוועק און אָנשטאָט אים איז צו דער כאַטע צוגעפֿאָרן, ווען ס'איז שוין געווען גוט פֿינצטער, אַ מענטש פֿון ראַיקאָם מיט זײַנעם אַ צעטעלע, אין וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן, אַז זיי אַלע דאַרפֿן מיטנעמען מיט זיך דאָס וואַרעמע אָנטאָן און אַלץ, וואָס עס איז פֿאַראַן פֿון עסנוואַרג, גאָרניט פֿונעם מעבל און פֿון דער ווירטשאַפֿט, און אוועקפֿאָרן מיטן כאַווער אַהין, ווּהין יענער ווייסט דעם וועג. דער כאַווער האָט צוגעגעבן, אַז די דײַטשן האָבן אַרויסגעוואָרפֿן אין דער אומגעגנט עטלעכע קליינע דעסאַנטן, און מע האָט צוויי איבערגעטאָגענע דיווערסאַנטן נאַרוואָס געכאַפּט בײַ דער סלוטשניער בריק. פֿון די שטאַרק קאַרגע און מיט אַ שעפּטשען אַרויסגעבראַכטע ווערטער האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז פֿאַרן פֿאָרט מען איצט אַריבער אין דעם וואַלד, ווו מע וועט זיך ביז אײַנדערפֿרי אַרומזען, ווער עס וועט זיך עוואַקויִרן און וועמען מ'וועט איבערלאָזן אין אָטריאַד. און וואָס איז שײַעך אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטשן, וועט ער דאָרט זיי באַגעגענען...

אויף דער טשאַרטאָרישטשער גאַס איז געשטאַנען אַ צוגעהולעשטער טומל, פּונקט ווי פֿון מענטשן, ווען זיי שרײַען שטאַרק, נאָר מע פֿאַרשטעקט זיי דאָס מויל. די פֿינצטערקײַט האָט צוגעגעבן נאָך מער שוידער. פֿון די הויפֿן האָט מען געטריבן צום קלויסטער-פּלאַץ דאָס פֿי, און כאָטש אינעם דאָרף האָט גאָרנישט ניט געברענט, אַפֿילע קיין מינדסט פֿײַערל אין די פֿענצטער, דאָך האָט מען געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אַ גרויסע סרייפֿע האָט זיך פֿאַרנומען אַרום און אַרום. אינעם רעווען פֿון דער סקאָטינע איז איצט קאָנטיק געווען מער, ווי שטענדיק, דער אומגליק פֿון אַ שטומער צונג, וואָס קאָן גאָרנישט ניט זאָגן און שרײַט מיט אַן אויסגאַנגסלאָזן ווייטיק.

גאַנץ טשאַרטאָרישטשע האָט געשפּאַנט פֿערד-און-וואָגן. דער קאָלווירט האָט אַרויסגעפֿירט אין וואַלד אַרײַן זײַן האָב-און-גוטס. בײַ די קאַפּילענקאָס האָט מען אײַנגעשפּאַנט אַן אייגענעם וואָגן, און אויף דער ברייטער פֿור איז שוין געלעגן דאָס, וואָס מע דאַרף מיט זיך מיטנעמען. אַרכיפּן האָט מען אוועקגעזעצט צווישן די זאַכן, אין דעם סאַמע מיטן פֿון דער ברייטער פֿור, און לעם אים האָט זיך אײַנגעמאָסטעט כאַווע, וואָס האָט אים אַ גאַנצע צײַט אונטערגעשפּאַרט מיט אירע הענט, ווײַל ער איז נאָך געווען זייער שוואַך. עטלעכע אײַנזאַמע שכיינים זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן, האַלטנדיק זיך שטיל, פֿאַרזאָרגט און פֿאַרשלאָפֿן אַרום די צוויי עלטערע פּרויען, וועלכע זײַנען אויפֿן וואָגן געזעסן האַרט איינע לעם דער אַנדערער און זיך צײַטנווײַז איבערגעוואָרפֿן מיט ווערטער — אוקראַיִנישע און ייִדישע: אָקסאַנע און לייע זײַנען פֿון די מיידלשע יאָרן געווען כאַווערטעס, און זיי האָבן געוווּסט ביידע לעשוינעס.

שפּעטער שוין, אָנהייב ווינטער, ווען דער אונטערערדישער ראַיקאָם האָט באַשטעטיקט כאַווע פֿאַרן קאָמיסאַר פֿונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועמענס קאָמאַנדיר עס איז דער באַטקאָ אַפֿאַנאַס, נאָך דעם, ווי ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז עוואַקויִרן אין הינטערלאַנד אירע עלטערן און די מומע אָקסאַנע איז שוין ניט מעגלעך, און ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן אײַנגעשטעלט זייערע פֿאַרבינדונגען מיט די אַרומיקע שטעטלעך, — האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דער גרויליקער עקזעקוציע איבער די ייִדן פֿון סלוטשניע און אויך אַז עזראָ און עלכאָנען זײַנען פֿאַרן אַרײַנגיין פֿון די דײַטשן אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי.

אָנגעקומען זײַנען די צוויי באָכערים אין פֿאַרשיידענע טיילן, און ניט צום פֿאַרגלײַכן איז געווען זייער ווײַטערדיקער מאַזל. בײַ עזראָן איז אַלץ געגאַנגען גלאַטיק — אַ מילכאָמע ווי אַ מילכאָמע, מערער צײַט אין די פֿאָרמירונג-לאַגערן, און אינצווישן — אויסמאַטערנדיקע מאַרשן צום פֿראָנט. דערנאָך די טראַנשייִ, ניט אויף אַ לאַנגער צײַט — אָדער אַהער, אָדער אַהין, אין בעסטן פֿאַל — ביזן באַקומען אַ וווּנד, און דאַן — לאַזאַרעטן, הינטערלאַנד-האָספּיטאַלן, אַ מאָגערער פּאַיאָק, און ווידער פֿאָרמירונג-לאַגערן; אויב די קויל האָט אויסגעמיטן און עס מילכאָמעוועט זיך אין טראַנשייִ ביזן אָנקומען פֿון אַן אומבײַט, ווען די אָקאָפּנע ראָטע ווערט אָפּגעפֿירט אויף אָפּרו און אויף איבערפֿאָרמירונג, טרעפֿט אָפּטער פֿון אַלץ, אַז מע ווערט אַריבערגעפֿירט אין אַן אַנדער טייל, אָדער דער גאַנצער פּאָלק גייט אַריבער אין דער שכיינעסדיקער אַרמיי, אויף אַ צווייטן פֿראָנט, און די סלוזשבע מיט דער מילכאָמע מיט אַלץ-אַן-אַנדער הייבט זיך אָן פֿונדאָסנײַ, אַזוי עטלעכע מאָל, קרײַז-אײַן, קרײַז-אויס, און יעדער קרײַז גייט צו אַ נײַ סטענגעלע, אַ רויטס אָדער אַ געל-גאָלדענס, איבער דער לינקער קעשענע

פונעם כאקי-העמדל, א צייכן פון דער באקומענער ווּנד, און ווען ס׳גליקט נאָך אָפּ — איבער דער רעכטער קעשענע א מעדאַל.

עלכאָנענען איז פון סאַמע אָנהייב אויסגעפאַלן גאָר אַן אַנדער וועג. ער האָט ניט באַוויזן אַפילו אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס ציווילע אָנטאָן און זיך אָנעסן מיט סאָלדאַטישער קאַשע, ווי די דײַטשן האָבן אים פאַרנומען אין געפענקעניש, און ווערנדיק נאָך געטריבן אין דער פראָנט-געגנט, אויף א שליאַך, ווו ס׳זײַנען האַרט איינע לעבן דער צווייטער דורכגעגאַנגען די קאַלאָנעס פאַרכאַפטע רויטאַרמייער און א קאַלאָנע ייִדן-פליטים, איז ער אַריבערגעגאַנגען צו די פליטים, און קיינער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט. דערנאָך האָט זיך אין אָט דעם אָרט דער פראָנט אומגעריכט איבערגערוקט אויף מיזרעוו — א טאַנקען-דיוויזיע פון דער רויטער אַרמיי האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס, און די קאַלאָנע פוילישע ייִדן, צו וועלכער ס׳איז צוגעשטאַנען עלכאָנען, האָט זיך געגומען פאַרטיפן אין די רוסישע ראַכוועסן. אויף די פּילצאַליקע פריוואַלן, בײַם די אָנפאַלן פון דער דײַטשישער אוויאַציע, אויף נאַכטלעגער אין די פאַרלאָזטע דערפלעך אַרום דער פראָנט-ליניע, איידער נאָך די הײמלאָזע זײַנען אָנגעקומען צו א קאָנטראָלירטער סאָוועטישער שטאָט, האָט עלכאָנען זיך צוגעטוליעט צו איינעם א פּאָליט אָן א מישפּאָכע, מיט א היפּשן זאַפּאַס עסנווארג און מיט צוויי צונויפגעוויקלטע וואַרעמע קאָלדרעס, פאַרוואָרפענע אויף דער פּלייצע צוזאַמען מיטן רוקזאַק, — א ייִדן פון א יאָר פינף און דרײַסיק, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן שטאַרקן געזונט, מיט דעם ברייטן פּאָנעם, וועלכן עס האָט באַזוימט א האַרטע, קורצע שטעכיקע באָרד, און מיט שטענדיק פאַרקאַטשעטע אַרבל, וואָס עס האָט געמאַכט אים היימיש און ראַיעל. איבערהויפּט האָט מוישע שאַדאַי (אַזוי האָט מען דעם פּאָליט גערופן) אויסגענומען בײַ עלכאָנענען מיט זײַן וויסן ווו אײַן און ווו אויס אין דעם שווערן, פאַרפּלאָנטערטן מאַצעוו, אין וועלכן דאָס נאַווענאַד-לעבן שטעלט אַוועק דעם מענטשן, און מיט זײַן גרייטקײַט אַלעמאָל אַרויסצוהעלפן אים, עלכאָנענען. דערווײַל זײַנען אין דער קאָנטראָלירטער סאָוועטישער שטאָט אונטערגעקומען מענטשן פון דער זיכערהײַט-דינסט, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער גאַנצער קאַלאָנע איז פּונקט אָט דער געזונטער פּאָליט, דער צוגעפּאַסטער צו אַלדי שווערע אויסקומעניש, ניט קיין געוווּנטשענער, און ווען די באַוואָפנטע לײַט האָבן אים אַרויסגענומען פון דער קאַלאָנע און אָפּגעפירט צו אַן אויספאָרשונג, האָבן זיי פאַרכאַפּט מיט זיך אויך זײַן פּרײַנטל, עלכאָנענען, און אַזוי האָט זיך פאַרדרייט עפּעס א מאָדנער איניען, וועלכער איז, פאַרשטייט זיך, לאַכלוטן ניט אַרײַן אין כעזשבן פון דער מילכאָמע, און ס׳האָט, ווײַזט אויס, ניט געאַרט די הויכע קריגס-סטראַטעגן, וואָס אַזאַ איינער פון צווישן די פּוילישע פּליטים, וועלכער הערט ניט אויף צו טײַנען, אַז ער איז א סאָוועטישער בירגער, נאָר קיין דאָקומענטן אויף צו באַווײַזן עס האָט ער ניט, וועט די עטלעכע יאָר פונעם קריג אָפּזיצן אין א זײַט, אונטער א וואַך, פאַרוועדנדיק געגנוג האָרעוואַניע פאַר דער באַקומענער פּײַקע, — ביזוואַנען די זאַך וועט ניט אויסגעקלאָרט ווערן.

צוערשט זײַנען עלכאָנענען און מוישע שאַדאַי געווען צעטיילט, נאָר אין קאָלימאַ האָבן זיי זיך געטראָפן אין איין באַראַק, און אויך דאָרט האָט דער פּאָליט פאַרהיט זײַן פריִערדיקן אויסזען, די האַרטע, קורצע שטעכיקע באָרד, דאָס אַרומגיין אין דער וואַרעם מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, ווי אַזאַ, וואָס איז אָן אויפהער פאַרנומען מיט קאָלערליי גרעסערע און קלענערע אַרבעטן. די אויפזעער האָבן באַמערקט זײַן פּראַקטישקײַט, דאָס וויסן ווו אײַן און ווו אויס, און זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט פאַרוואַלטן מיט דעם סקלאַד. דאָרט האָט ער געגנומען אונטער זײַנע פליגל עלכאָנענען, אָפּט אים אָפּגערופן פון די שווערע אַרבעטן און דערבײַ געהאַלטן אין איין שלײַפן לויטן אייגענעם פאַרשטאַנד זײַן מויעך.

אין טאָג, האָט ער אים אײַנגעדויבעט אין זינען בעסאַכאַקל צוויי גרינטלעכע געדאַנקען: אַז אין אַזאַ צײַט איז זיצן א פאַרשפּאַרטער אין לאַגער גאָר ניט קיין שלעכטער גוירל — קאָלזמאַן די וועלט שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט און מענטשן קומען אום ווי די פליגן, איז א פּריווילעגיע צו זײַן באַוואַכט אַפּן ווײַטן צאָפן, ווּהין ס׳וועט נישט פאַרפליִען ניט נאָר קיין דײַטשישער אַעראָפּלאַן, נאָר אַפילו קיין פויגל פון דער בײַליגנדיקער רוסישער טײַגאַ. און דאָס צווייטע, וואָס מוישע שאַדאַי האָט זיך געסטאַרעט דערגרייכן, איז געווען געריכטעט צו דעם, אַז ווען עלכאָנענען וועט נאָך דער מילכאָמע אַרויסגיין אויף דער פרײַ, זאָל מען קאָנען מיט אים ריידן וועגן שיוואָס ציִען, וואָס איז, ווי עלכאָנענען האָט מיט דער צײַט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, געווען דער באַרוף פון זײַן, שאַדאַיס, לעבן.

אַז די לער האָט געהאַט דערפֿאָלג, האָט מען געקאָנט זען קוידעמקאָל פֿון דעם, וואָס עלכאָנענס געמיט איז אין לאַגער אַלץ מער און מער געשטילט געוואָרן, כאָטש ס'פֿלעגט מיט אים טרעפֿן, ווען אויף גאַנצע וואָכן איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע, און דעמלט זײַנען אַלע זײַנע רייד געווען וועגן סלוטשניע און וועגן די קאָמסאָמאָלישע דערמאָנונגען. אָבער אינגאַנצן גענומען, האָט ער זיך שטאַרק געביטן, און דאָס האָט זיך אויסערלעך געפֿילט אין זײַן געענדערט לאָשן, אין דעם אָפּטלעכן ניצן העברעיִשע ווערטער, אינעם פֿאַרלאָזן זיך אַ באָרד מיט וואָנצעס פֿון פֿאַרוויאַנעטע האָר און אין זײַן צוגעייגנטער מידע צו אויסזינגען אַ ניגנדל, אונטערקנאַקנדיק מיט די שפּיץ פֿינגער פֿון ביידע הענט און פֿאַרגלאָצנדיק די אויגן — אַ פּירעכץ, וואָס ער האָט פֿאַרגעדענקט פֿון דער קינדהײַט, ווען ער האָט געהערט זינגען אַרטיסטן פֿון די וואַנדער-טרופּעס, אָבער דאָ אין באַראַק האָט עס געהאַט גאָר אַן אַנדער זין.

דאָס לעבן האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ קונץ, אַז גראָד מוישע שאַדאַי איז פֿונעם לאַגער באַפֿרײַט געוואָרן אין סאַמע ברען פֿון דער מילכאָמע, און איבערגעבליבן איז דאָרט, אונטער דער שטרענגער וואַך, דער צופֿעליק אַרײַנגעפֿאַלענער אין אָט דער געשיכטע עלכאָנען צאַמבער. ס'האָט זיך אין יענעם יאָר געטאָן אויף טיש און אויף בענק אַרום דער אַרמיי פֿונעם פּוילישן גענעראַל אַנדערס, וועלכע איז שפּעטער אַוועקגעגאַן קיין איראַן און פֿון דאָרט — צו די „לאָנדאָנער פּאָליאַקן”, און אין העסקעם מיט אַנדערסעס אַ באַקאָשע האָט מען אין די לאַגערן גענומען אויפֿזוכן, אָפּט לויט צוגעשטעלטע צעטלען, געוועזענע בירגער פֿון פּוילן, קעדיי זיי איבערגעבן אין דער געשאַפֿענער אַרמיי. ווײַזט אויס, אַז צום צונויפֿשטעלן די צעטלען, ווי מוישע שאַדאַי האָט אַרויסגעזאָגט די השערע באַם געזעגענען זיך, האָבן געהאַט אַ שײַכעס זײַנע, שאַדאַיס, פֿרײַנט, — איינער, ווייסט ער אויף זיכער, איז בײַ אַנדערסן אַ מיליטערישער ראָוו, — און אַזוי אַרום, האָט, אַדאַנק אַכיינו בנײ ייִסראָעל, זיך אײַנגעגעבן דעם פּאָליט, וואָס איז דורכגעפֿאַלן אין אָנהייב פֿון זײַנער אַ מיסיע, אַרויסראַטעווען זיך פֿון אונטער דעם אַרעסט און פֿאַרשווינדן פֿון רוסלאַנד.

טאַקע בייסן געזעגענען זיך האָט דער פּאָליט אָנגעטרויט עלכאָנענען זײַן שטאַרק אָפּגעהיטענעם סאָד:

— מײַן פֿאַמיליע איז ניט שאַדאַי... איך האָב זיי אַ לאַנגע צײַט געפֿירט בײַ דער נאָז...

— טשיקאַווע. צוליב וואָס האָט איר עס באַדאַרפֿט? און ווי אַזוי רופֿט מען אײַך אָפּאָנעמעסן?

— וואָס מיינט איר — איך בין אַרײַן צווישן די פּלייטים און זיך אַוועקגעלאָזט אין אײַער לאַנד, קעדיי פֿאַרבערגן אַ ביסל אין אָט די ראָמאַנטישע ערטער?

— זאָגט זשע מיר, ווער זײַט איר?

— איך בין מוישע שאַדאַי. איר ווייסט אַזוי אויך שוין צופֿיל. איך גלייב, אַז כ'וועל ניט האָבן כאַראָטע פֿאַר מײַן אָפֿנהאַרציקײַט, ווײַל ווי-ניט-ווי האָב איך אײַך געטאָן נאָר גוטס...

— איר מעגט זײַן רויִק, רעב מוישע.

— אויף יעדן פֿאַל וועל איך אײַך זאָגן, וואָס פֿאַר אַ געדאַנק עס ליגט אינעם וואָרט שאַדאַי.

ער האָט אים שפּילעוודיק אָפּגערופֿן אין אַ זײַט און מיט אַ געהיים שעפּטשען פֿאַרגעבן אַ פֿראַגע:

— צי האָט איר בײַ דער סאָוועטנמאַכט אַמאָל געזען אַ מעזוזע?

— וואָדען? בײַ אונדז אין שטוב אַפֿילע...

— און וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויף איר שיידל?

— שאַדאַי! — האָט עלכאָנען אויסגעשריגן.

— יאָ וואָס סלושאַיו! — האָט זיך אויף רוסיש אָפּגערופֿן מוישע שאַדאַי, פּונקט ווי עלכאָנען וואָלט אים אַ רוף געטאָן.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. עלכאָנען איז געווען אַנציקט פֿונעם אײַנפֿאַל פֿון זײַן פֿרײַנט, וועלכער האָט, ווידער שפּילעוודיק, פֿאַרטײַטשט די ראָשעטייוועס פֿון שאַדאַי — שומר דלתות ישׂראל, דער היטער פֿון די ייִדישע טירן.

— האַ... — האָט עלכאָנען אַרויסגעשטאַמלט, קוקנדיק מיט שטאַרק צעעפֿנטע אויגן אויף זײַן פֿרײַנט, פֿאַר ווען ס'האָבן זיך איצט אַזוי גוטווייליק געעפֿנט די טירן, ער זאָל זיך גיין זײַן וועג, פֿרײַ פֿונעם אַרעסט, און טאָן דאָס, וואָס אים ווילט זיך טאָן.

לאַכנדיק נאָך אַלץ מיט אַן אָפּגעהאַקט, דריבנע געלעכטער, האָט דער פּאָליט גוטמוטיק געזאָגט:

— פאר אײַך װעל איך פאַרבלײַבן דער מױשע, װאָס איז אַ היטער פֿון ייִדישע טױערן. אױב עס װעט זיך מיר אַמאָל אײַנגעבן איבערצושיקן אײַך אַ גרוס, װעט עס זײַן אַ גרוס פֿון מױשע שאַדאַי...

3

דאָס, װאָס עס האָט איצט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט סלוטשניע, איז געװען מער װי אַ חורבן. אפֿילו נאָך אַן ערדציטערניש בלײַבן מערערע סימנים פֿון לעבן. די הײַזער זײַנען אינגאַנצן אַראָפּגעטראָגן פֿון דער ערד, װי ניט געװען, און דעם באָדן, אױף װעלכן זײ זײַנען געשטאַנען, האָבן פֿאַרנומען גאַנצע פֿעלדער מיט בוריאַן, װאָס האָט אפֿילו איצט, נאָך ניט קײן צעװאַקסענער, באַהאַלטן אין זיך די פֿאַרבליבענע האַלבע אױװנס, די קעלערס, די בערגלעך ציגל און האָלץ. די מענטשן — אַלע מענטשן — זײַנען צעשאָסן געװאָרן מיט דער גרעסטער אַקוראַטקײַט — לױט אַ שטרענגן סײדער, גרופּעסװײַז, די פֿרױען באַזונדער, די מאַנצבילען אין אַן אַנדער טאָג און ניט דאָרט, װוּ די פֿרױען. נו, און די קינדער האָט מען נאָך אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע װאָך, ביז װאַנען מע האָט פֿאַרענדיקט מיט די דערװאַקסענע אין די אַרומיקע שטעטלעך, און דאַן האָט מען פֿון אומעטום צונױפֿגענומען די קינדער אין דעם סלוטשניער פּלאַץ, אין אײנעם פֿון די פֿאַרבליבענע זאַלן, װעלכער איז ביז דער מלחמה געהאַלטן געװאָרן װי אַ מוזײ, און דאָרט האָט מען זײ אױפֿגעריסן מיט דינאַמיט לעבעדיקער־הײט. אַזױאַרום, ליגט איצט יעדע ייִדישע משפּחה אין דרײַ ערטער, און די לעבנגעבליבענע, װאָס קערן זיך אום אין שטעטל, װעלן גײן אױף קײװער־אָװעס פּונקט אַזױ, װי ס׳זײַנען צו די גריבער געגאַנגען די קדושים — פֿריִער אין דעם װאַלד באַם אַרײַנפֿאָר קײן סלוטשניע, דערנאָך צום יאַר אױף יענער זײַט טשאַרטאָרישטשע, און ערשט דערמלט אין די כורװעס פֿונעם פּלאַץ צו די קינדער.

ס׳איז ניט קלאָר, װאָס אַזױנס האָבן די דײַטשן געפֿונען אױסערגעװײנלעך שלעכטס פֿאַר זיך אין אָט דעם שטילן שטעטעלע — פֿאַרװאָס האָבן זײ אַזױ גרינטלעך, מיט אַזעלכע פֿײַניקונגען אָפּגעװישט עס פֿון דער ערד. עפּשער האָט מען זײ געזאָגט, אַז, קלױמערשט, דאָ האָבן די קאָמוניסטן געבױט עפּעס אַ באַזונדערס װיכטיקן קאָמוניזם, צי עפּשער האָבן אַלײן די דײַטשן, לױט אַ צופֿעליקן אױסװאַל, אַרױסגעשטעלט סלוטשניע, װי אַ מוסטער פֿון דער ענדלײזונג...

אפֿילו קײן הינט און קײן קעץ זײַנען שױן ניט געװען אױף דעם אָרט, װוּ אַמאָל איז געשטאַנען סלוטשניע. בלױז מײַז האָבן געשמײַעט אונטער די פֿיס בײס עזראָ איז געגאַנגען אױפֿזוכן אַ זײכער פֿון דער שטוב, פֿונװאַנען ער איז אַװעק נאָכן דײַטשישן אָנפֿאַל.

ער האָט, װי דער סײכל זאָגט אונטער, ניט געדאַרפֿט לאַנג זוכן דעם װעג אַהײם. אױב זיך פֿאַרנעמען פֿון כאָװעס און עלכאָנענס טױער, איז גענוג אַריבערגײן אין דער ברײט דעם שליאַך, װאָס איז געװען די הױפּט־גאַס אין שטעטל און האָט אַרױסגעפֿירט מיט בײדע עקן צו דער אױסערלעכער װעלט, און דערנאָך, האַלטנדיק זיך פּאַזע דעם פּאַרקן פֿונעם אײַנ־פֿאָר־הױז, פֿאַרזיכטיק דורכשפּאַנען דאָס שמאָלע געסעלע, װוּ סײַ זומער, סײַ װינטער האָט ניט אױסגעטריקנט עפּעס אַ טשיקאַװע בלאָטע, אַ בולבענדיקע, װי זידנדיק װאַסער, װאָס שטײט אױף אַ שװאַך פֿײַערל, און דערפֿאַר האָבן זי אײנע גערופֿן דער ניט־פֿאַרפֿרױרענער האָפּן און אַנדערע — די גאַזע אינמיטן דער גאַסע. ס׳האָט בעעמעס ניט אָפּגעגליקט די שליװניאַקס — דער גאַנעק פֿון זײער שטוב האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אָט דער אײביקער בלאָטע, דערפֿאַר אָבער האָט אױף דער קעגנאיבערדיקער זײַט, אױב מע האָט געקוקט פֿון דער הינטערשטער הױזנטיר, זיך געעפֿנט אַ מאַלכעסדיק בילד פֿון גערטנער און באַװאַקסענע מיט שיטערע קוסטעס בערגלעך, װאָס פֿונדאַנען האָבן זײ אױסגעזען װי אַ טאַבון פֿערד, װעלכער באַװײַזט זײַנע רוקנס, אַרײַנשטעקנדיק שױן די מאָרדעס אינעם פֿאַרבײַפֿליסנדיקן סלוטש.

עזראָ איז געגאַנגען, אַ פֿאַרטױבטער פֿון די אײגענע טריט, שלעפּנדיק נאָך זיך דאָס סאָלדאַטישע זעקל. ער איז װי אַרײַן אין אַ כאָלעם, װוּ אַלץ איז פֿאַרקערט און אומגלײבלעך. פֿונעם שליאַך זײַנען די שטײנער געװען אַרױסגעפֿירט, און געבליבן איז אונטער די פֿאַראַ־יאָריקע זשוכלע גראָזן אַ קױם באַמערקבאַרער שפּור פֿון אַן ערדענעם װעג. באַם אַריבער־גאַנג צו דעם פּלאַץ, װוּ ס׳איז פֿריִער געשטאַנען דאָס אײַנפֿאָר־הױז, איז די ערד שױן פֿון לאַנג געװען צעגראָבן, און אין דער שױן פֿאַרסאַכנעטער טיף פֿון אַ ברײטער גרוב האָבן

זיך געבלעזלט בלאָטיקע וואַסערלעך. פֿונעם געסל איז קיין זייכער ניט פֿאַרבליבן, אַנשטאָט דער באַרימטער בלאָטע האָט זיך געשפּרייט נאָך איין אויסגעגראָבענע ברייטע און טיפֿע גרוב, וווּהין יענע אַלטע טשיקאַווע בלאָטע איז ווי אַרײַנגעפֿאַלן און דאָרט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. די גרוב האָט מען בײַ די דײַטשן פֿאַרפֿעסטיקט מיט באַלקעס און ברעטער פֿון דעם אײַנפֿאַר-הויז, וואָס מע האָט צוליב אָט דעם צוועק צענומען. עזראַ האָט זיך שיִער ניט אַרײַנגעגליטשט אין דער גרוב, נאָר באַוויזן זיך אָפּשטעלן און גענומען באַקוקן דאָס אָרט.

יאָ, די בלאָטע, עפּעס גאָר ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, איז אין דער מלחמה ווי איבערגעקראָכן פֿונעם געסעלע אָפּן שליאַך. עפּשער איז אונטער דער ערד טאַקע אָפּגאַנגעמען געלעגן אַ לעבעדיק בולבענדיק און בלעזלדיק וועזן, אַ פֿאַרטריבענס אַהין נאָך אין מײַסעדיקן אַוואַר, און ווען ס'איז פֿאַרשוווּנדן די סיבה, וועלכע האָט דאָס דאָזיקע אונטערערדישע וועזן געהאַלטן בײַ דעם שטעטל, מאַכמעס אַליין דאָס שטעטל איז פֿאַרשוווּנדן, דאַן האָט עס אויך זיך צוגעדראַפּעט צום שליאַך, קעדיי אוועקפֿיזן אין דער וועלט אַרײַן.

עזראַ האָט דערפֿילט, אַז טראַכטנדיק אַזוי און זײַענדיק פֿאַרטויבט פֿון די אייגענע טריט, איז ער אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ מיסטישן גליווער, און דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, ווען ער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַ געפֿלעכט פֿון וואָרצלען און ס'האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעדוכט, אַז דאָס איז דער אויסגעקאָרטשעוועטער קליאַן, וואָס איז געשטאַנען הארט בײַ דער יערושע-שטוב פֿון די שליוואַניאַקס, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די וואָרצלען זײַנען ניט פֿון אַ בוים, נאָר פֿון פֿאַרצווייַיאָריקע אָדער פֿאַרדרײַיאָריקע קירבעסן, און דאָס באַטײַט, אַז ער, עזראַ, איז שוין אָפּגעגאַן אין אַ זײַט פֿון דער שטוב, צו די גערטנער-צו, און ער ווייסט שוין ניט, וווּ די שטוב איז אַמאָל געשטאַנען.

אינגאַנצן אָן אויסגעשעפּטער, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אָט דעם קנויל פֿון טרוקענע וואָרצלען. אין קאָפּ איז אים געקומען אַ געדאַנק, אַז דאָס יידישע לעבן אין די שטעטלעך פֿונעם אַמאָליקן טכום איז בײַ דער אקיידע שוין געשטאַנען אויף אָט אַזעלכע שוואַכע, מאַמעש קירבעסנע וואָרצלען, און אויסרײַסן עס איז געווען ניט פֿון די שווערע זאַכן. ס'האָט געפֿעלט די יוגנט, וואָס זאָל אין דער לעצטער מינוט זיך אַ נעם טאָן און אַוועקפֿירן פֿון אונטערן כאַלעף די עלטערן. נו, און אַזעלכע ווי ער, עלכאָנען, און כאַוועז? — האָט עזראַ מיט זיך אַליין אַ כקירע געטאָן, און ער האָט גלײַך אָפּגעענטפֿערט, אַז זיי, די לעצטע שוין, האָבן זיך אומגעקערט צו טאַטע-מאַמע פֿון די נאָענטע שטעט, וווּ זיי האָבן געענדיקט אַרבפֿאַקן, און ערעוו דעם קריג האָבן טאַקע זיי — כאַוועז, עלכאָנען און ער, עזראַ, געהאַט אַ שליכעס פֿונעם רעפּובליקאַנישן קאָמסאָמאָל צונויפֿצושטעלן אַ באַריכט וועגן די הייסע קוואַלן אין סלאָטשניע און אין דער אומגעגנט, קעדיי צוציִען צו זיי דעם אינטערעס פֿון די הייל-אָרגאַניזאַציעס און מיט דעם עפּשער ראַטעווען סלאָטשניע פֿון וועלקונג. אָבער קיין עצעם שטעטלדיקע יוגנט איז פֿון זיי ניט אַרויסגעקומען. זיי האָבן זיך פּאַשעט צוגעזעצט ניט אויף לאַנג אין סלאָטשניע, אָט אַזוי ווי ער איצט אויף די קירבעסנע וואָרצלען.

אויך קיין יאָדערדיקער אַמבאַ — קיין באַלעגאָלעס, קאָוואַליעס, שנײַדער-געזעלן, שוסטער-יונגען, באָנדערס און בעלכערס — זײַנען שוין ניט געווען אינעם שטעטל. דער אַמכאָהאַמוין איז אַריבער אויף ערד קיין קרים, אין די יידישע ראַיאָנען, קיין בירעבידזשאַן. די נײַע צײַט האָט פֿון אַלע זײַטן באַטראַכט דאָס אויסגעליידיקטע שטעטל, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט דעם...

באַקוקנדיק דאָס אומגליקלעכע אָרט צווישן דעם שליאַך און די בערגלעך, וואָס זײַנען ענלעך אויף פּלייצעס פֿון פֿערד, האָט עזראַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פּונקט ווי דאָס וואָלט זיך אַרומגעטראָגן נידעריק איבער דער ערד דאָס געשפּענסט פֿונעם דערמאָרדעטן שטעטל, און ער, עזראַ שליוואַניאַק, אַ געקומענער פֿון דער מלחמה, הערט, וואָס עס דערציילט אים דאָס געשפּענסט, ניט געפֿינענדיק קיין אייגענע ווערטער אויף צו זאָגן עפּעס. דאָרט, וווּ די בערגלעך האַלטן אַרײַנגעטאָן די פֿערדישע מאָרדעס אינעם סלוטש, האָט זיך שוין צערויטלט דער האָריזאָנט, און ווי נאָר עזראַ, זעענדיק, אַז עס פֿאַרגייט די זון, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מע דאַרף אָפּזוכן אַ נאַכטלעגער, האָבן זיך דערהערט טריט און פֿון הינטער איינעם פֿון די בערגלעך האָט זיך באַוויזן עלכאָנען, אַ באָרוועסער, אָן דעם בושלאַט, אין אַ קורטיק קאַזיאָנע העמד, וואָס פֿאַרבינדט זיך אויף דער ברוסט מיט בענדלעך.

— דו שמועסט זיך דורך מיט טאַטע-מאַמע... — האָט ער קאַלטלעך אַ זאָג געטאָן, צוקומענדיק נעענטער צו עזראַן. — אָט דאָ טאַקע, וווּ דו זיצסט, איז געווען אײַער גאַנעק.

אַזוי ווי פֿריִער, ווען עלכאָנען האָט אים אויסגעוואָרפֿן, אַז ער האָט זיך ברייט צעזעצט אין כאַוועס שטוב, האָט עזראַ אויך איצט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער פֿאַרגליווערטקײַט און געפֿרעגט די זעלבע פֿראַגע:

— פונוואַנען נעמסטו, אַז דאָ איז געווען אונדזער שטוב?

— איך נעם עס פון דעם, וואָס דו זיצסט דאָ. דעם פאַרבערעכער ציט צום אָרט פונעם פאַרברעכן...

עזראַ האָט זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן אנטקעגן עלכאַנענען און אָנגעכאַפּט אים מיט ביידע הענט בײַ דעם צעכראַסטעטן העמד:

— פּלאַפּלסט! וואָס פאַר אַ פאַרברעכן? זאָג!

עלכאַנען האָט צוגעמאַכט די אויגן און געלאָזט זיך אַ טרייסל טאָן. עזראַ האָט, עמעס, אָפּגעלאָזט דאָס העמד, אָבער מיט דער זעלבער האַרטקייט, ווי פריִער, זיך אָנגעפרעגט:

— ווער, זאָגסטו, איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן?

— ביידע מיר. דו, שליוניאַק, און איך אויך. אוועק מיט דער באַוואָפנטער און ווי־ביט־ווי אָנגעהאַדעוועטער אַרמיי, און די אַלטע, די שוואַכע איבערגעלאָזט אויף אומקום.

— וואָס זשע, געדאַרפט בלײַבן אַזוי ווי זיי אונטערן פאַשיסט? און — צו דער גרוב? גיי שלאָג זיך, זונעניו, האָט מיר געזאָגט די מאַמע.

— מע האָט געקענט זיך שלאָגן אויך דאָ. לעמאַשל, כאַווע און אַרכיפּ...

— דו ווייסט עפּעס וועגן זיי?

— כאַווע וווינט מיט איר טאַטן אין דער גרויסער שטאָט, זי איז איצט צווישן די סאַמע פּניי. און דאָ איז פאַרזיצער פונעם דאַרפסאָוועט אַפאַנאַס גאַווריליאָוויטש קאָפּילענקאָ. דאָס שטעטל מיט טשאַרטאָרישטשע זײַנען געוואָרן צוזאַמען איין דאָרף. אַרכיפּ קאָפּילענקאָ האָט זיך פונעם וואַלד ניט אומגעקערט.

עזראַ האָט צונויפגעדריקט די פויסטן און מיט פאַרטריקנטע ליפּן עטלעכע מאָל אַרויסגעבראַכט אַרכיפּס נאָמען. דערנאָך האָט ער מיט אומצוטרוי געפרעגט:

— און כאַווען האָסטו באַגעגנט?

— ניין. קאָפּילענקאָ האָט זיך דאָ ניט לאַנג צוריק דערשלאָגן, אַז זי זאָל איבערנעמען בײַ אים די מאַכט איבער אָט דעם בוריאַן און איבער טשאַרטאָרישטשע.

— פאַרוואָס עפּעס דאַרף מען איבערנעמען די מאַכט?

— קאָפּילענקאָ איז אָן פיס. אויף רעדלעך איז אים שווער צו פירן די באַלעבאַטישקייט.

— און פאַרוואָס כאַווע?

— כאַווע איז געווען אין אַטריאַד קאָמיסאַר. קאָמיסאַרן גייען אַרויס פון אַ מילכאָמע אויף די אייגענע פיס.

— עלכאַנען! וואָס איז דאָס מויל!

— מע קאָן האָבן אַ ריין מויל, נאָר די נעשאָמע זאָל בלײַבן שמוציק...

עזראַ האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך די פאָלע פון דער שינעל.

— אָט דאָס איז מײַן נעשאָמע. דרײַ מאָל „סלאַווא".

ווען ער האָט פאַרשפּיליעט די שינעל, האָבן נאָך געקלונגען הינטער איר, וויגנדיק זיך, די דרײַ סאָלדאַטישע, פּראָסטע אָפּן אויסזען שטערן, אומנאַטירלעך גרויסע, יעדערער פון אַן אַנדער מעטאַל, לויט דער מאַדרייגע נאָך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף עלכאַנענען. יענער איז געשטאַנען אַ פאַרוואַקסענער און אויסגעדאַרטער, הויט און ביינער, אַ דערנידע־ריקטער. די אויסגעבערענטע פון דער זון ביז ווײַסקייט כאַקי־הויזן האָבן, ווי דאָס קאַזיאָנע העמד, געהאַט אונטן בענדלעך, און טוענדיק אַ שפּאַן, האָט ער מיט אַ פוס אָנגעטראָטן אויף אַ בענדל בײַ דעם צווייטן פוס און איז פון אָט דער קלייניקייט אומגעפאַלן.

עזראַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עלכאַנען אײַלט זיך ניט אופשטיין, פונקט ווי געבנ־דיק מיט דעם צו פאַרשטיין, אַז ער האָט פאַרדינט זײַן נידערלאַגע אנטקעגן דעם סאָל־דאַטישן רום פון זײַן כאַווער, ווײַל אַנשטאָט זיצן אין די אַקאָפּעס, איז ער אָפּגעזעסן די גאַנצע מילכאָמע אין לאַגער־באַראַקן. עזראַ האָט אים שוין אויסגעשטרעקט די האַנט, קעדיי העלפן אים שטעלן זיך אויף די פיס, נאָר אין דער זעלבער מינוט, דערפילנדיק זיך, זעט אויס, שטאַרקער, האָט עלכאַנען זיך אופגעהויבן פון דער ערד, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, פאַרפּראַוועט דאָס העמד אין די הויזן און אַרויסגערעדט מיט אַ געמאַכטן לאַנגווײַל:

— אַ געקריג איז ווי אַ קרעץ. וואָס מער מע קראַצט, אַלץ מער בײַסט עס. און איך האָב דיך, עזראַ, דערזען פונדערווײַטנס, ווי דו זיצסט אַ פאַראָוולטער, בין איך צוגעקומען דיך אַ רוף טאָן אָט צו יענעם בערגל, דאָרט וועסטו זען אַן אַלטן באַקאַנטן...

עזראַ האָט אומגעדולדיק געפרעגט:

— ווער איז עס?

— וועסט זען, — האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט עלכאַנען.

זיי האָבן זיך אָװעקגעלאָזט צום בערגל, נאָענט לעבן ברעג פֿונעם סלוטש, װוּ די פֿאַר־בײַשװימענדיקע זון האָט באַװיזן די קונץ, װי אַזױ אָן אַ מינדסטן פֿונק פֿאַנאַנדערבלאָזן איבער אַ טײַך, צװישן הימל און װאַסער, אַ העליש פֿײַער. הינטערן בערגל האָט זיך װי אױסבאַהאַלטן פֿון אַ זײַטיק אױג אַ טונקל־ברױנע ברעזעװטענע פּאַלאַטקע, אָן אָנגעצױגענע אױף קורצע, קרעפּטיקע דרענגלעך. עטװאָס אין אַ זײַט האָט אַ מאַנצבל, פּונקט װי עלכאָנען אַ האַלב אױסגעטאָנענער, אַפּגיך צונױפֿגעלײגט אַ אײװועלע פֿון אָפּגעקליבענע אױף די כורװעס ציגל. אױף אָן אָפּגעריינקט פֿון גראָז אָרט האָט ער אײַנגעמאָסטעט אין דער לענג צװײ קורצע רײען ציגל, אַריבערגעװאָרפֿן אין דער ברײט איבער זײ צװײ פֿאַרבױגענע אױף אַראָפּ אײַזערנע קריוקעס און פֿון אױבן אַװעקגעלײגט עטלעכע באַזונדערע ציגל אַזױ, אַז זײ זאָלן מאַכן שמעלער דעם כאַלעל, איבערלאָזנדיק אָן עפֿענונג פֿאַרן פֿײַער. איבער דער עפֿענונג האָט ער אָנגעצױגן אַ שטיקל בלעך און געטומען שױן צונױפֿשאַרן פֿאַראַיאָריקע דאַרע צװײַגלעך, קעדײ אײַנהײצן דאָס אײװועלע.

דערהערט טריט, האָט ער זיך אױסגעקערעװעט מיטן פּאָנעם צו די אָנקומענדיקע, און עזראָ האָט אים באַקוקט מיט נײַגער, בײס ער, װיסנדיק שױן פֿון פֿריִער, װעמען עלכאָנען איז אַװעקגעגאַנגען צורופֿן אַהער, האָט זיך געלאָזט באַטראַכטן און אַפֿילע זיך אַ כײנדל געטאָן, װי אײנער זאָגט: דאָס בין איך, ניט קײן אַנדערער... עס האָט זיך ניט געפֿאָדערט קײן סאַך מי צו דערקענען אין אָט דעם בעקױונדיק פּראָסטינקן, נאָר מיט אָן אַרױסגעשטעל־טער באַדאַכטקײַט פֿאַרשױן רעב אַרן דעם ייִשוּװניקס זון — מױשען. ער האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט זינט דעם אָנהײב פֿון דער מילכאָמע — אַ ברײטבײנערדיק פּאָנעם, דריבנע ציין, שװאַרצע געדיכטע האָר, װאָס לאָזן ניט אַנטבלױזן דעם נידעריקן שטערן, און אױגן, װעלכע זײַנען גרײט אַרױסגעבן האַכנאָע פֿאַר יעדן, װער עס קוקט אין זײ אַרײַן. אױסגעזען האָט ער גענוג פֿריש, קעדײ מע זאָל קאָנען מײנען, אַז אײנס פֿון די צװײ: אָדער ער איז ניט געװען דאָרט, װוּ ס'איז שװער, אָדער ער האָט שױן געהאַט צײַט זיך אָפּצורוען.

עזראָ האָט שנעל זיך אַ דערמאָן געטאָן: יאָ, זײַן נאָמען איז מױשע. די פֿאַמיליע — טכױר (ער פֿלעגט זיך קאַעסן, װען מע האָט אים אַזױ גערופֿן: בעסער טכאָר). געבנדיק זיך די הענט, האָבן זײ בײדע פֿאַרגעזעצט טאָן דאָס זעלבע, װאָס פֿריִער: אײנער — געלאָזט זיך באַקוקן, דער צװײטער — אַרײַנגעטראַכט זיך, װי אַזױ װײַטער זיך באַגײן.

אַרױסגעהאָלפֿן האָט עלכאָנען. ער האָט צוגעפֿירט עזראָן צו דער באַנק, װאָס איז ערשט צונױפֿגעקלאַפּט געװאָרן פֿון עטלעכע ברעטלעך, און, צוזעצנדיק זיך לעבן אים, געענטפֿערט מיט געצײלטע װערטער אױף אַלע פֿראַגן:

— דו דאַרפֿסט געדענקען, עזראָ, אַז פֿאַר דעם קריג, װען מיר בײדע, צוזאַמען מיט כאַװען, האָבן צונױפֿגעשטעלט דעם באַריכט װעגן די סלוטשניער קװאַלן, איז אַרױס מיט אַ קאַמפּאַניע קעגן אונדז מױשע טכױר...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אַרױסרופֿעריש אױפֿן באַלעבאָס פֿונעם בײַדל און צוגעגעבן:

— יאָ, מױשע טכױר. געדענקסט, עזראָ? מיר האָבן זיך דעמאָלט גוט געשלאָגן מיט אים, װײַל ער האָט געװאָלט פֿאַרשיטן די קאַליוזשעס, און בעסױכעם די קװאַלן און אױסלײגן מיט שטײנער אַלע גאַסן אינעם שטעטל, קעדײ ס'זאָל גרינגער זײַן גײן צום קאָמוניזם. איך זאָג עפּשער אַ ליגן, מיכאַיִל אַנדראָנאָװיטש?

הײסט עס, אַז מע איז אַמאָל געװען ניט נאָענט צװישן זיך, און מע דאַרף זיך איִרצן. אָבער װאָס עפּעס אײנמיטנדערינען — מיכאַיִל אַנדראָנאָװיטש? װידער עלכאָנענס אַ געװגעלע?

דער באַלעבאָס פֿון דער פּאַלאַטקע האָט ביז אַהער געשװיגן. איצט האָט ער זיך אױך צוגעזעצט אױף דער באַנק, אַװעקגעלײגט אַ װײכע, הײמישע האַנט אױף עזראָס אַקסל און געלאַסן, אין גוטן מוט, געגעבן אַ פּאָר נײטיקע אױפֿקלערונגען:

— איך װיל, איר זאָלט נאָך שטאַרקער מיך פֿײַנט האָבן, װעל איך איצט זיך מודיע זײַן, אַז דעמאָלט איז שױן געװען אָפּגערעדט, אַז פֿאַר שטױסן דאָס שטעטל אין אָן אַװאַנטיו־רע װעט איר בײדע און אױך אײַער כאַװערטע אױסגעשלאָסן װערן פֿון קאָמיוג. גוט, װאָס עס האָט זיך אונטערגעכאַפּט די מילכאָמע...

— טאַקע אַ גרױס גליק... — האָט מיט שפּאָט, אָבער פֿאַרהיטנדיק אָן ערנסטע מינע, אַרײַנגעשטעלט עלכאָנען.

עזראָ האָט געאײַלט אַרױסצובאַקומען די צװײטע אױפֿקלערונג:

— נו, און פֿאַרװאָס, כאַװער טכאָר, רופֿט אײַך עלכאָנען מיט אַ רוסישן נאָמען?

— איך האָב געמוזט זיך איבערצײלעמען אין אָטריאַד באַם באַטקאָ אָפּאַנאַס. אין פֿאַל, אױב כ'װאָלט אַרײַנגעפֿאַלן צו די דײַטשן אין די הענט...

דעם ענטפֿער האָט מיכאיל אַנדראָנאָוויטש געגעבן, אויסהאַלטנדיק פֿריִער אַ לאַנגע פּויזע, בײַס וועלכער ער האָט געקוקט אָנגעשטרענגט עזראַן אין פּנים, פּונקט ווי ס׳וואָלט געגאַנגען אַ צולאָכעס-שפּיל.

און כאָטש אָט דער דאָזיקער אויפֿן צו פֿירן אַ געשפּרעך איז געווען, דוכט זיך, בײַ מיכאיל אַנדראָנאָוויטשן אין בלוט, האָט ער באַלד באַוויזן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. שמייכלענדיק צו ביידע זײַנע געסט, האָט ער אַרויסגעטראָגן פֿון דער פּאַלאַטקע אַ ליידיק קעסטל פֿון פּאַניר, אוועקגעשטעלט עס, ווי אַ טישל, בײַ דער באַנק און געבראַכט אויך צו טראָגן, מיט אַ באַזונדערער פֿײַערלעכקײַט, צוערשט עטלעכע אייער און בייגל און דערנאָך אַ גלעזערנע באַנקע מיט גרינע אַרבעסלעך. עלכאָנענען האָט ער אַ ווונק געטאָן, יענער זאָל אונטערצינדן די טרוקענע צווײַגלעך אינעם אייוועלע און אוועקשטעלן אופֿזידן טיי. ווען דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט שוין די פֿײַערלעכקײַט אויף מיכאיל אַנדראָנאָוויטשעס פּנים געהאַט אין זיך אַ טרויעריקן מיין, און ער האָט זיך געווענדט צו זײַנע געסט, סטאַרענדיק זיך אַרויסזאָגן די ווערטער פּראָסט און ערנסט:

— די באַנק, אויף וועלכער מיר זיצן, איז בעפֿיירעש אַן אָוול-באַנק. טוט אַ קוק, זי איז טאַקע אַ נידעריקע, אַ הילצערנע, וועלכע עס ברענגען לויטן דין די כעוורע קאַדישע נאָך דער קווורע, קעדיי דער אָוול זאָל אויף איר זיצן שיווע. און כאָטש מיר האָבן די קדוישים פֿונעם שטעטל צו קווורע ניט געבראַכט, זײַנען מיר, אַלע לעבנגעבליבענע, אָוולים, און, צונויפֿקומענדיק זיך נאָכן אומגליק, דאַרפֿן מיר אָפּהאַלטן די אָוול-סודע, ווי ס׳האָט זיך געפֿירט פֿון קאַדמוינים...

זײַנע רייד און דאָס אופֿירן זיך האָבן אויסגענומען בײַ עזראַן. אַפֿילע עלכאָנענען האָט אַ ליב געטאָן זײַן אָפּנהאַרציקײַט, דאָס נעמען אויף זיך אַ שולד פֿאַר אַן אוולע, וואָס איז ניט צו שטאַנד געקומען, דערצו נאָך איז עס געווען מיט יאָרן צוריק. מיקויעך דער אָוול-סודע האָט מיכאיל אַנדראָנאָוויטש זיך מוידע געווען, אַז ער האָט זי געגרייט אַלע טעג, וואָס ער געפֿינט זיך דאָ, ניט וויסנדיק, מיט וועמען ער וועט זי פּראַווען. די אייער האָט ער אויסגעביטן פֿאַר אַ פּאָר פּוטערנע הענטשקעס בײַ אַ פֿויערטע אין טשאַרטאָרישטשע, ווען ער איז נעכטן געקומען אַהין אַ קוק טאָן אויפֿן באַטקאָ אָפּאַנאַס, און די בייגל מיט דער באַנקע קאָנסערווירטע אַרבעסלעך האָט ער געקויפֿט פֿאַר געלט טאַקע דאָרטן. ערשט איצט איז דערגאַנגען צו עזראַן, אַז די דאָזיקע שפּײַזן, וועלכע פּאַסטן פֿאַר טרויער, — די וועלט איז, הייסט עס, קײַלעכדיק, און אַלץ פֿאַרגייט, — פּונקט זיי פֿלעגט מען שטענדיק אין שטעטל געבן דעם אָוול אויפֿן ערשטן מאָלצײַט נאָך דער קווורע. ווען עזראָ האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט איצט געטראַכט, איז עלכאָנען געווען ניט צופֿרידן:

— אַזוי האָט מען געטאָן, ווען איין מענטש איז ניפֿטער געוואָרן. אָבער נאָכן מאָרד פֿון אַ פֿאָלק וואָלט געווען אַ יוישער, מע זאָל אויף דער אָוול-סודע אוועקשטעלן ניט קיין קײַלעכדיקע עסנס, נאָר קרומע — צעבראָכענע און צעבויגענע, קנאָכלדיקע און ביינערדיקע, ווײַל די וועלט, די גאַנצע וועלט האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַזאַ...

די פֿאַרשיידנקײַט פֿון די מיינונגען האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין כקירעס. נאָכן עסן האָט יעדערער פֿון די דרײַ מאַנצבלען אַרויסגענומען זײַן קוועטל, און מע האָט אויסגעטרונקען אָקרעפּ.

עזראָ האָט זיך אָנגעפֿרעגט בײַ מיכאיל אַנדראָנאָוויטשן:

— זײַט איר, הייסט עס, געווען בײַ אָפּאַנאַס גאַווריליאָוויטשן?

מיכאיל אַנדראָנאָוויטש האָט מיט די אויגן אויסגעפֿאָרשט, וואָס עס מיינט די פֿראַגע פֿונעם גאַסט, און, אויסשטרעקנדיק מיט דער האַנט צו אים אַ ציגעלע צוקער, האָט ער ווייך, ווי מע כאַזערט איבער אויף צו אויפֿקלערן, געענטפֿערט:

— געקומען אַ קוק טאָן אויף אים...

— נו?

— אין שטוב ניט אַרײַן. געהאַלטן אין האַנט דעם צענדליק אייער, וועלכן איך האָב אויסגעביטן... וויאַזוי זיך ווײַזן אַזוי-אָ פֿאַרן קאָמאַנדיר?

ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. די רויטקײַט פֿונעם זון-פֿאַרגאַנג האָט ערשט קוים זיך גענומען אויסלײַטערן, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז העכער פֿון איר גליטשט זיך שוין די לעוואָנע איבער די זילבער-באַזוימטע וואָלקנדלעך, אײַנגאַנצן אַ פֿאַרטיקע, אָבער נאָך ניט קיין פֿאַרהאַרטעוועטע, ווי אַ גרויסער, ריינער זייפֿנבלאָז. מיכאיל אַנדראָנאָוויטש איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז עזראָ און עלכאָנען זאָלן בלײַבן נעכטיקן און ביכלאַל שוין רעכענען די פּאַלאַטקע פֿאַר זייער אַ מאָקעם, ביז וואַנען ס׳וועט ניט קלאָר ווערן, ווו ווער עס וועט אײַנשטיין. עלכאָנען האָט, ווײַזט זיך אַרויס, אויך ערשט הײַנט אײַנדערפֿרי, באַקוקנ-

דיק די אומגעגנט, זיך אָנגעשטויסן אַף מיכאיל אנדראָנאָוויטשעס פּאלאטקע, און ער אליין, מיכאיל אנדראָנאָוויטש, געפינט זיך אין סלוטשניע געציילטע טעג, און דאָס, וואָס ער ווייסט וועגן זייערע געמיינזאמע באקאנטע, האָט ער שוין איבערגעגעבן עלכאָנענען, און עלכאָנען האָט עס דערציילט עזראָן.

די געסט האָבן זיך צוגעגרייט צום שלאָף די ערשטע — אונטערגעשפּרייט אפן געלעגער דעם שווערן מאטראַץ, אָן אָנגעשטאָפּטן מיט גראָז, וועלכן דער באלעבאָס האָט זיי צוגעוואָרפן, און עלכאָנענס בושלאט. ליגנדיק שוין אונטער עזראָס שינעל, האָבן זיי אינעם טיר-דורכלויכט פון דער פּאלאטקע דערזען, ווי מיכאיל אנדראָנאָוויטש וואשט זיך איין, שטייענדיק איבער אן עמער וואסער אָן דעם העמד. אַף דער ברוסט בא אים האָט אין דער לעוואָנע-שיין זיך צעפינקלט א מעשן ציילעמל, אָנגעסילעט אַף א שווארץ בייוועלע.

— וואָס איז דאָס בא אייך פאר א ציילעם? — האָט עזראָ געפרעגט. — איר האָט ליב צאצקעס?

א לאנגע רעגע איז געווען שטיל. עלכאָנען האָט מיט א פארשלאָפן קאָל גענומען ארויסהעלפן דעם באלעבאָס, סטארענדיק זיך, מע זאָל פארשטיין, אז ער מאכט פון אים כויזעק.

— וואָס זשע, ראבויסיי, איר ווייסט דען ניט, אז יידן טראָגן פון קינדווייז אפן האלדז דעם בלעכענעם אָס הײַ, וואָס איז א שמירע קעגן כאלאסן און אײַנהאָרעס?

עזראָ האָט דערווידערט:

— אָבער פון ווען אָן שטעלט א ייד ארויס א ציילעם?

— איז ער דאָך מיכאיל אנדראָנאָוויטש, נארעלע, — האָט זיך ווידער דערהערט עלכאָנענס שטים.

מיכאיל אנדראָנאָוויטש האָט, לויט דער טעווע זיינער, א ביסל געשוויגן, און ווען ער האָט געקאָנט שוין עפּעס זאָגן, איז דער שלאָף אריין אין די מידע אייוורים פון זיינע צוויי געסט, וועלכע האָבן איינער נאָכן אנדערן זיך צעכראָפּעט, און ער איז פּאָטער געוואָרן צו פארענטפערן זיך פארן ציילעמל, וואָס ער האָט געטראָגן אַף דער ברוסט.

4

מיר ווייסן גאנץ גוט, וויאזוי עס זיינען זיך נויהעג די געשווירענע סוזשעט-מייסטערס, אָט די טשעמפּיאָנען פון אָנציִען די אינטריגע און אפילע אָפּט צונויפירן א וואנט מיט א וואנט, ווען זיי ווילן א מוטשע טאָן די נערוון בא די לייענער. מיר אָבער האָבן בעדייע, ווי שוין געזאָגט, עפּענען אלע קאָרטן פונקט דאן, ווען ס'איז שוין, דאכט זיך, פאראן א מעגלעכקייט צו פארפּלאָנטערן די האנדלונג און קונציק דערנאָך זי אופּפּלאָנטערן.

פונעם ערשטן קוק קאָן זיך אויסווייזן, אז מוישע בען ארן (מיכאיל אנדראָנאָוויטש) טכויר (טכאָר) איז ניט מער ווי א נישטיקער נעפּעש מיט אן ארופּגעצויגענעם אַף זיך אָנשטענדיקן אויסזען. אָט איז געקומען די גוירלדיקע שאָ, נאָר עס ווילט זיך אים ניט שטארבן מיט זיין פּאָלק, און ער ווארפט אראָפּ פון זיך דעם נאָמען, וועלכער גיט אים ארויס, אז ער איז פון אָט דעם פּאָלק אָפּשטאמיק. דאָס איז שוין, פארשטייט זיך, גענוג, מע זאָל אים האלטן ווייט פונעם הארצן, אָבער געווען זיינען מיט מיכאיל אנדראָנאָוויטשן פארבונדן אויך שווערערע אומשטענדן.

אָנהייבנדיק נאָך פון זיינע יונגע יאָרן, האָט ער טאָמיד געזוכט, וויאזוי צושטיין, ניט ארויסרופנדיק קיין כשאד, צו א קרייז מענטשן מיט איינגעפונדעוועטע צווישנבאציִונגען און געווינשאפטן, ווען אָט די מענטשן האָבן צוזאמען זיך ארויסגערופן צו טאָן עפּעס, פאר זיי וויכטיקס. קעדיי ווערן אן אייגענער אין דער סוויווע, פלעגט ער בעגעייע די שטארקערע אין אָט דעם קרייז זיך אָנהייבן פירן ווי א באהעלפער און דורך דעם זיך דערשלאָגן, אז בעגעייע די שוואכערע זאָל מען אים רעכענען פאר א באשטימענדיקער פערזאָן. אַף וויפל ער איז אין דער סוויווע געווען א פרעמדער, פלעגט ער אויסקלייבן פאר זיך די ראָל פון א זייטיקן אָפּשאצער, מיט פולמאכטן, וועלכע זיינען אים געגעבן — „ניט אייער אייסעק, פון וועמען". מיט דער צייט פלעגט ער אָנהייבן ארויסווייזן בעגעייע עמעצן פון דער סוויווע עפּעס א כשאד, איינזען בא דעם און בא יענעם ניט דאָס, וואָס ער האלט פאר ריכטיק, און רעאגירן אַף דעם אזוי: ניט ארויסזאָגן גאָרניט אָפן, צוזען, וואָס שפּעטער וועט זיין, און אויב ער געפינט, אז עס גייט אזוי, ווי פריִער, הייבט אָן קאָכן אין אים, און ער שווייגט ווידער, ביז סע מאכט זיך א געלעגנהייט צו אָנעמען, לויט זיין

פאַרשטאַנד, מיטלען, און ער טוט עס אָן וואַקלונגען און אָן ראַכמאָנעס, בײַס דער מענטש, אָדער דער מענטשן-קרײַז, מיט וועלכע ער פירט אַף אַזאַ אויפן אַ קאַמף, ווייסן אַפילע ניט וועגן דעם.

דאָס, וואָס ער האָט געביטן אין הינטערלאַנד באַ די פאַשיסטן דעם ייִדישן נאָמען אַף אַ סלאַווישן, איז אַן און פאַר זיך קיין כעט ניט. די פאַשיסטן פלעגן גלײַך אַפן אָרט אומברענגען, אָפט מיט אַ שוידער-טויט, די ייִדן-פאַרטיזאַנער. אויך דאָס ציילעמל איז, קאָן זײַן, געווען אַ מוז-זאַך. די פראַגע איז אָבער, פאַרוואָס דער מענטש האָט ניט גענומען צוריק זײַן אייגענעם נאָמען און זײַן פאָטערס נאָמען נאָך דעם קריג, ווען ער האָט זיך אומגעקערט בעשאָלעם אַהיים. דאַן איז אומעטום דער אַזוי באַוווּסטער „טאָוואַרישטש נ.” אָן שום ספּייקעס צוריק דערשינען אַזאַ, ווי ער איז געווען אינדערהיים ביזן קריג — מיט זײַן שטאַם און ייִכעס.

מיכאַיִל אַנדראָנאָוויטש האָט, עמעס, נאָכן אומקערן זיך פון וואַלד ניט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַן, ווען באַם אויסשרײַבן זיך פונעם אָטריאַד האָט ער געזאָגט דעם ראָטע-שרײַבער, אַז טאַקע אַזאַ איז פון געבוירן זײַן אייגן-נאָמען און אַז לויט דער נאַציאָנאַלי-טעט איז ער, נאָך טאַטע-מאַמע, אַ רוס. דער ראָטע-שרײַבער איז געווען פון די רויטאַר-מייער, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון דער דײַטשישער געפאַנגענשאַפט, אַ פויער פון הינטער טאַמבאָוו, און אים איז אַפן געדאַנק ניט געקומען צו איבערפרעגן באַם כאַווער טכאָר, צי אַלץ איז טאַקע אַזוי, ווי יענער זאָגט. די אומגעלומפּערטע האַנדלונג פונעם דעמאָביליזירטן פאַרטיזאַן וואָלט, כאַזערן מיר איבער, ביכלאַל ניט אַרויסגערופן באַ קיינעם קיין באַזונ-דערן כידעש, ווען ניט איינער אַ וויכטיקער פּראַט און ווען ניט אַ געוויסע שוידערהאַפטע פּאַסירונג.

וועגן אָט די צוויי אומשטענדן וועלן מיר דערציילן בעאַריכעס.

פריִער וועגן דעם וויכטיקן פּראַט, וואָס קאָן געשען עפּשער בלויז אין אַזאַ מויעך-און נעשאָמע-אָפּטרייסלונג, וועלכע קומט פון אַ מילכאָמע. דאָ באַווײַזט זיך אַ נײַער פּערסאָנאַזש אין אונדזער דערציילונג — דער געוועזענער סלוטשניער טוישעוו לאַכמאַנ-דריידל. סײַ עזראַ, סײַ עלכאָנען ווייסן נאָך ניט, אַז אָט דער מענטש געפינט זיך איצט אויך שוין אין סלוטשניע, און ווען ס'זאָל קומען וועגן אים צו רייד, וואָלט די זאַך אויסגעזען ווי דער סייכל איז מיסכײַעוו: יאָ, געווען אַזאַ מענטש אין שטעטל, לאַכמאַנדריידל האָט ער געהייסן, איין מעשוגענער אַף גאַנץ סלוטשניע, און ווען די פאַשיסטן האָבן אַלעמען אוועק-געפירט צו די גריבער, איז מיסטאַמע אויך לאַכמאַנדריידל אַרײַנגעפאַלן אין דער קאַלאָנע.

מיכאַיִל אַנדראָנאָוויטש האָט אים אָבער שוין דאָ געזען אַ לעבעדיקן. דאָס איז געשען דאַן, ווען טכאָר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט קיין טשאַרטאָרישטשע, אַ קוק טאָן אַפן באַטקאָ אָפאַנאַס, און אין איינוועגס האָט ער אויסגעביטן באַ אַ פויערטע פאַר אַ פאָר פוטערנע הענטשקעס אַ צענדליק אייער צו דער אָול-סודע. ווי מיר געדענקען, האָט ער געזאָגט עז-ראַן, אַז צו אָפאַנאַס גאַווריל אָוויטשן איז ער ניט אַרײַן דערפאַר, ווײַל די הענט באַ אים זײַנען געווען פאַרנומען מיט דעם צענדליק אייער, און אַזוי זיך ווײַזן פאַרן קאָמאַנדיר האָט ער ניט געוואָלט. אינדערעמעסן אָבער איז ער געבליבן אין דרויסן, ווײַל אומגעריכט האָט ער אינעם באַלויכטענעם פענצטער (ס'איז געווען שוין שפּעט אין אָוונט) דערזען, אַז באַם טיש, אַנטקעגן דעם באַלעבאָס, זיצט לאַכמאַנדריידל, און ביידע זײַנען אַרײַנגעטאָן אין אַ שמועס. לאַכמאַנדריידל און קאָפּילענקאָ! דער פאָרזיצער פונעם דאָרפסאָוועט פרעגט עפּעס אויס באַם שטאָט-מעשוגענעם! און גלײַך שווימען אויף אייניקע פראַגן: ווי קומט עס, אַז לאַכמאַנדריידל האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט, ווען די שטראָף-עקספּעדיציע האָט אַלע ייִדן צווישן די געכאַפּטע פאַרטיזאַנער אוועקגעשיקט אַף יענער-וועלט? צי איז מעגלעך, אַז אַ מענטש, וואָס איז געווירט פון זינען, זאָל קלאָר אויפנעמען און באַזיניקן אַ געשעעניש און דערנאָך אימשטאַנד זײַן וועגן איר צו דערציילן? און צולעצט — צי האָט לאַכמאַנדריידל בײַס דער עקזעקוציע עפּעס געזען אַזוינס, וועגן וואָס דער באַטקאָ אָפאַנאַס האָט דעמאָלט ניט געקאָנט וויסן, און איצט קאָן לאַכמאַנדריידל אים עפענען אַף דעם די אויגן?

פּאַסירט האָט אָט וואָס.

אין איינער אַ כוישעכדיקער נאַכט, טיף אין האַרבסט, ווען די הויפּט-קויכעס פונעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד האָבן געהאַלטן אין אומקערן זיך אַף דער באַזע נאָך אַ ווײַטלעכן מאַרש און, אָנשטויסנדיק זיך אַף דײַטשן, געמוזט אָננעמען אַ שלאַכט, — האָט אַ שטראָף-אָטריאַד פון עס-עס פּלוצעם אַרומגערינגלט די באַזע, אַראָפּגענומען אָן באַזונדערע שווערי-קײַטן די וואַך און אַרויסגעפירט אַפן שליאַך די פאַרכאַפּטע אינעם לאַזאַרעט פאַרוווּנדעטע פאַרטיזאַנער צוזאַמען מיט די אַלטע לײַט און פרויען. היטנדיק זיך, עס זאָל ניט באַווײַזן

אונטערקומען דער אַטריאַד, האָבן די עס-עס-לײַט אפגיך דורכגעפירט א בלוטיקע אַרגיע, קעדיי אָפּשרעקן די בײַליגנדיקע דערפער, וועלכע וועלן אופשטיין גאנצפרי און דאָס אלץ דערזען. אין אײַלעניש האָט מען אוועקגעשטעלט פאזע דעם שליאַך צוואנציק טליִעס און אופגעהאנגען אף זיי די יידן — דאָקטוירים פונעם לאזארעט, פרויען און זקיינים. די איבעריקע פארטיזאנער האָבן זיי פארנומען מיט זיך.

בייסן אָפקלײַבן, ווער עס איז א ייִד, איז ארויס מיכאיל אנדראָנאָוויטש (ער איז אין יענע טעג געלעגן אין לאזארעט מיט א צוקילעכץ) און אָנגעוויזן אף אָקסאנע קאָפּילענקאָ. א סימען האָט איר, — איז געווען זײַן באוויַז, — אז זי האָט אָקאָרשט א שעפּטשע געטאָן עפּעס אף יידיש צו איר כאווערטע לייע, דער מאמען פון דער קאָמיסארשע פונעם אַטריאַד. איינער פון די פארוווּנדעטע פארטיזאנער האָט געבעטן דעם איבערזעצער, ער זאָל זאָגן דעם עלטסטן פון די דײַטשן, אז א ייִד איז, פארקערט, טכאָר, און ניט אָקסאנע קאָפּילענקאָ, נאָר מיכאיל אנדראָנאָוויטש האָט צעכראסטעט דאָס העמד, באווײַזנדיק דעם צײלעם אף דער ברוסט, דערצו נאָך איז דער פארווּנדעטער פארטיזאן גלײַך דערשאָסן געוואָרן, ווײַל ער האָט זיך צעשריגן מיט די ווערטער „פארעטער!” און „סוואָלאָטש!”, און נאָך דעם האָט זיך די זאך פארענדיקט. צוואנציק מענטשן, און די לעצטע צווישן זיי — לייע און אָקסאנע זײַנען אופגעהאנגען געוואָרן, און באקומענדיק פון דעם ארויסגעשיקטן פאטרול א סיגנאל, אז דער פארטיזאנישער אַטריאַד פונעם באטקאָ אָפאנאס דערנעענטערט זיך, האָבן די עס-עס-לײַט זיך אָפּגעטראָגן, פארכאפּנדיק מיט זיך די איבעריקע פארטיזאנער און איבערלאָזנדיק אפן שליאַך צוואנציק געהאנגענע. מיכאיל אנדראָנאָוויטש טכאָרן האָבן זיי ביז בלוט צעמאזיקט און אים אָפּגעלאָזט, אָנזאָגנדיק אים, ער זאָל וועגן דער שטראָף דערציילן אין אַטריאַד און איבערגעבן אין נאָמען פון די עס-עס, אז אינגיכן וועלן זיי זיך יאָווען נאָכאמאָל. אויסגעפילט האָט ער עס אזוי, ווי מע באגייט זיך געווײנלעך אין ענלעכע פאלן, גיסנדיק טרערן און באווײַזנדיק די ווונדן אף זײַן לײַב, און, דאכט זיך, בא קיינעם אין אַטריאַד, ארײַנגערעכנט דעם באטקאָ אָפאנאס און כאווען, דעם קאָמיסאר, זײַנען ניט פארבליבן קיין ניט-קלאָרקײַטן ארום אָט דער שוידערלעכער געשעעניש.

דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך ביז איצט גערודערט בא מיכאיל אנדראָנאָוויטשן אין זײַן אזוי אויך אומרויִק געמיט, איז — ווּהין האָט זיך אהינגעטאָן אין יענער נאכט דער מעשוגענער לאכמאנדריידל, וועלכער איז מיטן אַטריאַד ניט אוועקגעגאנגען, ווײַל ער איז אף שטענדיק געווען צוגעשטעלט צו דער קיך און, הייסט עס, בייסן אָפּקלײַבן די יידן צום הענגען אפן בערדיטשעווער שליאַך האָט ער געדארפט זײַן צווישן זיי, און אויב זיך ניט באָמבלען אפן שטריק, איז, אמווייניקסטנס, צוזען דעם אָפּקלײַב. איצט איז ער דערשינען א לעבעדיקער, און ער זיצט בא איין טיש מיט קאָפּילענקאָן. בא מיכאיל אנדראָנאָוויטשן אין קאָפּ דרייט זיך די פראגע, צי ער איז, טראָץ זײַן מעשוגאַס, צומאָל ניט פעיִק עפּעס א פלאפּל טאָן פאר דעם באטקאָ...

ענטפערן אף אָט דער פראגע וועלן מיר קאָנען, אויב באם לייענער וועט סטײַען געדולד אויסצוהערן די אומגלייבלעכע געשיכטע, וועלכע איז געשען מיט לאכמאנדריידלען.

שווער פאָרויסזען, וואָס עס וועלן זאָגן די פסיכאָלאָגן און פסיכיאַטערס אף אָט דעם פאל, און ס'איז ביכלאל א סאָפעק, צי עס האָט א זין צו באהאנדלען אים מיט זיי, נאָר ווען עס ווערן געשריבן די דאָזיקע שורעס, איז אליין לאכמאנדריידל נאָך לעבעדיק. פונעם סאָף פון דער דערציילונג וועט דער לייענער זיך דערוויסן, אז ער איז אין א פרעמד לאנד ארײַנגעפאלן אין טפיסע און דאָרט באגאנגען זעלבסטמאָרד, אָבער איצט לעבט ער נאָך. אלע, וואָס קענען אים, וועלן אויך באשטעטיקן דאָס, וואָס מיר זאָגן. די מעשונעדיקע אופטרייסלונגען פון דער מילכאָמע האָבן אזוי דערשיטערט און צעמישט זײַן גאנץ וועזן, אז ער איז פון דעם, ווי מאָדנע ס'זאָל ניט זײַן, צוריק ארוף אפן זינען! דאָס מעשוגאַס האָט זיך בא אים דאָך אויך אָנגעהויבן פון א שוידערהאפטער אופטרייסלונג. בייס א פּאָגראָם אין זײַן שטעטל, ווײַטלעך פון סלוטשניע, אין נײַנצנטן יאָר, האָבן די באנדיטן אופגעהאנגען אף א באלקן אין שטוב זײַן טאטן, די מאמע און צוויי שוועסטער, און אים, א צעניאָריק קינד, האָבן זיי פארשפּאַרט אינעם אלקער צוזאמען מיט די הארוגים. ווען ער האָט אויסגעבראָכן א פענצטער, איז ער שוין געווען געירט פון די געדאנקען, און, לויפנדיק נאָכדעם אָן א ציל פון שטעטל צו שטעטל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ערשט דעמלט, ווען די קויכעס זײַנען אים אינגאנצן אויסגעגאנגען, און דאָס האָט געטראָפן אין סלוטשניע, ווו ער איז שוין פארבליבן אפן גאנצן לעבן.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ שטילן מעשוגענעם. די ערשטע צײַט האָט מען אים גערופֿן דער ניט-היגער, מײנענדיק דערמיט בײדע זאַכן: ניט פֿון סלוטשניע און ניט באַם זינען, שפּעטער אָבער האָט זיך אײַנגעשטעלט דער נאָמען לאַכמאַנדרײדל, וואָס אויך דאָס איז בײַ ייִדן אַ באַצײכענונג פֿון גוטמוטיקן מעשוגאַס. ביז דער מילכאָמע האָט לאַכמאַנדרײדל אָפּגעלעבט אין אַ טיפֿער מאָרעשכוירע, ווי אין אַ הינענפֿלעט, ניט ווייסנדיק, אַף וואָסער וועלט ער איז. די צווייטע, נאָכן פּאָגראָם-מאָרד, אויפֿטרייסלונג האָט ער געהאַט בײסן אויסברוך פֿון דער מילכאָמע, דעם צוויי-און-צוואַנציקסטן יון, ווען פֿון דער העלער הויט האָבן זיך איבער סלוטשניע דורכגעטראָגן אין אַ שטילן זומערדיקן טאָג, מיט אַ פֿײַף און מיט אַ דונערײַ, עטלעכע דײַטשישע אַעראָפּלאַנען, און אײנער פֿון זײ האָט אַראָפּגעוואָרפֿן אַ באָמבע אינמיטן שטעטל, אַפֿן מאַרק. לאַכמאַנדרײדל איז פּונקט געווען אַפֿן יאַריד, טאַקע אין זעלבן אָרט, ווו די באָמבע האָט אויפֿגעריסן, און צווישן די איבער זעכציק דערהאַרגעטע און פֿאַרווונדעטע איז ער געלעגן אַ לעבעדיקער, אַ גאַנצער, ווי דעמלט, בײסן פּאָגראָם, צווישן די געהאַנגענע אין זײַן שטוב. אַ צעכושטער, האָט ער אויך דאַן, גלײַך פֿונעם מאַרק, זיך געלאָזט לויפֿן ווי אַ צעטראָגענע בריִע, נאָר מע האָט אים אָפּגעשטעלט אין טשאַרטאָרישטשע און באַנאַכט מיט אײנעם פֿון די קאָלווירטישע פֿורלעך אָפּגעפֿירט אין פּאַרטיזאַנישן וואַלד.

די דערשיטערונג, וועלכע לאַכמאַנדרײדל האָט איבערגעלעבט בײס דער בלוטיקער אָרגיע אַפֿן שליאַך, האָט געהאַט דעם זעלבן שוירעש, ווי יענע, פֿון וועלכער ער איז אַראָפּ פֿון זינען, מער ניט — אָנשטאָט פֿיר טליִעס האָבן זיך אַ שטעל געטאָן פֿאַר זײַנע אויגן צוואַנציק. דער קאָשמאַר פֿון דער כווישעכדיקער האַרבסטיקער נאַכט, די אײַלעניש, מיט וועלכער די עס-עס-לײַט האָבן אָפּגעקליבן די ייִדן און דורכגעפֿירט די עקזעקוציע, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אומבאַמערקט דאָס פֿאַרשווינדן אין די בײַוועגיקע קוסטעס פֿון אײנעם, וואָס איז ניט בײַ די געדאַנקען און אַף אים האָט ווייניק-וואָר געלײגט אַכט. עפּעס אַ קויעך פֿון די סאַמע טיפֿענישן האָט אַ גרוליקן שטויס געטאָן לאַכמאַנדרײדלען פֿונעם אָרט, ווען עס האָבן אַקאָרשט אָפּגעהילכט די אויסרופֿן און די שיסערײַ אַרום אַקסאַנע קאָפּילענקאָ. די דײַטשן האָבן אַרופֿגעשלעפּט לײַען און אַקסאַנען אַף די קלעצלעך פֿון אַ צעזעגטן בוים, וועלכע זײַנען געווען צוגעשטעלט צו די טליִעס, און פֿאַרצויגן די שטריק אַף די העלדזער פֿון די צוויי יאָמערנדיקע אַלטע פֿרויען. מיט זײ טאַקע האָט לאַכמאַנדרײדל זיך טאָמיד געפּאָרעט אין דער קיך פֿונעם אַטריאַד, און ווען ער האָט זײ דערזען, ווי זײ הענגען אין אײן רײ מיט די אַנדערע אַכצן געהאַנגענע, האָט ער מיטאַמאָל דערפֿילט אַ גאָר-גאָר שטאַרקן צוגעטויבטן קלאַפּ איבערן האַרצן און אין דעם מויעך, אַ מין כוואַליע-אָנפֿאַל, וואָס האָט אים אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד, הינטערן קוסט, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

די כוואַליע האָט ווי אַראָפּגעשווענקט פֿון אים עפּעס זײער גרינטלעכס, און אײנציײַטיק האָט זי אַלײן זיך אַרײַנגעטאָן אין זײַנע אַלע אײוורים, שנעל-וויכערדיק אָפּגעלאָשן דאָס סאַרפּענדיקע פֿײַער אין גאַרגל, אין די קני, צווישן די לאָפּעטקעס אַף דער פּלײצע, אין די עלנבויגנס און הינטערן שטערן. די פּיס האָבן ווידער באַקומען קויעך, און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן — געלאָפֿן לאַנג-לאַנג, אָן אויפֿהער, גערעדט צו זיך מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, געוויינט און געקרעכצט. ווען די קויכעס האָבן אים פֿאַרלאָזט און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד, קעדײ איבערכאַפּן דעם אָטעם, האָט ער זיך מיט גרויס שטוינונג געכאַפּט, אַז ער געפֿינט זיך אין זײַן געבורט-שטעטל, פֿונוואַנען ער איז אין נײַנצנטן יאָר אַנטלאָפֿן, אויסברעכנדיק אַ פֿענצטער אינעם אַלקער, ווו ס׳זײַנען געהאַנגען אַפֿן באַלקן זײַן מאַמע, דער טאַטע און די צוויי שוועסטער, און אַז ער איז בײַ די געדאַנקען. יאָ, ער טראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט און וואָס ער האָט געזען אַפֿן שליאַך, ער פֿאַרשטײט, וועגן וואָס ער טראַכט, דאָס הײסט — ער איז בײַ די געדאַנקען!

פֿון דעמלט זײַנען שוין דורכגעגאַנגען פֿיל כאַדאָשים, לאַכמאַנדרײדל האָט זיך צום ערשט אויסבאַהאַלטן פֿון די דײַטשן, ביז זײ זײַנען פֿאַרשוווּנדן, דאַן האָט ער מיט שטאַרקע שמערצן אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, זוכנדיק דאָס שנירעלע, פֿאַר וועלכן ער זאָל זיך אָנכאַפּן און ס׳זאָל אים אַרויספֿירן צו די דורכגעלאָזטע אין דער צעמישונג יאָרן, צו דעם שטעטל, ווו ער האָט געלעבט, דאָס הײסט — קײן סלוטשניע, און צום פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, ווו ער האָט זיך געראַטעוועט פֿונעם טויט.

ביסלעכווײַז האָט ער אין אַלץ זיך דערמאָנט. זײַן נאָמען איז... זײַן נאָמען איז... „מאָרד-כעלע, מאָר-דכעלע"... — האָט אים אַ קלונג געטאָן אין די אויערן דער מאַמעס קאָל. און אָט איז ער שוין אין סלוטשניע, אַף דער טשאַרטאָרישטשער גאַס, אין דער שטוב פֿונעם באַטקאָ אָפֿאַנאַס, און ער רעדט מיט אים, און ער דערציילט, און עס פּלאָנטערן זיך אים אַ

ביסל די געדאַנקען, נאָר אין אַלגעמיין ווייסט ער, וואָס צו דערציילן, ווײַל צוליב דעם איז ער געקומען אַהער — איבערגעבן דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזען און געהערט, לעמאַנעשעם דערציילן, אַז דער באַגלייבטער אַלעמען מיכאל אַנדראָנאָוויטש טכאָר האָט געבראַכט צו דער טלית די שטילע טויב, די טײַערע מאַמע אָקסאַנע.

אַפּאַנאַס גאָווריִלאָוויטש איז געזעסן אויפן שטול, צו וועלכן ער אַליין האָט זיך אַרופגעטראָגן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די שטאַרקע הענט און איבערלאָזנדיק אויפן דיל די רעדלעך. לאַכמאַנדריידלען האָט ער געפונען אין טאָך אין אַנדערן, איידער פריִער. דאָס אומקערן זיך צו די געדאַנקען האָט אַרויסגערופן, ווי עס זעט אויס, קרענקלעכקייט אין אַלע איווורים, פיזישן ווייטיק. דאָס איז געווען צו זען פון דעם, וואָס לאַכמאַנדריידל האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט, געהאַלטן אין איין שאַרן מיט די הענט איבערן אייגענעם קערפּער און אַרום זיך, צודריקן די פינגער צו די שלייפן, פאַרמאַכן און ווידער ברייט צעעפענען אין אַ שטאַרקן אָנשטרענג די אויגן. ער איז געווען אינגאַנצן גראָוו, דער קאָפּ — ניט געשוירן, מיט אַראָפּהענגענדיקע פּאַסמעס, דאָס פּאָנעם, די הענט און די פיס געשוואָלן, די אויגן אָבער — באַזיניקט, כאָטש ניט זיכער אין דעם, וואָס דאָס מויל רעדט אַרויס. אַפּאַנאַס גאָווריִלאָוויטש האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר ס'איז ניטאָ וואָס זיך אײַלן, מע דאַרף די זאַך גוט אַרומטראַכטן. באַ זיך האָט ער באַשלאָסן, אַז לאַכמאַנדריידלס באַווײַזן זײַנען ווייניק, ווײַל אין אַזאַ נאַכט האָט אַפילו אַ קלאָרער מענטש געקאָנט איבערפּלאָנטערן די געשעענישן און די מענטשן, וואָס האָבן אין זיי אָנטיילגענומען. לאַכמאַנדריידל האָט מיט פאַרלײַכטערונג זיך אָפּגעזעגנט מיט אים און זיך געלייגט שלאָפן אין שטאַל.

אויפן אַנדערן טאָג, אין דער זעלבער צײַט, ווען אויף די רויִנען פון סלוטשניע האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל נאָך דער מילכאָמע באַגעגנט עלכאָנען און עזראַ, איז אין סלוטשניער דאָרפסאָוועט, אינעם בוך, וואָס דיסקאָנטירט די באַפעלקערונג, אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג, אַז דער בירגער פון סלוטשניע, וועלכן מע פלעגט ביזן קריג באַצייכענען מיטן נאָמען לאַכמאַנדריידל, ניט ווײַסנדיק, ווער ער איז אינדערעמעסן, איבער זײַן פסיכישער ניט-פאַרפולקומקײַט, האָט זיך אומגעקערט פונעם קריג אַ נאָרמאַלער אין געזונט, מיט אַ ספּראַווקע פונעם אַדמיניסטראַטיוון אָרגאַן פון זײַן געבורט-שטעטל (וועלכע ווערט צוגעלייגט), אַז זײַן עמעסער נאָמען און די פאַמיליע זײַנען מאָרדכע גרינבערג, דאָס יאָר פון געבוירן — טויזנט נײַן הונדערט נײַן. קיין אַנדערע ביאָגראַפישע ידיעס וועגן דעם בירגער מ. גרינבערג זײַנען ניט באַוווּסט. אויף ווײַטער וועט ער אין סלוטשניע ניט לעבן, וואָס עס איז די סיבע פון אויסשליסן אים פון די בירגערלעכע אַקטן.

פאַרנאַכט-צו האָט דער פאָרזיצער פונעם סלוטשנישער דאָרפסאָוועט אַפּאַנאַס גאָווריִלאָוויטש קאַפּילענקאָ צוליב עפּעס אַוועקגעשיקט זיך דורכגיין איבערן שטעטל דעם סעקרעטאַר, און יענער האָט אים געבראַכט די ידיִע, אַז דרײַ טוישווים פון סלוטשניע — שליוויניאַק, צאַמבער און טכאָר, וועלכע האָבן אין מעשעך פון די לעצטע עטלעכע טעג זיך אומגעקערט אין שטעטל, האָבן זיך באַזעצט אין אַ פּאַלאַטקע לעבן ברעג פונעם סלוטש. די דאָזיקע נײַעס, וואָס איז געקומען גלײַך נאָכן ניט-געוויינלעכן שמועס וועגן דער עקזעקוציע איבער די פאַרטיזאַנער אויפן שליאַך, האָט געצווונגען אַפּאַנאַס גאָווריִלאָוויטשן זיך פאַרטראַכטן. שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל פונעם טעלעפאָן, דעם איינציקן אין גאַנץ סלוטשניע און טשאַרטאָרישטשע, וועלכן ס'האָבן אײַנגעשטעלט די מיליטערישע פאַרבינדלער פון דעם טייל, וואָס איז געשטאַנען אין שכײנעסדיקן וואַלד, — און אָנגערופן דעם אַבאָנענט:

— כאַווע סוכאָדאָלסקאַיאַן, דעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר.

אין טרײַבל האָט זיך אָפּגערופן אַ פרויִש קאָל.

— וואָס מאַכסטו, טאָכטער? וואָס מאַכט דער טאַטע? — האָט אָנגעהויבן ניט געאײַלט אַפּאַנאַס גאָווריִלאָוויטש. — פאַרוואָס שלאָפסטו נאָך ניט?

אויף דעם צווייטן עק פונעם דראָט איז דאָס קאָל געוואָרן אומרויִק:

— ס'איז עפּעס געשען? און דו, פאַרוואָס שלאָפסטו ניט? איך האָב זיך געקליבן מאָרגן אינדערפרי דיר אָנקלינגען. די פּראָטעזן זײַנען שוין פאַרטיק. וועסט מוזן צופאָרן אויף אַ פּאָר טעג צו אונדז.

— שטיי, שטיי. וועגן אַלץ באַזונדער. איך נייטיק זיך אין דײַנער אַן אייצע. עפּשער וואָלסטו מאָרגן זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער? נו, און די פּראָטעזן זאָלסטו אַליין ברענגען, וועל איך זיי אָנמעסטן.

— ס'איז עפּעס געשען?

— קאָמיסאַר, ביסט געוואָרן אַ שרעקעוודיקע...
— וואָס דען, באַטקאָ? איז דו קלינגסט אָן באַנאַכט און רעדסט האַלבע ווערטער...
— פאַרוואָס האַלבע? ווילסט, וועל איך דיר קימאַט אַלץ זאָגן.
— קימאַט?
— ניין, אַלץ... וואָס מע קאָן זאָגן אין טעלעפאָן.
— זאָג.
עס קערן זיך אום קיין סלוטשאַניע פאַרשיידענע מענטשן. איצט זײַנען געקומען דרײַ נײַינקע. צוויי פון זיי — דײַנע און אַרכיפּס כאַווײרים.
— עס קאָן ניט זײַן! שליוניאַק? צאַמבער? ווער דען!
— שליוניאַק און צאַמבער. זיי וועלן זיך מאָרגן מינאַסטאַם אַרײַנאַוועון צו מיר. וויל איך...
— יאָ, יאָ. איך וועל קומען. האָסט גערעדט וועגן דרײַ...
— קום מאָרגן צו פאָרן, וועסטו אַלעמען זען.
— נו, באַטקאָ, ביסט נאָך אַלץ אַ קאָנספּיראַטאָר...
— קום, טאָכטערקע, כ'האָב זיך שוין פאַרבענקט.
— אַ גוטע-נאַכט, לייג זיך אַוועק שלאָפן, אַלטער לונאַטיק.
— אַ גוטע-נאַכט. זאָל גאָט דיר שיקן זיסע כאַלוימעס.

5

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט יעדערער פון אונדזערע דרײַ פּאַרשוינען, וועלכע זײַנען געשלאָפן בײַ דעם ברעג פונעם סלוטש, געזען זײַנעם אַ כאַלעם, אָבער בלויז בײַ אײנעם פון זיי איז ער געווען אַ גוטער — בײַ עזראַן.

ליגנדיק צוזיפּגעקנילט אונטער עזראַס שינעל און אַרײַנטעמענדיק דעם שווייסיקן אוועד פון די אייגענע און פון עזראַס לאַנג ניט געוואַשענע בגאָדים, וועלכע זיי האָבן אַף נאַכט ניט אַראָפּגענומען פון זיך, האָט עלכאָנען דערפילט, ווי טויט-מיד ער איז, און, אַראָפּלאָזנדיק זיך שוין אַפן סאַמע דעק פונעם שלאָף, האָט ער אויסגעזען אַזוי, גלײַך ער האַלט טאַקע בעעמעס באַם שטאַרבן: אויב אָנעמען דאָס, וואָס ער האָט געזען, פאַר אַ כאַלעם, דאַרף מען צוגעבן, אַז אָט דער כאַלעם איז געווען ענלעך אַף אַ לעצטער שלאַבע-ריקער דערמאָנונג פאַרן אָפּגיין פון דער וועלט, בײַס פון דעם גוף שוועבט עפּעס אָפּ. די זעונג איז באַשטאַנען פון דער קאַלימאַער קעלט, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין שום אויסזען, נאָר עלכאָנען האָט זי געזען, זײַענדיק שוין אַרײַנגעטאָן אין דעם צו-שטאַנד פון ענדע לעבן. ער האָט געזען קעלט אַרום זײַן אייגענעם אָטעם, אונטער די אויגן-לעפּלעך, בײַ די ליפּן, אַ גאַנצע קאַלימאַ מיט קעלט, און פון איר זײַנען אַרויסגעריסן און זיך צעשפּרייט פאַר די צוגעשלאָסענע אויגן צוזעדעשט דריבנעטשקע שטריכן פון אַ באַקאַנט געזיכט, דערנאָך דאָס גאַנצע געזיכט, אָן אַרופגעטאָנענס אַף אָט די שטריכן, ווי אַ שטיקל דורכזיכטיק גלאָז אַף אַ גרייטער פאָטאָגראַפיע, — אַ ברייט פּאָנעם, באַצוימט מיט אַ האַרטער, קורצער שטעכיקער באָרד. „פאַר אײַך וועל איך פאַרבלײַבן דער מויִשע, וואָס איז אַ היטער פון ייִדישע טויערן"... — האָט זיך צערעדט מיט אַ קאָל פון אַ פּיש דאָס פּאָנעם.

אין טשאַרטאַרישטשע, אין דער כאַטע, וואָס עס האָט פאַרנומען דער דאַרפסאָוועט, איז אַף אַן אָפּגעריבענעם דיוואַן, אַף וועלכן עס זיצן באַטאָג די באַזוכער, געלעגן אין אָט דער נאַכט אַ מענטש אָן ביידע פיס, אָן איבעריקס דיקער, דער זעלבער, פאַר וועמענס קאָפּ די דײַטשישע אַדמיניסטראַציע פונעם ראַיאָן האָט אין צוויי-און-פערציקסטן יאָר צוגעזאָגט אַ באַלוינונג פון 5 טויזנט מאַרקעס מעזומען. פאַרשטייט זיך, דער איקער פון אַלע איקאָרים באַשטייט אין דעם, וואָס דער באַטקאָ אָפּאַנאַס איז אַרויס פונעם וועלט-קריג אַ זיגער, און דאָך, צי ס'איז גוט צו ריידן וועגן דעם צי ניט, איז די מילכאָמע געווען פאַר אים אַ פּולע פּערזענלעכע קאַטאַסטראָפע. ער האָט פאַרלוירן אַלץ, אַרײַנגערעכנט אַ גרויסן טייל פון זיך אַליין. דאָס, וואָס ער איז איצט פאַר אַנדערע מענטשן — די פאַרקערפּערונג פון מעסירעסנעפעש און קויעך — קאָן ער ניט זײַן, בלײַבנדיק איינער אַליין מיט די אייגענע כושים און געדאַנקען. ער פּרוּווט אָפּט אָנשרײַען אַף זיך: באַטקאָ, נעם זיך אין די הענט! אָבער עס גיבן גלײַך צו וויסן זיך מעשונע ווילדע, נימעסע און נישטיקע קליינ-קײַטן, וועמענס צאָל איז צו גרויס, מע זאָל זיך מיט זיי ניט רעכענען.

פאַרן לייגן זיך אויפֿן דיוואַן האָט ער הײַנט פֿאַרגעסן אויפֿצוטאָן אַ באַדערפֿעניש, און איצט ווערט עס פֿאַר אים אַ שווערע זאַך, בעסער אָפּלייגן אויף שפּעטער. אויף ווען? ווי קומט עס, ער זאָל צום געלעגער פֿאַרגעסן אַריבערטראָגן דאָס נאַכט-טעפּל, אַרויסנעמען עס פֿון דעם שרײַבטיש, וווּ ס׳איז מיט כיטרעקײַט באַהאַלטן, קלוימערשט דאָס איז אַ פּעקל וויכטיקע פּאַפּירן? וויאַזוי זשע איצט אַראָפּקריכן פֿון אַזאַ הייך, ווידער זיך זעצן אויף די רעדלעך און, אָפּזוכנדיק צוערשט דעם שליסל, וואָס עס געדענקט זיך עפּעס ניט, וווּ ער ליגט, אַרויסבאַקומען פֿונעם זײַטיקן שאַפֿקעלע אין שרײַבטיש די טײַערע מעציע, דאָס נאַכט-טעפּל, און אויפֿטאָן די באַדערפֿעניש, מאַכנדיק דערבײַ שטילערהייט כויזעק פֿון זיך אַליין. דאַן שטייט נאָך פֿאָר זיך אָפּטיילן פֿון די רעדלעך און מיט די אייגענע הענט אַ וואָרף טאָן זיך, ווי אַ שטיק בעטגעוואַנט, אויפֿן אָפּגעריבענעם קאָזיאַנעם דיוואַן...

אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטש האָט נאָכן אומקערן זיך פֿונעם וואַלד ניט פֿאַרפֿירט קיין אייגענע שטוב. אַן אָקסאַנען און אַן זייער ביידנס אַרכיפּן, וועלכער איז געפֿאַלן אין וואַלד, האָט ער מער גאָרנישט ניט געדאַרפֿט, אויסער דעם, וואָס ער האָט איצט אויף דער אַרבעט: אַ דיוואַן, אַ טיש, אַ שאַפֿע און אַ טשײַניק מיט אָקרעפּ, וועלכן די אויפֿראַמערן זידט אים אויף אַלע אינדערפֿרי. דאָס איבעריקע — אַ לעפּל וואַרמעס, אַ באָד אין די פּרײַטיקס, אַ וועשערײַ — דאָס אַלץ איז אין טשאַרטאָרישטשע און אין סלאָטשניע געווען צוגענגלעך פֿאַר ניט קיין טײַערער פּרײַז — ער אַליין האָט עס אײַנגעפֿירט, קעדיי אַרויסהעלפֿן אין די ערשטע אומהיימלעכע כאַדאָשים דעם דעמאָביליזירטן אוילעם, וועלכער האָט דאָ נישט געטראָפֿן ניט קיין קרויווים, ניט קיין היים. די איינציקע האָפֿענונג בײַ אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטש איז געווען פֿאַרבונדן מיט כאַווען, זײַן ניעוועסטקע, וואָס בײַ די אוקראַיִנער איז עס אַ סאַך מערער, אײדער בײַ די ייִדן אַ שנור. כאַווע האָט אַפֿילע ניט געטראַכט וועגן ווידער כאַסענע האָבן. זי האָט אויף זיך גענומען דעם גוירל פֿון אַן אַלמאָנע אויפֿן גאַנצן לעבן, און איבער ס׳וועט טאַקע מעקויִעם ווערן אַפֿאַנאַסעס פּלאַן, אַז ער זאָל אַוועק אויף פּענסיע און זי זאָל פֿאַרנעמען זײַן אָרט אין טשאַרטאָרישטשע, דאַן וועט ער, מעגלעך, נאָך האָבן אַן אייגענע שטוב...

טראַכטנדיק וועגן דעם און ניט צומאַכנדיק די גאַנצע נאַכט קיין אויג, איז ער אָפּגע־לעגן ביזן ערשטן קרײַ און דאַן זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿונעם דיוואַן, גענומען זיך ברענגען אין אָרדענונג. אויפֿן גאַנעקל, לעבן דער אַרײַנגאַנג-טיר, האָט ער דערזען מאָרדכע גרינ־בערגן, דעם אַמאָליקן לאַכמאַנדריידלען, וועלכער איז געזעסן, אַרײַנגעטאָן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און זיך געקאָרטשעט פֿון קעלט, אָדער, קאָן זײַן, פֿון דעם שטענדיקן ווייטיק אין אַלע אייוורים. אין דער שײַן פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון האָבן בײַ אים די גראָווע אַראָפּהענגענדיקע פּאַסמעס האָר באַקומען אַ געלבלעכן אָפּגלאַנץ, גלײַך ווי זײַן קאָפּ וואָלט געווען אויסגעקלעפּט פֿון ליים, ער האָט דערציילט אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטשן אַ מאָדנע געשיכטע, און יענער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן צווייפֿלען אין דער קלאָרקײַט פֿון זײַנע געדאַנקען.

— די האַדיוקע... דער באַנדיט... אוי-אוי-אוי... איך האָב אים געזען... געזען...

— וועמען האָסטו געזען? וועמען?

— געזען, ער גייט אַהער... צו דײַן פֿענצטער! מוישקע טכויר... אוי-אוי-אוי... דער מאַלכאַמאָוועס זאָל אים נעמען...

— ווען האָסטו אים געזען?

— הײַנט באַנאַכט אים געזען... דעם פֿאַרשטעלטן! די האַדיוקע! אוי-אוי-אוי!

אויף אַ רעגע איז ער אַנשוויגן געוואָרן און, מאַכנדיק אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג, פּלוצ־לינג אַרויסגעזאָגט אָן אַן איבערשלאָג:

— לאָז מיך, באַטקאָ, דיר דערציילן. דער טכויר שטינקט פֿון לאַנג. באַנאַכט האָב איך אים געזען בײַ דײַן פֿענצטער. איך בין געשלאָפֿן דאָ-אָ אינעם סאַרײַ. מיטאַמאָל זע איך — ער גייט... גאַנוועט זיך... קוקט אַרײַן אין דײַן שטוב...

די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען הויך איבערן סלאָטש, און די טאָגיקע שײַן האָט, ווי געווײנלעך, ווידערשפּרעכט און צונישט געמאַכט דעם עצעם באַדן פֿאַר געהיימניסן און ניט נאַטירלעכקײַטן.

— וואָס דאַכט זיך דיר אויס, — האָט ווי געפֿרעגט אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטש, נאָר געמיינט האָט ער מיט דעם צו זאָגן: אָרעמער פֿלוידערזאַק. געווען לאַכמאַנדריידל און לאַכמאַנדריידל פֿאַרבליבן...

דער באַטקאָ אַפֿאַנאַס איז אָבער זיך ווידער טויע געווען, ניט גלייבנדיק אין די רייד פֿון מאָרדכע גרינבערגן.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש טכאָרן זיך געכאָלעמט, אַז זײַן טאַטע, אַרן דער ישוּווניק, לויפֿט אים נאָך מיט אַ דרענגל אין איין האַנט און מיט אַ שטריק אין דער צווייטער. ער שרײַט עפּעס, נאָר מע הערט ניט די ווערטער. אין טשאַרטאָרישטשע, לעבן דעם דאָרפֿסאָוועט, שטעלן זיי זיך אָפּ און דער טאַטע רופֿט צו צוויי זקיינעס און גיט זיי אָפּ דאָס דרענגל, זיי זאָלן עס האַלטן בײַ ביידע עקן איבערן קאָפּ. — קום אַהער, זוניו, — זאָגט דער טאַטע, און מע הערט גוט יעדעס וואָרט, — קום אַהער, האָב ניט מוירע. שטעל זיך אַוועק אַפֿן קלעצל און לייג אַרוף דעם שטריק אַף דײַן האַלדז...

מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש האָט זיך אופֿגעכאַפּט, אַ באַדעקטער מיט קאַלטן שווייס. זעט אויס, ער האָט געשריגן פֿון שלאָף, ווען דער טאַטע האָט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט מיט אַ דרענגל אין איין האַנט און מיט אַ שטריק אין דער צווייטער. זײַן געלעגער האָט זיך געפֿונען אין דרויסן, און דורך דעם טיר-דורכלויכט האָט ער דערזען אין דער פּאַלאַטקע עזראַן און עלכאָנענען, ווי זיי שלאָפֿן אונטער איין שינעל, נאָר די קעפּ זײַנען בײַ זיי אויסגעדרייט אין פֿאַרשיידענע זײַטן און אָפּגעווײַטערט צווישן זיך. עלכאָנען האָט געכראָפּעט מיט אַן אײַנגעבראָכנקײַט, בײַ עזראָן איז דער אָטעם געווען אַ גרינגער. די לעוואָנע האָט נאָך ניט דערגרייכט מיט איר גלײַכער שײַן צו דעם טיר-דורכלויכט אין דער פּאַלאַטקע, און דאָס האָט באַרויקט מיכאַיל אַנדראָנאָוויטשן: גאָרנישט שטערט ניט זײַנע געסט צו שלאָפֿן. זיי האָבן זיכער ניט געהערט, ווי ער שרײַט פֿון שלאָף.

ער איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן, און זײַן כאָלעם האָט זיך אומגעקערט. דער טאַטע האָט אים אונטערגעמונטערט: האָב ניט מוירע, זוניו... כ'וועל דאָס קלעצל ניט אַרויסשלאָגן פֿון אונטער דײַנע פֿיס, בעסער וועל איך עס אונטערצינדן מיט מײַן רויטער באָרד. ע, ביז וואָס-ווען, וועסטו דערווײַל שטיין אַ ביסל מיטן שטריק אַפֿן האַלדז און אַרומטראַכטן די זאַך. דערנאָך וועסטו, זוניו, הענגען אַזוי לאַנג פֿאַר די אויגן פֿון די מענטשן, וואָס ווייסן דעם עמעס, ווי לאַנג עס וועט נאָר לעבן אונדזער עמעסער נאָמען...

— טפֿו, אַלטע נעווײַלע! — האָט מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש אויסגעשפּיגן, קאָן זײַן אין כאָלעם און קאָן זײַן שוין נאָכן אופֿכאַפּן זיך פֿון שלאָף.

ער האָט געפּרוּווט אַפּילע זיך צעלאַכן אַף אַ קאָל. דעם אַלטנס מידעס זײַנען אים טאָמיד געווען פֿריקרע, יעדנפֿאַלס דאָס, וואָס דער אַלטער קלעפּט זיך צו אים. פֿאַר מענטשן פֿלעגט ער זיך שעמען. טראַכטנדיק איצט וועגן דעם, האָט ער זיך אויסגעקערע-וועט אַף דער צווייטער זײַט. דער טאַטע האָט אין דער מינוט אַראָפּגעריסן פֿון זיך די רויטע באָרד — אַ שטיק בראַנד און פֿײַער! — און אונטערגעטראָגן זי צום קלעצל. מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש האָט דערפֿילט, אַז די פֿיס ברענען אים. ער שטייט אַפֿן קלעצל אַ באָרוועסער, און ס'וואָלט נאָך געווען איבערצוטראָגן, אָבער דאָ קומט אָן דער מעשוגענער לאַכ-מאַנדריידל און טײַטלט אַף אים מיטן פֿינגער, און דערציילט אַלעמען, אַז אינדערעמעסן איז ער מוישע, דעם ישוּווניק אַרנס זון, — און ער האָט זיך אין שלאָף צעוויינט מיט אַ דין קעלעכל, דורך די ציין.

עלכאָנען האָט צווישן שלאָף און וואָר זיך מיעס אויסגעזידלט און צוגערוקט דעם קאָפּ נעענטער צו עזראָן. מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש איז געבליבן ליגן מיט אָפֿענע אויגן, אַ פֿלוצ-לינג וואַך געוואָרענער. די געדאַנקען זײַנען געווען בײַ אים קאַלטע און קורצע. אַוועקפֿאָרן פֿונדאַנען. אַנטלויפֿן. זיי אַלע, און דער מעשוגענער אויך, דרייען זיך מאָדנע אַרום אים... בעסער שוין גלײַך אַוועקגיין. דערווײַל איז אין אָט די ערטער נאָך אַ סומאַטאָכע... פֿאַראַן אַ מאַכט, און ניטאָ קיין מאַכט... אַפּילע קיין מיליציאָנער זעט מען דערווײַל ניט... קיינער וועט זיך ניט כאַפּן, אַז דאָ איז עפּעס פֿאָרגעקומען... אַ מענטש האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַהער אַף עטלעכע טעג... קיינעמס דײַגע ניט. וווּהין אַוועק? — פֿרעגט דעם ווינט...

ווען ער איז שוין געקומען צו אַ באַשלוס, האָט ער פֿונדעסטוועגן אָנגעהויבן זיך שטעלן פֿראַגן. וואָס טאָן מיט דער פּאַלאַטקע? אַלץ איבערלאָזן! און אַ צעטעלע מיט אַ שפּאַס: נעמט עס, איך לאָז דאָס איבער פֿאַר דעם לײַבלעך-אייגענעם שטעטל. דערווײַל קאָן איך אַף אָט די כורוועס מער גאָרנישט ניט אופֿבויען, איך גיי אופֿבויען דאָס לאַנד... נו, און טאָמער האַלט מען אים שוין דאָ אין אויג? ס'קאָן דאַך זײַן, אַז די צוויי כעוורע-לײַט זײַנען צו אים צוגעשיקט... עפּשער האָט לאַכמאַנדריידל דער מעשוגענער עפּעס אויסגע-פּלאַפּלט... אין שטעטל געפֿינען זיך שוין עטלעכע צענדליק מענטשן, מוז צווישן זיי זײַן כאָטש איין טשעקיסט... ווער? דער זעלבער באַטקאָ אָפּאַנאַס? אויב אַזוי, האָט דער מעשו-גענער געפֿונען דעם געהעריקן אַדרעס...

די לעוואָנע איז שוין געשטאַנען אַנטקעגן דעם טיר־אויסשניט אין דער פּאַלאַטקע. מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש האָט פֿאַרשפּיליעט דאָס ברעזענטענע טירל — זאָלן די קאָמענדיקע סלוטשניער שטאָט־באַלעבאַטים רויִק פּאָפֿן. באַ דער לעוואָנע־שײַן האָט ער אָנגעשריבן אַ קורץ צעטעלע, פּונקט אַזאַ, ווי ער האָט עס אַקאָרשט אַרומגעטראַכט, און ער האָט דאָס פּאַפּירל צוגעשפּאַרט מיט דער גלעזערנער באַנקע צום פּאַנירענעם קעסטל, וואָס האָט געדינט פּאַראַ טיש. אין רענצל האָט ער אַרײַנגעלייגט אַלע זײַנע זאַכן און נאָך גענומען מיט זיך דאָס קליינע לאָמיקל, וואָס ער האָט געפֿונען באַם טײַך בעשאַסן אַוועקשטעלן די פּאַלאַטקע.

אין טשאַרטאָרישטשע איז די לעוואָנע אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן. ווײַזט אויס, אַז אַרײַנלויכטן די שײַן אין געסל אַרײַן האָבן איר געשטערט די פֿריליִנגדיקע אויפֿגעוואַקסטע סעדער אַרום די כאַטעס און דער קלויסטער אויפֿן הויכן בערגל.

אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַרטײַעט באַם פֿענצטער פֿונעם דאָרפֿראַט, האָט מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש ניט געצווייפֿלט, אַז אָפּרייניקן פֿון וועג אַפֿאַנאַס גאַווריליאָוויטשן איז איצטער די גרינגסטע זאַך: ס'איז גענוג אַראָפּלאָזן איין מאָל דאָס לאָמיקל אויף דעם דאָזיקן אונטערגעהאַקטן קלעצל... און אויב אַוועקטראָגן דערנאָך דאָס לאָמיקל מיט זיך, איז ווער וועט קאָנען זאָגן, פֿון וואָס דאָס קלעצל האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אויפֿן דיל, עפּשער איז עס געווען אונטערגענעצט מיטן ביטערן טראָפּן? מיטאַמאָל אָבער האָט מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש דערהערט הינטער זיך אַ שאָרך, און ס'האָט דורכגעשווינדלט לעבן דעם סאַרײַ אַ שאָטן. די פּיס באַ מיכאַיל אַנדראָנאָוויטשן האָבן זיך אונטערגעהאַקט, ער וואָלט זיכער אַוועקגעפֿאַלן, נאָר דער פּאַכעד האָט אים צוגעגעבן קויעך און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן.

אין דער זעלבער צײַט האָט עזראַ געזען זײַן גוטן כאַלעם. ס'איז נאָך קיין מילכאָמע ניט געווען, דאָס שטעטל איז גאַנץ, כאַווע גייט אַרויס אויפֿן גאַנעקל פֿון איר שטוב און רופֿט צו זיך צו מיט אַ פֿאַרבויגענעם פֿינגער אים, עזראָן.

— פֿאַרשטייסט, — זאָגט זי, — אַרכיפּ שרײַבט זיך מאָרגן אויס פֿון שפּיטאָל, וועל איך נאָך איינדערפֿרי אַוועקגיין קיין טשאַרטאָרישטשע אַרויסצוהעלפֿן דער מומע אָקסאַנע...

דערנאָך כאַזערט זיך אַלץ איבער נאָכאַמאָל, און שוין אַ ביסעלע שנעלער. און ווידער — דאָס זעלבע, און נאָך שנעלער. אַזוי צען מאָל, צוואַנציק מאָל, דרײַסיק מאָל, און גיכער, גיכער, גיכער, ביז עס נעמט שווינדלען. נאָר אַלץ קומט פּאָר פּונקט אַזוי, ווי אין אָנהייב. עזראַ זעט אין שלאָף באַשײַמפּערלעך, אַז גאָרנישט פֿעלט ניט אין די איבערכאַזערונגען. עס קומט פֿאָר אַזוי, ווי בייס מע דרייט אַ פֿילם און איין קאַדער „פֿאַרטשעפּעט זיך" און נעמט שווינדלענדיק זיך אומקערן פֿיל מאָל צוריק.

עזראַ קוקט אַזוי לאַנג זײַן כאַלעם, ביז וואַנען אין דער באַגינענדיקער שטילקײַט דערהערט זיך אַ שטאַרקער גערויש פֿון אַ מאָטאָר.

דאָס טירל אין דער פּאַלאַטקע איז צוגעשפּיליעט, און עזראַ זעט ניט, וואָס אין דרויסן טוט זיך. לויט דער סאָלדאַטישער געוווינשאַפֿט, האָט ער, ווי בייס אַן אַליאַרם, אַרופֿגעצויגן די שטיוול, אויפֿוועקנדיק דערמיט עלכאָנענען. יענער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿונעם געלעגער, ווי גלײַך דאָס וואָלט פּאַרגעקומען אין באַראַק פֿון דעם אַרעסטאַנטן־לאַגער, ווען עס לויפֿט אָן אַן אומדערוואַרטער קאָנטראָל, און, דערזעענדיק, אַז עזראַ שלעפּט אויף זיך אַרויף, מיט אַן אָפּטן אָטעם, די שטיוול, האָט ער אָנגעהויבן פֿיבערדיק טרייסלען מיטן קאָפּ, קעדיי אָפּטרײַבן פֿון זיך אַ זעונג: מוישע שאַדאיס פּאָנעם, אַ באַזוימטס מיט אַ האַרטער באָרד.

— וואָס? שוין ווידער מילכאָמע? — האָט ער מיט בייזקײַט אַ פֿרעג געטאָן. — נאָך ניט זאַט מיט דער פּאָטערלענדישער?

אָנשטאָט ענטפֿערן כאָטש עפּעס־וואָס אויף דער אומגעלומפּערטער פֿראַגע, האָט עזראַ זיך גענומען באַ אים נאָכפֿרעגן, ווי באַ איינעם, וואָס איז אַרײַנגעקומען פֿון דרויסן:

— וואָס קומט דאָרט פֿאָר?

די טראַסקערײַ פֿונעם מאָטאָר האָט אויפֿגעהערט, און איצט האָבן זיך דערטראָגן אַהער מענטשלעכע שטימען. עלכאָנען האָט אָפּגעשפּיליעט דאָס ברעזענטענע טירל און, אײַנקוקנדיק זיך מיט ווייטיקלעכער אָנגעשטרענגטקײַט, געבליבן שטיין פֿאַרגליווערט. עזראָ האָט אים אַ טאָרע געטאָן:

— וועמען האָסטו דאָרט דערזען?

עס האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פֿון אַ פֿרוי:

— גוט-מאָרגן, כאַווער! מיר פֿאָרן דאָ פֿאַרבײַ, און מיטאמאָל א פּאַלאַטקע! אין סלוטשניע א פּאַלאַטקע... אנטשולדיקט, מיר האָבן אײַך אופגעוועקט...

עלכאָנען האָט האסטיק צוגעמאכט דאָס טירל און זיך א וואָרף געטאָן צו עזראָן:

— כאַווע!

6

אין אָט דעם דאָזיקן הויכפּונקט פֿון דער סיפּער-האמײַסע, ווען עס ווערט קלאָר, אז קיין סלוטשניע זײַנען זיך צונויפגעקומען די וויכטיקסטע פֿון די געשילדערטע פּאַרשוינען, ווײַל דער לייענער באקומען אן ענטפֿער, לעכאָלהאָפאָכעס, אף צוויי פּראַגן. צי וועט צו שטאנד קומען אַפּאַנאס גאוורילאָוויטשעס האָפענונג איבערצוגעבן כאַווען די אינײאָנים אינעם דאָרפסאָוועט? — דאַן וואָלט די ווײַטערדיקע האנדלונג זיך פּאַרגעזעצט טאקע דאָ, אין סלוטשניע, ווײַל עס זעט אויס נאַטירלעך, אז ווו ס׳וועט זײַן כאַווע, דאָרט וועלן זיך אופהאלטן אויך אנדערע. די צווייטע פּראגע איז אזא: וועלכע געשעענישן וועלן אף ווײַטער פּאַרקומען ארום טכאָרן?

עס איז גאנץ טשיקאווע, וואָס גראָד אָט די ניט-פּאָשעטע, מע קאָן אפילע זאָגן, פּאַרפּלאָנטערטע פּראגן האָבן בײַס דער ערשטער באגעגעניש באם באטקאָ אין דאָרפסאָוועט לײַכט געפונען אן ענטפער, אין דער צײַט, ווען עס איז פֿון די ערשטע רייד אופגעקומען א נײַע פּראגע, און זי וועט עס פּאַרנעמען דאָס גרעסטע אָרט אין אונדזער ווערק. ווײַגן דעם אָבער — עטוואָס שפּעטער...

צונויפגעקומען זיך בא אַפּאנאס גאוורילאָוויטשן איז מען זיך באלד נאָך דעם, ווי כאַווע האָט, פּאַרבײַפּאָרנדיק דאָס בערגלדיקע אָרט באם סלוטש, אָפּגעשטעלט די מאשין בא טכאָרס פּאַלאַטקע. דער שאָפער פֿונעם גאזיק איז דאָ ניט-ווילנדיק געווען אן איידעס פֿון אזוינס, וואָס וועט אים מיסטאמע שוין שטיין פּאַר די אויגן דאָס גאנצע לעבן. די צוויי אומבאַקאנטע מאנצבלען און די פרוי, זײַן הויפּט-נאטשאלניצע, האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין טרערן און ביכלאַל זיך אופגעפירט, ווי אזעלכע, וואָס האָבן פּאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך. ווען זיי האָבן זיך עטוואָס בארויִקט און מע האָט שוין געקאָנט ווײַגן עפּעס שמועסן, האָט כאַווע זיך צעשריגן מיט אלע קויכעס, אז זי ווײַל גאָרנישט ניט הערן און גאָרנישט ניט זאָגן, נאָר מע זאָל טייקעף אומעיאָד זיך ארײַנזעצן אין דער מאשין און פּאָרן צום באטקאָ. אין דעם גאזיק האָט מען זיך ווידער געקושט און געהאלדזט און באגאָסן זיך מיט טרערן, געהאלטן אין איין דערמאָנען זיך, וועמענס שטוב עס איז געשטאנען אפֿן אָרט, דורך וועלכן זיי פּאָרן איצט דורך. און טאקע גלײַך אויסגערעכנט אף די פינגער די מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט, און גענומען ארײַנשושקען איינער דעם אנדערן אין די אויערן אויסטערלישע און אויך געווײנלעכע מײַסעס וועגן דער אופירונג און וועגן די מידעס פֿון אָט די מענטשן, און געלאכט און געוויינט.

— גאָטעניו בארעמהאַרציקער, — האָט אויסגעשריגן כאַווע, דערזעענדיק אפֿן גאנעק פֿונעם דאָרפסאָוועט אַפּאנאס גאוורילאָוויטשן און ווארפנדיק זיך גלײַך פֿון דער מאשין צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט: ווײַזט אויס, אז דער טרויער איז שוין געווען אזוי גרויס און ער האָט זיך מאמעש איבערגעגאָסן איבער דעם הארצן, אז פּאַרשטעלן זיך כאָטש וויניט-איז פֿון אים האָט מען געקאָנט בלויז מיט א שפּאַסל, — גאָטעניו, הארציקער פּאָטער, — האָט זי מיט א שמייכל א בענטש געטאָן, — דו ווייסט דאָך גוט, אז מיר האָבן אנטלויִען דער מילכאָמע א גאנצן באטקאָ, איז ווי האָסטו דערלאָזט, אז אומגעקערט האָט זי אים אונדז ווייניקער מיט צוויי פיס...

דער באטקאָ אַפּאנאס האָט אָנגעשריגן אף כאַווען, וואָס זי איז אזוי פרי געקומען צו פּאָרן, מיסטאמע שוין די גאנצע נאכט ניט געשלאָפן, און וואָס זי האָט געבראכט מיט זיך, אויסער די פּראָטעזן, א גאנצן קויש מיט עסנווארג. די צוויי יונגלעך האָט ער דערקענט, אָנגערופן זיי בא די נעמען און, ניט אָפּלייגנדיק אף שפּעטער, דערציילט א פּאָר איינצלהײַטן, וויאזוי עס זײַנען אומגעקומען זייערע מישפּאָכעס.

מע האָט זיך גלײַך אוועקגעלאָזט צו די ברידער-קוואָרים. דער שאָפער האָט פּאַרפירט דעם גאזיק, נאָר אַפּאנאס גאוורילאָוויטש האָט געזאָגט מיט ביטערניש אין קאָל:

— צו טויטע גייט מען צופוס... בלויז איך וועל פּאָרן אף מײַנע רעדלעך.

איבערן שטעטל, פֿאַרנעמענדיק זיך צוערשט צו דער כורווע, וואָס האָט אַמאָל זיך גערופֿן פּאַלאַץ, זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק, סײַ מוירע האָבנדיק אַף עפּעס אָנצוטרעטן, ווי מע גייט איבער אַ פֿאַרמינירט אָרט, סײַ סטאַרענדיק זיך גאָרנישט ניט אַרומגיין, קעדיי פֿון יעדן קופּקעלע ברוכווארג מיטנעמען מיט זיך כאָטש דעם שטויב אַף די שיך. דער הימל איבער סלוטשניע איז געווען פֿול מיט זון, און אין איר בלענדנדיקער שײַן האָבן גענומען זיך אַרויסווײַזן פֿון דעם ברוכווארג שטיקלעך גלאָז, מעש און אײַזן און אויך רעשטן פֿון שפּיגלען און פֿון קאָלערלײַ אָפּגעשליפֿענע זאַכן, און דאָס אַלץ האָט אָנגעהויבן זיך מינען און איבערוואַרפֿן זיך מיט שטראַלן, אַרויסגעבן אַ סימען פֿון לעבן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס צעבראָכענע אַף שטיק-שטיקלעך שטעטעלע הייבט אָ צו פֿילן די מידע טריט פֿון די עטלעכע מענטשן איבערן באָדן, אַף וועלכן עס איז אַמאָל געשטאַנען, און דאָס מאַכט צו פֿינקלען די שוין אַרײַנגעטראָטענע אין דער ערד שטיקער בלעך און צעדרויבלטע טאַפֿליעס, די הערעלעך אין צעבראָכענע עלעקטרישע לעמפּלעך, די אויסגעריסענע פֿון מאַלבושים קנעפּ, און די פֿאַרברודיקטע מיידלשע קעמעלעך און שפּילקעס, די פֿאַרזשאַווערטע טיר-קליאַמקעס, קייטעלעך און שלעסער, די אויסגעגעסענע אַף דורך און דורך מעטאַלענע געפֿעסן און עמערס, די צעקוועטשטע און באַדעקטע מיט גרינעם זויערס מעשענע סאַמאָווארן, טאַצן. קורץ, אונטער די שטראַלן פֿון דער זון האָט זיך דאָס שטעטל, ווי אַ ריר געטאָן, נאָר אַף מערער האָט עס ניט געהאַט קיין קויעך...

די עטלעכע מענטשן זײַנען געגאַנגען איבער די אַמאָליקע געסלעך, וואָס האָבן זיך אופֿגעהאַלטן בלויז אין זיקאָרן, ניט געהאַט קיין מאַמאָשעס אַף דער ערד. גייענדיק, האָבן זיי עס גוט פֿאַרשטאַנען, און דאָך האָבן זיי שיר ניט פֿאַרלאָרן דאָס געפֿיל פֿון רעאַלן, ווען דאָ און דאָרט האָט זיך פֿון די כורוועס אָפּגעטיילט נאָך איין לעבעדיק ווען, צושטייענדיק צו זיי, ווי עמעצנס אַ שאָליעך אַף דער טרעפֿונג מיט די געטייטע קינדער, וועלכע וועט באַלד פֿאָרקומען, איידער נאָך מע וועט גיין זיך זען מיט די עלטערע קדוישים.

צו דעם אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען דער אינווייניקסטער זאַל פֿונעם פּאַלאַץ, איז מען געקומען, אַריבערקלײַבנדיק זיך מיט גרויס מי איבער בערג ציגל, מאַרמאָר, גלאָז און ברעטער, און דער זאַל איז דערקענט געוואָרן לויטן הויכן קופּאָל, וואָס איז געווען איבער אים אינעם פּאַלאַץ און איצט איז ער פֿאַרשטעקט מיט אַ שטיק הימל, ווי אַ פֿלאַש אָן אַ העלדזל — מיט אַ שמאַטקעלע. ווו-ניט-ווו האָבן נאָך אין די ווינקלען זיך געוואַלגערט העלצלעך פֿונעם פּאַרקעט, נאָר דער גאַנצער דיל און אַלץ, וואָס איז אַף אים געשטאַנען, צוזאַמען מיט די עטלעכע הונדערט קליינע קינדער, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דער טיפֿער גרוב בייסן אופֿרײַס, און דאָרט האָט מענטשנלײַב, בעטאָן און דעמבן-געהילץ זיך צעריסן אַף שטיקלעך.

דער ערשטער אָנזאָג צו די קינדער-קדוישים, אַז מע איז צו זיי געקומען, איז געווען אַ שטיקל פֿאַרדאַרטע ליים, וואָס האָט פֿון אונטער עמעצנס אַ פֿוס זיך אַראָפּגעקײַקלט אין טהאָם אַרײַן. קיין קלאַפּ האָט מען ניט געהערט — קאָן זײַן, אַז דאָס שטיקל ליים האָט זיך ערגעץ פֿאַרהאַלטן, און עפּשער האָט די גרוב ניט געהאַט קיין סאָף... די שטילקײַט האָט געדראָעט, ס'זאָלן צעריסן ווערן די אויערן. טאַקע פֿון איר, פֿון דער שטילקײַט, האָט זיך אַרויסגעשרויפֿט אַ שוואַך פֿרויִיש קאָל, ניט צו דערקענען נאָך, אַז דאָס איז אַ געוויין, נאָר אין אַ מינוט, צי צוויי אַרום האָט זיך דאָס קאָל דורכגעשלאָגן דורכן צונויפֿגעדריקטן האַלדז פֿון דער וויינערן, און אַלע האָבן דערזען, אַז עס ליגט, ווי אונטערגעקאָסעט אַף דעם ברוכווארג, כאווע, און דאַן האָט איר געוויין זיך צעשפּרייט און זיך אופֿגעהויבן און גענומען נידערן אין דער גרוב אַרײַן. קיינער האָט אַפֿילע קיין טראַכט ניט געטאָן, אַז זעט, דער פּאַרטיזאַנישער קאָמיסאַר האָט זיך מיטאַמאָל צעיאָמערט, אַזוי האָט כאוועס געוויין זיך געפּאַסט צו דעם געמיט-צושטאַנד פֿון יעדערן דאָ, בא דער פּאַלאַץ-גרוב.

שווער צו זאָגן, וואָס עס איז געווען אַלגעמיינס צווישן דעם אַנידערפֿאַלן פֿון כאווען און דער אופֿירונג פֿון אירע צוויי יוגנט-פֿרײַנט, נאָר דאָס אַלץ איז פֿאָרגעקומען אין איין אויגנבליק און האָט צום ערשטן מאָל, זינט זיי האָבן זיך הײַנט באַגעגנט, דערמאָנט אין די אינטימע טיפֿקײַטן פֿון זייער צוזאַמענבונד. ווען עלכאָנען און עזראָ האָבן זיך קימאַט אײַנצײַטיק אַרײַנגעגליטשט אין דער גרוב און דאָרט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט כאוועס געוויין אַהין זיי נאָכגעפֿאָלגט. אָפּאַנאַס גאַווריליאָוויטש האָט אַלץ אופֿגענומען אַזוי, ווי מע וואָלט פֿון פֿריִער וועגן דעם זיך צונויפֿגערעדט. די צען-צוועלף מאַנצבלען — קיין פֿרויען זײַנען נאָך אין סלוטשניע ניט געווען, — וואָס זײַנען אין וועג צוגעשטאַנען צו דער פּראָצעסיע, האָבן אים אַרומגערינגלט און זיך אופֿגעפֿירט מיט פֿאַרשטאַנד, וואַרטנדיק אַף עפּעס.

פֿון דער גרוב האָט פֿריִער שטיל, דערנאָך אָנוואַקסנדיק און שנײַדנדיק-הויך זיך געטראָגן דער אייל מאָלע ראַכמים, וועלכן ס'האָט געמאַכט ניט מיט זײַן קאָל עלכאָנען. אויבן

האָט ווי מיט א פארשטאָפּטן גאָרגל איבערגעכאַזערט יעדעס וואָרט באַזונדער מאָרדכע גרינבערג, וועמען די געקומענע האָבן שוין דאָ געטראָפן. עלכאָנען האָט זיך ווי געײַלט פארענדיקן די טפילע. ער איז פּלוצעם שטיל געוואָרן. אלע האָבן אופגעציטערט פון דעם אויסגעשריי „אוי-ווי-ווי!", וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון מאָרדכע גרינבערגס ברוסט, בייס ער, גרינבערג, האָט שוין געהאַלטן באַם אוועקלויפן אין ערגעץ, צופאַלנדיק דערבײַ צו דער ערד און אָנכאַפּנדיק זיך בא ארויסשטאַרצנדיקע ציגל און אײַזערנע פּרוטעס.

עזראָ האָט מיט גאָרנישט ניט געגעבן וועגן זיך צו וויסן.

צוריק פון דער גרוב זײַנען עלכאָנען און עזראָ ארויסגעקראָכן, אונטערהאַלטנדיק איינער דעם אנדערן. זיי זײַנען געווען אײַנגאַנצן ווײַס פון עפּעס א ניט-ערדישן — אונטערערדיש-פארלעגערטן שטויב. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז זיי זײַנען ארויס פון א מיל. עלכאָנען האָט געהאַלטן די אויגן אראָפּגעלאָזט און איז, דאכט זיך, געווען בלויז פארטאָן מיט שלעפּן נאָך זיך עזראָן, בא וועמען ס'האָט געציטערט דאָס גאַנצע לײַב, ווי גלײַך ער וואָלט אָקאָרשט זיך אראָפּגעלאָזט ניט אין א טרוקענער גרוב, נאָר אין אן אײַז-קאַלטער פּאָלאָנקע פון א פארפרוירענעם טײַך. כאַווע איז שוין געווען באַרויִקט. זי איז צוגעגאַנגען צום באטקאָ אָפּאַנאַס און א שעפּטשע געטאָן אים אין אויער:

— וואָס גיכער אהיים. דו הערסט?

— יאָ, יאָ, טאָכטער. שוין צײַט גיין אהיים.

כאַווע האָט גענומען עזראָן און עלכאָנענען אונטער די אָרעמס. אָפּאַנאַס גאַווריליאָוויטש האָט מיט דער הילף פון צוויי אנדערע מאַנצבלען זיך איבערגעקליבן מיטן וועגעלע איבער דעם ברוכוואַרג, אזוי ווי ער האָט עס געטאָן, ווען מ'איז געגאַנגען אהער. כאַווע האָט זיך אײַנגעגעבן ארויסציִען פון דעם ביז לעצט דערשיטערטן עלכאָנענען עטלעכע ווערטער. זי האָט זיך דערוווּסט, אז די גרוב איז ניט אזוי טיף, ווי ס'האָט אויסגעזען פון אויבן, זי איז נאָר פארשאָטנט, און מע זעט אין איר גאָרניט. קוקנדיק אף כאַווען מיט פאָרוואורף, האָט עלכאָנען ארויסגעשטאַמלט:

— ארום און ארום ליגט אָנגעוואַלגערט ערד, נאָר די ביינדעלעך זײַנען ניט פארשאָטן...

— מע וואַרט אף דער מעלוכישער קאָמיסיע, דאַן וועט מען מאכן די עקסגומאציע... — האָט כאַווע געענטפערט, כאָטש עלכאָנען האָט קיין פראַגע ניט געפרעגט. ער האָט פארגעזעצט ריידן שטיל און דערשלאָגן:

— אזויפיל צײַט שוין דורכגעגאַנגען, און מע וואַרט נאָך אלץ...

כאַווע איז בלאַס געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך אין א לעצטן שמועס, וועלכן זי האָט געהאַט אין געגנטלעכן צענטער. דער פאָרשטייער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע אף אויסצופאָרשן די פארברעכנס פון די פאשיסטן, וועלכער האָט ערשט זיך אומגעקערט פון א שכיינעסדיק שטעטל, ווו די עקסגומאציע האָט זיך פארצויגן, האָט מיט צערייצטקײַט איר געזאָגט, אז זי פאָדערט דאָס, וואָס עס איז אומעגלעך צו פארווירקלעכן. ער האָט ניט קיין רעכט צו ברעכן דעם גראַפיק, — און ער האָט גראָב זי באַשולדיקט אין דעם, אז זי איז א מיליץ-יווישער בלויז פאר דעם אייגענעם שטעטל. אף דעם האָט זי געענטפערט מיט שאַרפע ווערטער, און ביכלאַל איז בא איר פון אָט דעם שמועס געבליבן א געפיל, אז ס'איז געגאַנגען א דינגערײַ ארום די מאַסן-קוואָרים. איצט אָבער האָט זי געענטפערט עלכאָנענען, אזיווי זי וואָלט אליין געווען א פאָרשטייער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע:

— אזעלכע גריבער זײַנען פאראַן אין יעדן שטעטל... דער דײַטש האָט קיין גריבער ניט געזשאַלעוועט...

זי האָט א טאָרקע געטאָן מיטן עלנבויגן עזראָן. צו אים איז ערשט איצט דערגאַנגען, וואָס פאר א גוירלדיקע געשעענישן עס זײַנען פאָרגעקומען אין זײַן לעבן פאר דעם לעצטן מעסלעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט א נאָגנדיקן געפיל זיך ארומגעקוקט. זיי גייען אינדרײַען, אלע דרײַ — לעבעדיקע, עמעס, געענדערטע אינעם אויסזען און אנדערש אָנגעטאָנענע, אָבער אין טאָך קאָן מען, קוקנדיק אף זיי, מיינען, אז דאָס איבערגעריסענע מיצאַד דער מילכאָמע לעבן ווערט פאָרגעזעצט אזוי ווי געווען. וועגן כאַווען און עלכאָנענען האָט ער פאר די עטלעכע שאָ זיך דערוווּסט קימאַט אלץ, וואָס עס איז פארלאָפן מיט זיי אין דער מילכאָמע, און דאָך איז עס אים נאָך ווייניק, זייער ווייניק. כאַווע זעט אויס א ביסל אָפּגעפרעמדט. ניין, זי איז ניט אזא, ווי ער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. דאָס רעגנמאַנטל, די כראָמאָווע שטיוול און די אונטערגעשוירענע, ווי בא א מאַנצבל, האָר, אָן א פאַטשיילע אָדער היטעלע, מאכן זי האַרטער, איידער אמאָל, און איר אופירונג זעט אויס ניט אזוי היי-

מיש. דערצו נאָך האָט מען דערוויַל זי געהערט ריידן בלויז אויף רוסיש, אין דער צייַט, ווען אַלע זייערע יאָרן האָבן זיי צווישן זיך געוויינלעך גערעדט יידיש.

פונקט ווי ענטפערנדיק אויף זיַינע געדאַנקען, האָט כאַווע אים אַ שלעפּ געטאָן, ער זאָל ניט שטיין אויף איין אָרט, און דערביַי אַ זאָג געטאָן אויף יידיש:

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? נו, יאָ, מיר האָבן זיך דאַך ניט געזען אַ שאָק מיט יאָרן...

אַ שאָק מיט יאָרן... און פּאָר אָט דער צייַט איז געשען דאָס, וואָס זיי האָבן אַקאָרשט ווידער איבערגעלעבט אינעם פּאַלאַץ.

צוביסלעך, גייענדיק איבער די כּורוועס, האָבן די מענטשן זיך אָפּגעגעבן דעם זון־באַהעלטן טאָג. מ'האָט געגומען זיך איבערוואַרפן מיט ווערטער, אַרומרעדן די לעצטע סוואַד־קעס פונעם פּראָנט, צוזאַמען אופשטעלן אין זיקאָרן דעם אַמאָליקן אויסזען פונעם שטעטל. עזרא האָט דערפילט, אַז כאַווע האַלט אים שוין ניט אונטער דער האַנט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז עלכאָנען דערציילט עפּעס אָפּאַנאַס גאָווריליאָוויטשן און כאַווע, און יענע זיַינען שטאַרק פון דעם צעטומלט. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער, און כאַווע האָט אים שטיל געזאָגט:

— האָסט געהערט? עלכאָנען איז אָט די אַלע יאָרן אָפּגעזעסן אין אַ שולד אין לאַגער. אַך, אומגליקלעכער, אומגליקלעכער עלכאָנען!

עזרא האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, וואָס עס האָט באַטייַט, אַז ער ווייסט שוין אַלץ און עס טוט אים אויך ווי דאָס האַרץ פאַר עלכאָנענען. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים, וויַזנדיק מיט דער האַנט אויפן פּאַלאַץ, וועלכער האָט פונדער־ווייַטנס אויסגעזען אַזוי, גלייך ער וואָלט נאָך געווען גאַנץ און די מענטשן אין אים זיַינען פאַרטאָן אין וואָכעדיקן לעבן:

— דאָס איז, קאָן זיַין, דער איינציקער ברידער־קייווער אויף דער וועלט, וואָס שטייט אויפן צום הימל...

— דער קינדער־קייווער... — האָט אַרייַנגעשטעלט כאַווע.

זי האָט אופגעציטערט און, אייַנקוקנדיק זיך אָנגעשטרענגט אין עזראס פּאָנעם, אַרויס־געשטאַמלט:

— עזרא, טייַערער... דאָ פילט מען באַזונדערס שטאַרק, אַז יידן זיַינען אויסגעהאַרגעט...

דער געדאַנק וועגן דער גרוב אין פּאַלאַץ האָט עזראן ניט אָפּגעלאָזט פון זיך, און צו אים איז נאָך ניט דערגאַנגען דער אַלץ־אַריַינעמענדיקער יִיעש פון כאַווס ווערטער.

— ברידער־קוואָרים, כאַווע, זיַינען געווען אין אַלע צייַטן, זינט מענטשן קריגן זיך... — האָט ער געצויגן וויַיטער זיַין געדאַנק. — אָבער ברידער־קוואָרים פאַר איינע קינדער!.. דאָס האָט צוגעטראַכט בלויז אָט די דאָזיקע פאַרשאָלטענע מילכאָמע... די פאַשיסטן.

כאַווע האָט געגרעדט אירס:

— איך ברידער־קוואָרים פאַר גאַנצע פעלקער... נאָך איין ביסעלע, און דאָס יידישע פאָלק, אַזוי ווי סע שטייט און גייט, וואָלט געלעגן אָט דאָ־אָ, אַרומגענומען מיטן שטעטעלע...

זי האָט אַ קרעכץ געטאָן און, אָפּשטעלנדיק זיך אַ שטאַרק בלאַסע, אַריַנגענומען אין איר שוין פאַרגרעבטער, אָבער נאָך מיידלש־שמאָלער האַנט די דריַי מעדאַלן אויף עזראס באַקי־העמדל, און שטרענג געפרעגט:

— וואָס וועט זיַין וויַיטער, סאָלדאַט? וואָס וועט זיַין! — האָט זי אויסגעשריִען.

עזרא האָט פאַרדעקט איר האַנט אויף די מעדאַלן מיט זיַינער:

— כאַווע, מע דאַרף פריִער פאַרענדיקן די מילכאָמע. זי האָט נאָך, זעט אויס, ניט אויסגעפּרוווט אַלע קויכעס אונדזערע.

אין דער זייַט פונעם סלוטש, עטוואָס וויַטער פון דעם אַנטקעגנליגנדיקן ברעג, דאָרט, ווו עס גייט אַוועק דער וועג אויף נאָוואָגראַד־וואָלינסק, האָט שוואַך אַ דונער געטאָן. פון אונטער די אָנגעלאָפענע כמאַרעלעך האָט פונקט ווי דערהערט זיך אַ שלוקערץ אָדער אַ זיפץ, ווען דאָס דונערל האָט זיך איבערגעבאַזערט אויף דעם פרעמד־ראַכוועסדיקן וויַטלעכן הימל, פון וועלכן ס'איז געקומען אַהער אַן אַנדער שייַן, ניט פון דער זון, נאָר פון אַ בליץ. עזרא האָט זיך אייַנגעקוקט אין די יאָגנדיקע, קאַרג באַלויכטענע כמאַרעלעך, הינטער וועלכע ס'האָבן זיך געצויגן צו דער ערד שיטערע פּאַסן פון אַ טונקלקייַט, און, ניט ווענדנדיק זיך צו קיינעם, געזאָגט:

— ס'וועט זיַין אַ רעגן...

כאַווע האָט אומגעריכטערהייט זיך צוגעדריקט צו אים:

— עזרא, דו ווילסט גייען צוריק אויפן פּראָנט?

— וואָס דען?

— דו האָסט זיך שוין אויסגעהיילט?

— די דאָקטוירים זאָגן, אַז ניין.

ניט אָפּטרעטנדיק פון אים, האָט זי געשעפּטשעט אָן אַ פאַרבינדונג מיט דעם, וועגן וואָס זיי האָבן אָקאָרשט גערעדט. גיכער פון אַלץ האָט זי זיך דערמאָנט אין די פריִערדיקע רייד, בייס עלכאָנען האָט געקוקט אַף איר מיט פאָרוואָרף און אויסגעשטאַמלט: „דיביינדעלעך זײַנען ניט פאַרשאָטן"...

— יאָ, עזראַ, — האָט זי געשעפּטשעט, — די מילכאָמע האָט נאָך ניט אויסגעפּרוּווט אַלע אונדזערע קויכעס... הײַנט האָט זי אונדז געבראַכט צו דער אָפענער גרוב, וואָס איז פול מיט גלידערלעך פון די קינדער. פון דעם קאָן מען בא זיך אַראָפּפאַלן, אָבער מיר טראַכטן אַנדערש... די גרוב איז ביז איצט ניט פאַרשאָטן, דאָס אָפּגעראַטעוועטע לעבן וואַרט, אַז די נעשאָמעלעך זאָלן זיך צוריק אומקערן פונעם הימל און צונויפנעמען די צעריסענע גופעלעך...

— דײַנע ווערטער וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, כאַווע...

זי האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן אין פּאָנעם, געוואָרן שטײַפער, באַדאַכטער און מיט כידעש געפרעגט:

— דו ביסט אויך געוואָרן אַף דער מילכאָמע סענטימענטאַל?

— אויב מע קאָן אַזוי אָנרופן אַ באַזונדערע פילבאַרקײַט צום לעבן און צום טויט... צו אַלץ, וואָס אונדז איז אויסגעקומען אויסצושטיין...

כאַווע האָט צוגערופן עלכאָנענען און גענומען ריידן גיך-גיך, מיט אַ סוידעסדיק קאָל, האַלטנדיק ביידע מאַנצבלען אַרומגענומען אַרום די אַקסלען:

— טײַערע מײַנע, איינציקע מײַנע יאַטן... לאָמיר זיך שווערן, אַז מיר וועלן אָנהייבן אונדזער נײַ לעבן, בא די געהייליקטע קוואָרים.

ביידע האָבן געענטפערט, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, ברומענדיק עפּעס, הוסטנדיק פון אומגעריכטקײַט, וואָס פאַר זיי שטייט כאַווע, און זי האַלט זיי אַרומגענומען, און דער שמועס גייט פון אָטעם צו אָטעם, אַזוי ווי דעמלט, בא כאַוועס אײנעם ענגן צימערל, אין לעצטן פאַרנאַכט פאַר דער מילכאָמע. כאָטש דער ענטפער האָט ניט געהאַט אין זיך קיין שום צוזאָגן און פאַרפליכטונגען, האָט מען דאָך געדאַרפט אים פאַרשטיין, ווי אַ שוווּע.

עלכאָנען האָט מיט אַ פאַרשטיקט קאָל אויסגעשריגן:

— יאָ-יאָ, בא די געהייליקטע קוואָרים!

עזראַס ווערטער האָבן געקלונגען אַנדערש:

— יאָ, כאַווע. שטעלן אַ דענקמאָל דעם געהאַרגעטן שטעטל!

אין דער דאָזיקער רעגע האָט אײנעם שמועס גענומען ווייען אַ קאַלט ווינטעלע, וואָס האָט דערווײַל נאָך קוים-קוים צעוויגט די געמיטער, אָבער גאָר אײנקורצן (ס'וועט זײַן גענוג, אַז אונדזערע העלדן זאָלן דערגיין ביזן דאָרפסאָוועט און נאָכדעם זיך אַוועקזעצן צום טיש) וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז גראָד אָט דאָס דאָזיקע ווינטעלע איז בעקויעך צו צעוויגן און צעשויבערן געפערלעך דעם פּלאַנץ פון זייער אַמאָליקער אײַנפאַרשטענדעניש און צו־זאַמענלעבונג, און דאָס איז גענוג, אַז אין אונדזער ווערק זאָל צווישן עזראָן און עלכאָנענען זיך באַווײַזן אַן אָפּגרונט, און ס'וועט ווערן באַשײַמפּערלעך די מעכיצע, וועלכע עס שאַפט צווישן זיי אַ ביז איצט ניט דערמאָנטע און אַף אַ קעגנזײַטלעכן אויפן פאַרענטפערטע פראַ־גע, וואָס וועט אָפּרוקן אַפן הינטערשטן פּלאַן אַלע איבעריקע פראַגן און פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט.

פון זינט עזראָ און עלכאָנען זײַנען נעכטן פאַרנאַכט צוגעקומען צו מיכאַיִל אַנדראָנאָ־וויטשעס פּאַלאַטקע באַם סלוטש, האָט זיך צווישן זיי אײַנגעשטעלט אַ רויִקע שטימונג. באַזונדערס האָט זיי דערנענטערט דאָס איבערשלאָפן די נאַכט אונטער איין שינעל. איצט אָבער, בייס עזראָ האָט צוגעגעבן זײַנע עטלעכע ווערטער צו דער שוווּע, איז, ווײַזט אויס, אויפגעשווומען אַן אַלטער פאַרדראָס, אָדער עס האָט זיך פון עפּעס־וואָס באַוויזן אַ נײַער, — אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר עלכאָנען האָט אַ קראַץ געטאָן דעם פאַרוואַקסענעם ברודיקן האַלדז, פאַרײַסנדיק דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פון פאַרגעניגן, און אַ זאָג געטאָן אויסערלעך ווייך, אַפילע מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע, נאָר לויטן אָנשטרענג דראָענדיק:

— גראַזשדאַנין שליוואַניאַק! און איך האָב געמיינט, אַז געהאַרגעט האָסטו בלויז פּאַ־שיסטן...

כאַווע האָט ניט פאַרשטאַנען:

— וועמען נאָך האָט ער געהאַרגעט?

צומאַכנדיק די אויגן, ווי דאַן, ווען ער האָט געלאָזט, אַז עלכאָנען זאָל אים אַ טרייסל

טאָן מיט בײדע הענט בא דעם צעכראַסטעטן העמד, האָט עלכאָנען אַרױסגערעדט מיט א געמאַכטן לאַנגװײַל, װאָס עס האָט שױן אַלײן פאַר זיך באַטײַט, אַז דעם מענטשן, צו װעמען ער רעדט, טראָגט ער אױך אָפּ צום צאַד שעקענעגעד:

— האָסט דען ניט געהערט, כאװע? דאָס שטעטל אײַלט ער זיך דערהאַרגענען, דאָס שטעטל...

עזראָ האָט שױן באַװיזן זיך צוגעװױנען צו די אומהײמלעכע איבערפאַלן אין עלכאָנענס שטימונג. ער האָט זיך ניט אַרײַנגעצױגן אין א װיקועך און איבערגעפירט דעם שמועס אַף אַן אַנדער טעמע:

— זעט נאָר, מיר גײען צוריק קײן טשאַרטאָרישטשע. נו, און צו דעם װאַלד, צו די צװײ גריבער? װען װעלן מיר אַהין קומען?

עלכאָנען האָט געלאָזט, מע זאָל אים אָראָפּשלאָגן פון די רײד, ער האָט אַפילע געװאָלט גענומען אַף זיך אױסצוקלאָרן די זאַך און צוליב דעם אָנגעיאָגט אַפאַנאַס גאַװרילאָװיטשן, װעלכער האָט, אַרױסקומענדיק אַף א גלײַכן אָרט, זיך באַװעגט אַפן װעגעלע גיכער, אײדער די פוסגײער. כאװע האָט נאָכגעקוקט עלכאָנענען, און װען ער איז אָפּגעלאָפן פון זײ אַזױ װײַט, אַז ער האָט ניט געקאָנט הערן, װאָס מע רעדט װעגן אים, האָט זי זיך אָנגערופן צו עזראָן:

— דאָס, װאָס ער װיל אופשטעלן סלוטשניע, קאָן מען פאַרשטײן, אָבער מיר דאַכט, אַז צוליב דעם װאָלט ער פריִער באַדאַרפט אופשטעלן זיך אַלײן...

און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן:

— רִיבױנעשעלױלעם... װאָס האָט די מילכאָמע אָפּגעטאָן מיט אונדז...

זײ זײַנען צוגעגאַנגען נעענטער צו אַפאַנאַס גאַװרילאָװיטשן און צו עלכאָנענען, װעלכער האָט שױן פאַרגעסן, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיך דערװיסן באַם באַטיאַ, װוּהין מע גײט. אַפאַנאַס גאַװרילאָװיטש האָט געזאָגט כאװען, װי ער װאָלט געבעטן בא איר א טױװע:

— לאָמיר זיך אומקערן אין דאָרפּסאָװעט, טאָכטערקע. אַף אײן מאָל זײַנען דרײַ גריבער צופיל... מאָרגן איז נאָך א גרױסער טאָג...

װען זײ זײַנען צוגעגאַנגען צום דאָרפּסאָװעט, האָט כאװע שפּילעװדיק זיך אָנגערופן:

— באַטיאַ, פונקט װי אין אַטריאַד, האָסטו דאָ װעגן דעם מאַרשרוט זיך מיט קײנעם ניט געײַצעט...

דערפילנדיק עפּעס א שפּיצל, האָט אַפאַנאַס גאַװרילאָװיטש גענומען רײדן פאָרזיכטיק:

— נו, אין אַטריאַד, פאַרשטענדלעך... זיך געײַצעט מיטן קאָמיסאַר...

כאװע איז ניט אָפּגעטראָטן:

— װעסט זיך ניט אױסדרײען. באַם קאָמיסאַר זײַנען דאָך אױך געװען אַזעלכע אײניאָנים, װעלכע ער האָט געלײזט אַלײן... קורץ, אױך איצט האָב איך שױן אָנגענומען אײנעם א באַשלוס... עזראָ! עלכאָנען! נאָך מיר!

זי האָט אױפגעהױבן פון דער ערד, לעבן פענצטער, א קלײן לאָמיקל, ניט װיסנדיק אַז דאָס איז דאָס זעלבע, װאָס מיכאִיל אַנדראָנאָװיטש האָט הײַנט פאַרטאָג געבראַכט אַהער און עס פאַרלױרן, װען לאַכמאַנדרײדל האָט אים אָנגעשראָקן, און איז צוזאַמען מיט די צװײ יונגעלײַט אַריבערגעגאַנגען די גאַס און זיך דערנעענטערט צום הױף פון די קאָפּילענקאָס, װוּ אָפּגערוקט אין דער טיף איז געשטאַנען די פאַרהאַקטע פון דרױסן שטוב. אַפאַנאַס גאַװרילאָװיטש איז זײ נאָכגעפאָרן אַף זײַן װעגעלע א דערשראָקענער.

— װאָס קלײַבסטו זיך טאָן, כאװע? — האָט ער נאָכגעשריגן.

כאװע האָט געענטפערט רױִק און אַנטשלאָסן:

— איך קלײַב זיך אַרײַנגײן מיט מײַנע כאַװײרים צו דיר, אױב, פאַרשטײט זיך, דו האָסט ניט פאַרגעסן צו זײַן גאַסטפרײַנטלעך.

זי האָט אָפּגעגעבן קורצע קאָמאַנדעס. די צװײ מאַנצבילען האָבן עפּעס צו גרינג אַראָפּגענומען די ברעטער פון די פענצטער און פון דער טיר, און כאװע האָט פאַרשטאַנען, אַז זײ אַלע זײַנען איצט ניט די ערשטע, װאָס קומען אַרײַן אין אָט דער שטוב נאָכן באַפרײַען סלוטשניע. אַפאַנאַס גאַװרילאָװיטש איז געשטאַנען אין א זײַט א פאַרשעמטער און נאָכגעשפירט נאָך דער אַרבעט.

װען כאװע, עלכאָנען און עזראָ האָבן אַריבערגעטראָטן די שװעל, האָט זיך פאַר זײערע אױגן אַנטפּלעקט א אומגלײבלעך בילד. אין שטוב איז געװען ציכטיק אױפגעראַמט, װי גלײַך ס'װאָלט דאָ געלעבט א גוטע באַלעבאָסטע: די דילן רײן אױסגעװאַשן, אַף די װענט, אין פריש אָפּגעפאַרבטע ראַמעלעך, הינטער בלישטשענדיקן גלאָז — אָקסאַנעס און אַרכיפּס פאָטאָגראַפיעס. די טישן, די בענקלעך צעשטעלט אַף זײערע ערטער און אױסגעװישט פון שטױב. די טישטעכער און די אױסגענײטע האַנטעכער גוט אױסגעפּרעסט, די בעטן צוגע-

קליבן און פאַרשפּרייט, אין דער קיך — אַלץ, וואָס עס איז נייטיק, שוין גרייט צו ניצן, אפילע א בערעם טרוקן האָלץ, א פעקעלע שוועבעלעך, א סלאָיִקל מיט בוימל און מיט א בערשטעלע אף צו אָנשמירן די סקאָווראָדע...

כאַווע איז צוגעגאַנגען צו אָפאַנאַס גאַווריל'אָוויטשן, וועלכער איז נאָך געשטאַנען אין הויף און געוואַרט, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער, זיך צוגעזעצט לעבן אים אף דער ערד, לאַנג און ערנסט געקוקט אים אין פּאָנעם אַרײַן, ווי גאָרנישט וואָלט ניט געשען, א פרעג געטאָן:

— ווײַסט עפּשער, באַטקאָ, אָנטאָן די פּראָטעזן?

— יאָ, — האָט זיך אָפּגערופן אָפאַנאַס גאַווריל'אָוויטש, — מע דאַרף זיי אָנטאָן.

דער שאָפער פון'ם גאַזיק, וועלכער האָט שוין באַוויזן אַרײַנטראָגן אין קיך דעם קויש עסנוואַרג און עטלעכע פלעשער, וואָס ער האָט אַליין זיך דערטראַכט צו ברענגען פון'ם סעלמאַג, איז ווידער אַוועקגעלאָפן אין דאָרפסאָוועט און זיך אומגעקערט פון דאָרט מיט די פּראָטעזן. עזראַ און על'כאַנען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין ביידע זײַטן, יעדערער מיט א פּראָטעז אין האַנט, און כאַווע מיטן שאָפער האָבן געהאָלפן דעם באַטקאָ זיך אופהייבן

העכער פון'ם וועגעלע און, אַרומכאַפּנדיק ביז ווייטיק די צוויי יינגלעך מיט די הענט אַרום די העלדזער, אַרײַנטאָן די שוין אַרומגעוויקלטע מיט ווייכן ציִג עקלעך פון די אָפּגעשניטענע פיס אין דעם אייבערשטן טייל פון די פּראָטעזן. דאַן האָט כאַווע שנעל פאַרצויגן און פאַרשנורעוועט די רימענדלעך און, אָפּגייענדיק א פּאָר שפּאַן, בייס עזראַ און על'כאַנען האָבן פון ביידע זײַטן אונטערגעהאַלטן אָפאַנאַס גאַווריל'אָוויטשן, אויסגערופן פײַערלעך און שטרענג:

— כאַווער קאָפּילענקאָ, מיט דער לינקער פוס! ראַז-דוואַ, ראַז-דוואַ!

אָפאַנאַס גאַווריל'אָוויטש האָט זיך געקרימט און געבייזערט זיך, אָבער מיט אַלעמענס הילף האָט ער דאָך געשטעלט טריט און, איבערטרעטנדיק די שוועל, אַרײַן אין שטוב, איבערלאָזנדיק דאָס וועגעלע אין הויף. באַם טיש אינעם גרעסערן צימער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אפן שטול, אָפּגעשפּיליעט די פּראָטעזן און פרײַ אָפּגעאָטעמט:

— פו! אָן פיס איז בעסער... כאַוועלע, גיס אָן צו גלעזלעך. מע דאַרף אויסטרינקען פאַר אָקסאַנען און פאַר לייען, פאַר אַרכיפּן, דערנאָך פאַר דיר, טאָכטערקע...

כאַווע האָט אַראָפּגענומען פון טיש דעם טישטעך און אים אויסגעטרייסלט, כאָטש אף אים איז קיין שטויבעלע ניט געווען, דערנאָך אים ווידער צעשפּרייט איבערן טיש און מיט ביידע הענט אויסגעגלעט. די טעלער, די גאָפּל און מעסערס, די גלעזער און קעלישעקלעך האָט זי אַוועקגעשטעלט לויט אַלע קלאָלים אנטקעגן יעדערן, ווער ס'איז געזעסן באַם טיש.

צעלייגנדיק אַף גרעסערע טעלער דעם אַנגעשניטענעם ווורשט, דעם הערינג, דאָס שטיקל שטארק ארומגעזאַלצענע כאַזער-פעטס, די מאַרינירטע אוגערקעס און פּאָמידאָרן, און אין סאמע מיטן — דאָס קײַלעכיקע לעבל ברויט, זי האָט אָנגעגאָסן אכט גלעזלעך בראַנפן: דעם באַטקאָ, עזראָן מיט עלכאָנען, דעם שאָפער און זיך, און דרײַ גלעזלעך אַנטקעגן די ליידיקע בענקלעך, פאַר דער מאמע אַקסאנע, פאַר דער מאמע לייע און פאַר ארכיפּן.

נאָך די ערשטע טרויעריקע רייד, — מע האָט דערמאָנט פיל מישפּאָכעס, גאַנץ סלוטשניע און די סאָלדאַטן און פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט קיין טשאַרטאָרישטשע, — האָט אַפאַנאַס גאַוורילאָוויטש זיך אָנגעפרעגט וועגן דעם כאַווער. טכאָר, וואָס איז, ווי מע זאָגט, געקומען קיין סלוטשניע. פאַרוואָס זשע זעט מען אים ניט? איך כאַווע האָט זיך דערמאָנט, אַז דער טײַערער און ליבהאַרציקער לאַכמאַנדריידל האָט זיך אומגעריכט אַזוי גוט אַרויסגעוויזן באַם אייל מאָלע ראַכמים אין פּאַלאַץ. איז ווּהין האָט ער זיך אַהינגעטאָן, עס וואָלט געווען אַ יושער אים אָנגיסן אַ קעלישעקל... עס איז אַרומגערעדט געוואָרן איינע פון די צוויי פראַגן, אַף וועלכע דער לייענער וויל באַקומען אַן ענטפער אינעם היכפּונקט פון דער סיפּער-האַמײַסע, ווען עס איז שוין קלאָר, אַז קיין סלוטשניע זײַנען זיך צונויפגעקומען די וויכטיקסטע פון די געשילדערטע אין אונדזער ווערק פּאַרשוינען.

אַפאַנאַס גאַוורילאָוויטש האָט דערציילט וועגן זײַן שמועס מיט לאַכמאַנדריידלען-גרינבערגן. עלכאָנען און עזראָ האָבן זיך דערמאָנט אין די פּראָטים פון זייער באַגעגעניש מיט טכאָרן, ביזן איבערלייענען דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. כאַווע האָט אַ גאַנצע צײַט פון אָט דעם יישעוו-האַדאַס געשוויגן, טראַכטנדיק אירס און פאַרגעבנדיק דאָ און דאָרט אַ פראַגע. פאַרוואָס איז ער מיטאַמאָל אַוועק פון סלוטשניע? אַ טשודאַק? קאָן זײַן, אַז ער איז טאַקע אַ טשודאַק, אָבער עס זעט אויס מאָדנע: פאַרנאַכט גאָרנישט קיינעם ניט געזאָגט און אינדערפרי אײַליק פאַרשוווּנדן געוואָרן. צי האָט מען געקאָנט באַמערקן בא אים בייס דער אָול-סודע אַ סימען פון געווייסנביסן? ניין? און צי האָט אים באַומרויִקט דאָס, וואָס אין סלוטשניע האָט זיך באַוויזן לאַכמאַנדריידל? אויך ניט? פונדעסטוועגן, צי האָט ער זיך געקליבן אַרײַנגיין צום באַטקאָ? צי זאָל לאַכמאַנדריידלס זען אים באַם פענצטער באַטײַטן, אַז ער איז, פאַרן פאַרלאָזן סלוטשניע, ווידער געקומען זיך מעלדן צום באַטקאָ, נאָר ניט געוואַגט אופוועקן אים פון שלאָף?

אַלץ האָט אין זײַן אופירונג באַקומען אַ לאָגישע דעקונג, גאָרנישט האָט ניט אַרויסגערופן קיין פאַרדאַכט.

ווּהין איז אַהינגעקומען לאַכמאַנדריידל? מע דאַרף זיך ניט באַומרויִקן, ער דרייט זיך דאָ אַרום אינדערנאָענט. דער שאָפער פונעם גאַזיק האָט געוואָלט אים בעטן, ער זאָל העלפן אָפּטראָגן אין שטוב אַרײַן דעם קויש מיט עסנוואַרג, נאָר ער איז אַזוי צעמישט, אַז ווען מע זאָל אים געבן דעם קויש, וואָלט ער אים אָפּטראָגן אין האַצעקלאָץ...

כאַווע האָט פאָרגעזעצט צו פאַרגעבן פראַגן, איצט שוין דעם באַטקאָ. צי קאָן ער זיך דערמאָנען כאָטש עפּעס אַ שפּיצל, וואָס מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש טכאָר האָט אָפּגעטאָן, זײַענדיק אין אַטריאַד? ניין? נו, יאָ, ס'איז טאַקע ריכטיק... ער איז געווען ניט קיין שלעכטער פּאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט. פאַרשטייט זיך, ניט שטענדיק זיך ספּראַוועט ווי עס האָט זיך געוואָלט, אָבער אָן שפּיצלעך — ניט קיין שלעכטער סטאַרשינאַ. עמעס, ווען די רעכטבערעגיקע אוקראַיִנע איז באַפרײַט געוואָרן און ס'איז אַרויס אַ באַפעל אומצוקערן אין די היים-ערטער און דעמאָביליזירן די קליינצאָליקע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, איז אויסגעקומען בעשאַסן אַרויסגעבן די דעמאָביליזאַציע-פּאַפּירן אים אָנרײַבן אַן אויער, ווײַל ער האָט געפּרוּווט אײַנריידן דעם ראָטע-שרײַבער, אַז זײַן אמת אין די באַדינגונגען פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד איז קימאַט דאָס זעלבע ווי שעף פונעם שטאַב — אַ סימען האָסטו, אַז די פּאַרטיזאַנער אינעם אָטריאַד פלעגן, בייס מע האָט עפּעס געבעטן, קיין אַנדער וואָרט ניט וויסן, ווי שעף און נאַטשאַלניק... נאַטשאַלניק שטאַבאַ, גיב. שעף, דערלויב...

און וואָס איז עס פאַר אַ געשיכטע מיט לאַכמאַנדריידלס פּלוצעמדיק קלאָר ווערן? ס'איז דען מעגלעך? מיילע, וואָס עס קאָן געשען...

עלכאָנען האָט אַרײַנגעשטעלט זײַן וואָרט:

— וואָסי, עס איז שוין טאַמוז?

מע האָט זיך איבערגעקוקט: וואָס מיינט ער מיט דעם?

— ס'איז פאַראַן אַ ווערטל, אַז יעדער מעשוגענער ווערט אום טאַמוז קלאָר...

— פאַרשטייט זיך, פּאָשעט באַשולדיקן אַ מענטשן איז ניט שײַעך, — האָט געפּאַסקנט כאַווע, — וואָס טראַכסטו, באַטקאָ?

אַפאַנאַס גאַוורילאָוויטש איז מאַסקים געווען:

— מע קאָן עמעצן לֿיב האָבן אָדער פֿײַנט האָבן, נאָר אַף צו האַלטן אַ מענטשן אונטער אַ כשאַד, דאַרף מען האָבן כאָטש וועלכע-ניט-איז באַווײַזן...

נו, און וואָס איז שײַעך דעם איניען, וועלכער האָט באַזונדערס גערעגט אַפּאַנאַס גאַווריִלאָוויטשן — וועגן דער מעגלעכקײַט, אַז כאַווע זאָל איבערנעמען בא אים די אָנפֿירערשאַפֿט מיטן דאָרפֿסאָוועט, איז דער ענטפֿער געווען אַ קורצער: דאָס איז ניט מעגלעך, דער געגנטקאָם האָט פּונקט נעכטן באַשטימט, אַז סלוטשניע ווערט ווידער אַ ראַיאָן-צענטער, און מע האָט כאַווע סוכאַדאָלסקאַיאַן באַשטעטיקט אַלס אינסטרוקטאָר אין סלוטשניער ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטײ. אין די נאָענסטע טעג, נאָכן איבערגעבן אַן אַנדער כאַוווער דעם שטול אין רעדאַקציע פֿון דער גרויסער שטאָט, וועט זי אהער אַריבערפֿאָרן. אַגעוו, מע וועט גלײַך צוטרעטן אויך דאָ אַרויסלאָזן אַ צײַטונג, און ס'וועלן נייטיק זײַן קאַדרען. זי טראַכט, אַז ניט קיין שלעכטע זשורנאַליסטן וואָלטן געווען די צוויי ערשט געקומענע כאַווײרים, וואָס זיצן דאָ באַם טיש... באַ אָט די ווערטער האָט זי דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אַף עזראָן, און יענער האָט זיך צעלאַכט:

— דו האָסט אין זינען דאָס, וואָס איך און עלכאָנען האָבן אין שול געמאַכט אַ וואַנטצײַטונג?

כאַווע האָט געענטפֿערט ערנסט:

— ווער פֿון די זשורנאַליסטן האָט ניט אָנגעהויבן אין דער וואַנטצײַטונג? ווערסט זאָגן, אַז מע דאַרף זיך לֿערנען דעם פֿאַך, איז אַדעראַבע, לֿערנען וועט מען זיך אין דער רעדאַקציע. עלכאָנען, וואָס שווײַגסטו?

עלכאָנען האָט אָפּגערוקט פֿון זיך דעם טעלער און אַ הוסט געטאָן אין קולעק אַרײַן:

— איך שווײַג, ווײַל מיר זיצן שוין באַם טיש מער פֿון אַ שאָ צײַט, און ס'ווילט זיך מיר שטאַרק רייכערן, נאָר איך ווייס ניט, צי מע מעג באַ אײַך אַף דער פֿרײַ רייכערן, ווען דערבײַ זיצט נאַטשאַלסטווע...

כאַווע האָט אויסגעשריגן:

— נאַ דיר מיטאַמאָל אַזוינס! כאַווײרים, וואָס קומט דאָ פֿאָר? וואָס איז געשען מיט אײַך, יאַטן? און דו, באַטקאָ, שווײַגסט! דו זעסט דען ניט, אַז זיי זײַנען געקומען מיר צאַפּן דאָס בלֿוט?

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פֿאַרגעזעצט:

— אויך דיך, באַטיאַ, וויל איך פֿרעגן! צי האָסטו שוין פֿאַרגעסן, וויִאַזוי מע איז זיך נויהעג, ווען די פּאַרטײ הייסט זײַן דאָרט און טאָן דאָס, וואָס זי, און ניט דער כאַווער קאָפּילענקאָ, און ניט די כאַווערטע סוכאַדאָלסקאַיאַ, געפֿינען פֿאַר נייטיק צו טאָן?

אַרום טיש איז געוואָרן שטיל. גאָפּל-מעסער האָבן שוין אָפּגעקלאַפּט זייערס. עלכאָנען האָט גענומען פֿאַרדרייען אַ ציגאַרעט. כאַווע האָט אַרויסגענומען פֿון איר רעגנמאַנטל אַ פּעקל פּאַפּיראָסן „קאַזבעק". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז דער שאָפֿער פֿונעם „גאַזיק" איז ניט קיין רייכערער. אַפּאַנאַס גאַווריִלאָוויטש און עזראָ האָבן זיך מעכײַע געווען מיטן „קאַזבעק", עלכאָנען האָט זיך אָפּגעזאָגט און פֿאַררייכערט זײַן אייגענעם ציגאַרעט. כאַווע האָט אָנגענומען אַ מויל מיט רויך און, ניט פֿאַרציִענדיק זיך, אַרויסגעלאָזט דעם רויך אין איין אָטעם. אינצווישן האָט זי, אַ באַרויִקטע, גערעדט:

— דאָס גאַנצע לאַנד וועט אײַנגיכן זיך ווידער אומקערן אַהיים, די מילכאָמע וועט שוין לאַנג ניט דויערן... מע דאַרף נעמען אין די הענט די ווירטשאַפֿט — אומעטום, אין די שטעט, אין די דערפֿער, אַף די פֿעלדער, אין די שטעטלעך...

— מע דאַרף פֿריִער די שטעט מיט די שטעטלעך מיט די דערפֿער אופֿשטעלן, — האָט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך געקריגט, איבערגעשלאָגן איר די רייד עלכאָנען.

אַפּאַנאַס גאַווריִלאָוויטש האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס מע אַמפּערט זיך:

— ווער וויל דען ניט אופֿשטעלן דאָס לאַנד? נעם זיך פֿאַר דער אַרבעט, און שטעל אויף!

— אַהאַ! — האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די ווערטער עלכאָנען. אַ שוואַך פֿײַערל האָט אַ לויכט געטאָן אין זײַנע אויגן, נאָר ס'איז גלײַך פֿאַרלאָשן געוואָרן, און ער האָט מיט נאָכגיביקײַט זיך געווענדט צו אַלעמען באַם טיש:

— גוט, גוט. איך בין גרייט מאָרגן גאַנצפֿרי, און אַפֿילע באַלד-איצט זיך שטעלן צו דער אַרבעט. כ'דאַרף אָבער וויסן, וואָס איך וועל אופֿשטעלן: מײַן געבורט-שטעטל, צי אין אַלגעמיין די ווירטשאַפֿט פֿונעם לאַנד...

כאַווע האָט אוועקגעוואָרפֿן דעם פּאַפּיראָס און צעפּירט מיט די הענט, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן, אַז מיט אָט דעם מענטשן איז שווער צו ריידן, ער ווייסט אַלײן ניט, וואָס ער

וויל. זי האָט זיך אויסגעקערעוועט צו עזראָן, זוכנדיק בא אים הילף, נאָר דערזען, אַז ער איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, און זי האָט זיך דערשראָקן:

— עזראָ, וואָס איז מיט דיר? באַטקאָ! עזראָ כאַלעשט!...

עלכאָנען און דער שאָפער פונעם „גאַזיק" האָבן אונטערגעכאַפּט עזראָן פון ביידע זײַטן בײַס ער האָט שוין געוווּמען אַראָפּגליטשן זיך פונעם שטול. ווען מע האָט אים אַוועקגעלייגט אין צווייטן צימער אויפן בעט און כאָוועל האָט צעשפּיליעט בא אים דאָס העמדל, האָט זי דערזען אויף דער לינקער זײַט, העכער פונעם האַרצן, אַ בלוטנדיקע צעריסענע וווּנד — פון אַ שפּליטער. די וווּנד האָט, זעט אויס, ווידער זיך צעעפֿנט, ווען ער האָט אין פּאַלאַץ זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער גרוב אַרײַן.

— עזראָ, ליבינקער... שטילער, לײַדנדיקער דוראַטשאַק... — האָט כאָוועל געשעפּטשעט, אַרומהאָווענדיק אַרום אים מיט אַ גלאָז וואַסער, מיט יאָד און מיט לאַנגע פּאַסן צײַג פון אַ צעשניטענעם לײַלעך. ער האָט ווייטיקלעך געשמייכלט צו איר און, פּונקט ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, אַרויסגערעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— אַ ביסעלע פּרי... זיך אויסגעשריבן... ניט שרעקלעך... ס'וועט איבערגיין...

7

קעדיי דער לייענער זאָל קאָנען אָן שטערונגען נאָכשפּירן ווײַטער נאָך דער האַנדלונג און עס זאָל אין אונדזער ווערק ביכלאַל זײַן אַ געהעריקע אָרדענונג — אַלע שטעגעלעך פונעם סוזשעט אויסגערייניקט, די אָנווײַז-צייכנס אַוועקגעשטעלט דאָרט, ווו מע דאַרף, — וועלן מיר איצט מאַכן אַ געפּרעסטן איבערזיכט פון די ווײַטערדיקע געשעענישן אין מעשך פון אַ לענגערן צאָל יאָרן, האָבנדיק אין זינען צו באַלײַכטן ספּעציעל די האַנדלונג פון יעדן איינעם פון די שוין באַוווּסטע פּאַרשוינען.

אַ מעכאַבער, וואָס ווייסט גוט די זאַך, וואָלט עפּשער דאָ פאַרשטאַרקט ווי ווײַט מעגלעך די שפּאַנונג און באַוויזן, וואָס ווער עס האָט ווײַטער געטאָן יעדן טאָג באַזונדער און וויאַזוי עס האָבן זיך געקניפּט און געבונדן קאָלערלײַ וועגן און אומוועגן, אויף וועלכע עס זײַנען געגאַנגען די מענטשן. מיר אָבער זײַנען ניט געניט גענוג געדולדיק צו שילדערן די געשעענישן טראָט נאָך טראָט, און זאָל דער לייענער אונדז מויכל זײַן, אויב מיר וועלן אויסנוצן בלויז אָט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, קעדיי אַריבערגיין פון יענעם פּרילינג פון דעם פירון-פערציקסטן יאָר, ווען די שילדערונג האָט זיך אָנגעהויבן, אין אַ מער נאָענטן צו אונדז פּרילינג — פונעם טויזנט נײַן הונדערט פיר-און-זעכציקסטן יאָר.

צוליב וואָס אַזאַ שפּרונג און פאַרוואָס קלײַבן מיר אויס גראָד דאָס דאָזיקע יאָר? וועלן מיר אויף אָט דער פראַגע ענטפערן, אַז מיר טוען דאָס אָן אַ וועלכער-ניט-איז סיבע — פּאָשעט, ווײַל ס'איז באַקוועם אָפּצוציילן צוויי קײַלעכדיקע יאָרצענדליקער. אין מעשך פון אַזאַ צײַט איז, וואַרשײַנלעך, בא באַזונדערע מענטשן עפּעס שוין געשען וועזנטלעכס, און, פון דער אַנדערער זײַט, קאָן מען אויסרעכענען אויף דעם, אַז קימאַט אַלע פּערסאָנאַזשן פונעם ראָמאַן לעבן נאָך, און ס'וועט זײַן מעגלעך נאָכצושפּירן, וויאַזוי עס האָט זיך ווײַטער פאָרגעזעצט די אָנגעהויבענע געשיכטע.

איז לאָמיר, טײַערער לייענער, געבן דער האַנדלונג אַ ריר מיט אונדזער בײַטשל בא דער ריפּ, אָדער זי גרינג אַ טאָרקע טאָן מיט די שפּאָרן, און — פאָרויס איבער די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יערעלעך!

ניין, ניט אַלע, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין סאָף פון דער מילכאָמע, לעבן נאָך. ס'איז אַוועק אין דער אייביקײַט דער באַטקאָ אָפּאַנאַס. און ניט פון יעדערנס ווײַטערדיקן לעבן ווייסן מיר די פּראָטים. וועגן מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש טכאָרן זאָגט מען, אַז ער איז נאָכן פּאַרלאָזן סלוטשאַניע, אָפּאַרבעטנדיק אַ געוויסע צײַט אין קיעווער טרעסט פון מינעראַל-וואַסער, אַוועקגעפּאָרן קיין קאַזאַכסטאַן און דאָרט כאַסענע געהאַט מיט אַ ייִדישקע פון פּוילן, אַפילע געפונען אין זײַנע אָפּיציעלע פּאַפּירן אַ באַווײַז, אַז זײַן זיידע האָט אַמאָל זיך געבירגערט אין דער ליובלינער גובערניע פון קרוין-פּוילן, נאָר בעשאַס דעם ערשטן וועלט-קריג האָט די מישפּאָכע זיך פאַרהאַלטן אין די אוקראַינער סטעפּעס, וווּהין מע איז געווען צוגאַסט בא איבערגעוואַנדערטע קרויווים. דאָן האָט דער טאַטע ווילנדיק ניט ווילנדיק זיך באַזעצט אויף ערד, געוואָרן אַ ייִשוּווניק. ווען עס איז געגאַנגען צום סאָף די רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער נאָך דער מילכאָמע מיט היטלערן, איז אין אַ לעצטער פּאַרטיע אַרויסגעפּאָרן פון אַלמאַ-אַטאַ קיין ליובלין דאָס פּאָרפּאָלק טכאָר — די עוואַקויִרטע

פּויליִשע ייִדישקע און איר פּראַוואָסלאַוונער מאַן, וועלכער שטאַמט אויך פֿון ייִדן, נאָר האָט זיך, ווי ס'איז אָנגענומען צו באַצייכענען, געשמאַדט.

מע דאַרף זאָגן דעם עמעס, אַז ניט אַף דער אוקראַיִנע, וווּ מיכאַיִל אַנדראָנאָוויטש האָט אָפּגעלעבט צווישן מענטשן אַ גאַנץ היפּשע צײַט, ניט אין קאַזאַכסטאַן, וווּ ער איז אַרומגעגאַן צווישן די וועטעראַנען און אַף אָפּטע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגט מען אים אויסקלײַבן אין פּרעזידיִום, — האָט זײַן רעפּאַטריִאַציע קיין לידיק אָרט און קיין באַזונדערס שטאַרקע בענקשאַפֿט ניט איבערגעלאָזט. אין סלוטשאַניע פֿלעגט מען יאָ וועגן אים זיך דערמאָנען, נאָר אין שײַכעס מיט דער עקזעקוציע איבער די פּאַרטיזאַנער, מיט וועלכער עס האָבן זיך בעפֿירעש פֿאַרנומען די ספּעציִעלע דינסטן, אָבער ווײַבאַלד קיין דירעקטע באַווײַזן זײַנען ניט געווען, האָט מען דעם איניִען ניט אַרויסגעלאָזט מיכּוח די גוט צוגעמאַכטע און פֿונעם ברייטן אוילעם אָפּגעהיטע קאַבינעטן, ביז וואַנען מ'האָט באַקומען דעם צירקוליאַר צו רעפּאַטריִירן מאַסנווײַז די געוועזענע פּויליִשע בירגער, און דאַן איז די אויספֿאָרשונג אָפּגעלייגט געוואָרן אין אַ זײַט. וואָס איז שײַעך מאָרדכע גרינבערגן, דעם אַמאָליקן לאַכמאַנדריידלען, האָט ער, ווײַזט אויס, געמאַכט שאָלעם מיט די אומשטענדן, וועלכע האָבן געשטערט צו דערווײַזן דאָס, וואָס ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן. וווינענדיק שוין באַשטענדיק אין זײַן געבורט־שטעטל, פֿלעגט ער פֿון מאָל צו מאָל זיך באַווײַזן אין סלוטשאַניע און אָפּזיצן דאָרט אַ טאָג אָדער צוויי אַף די טרעפּלעך פֿונעם הויז, וווּ ס'האָט געלעבט אַפֿאַנאַס גאַווריִלאָוויטש קאָפּילענקאָ, מיט קיינעם זיך ניט פֿאַרפּירן, בלויז קוקן אַף פֿאַרבײַגייער. דער באַטקאָ אָפֿאַנאַס פֿלעגט אים אַרויסטראָגן עפּעס צו עסן — גיין אין שטוב האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, — און דעם באָרשטש, דאָס פֿלייש און דאָס ברויט, וואָס דער באַטקאָ האָט אים איבערגעגעבן פֿון האַנט צו האַנט, פֿלעגט ער אויפֿעסן, ווי אַרײַנשלינגען, אָבער פֿון נעמען מיט זיך אין וועג עפּעס האָט ער זיך טאָמיד אָפּגעזאָגט. דער באַטקאָ, זעענדיק, אַז ער איז געקומען, פֿלעגט אוועקזעצן זיך לעבן אים אַפֿן טרעפּל און צודריקן אים צום האַרצן:

— ביסט געקומען צו זײַן מיט מיר אַ ביסל... אַ דאַנק דיר, ליבינקער, אַ דאַנק, האַרציקער...

ער האָט גאָרנישט ניט געענטפֿערט, בּיכּלל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי ער איז נאָך אַלץ ניט באַ די גדאַנקען, צי עפּשער זײַנען די גדאַנקען באַ אים שוין קלאָרע און ער טרויערט גאָר איבער די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, וואָס זײַנען געווען אַזוי גרויזאַם. ווען דער באַטקאָ האָט געמאַכט אַ באַמיִונג זיך אויפֿהייבן פֿונעם טרעפּל, פֿלעגט ער אויפֿשפּרינגען פֿון אָרט און, אונטערכאַפּנדיק אים אונטער די אָרעמס, העלפֿן אויפֿצושטעלן זיך אַף די פּראָטעזן.

סלוטשאַניע איז אַלץ מער באַוווינט געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע האָבן אים ניט געקענט, און ער האָט זיי קיינמאָל פֿריִער ניט געזען. אייניקע פֿלעגן מיט נײַגער באַקוקן דעם גרײַז־גרויען אַלטן מאַן, שטענדיק אַ באָרוועסן (אין די קאַלטע צײַטן פֿון יאָר פֿלעג ער זיך ניט באַווײַזן), אָן אָנגעטאָנענעם אין שמאַטעס. דער באַטקאָ האָט אים איינמאָל אַרויסגעטראָגן אַרכיפּס אַן אָנצוג מיט עטלעכע העמדלעך, פֿאַרלאַטעטע נאָך מיט אָקסאַנעס האַנט, האָט ער זיך אָפּגעקערט און ניט געוואָלט נעמען. דאַן האָט דער באַטקאָ באַוויזן אַ קולעק, דאָס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט שטאַרקע אָפּגעבראַכטקײַט. מאָרדכע־לאַכמאַנדריידל האָט גענומען די זאַכן און איז מיט זיי אַנטלאָפֿן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך אומגעקערט קיין סלוטשאַניע — ווי שטענדיק, אָנגעטאָן אין די שמאַטעס. וווּהין ער האָט אַהינגעטאָן דעם אָנצוג מיט די העמדלעך, האָט קיינער ניט געוווּסט.

די מענטשן, וועמען ער איז געווען באַקאַנט, האָבן געקוקט אַף זײַנע וויזיטן צום באַטקאָ און אַף זייער טרויעריקער פֿרײַנטשאַפֿט, ווי אַף אַ נאַטירלעכער זאַך. ניט לאַנג פֿאַר אַפֿאַנאַס גאַווריִלאָוויטשעס טויט, ווען יענער איז איבער אַ צוקילעכץ געבליבן ליגן אין בעט, האָט כאַווע, אַרויסגייענדיק פֿון שטוב, דערזען מאָרדכע גרינבערגן זיצן אַפֿן טרעפּל, און זי האָט געזאָגט צו אים אָן אַ מינדסטער פּניִע, וואָס קאָן אויסגעטײַטשט ווערן, ווי אַ שפּאַס:

— כאַווער גרינבערג, זעט, אַז קיינער זאָל ניט באַאומרויִקן דעם באַטקאָ!..

און אוועקגייענדיק נאָכגעשריגן:

— אין אַ שאָ אַרום גיט אים אַ טאַבלעטקע סטרעפּטאָציד!

אירע ווערטער האָט ער אויפֿגענומען ערנסט, ווי דאָס וואָלט געווען אין וואַלד, ווען זי איז געווען דער קאָמיסאַר. אויסוואַרטנדיק, ווי אים האָט געדאַכט, אַ שאָ צײַט, איז ער אַף די שפּיץ פֿינגער אַרײַן אין שטוב און דאָרט געהאַנדלט זייער באַדאַכט: אין איין רעגע אָפּגעזוכט אַפֿן טישעלע לעבן דעם בעט פֿונעם קראַנקן דאָס שאַכטל מיט סטרעפּטאָציד, אַרויסגענומען פֿון דאָרט איין טאַבלעטקע, אָנגעגאָסן פֿונעם גראַפֿין אַ גלאָז וואַסער און דאָס

אלץ דערלאַנגט דעם באַטקאַ, וועלכער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים און גע-שעפּטשעט:
— ביסט געקומען, קעדיי זײַן מיט מיר א ביסל... א דאַנק דיר, ליבינקער, א דאַנק, האַרציקער...

ווי שוין געזאָגט, איז סלוטשניע ווידער געמאָלדן געוואָרן פאַרן ראַיצענטער. ווען עס זײַנען אָבער אַהין אַראָפּגעקומען די ערשטע טוער פון דער נאָמענקלאַטור און מע האָט גע-דאַרפט עפּעטן קוידעמקאָל יענע אַנשטאַלטן, אָן וועלכע ס'איז ניט מעגלעך פירן די באַ-לעבאַטישקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ראַיוּספּירקאָם קאָן געפינען פאַר זיך א פּאַסיק אָרט בלויז אין טשאַרטאָרישטשע, ווײַל סלוטשניע איז שוין ניטאָ. אַזויאַרום, איז דער דאָרפסאָוועט פאַרעכנט געוואָרן פאַרן ראַיוּספּירקאָם, מע האָט איבערגעביטן די שילד באַם אַרײַנגאַנג, און טשאַרטאָרישטשע האָט אופגעהערט צו זײַן א באַזונדער דאָרף. אַלץ, וואָס אין דער נאָענט ליגט איינס לעבן אַנדערן — די כורוועס פונעם שטעטל, די הײַזער און די סעדער פון די אַמאָליקע ראַנד-דערפלעך, — דאָס אַלץ האָט זיך גענומען רופן סלוטשניע. אָן אַראָפּגעקומענע קאָמיסיע פונעם געגנטלעכן צענטער האָט באַטראַכט די לאַגע אַפן אָרט און אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען דורכגעפירט דורך די אינסטאַנצן א פאַרשלאַג, מע זאָל ניט שיקן אַהער קיין פאַרזיצער פונעם ראַיוּספּירקאָם, ווײַל דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון דעם אָרטיקן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אַפּאַנאַס גאַווריליאָוויטש קאַפּלענקאָ באַפרײַט זיך פונעם אַמט פון דעם פאַרזיצער פון טשאַרטאָרישטשער דאָרפסאָוועט, און קיין בעסערע קאַנדידא-טור פאַרן ראַיאָן איז ניטאָ.
אין טשאַרטאָרישטשע האָבן זיך אָפּגעפונען צוויי שטיבער, פאַרלאָזטע פון די באַלעבאַ-טים, מע האָט צו זיי אָפּגיך צוגעבויט צו עטלעכע צימערלעך, און אַף איין שטוב האָט זיך באַוויזן די פאַן פונעם ראַיפּאַרטקאָם, דאַן ווען די צווייטע — קעגניבער דעם דאָרפסראַט, וועלכער האָט זיך איצט גערופן ראַיוּספּירקאָם, — איז פאַרבליבן, ווי פאַר דער מילכאָמע, די וווינונג פון אַפּאַנאַס גאַווריליאָוויטשן, ווי אויך פונעם אינסטרוקטאָר פון ראַיקאָם כאַווע סוכאַדאָלסקאַיאַ, און דאָרט איז איין צימערל, מיטן אַרײַנגאַנג אין דער זײַט פונעם סאָד, אָפּגעגעבן געוואָרן דער רעדאַקציע פון דער ראַיאָנער צײַטונג „לענינס וועג".
אַזוי, אין ענגשאַפט און אין אַכדעס, האָט מען זיך אײַנגעפונדעוועט און מע האָט גע-נומען זיך פאַר דער אַרבעט, קעדיי פאַרהיילן די וווּנדן, וואָס די מילכאָמע האָט איבערגעלאָזט אַפן לײַב פון סלוטשניע און טשאַרטאָרישטשע. פאַר סלוטשניע גופע וואָלט דאָס היילן וווּנדן אויסגעזען ווי, לעהאַוודל, שטעלן באַנקעס א מעס. אָבער צוזאַמען מיט טשאַרטאָרישטשע באַקומט דאָס אַלטע שטעטל עטוואָס אָטעם און די דאָרפישע גאַס, פּונקט ווי א דאַנאַר, הייבט אָן אַרײַנגעבן בלוט אין סלוטשניעס פאַרקילטע אָדערן.
ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען, נאָר די אַרבעט אַף אופשטעלן דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פון באַזײַטיקן די לעצטע סימאָנים פון יענעם לעבן, וואָס איז געווען ביזן כורבן — אופקלײַבן די העלצער, די ציגל און דאָס אײַזנברוך אַף די אַמאָליקע גאַסן און געסלעך, קעדיי אויסגלײַכן די ערד, צעאַקערן זי און פאַרזייען אַף איר דעם גרויסן גאָרטן, באַ די ראַנדן פון וועלכן ס'וועלן שפּעטער זיך באַווײַזן נײַע שטיבער. צי וועט עס זײַן אָן אופגע-שטעלט ייִדיש שטעטל? ניין, קיין ייִדיש שטעטל קאָן עס שוין צוריק ניט ווערן, ווײַל עס פעלן די געהאַרגעטע ייִדן און אויך די, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, נאָר אַף די כורוועס זיך ניט אומגעקערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר מעגלעך אופצושטעלן דאָס לעבן. איז עס דען ווייניק? דער טשאַרטאָרישטשער קאָלווירט האָט אין מעשעך פון א וועלכע פאַר וואָכן, אין זעלבן פרילינג, ווען עס האָבן זיך אומגעקערט עזראַ און עלכאָנען, צעאַקערט די אָפּ-געריניקטע ערד, אַרומגייענדיק די ערטער מיט סטאַרטשענדיקע פונדאַמענטן און מיט היכע קופּעס ברוכווארג, און פאַרזייט שפּעטע אויבסן אַף דעם ניט-געווינלעכן גאָרטן.
עזראַס וווינונג האָט זיך געפונען אין זעלבן צימערל, ווו ס'פלעגט איין מאָל אין וואָך זיך באַווײַזן אַף דער ליכטיקער שײַן, א דורכגעזאַפּטס מיט שאַרפע פאַרב-רייכעס, צוויייזײַ-טיק צײַטונגל פון סאַמע קליינעם פאָרמאַט, קימאַט ווי א בלעטל אין א קאָנטאָר-בוך, מיט אָן אונטערשריפט אונטער דער לעצטער שורע: „רעדאַקטאָר ע. ב. שליווניאַק". קיין רע-דאַקציע, ווי עס איז אָנגענומען, איז ניט געווען. עזראַ האָט ניט געהאַט קיין מיטאַרבעטער, די צוויי זײַטן פונעם צײַטונגל פלעגט ער פאַרפולן מיט אייגענע קורצע נאָטיצן, אָנגע-שריבענע אַמאָל אין א שילער-העפט, אַמאָל אַף א שאַכטל פון פּאַפּיראָסן, אָדער אַף פּאַפּיר, אין וועלכן מע פאַרוויקלט סכוירע אין די קלייטן... יעדן דאָנערשטיק אינדערפרי פלעגט

ער, פֿאָלגנדיק דעם גראַפֿיק, אַרויספֿאָרן אין דער גרויסער שטאָט און דאָרט אָפּדיקטירן דעם זעצער די גאַנצע צײַטונג „לעניִנס וועג“ און צו נאַכט-צו זיך אומקערן קיין סלוטשניע מיט אַ פּעקל — צוערשט צוויי הונדערט, שפּעטער דרײַ הונדערט קאָפּיעס פֿון דעם אָרדנטלעכן נומער. דאָס לייטאַרטיקל פֿלעגט ער אָנשרײַבן, זײַענדיק שוין אין דער שטאָט, נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעקוקט אַ פּאָר לעצטע לייטאַרטיקלען אין דער דאָרטיקער טעגלעכער צײַטונג.

עלכאָנען צאַמבער איז ניט געגאַנגען אַרבעטן אין דער ראַיאָנער צײַטונג און ביכלאָל קיינמאָל ניט אַרײַנגעקוקט אין דער שטוב, ווו די רעדאַקציע האָט זיך געפֿונען אַ טיר לעם אַ טיר מיט דער וווינונג פֿונעם אינסטרוקטאָר פֿון ראַיקאָם. כאָטש ער האָט דעם כשאַד אָפֿן ניט אַרויסגעזאָגט, האָט ער דאָך מיט זײַן גאַנצן אויסזען געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער ווייסט גוט, וואָס שליוניאַק און כאַווע האָבן געהאַט אין זינען, אויסשטאַטנדיק זייערע וווינונגען אונטער איין דאַך. עמעס, מע האָט אויך אים גערופֿן אַף אַרבעט אין רעדאַקציע, נאָר ניט עלכאָנענען וועט מען פֿאַרעדן די ציין. ער האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיך דעם פּאַסעק, אַז אַ דריטער איז איבעריק, און געגעבן אַ ניידער, אַז בעסער וועט ער שטאַרבן פֿון האַרץ-שמערצן, איידער אַנטפּלעקן פֿאַר מענטשן זײַנע שוואַכקײַטן און אַרויסרופֿן כאַוועס און עזראַס מיטלײַד.

אײַנגעאָרדנט האָט ער זיך אַף אַרבעט בײַ דער גאָזע אינמיטן דער גאַס, און געשען איז עס אַף אַ מאָדנעם אויפֿן. איגיכן נאָך זײַן קומען קיין סלוטשניע, — אין דער פּרעסע האָבן זיך שוין דאַן געדרוקט די ערשטע סוואָדקעס פֿון דער „בערלינער ריכטונג“ אַף עטלעכע פֿראָנטן מיטאַמאָל, און דאָ אין סלוטשניע האָט מען אינעם ראַכוועסדיקן קאָלווירטישן גאָרטן, אָפֿן אָרט פֿון דעם שטעטל אַראָפּגענומען די ערשטע גערעטעניש, — האָט זיך באַוויזן צווישן די אָנגעפּאַרענע מענטשן נאָך איינער, ליטן שווער אָנגעפּאַקטן פּאָרטפֿעל און דעם ברעזענטענעם רעגנמאַנטל, וואָס ער האָט געטראָגן אָן אַ מוז דערצו, אַ קאָמאַנדירטער, און אַראָפּגייענדיק ערשט פֿון דער פֿור, האָט ער זיך גענומען נאָכפֿרעגן, ווו עס לעבט צאַמבער. עלכאָנען האָט שוין דעמלט געהאַט זײַן וווינונג הארט בײַ דער אַרקע, אין אַ צוגעבויט בײַדל פֿון ברעטער, וועלכע ער האָט מיט די אייגענע הענט אַרומגעקלאַפּט מיט פֿאַניר. די טיר אינעם בײַדל האָט זיך געעפֿנט צו דעם ווײַס-גרויען פֿאַרדעכלטן כאָלעל פֿון דער אַרקע, און ווײַל דאָס גאַנצע אָרט האָט אָנגעטראָפֿן אין סאַמע מיטן פֿונעם גאָרטן און איז געווען אַרומגעשטעלט פֿון אַלע זײַטן און פֿאַרוואַקסן מיט הויכע קוקורוזעשטענגלעך, פּאָדסאָלנעטשניקעס און בוריאַן, האָט אַליין עלכאָנען, שמועסנדיק מיט עמעצן, עס אָנגערופֿן „די לאַגאָווע“, און אויך איצט, ווען דער מענטש מיטן פּאָרטפֿעל און מיטן צעשפּיליעטן איבער דער היץ רעגנמאַנטל האָט זיך אָנגעפֿרעגט אַף צאַמבערן, האָט מען אים אָנגעוויזן דעם וועג, זאָגנדיק דערבײַ, אַז אַזוי וועט ער געפֿינען די לאַגאָווע.

אַרײַנקומענדיק אין בײַדל, האָט דער פֿרעמדער געזאָגט, אַז ער איז אַן עלטערער אינספּעקטאָר פֿון אוקרלעטשמעדמינוואָדטרעסט, דאָס הייסט — פֿון דעם אוקראַיִנישן רעפּובליקאַנישן טרעסט, וועלכער פֿאַרנעמט זיך מיט אָפּזוכן און עקספּלואַטירן קוואַלן פֿון מינעראַלוואַסער צוליב צוועקן פֿון מעדיצין-היילונג, און אַז פֿאַר סלוטשניע איז פֿאַראַן אַן אָרט פֿון אַן אינספּעקטאָר, וואָס מע לייגט עס פֿאָר דעם כאַווער צאַמבער, וועלכער, אויב ער איז מאַסקים, דאַרף פֿאַרפֿולן אַן אַנקעטע און אָנשרײַבן אַ מעלדונג אַפֿן נאָמען פֿון דעם פֿאַרוואַלטער פֿון אַן אָפּטיילונג אין אָט דעם טרעסט, כאַווער טכאָר מיכאַיִל אַנדראָנאָוויטש.

עלכאָנען האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרכידעשט:

— פֿאַרוואָס עפּעס גראָד מיר ווײַל דער כאַווער טכויר געבן דאָס אָרט פֿון אַן אינספּעקטאָר?

דער עלטערער אינספּעקטאָר האָט ניט גלײַך געענטפֿערט, און קאָלזמאַן ער האָט זיך געשפּילט מיטן שלאָס פֿונעם פּאָרטפֿעל, געעפֿנט אים און פֿאַרמאַכט מיט אַן אָנגענעמען מעטאַלישן קנאַק, פֿינטלענדיק דערבײַ מיט די אויגן און כיטרע אונטערשמייכלענדיק, — האָט עלכאָנען באַוויזן צו אויפֿשטעלן אין זיקאָרן דעם שמועס, וואָס ער צוזאַמען מיט עזראָן האָט געהאַט מיט טכוירן אין דער פּאַלאַטקע, ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט, ווי אַזוי פֿאַרן קריג האָבן עלכאָנען, עזראָ און כאַווע צונויפֿגעשטעלט אַ באַריכט וועגן די סלוטשניער מינעראַלע קוואַלן און מוישע טכויר האָט זיך געשלאָגן, אַז די קוואַלן זאָל מען פֿאַרשיטן און די דרײַ יונגע ענטוזיאַסטן אויסשליסן פֿון קאָמסאָמאָל פֿאַר אָפּהאַלטן דאָס שטעטל אַפֿן וועג צום קאָמוניזם.

— יאָ, איז פֿאַרוואָס גראָד מיך, — האָט ער איבערגעכאַזערט די פֿראַגע, קוקנדיק

אויף דעם עלטערן אינספעקטאָרס פינגער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט מיטן שלאָס פונעם פּאַרטפעל, און אָנדײַטנדיק דערמיט, אַז אָט די שפּיל צערייצט אים.

דער עלטערער אינספעקטאָר האָט לאַכלוטן ניט באַמערקט עלכאַנאָנס פּײַנטשאַפט צו אים. ער האָט ווײַטער אָפּגעצויגן דעם ענטפער, און ווען עלכאַנאָן, זיצנדיק אַנטקעגן אים, האָט שוין אַרויסגעוויזן זײַן אומגעדולד מיט אַן ענערגישן קלאַפּ פון בײדע הענט זיך איבער די ליטקעס, האָט ער דעם פּאָרטפעל ברייט צעעפנט, אַרויסגענומען פון דאָרט די אַנקעטע און אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר און מיט אַ זיס קאָל געזאָגט:

— איר דאַרפט זײַן דאַנקבאַר. פאַרשטייט זיך, דער כאָוער טכאָר מיכאַ׳ל אַנדראָנאָ־וויטש געדענקט אײַך און האָט אַ גוטע מיינונג. דאָס האָט ער מיר געגעבן אײַער נאָמען מיט דער נייטיקער רעקאָמענדאַציע. אָבער וואָס מיינט איר? ניט ווײַסנדיק אײַך פּערזענלעך, וואָלט איך בײַ דעם אַלעמען געהאַט עפּעס אַ סיבע צו סטאַרען זיך אײַך געפינען? ס׳זײַנען אָבער פאַראַן באַם כאָווער צאַמבער ניט ווייניק פּרײַנט און מיטפּילנדיקע, און מײַנער אַ קאָרעוו, וואָס ווייסט אײַך, האָט אַפילע געבעטן איבערגעבן אַ גרוס פון מוישע שאַדאַי...

בײַ עלכאַנאָנען האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער האָט אָנגעשטעלט דעם בליק אויפן אומבאַקאַנטן, סטאַרענדיק זיך, ווי־זשע אויס, דערזען בײַ אים אַ ברייט פּאָנעם, אַ באַזוימטס מיט אַ האַרטער, קורצער שטעכיקער באָרד, ווי בײַ יענעם אַלטן באַקאַנטן, מיט וועלכן ער האָט זיך צעשיידט, דאַכט זיך, אויף שטענדיק. אינדערעמעסן אָבער איז אַנטקעגן אים געזעסן גאָר אַן אַנדער טיפּ מענטש, — אויבּ אַראָפּנעמען פון אים דאָס שווערע ברייטע ברעזענטענע רעגנמאַנטל, — אַ ניט אָנזעעוודיקער דאַרער, געגאָלטער און געשוירענער, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און מיט אַ פאַרשמעלערט באַם קין פּאָנעם. דער אויסזען פונעם אומ־באַקאַנטן האָט אים אַ ביסל באַרויִקט, נאָר ער האָט נאָך אַלץ ניט געגלייבט:

— איר האָט, זאָגט איר, געבראַכט מיר אַ גרוס פון מוישע שאַדאַי?

— אוואדע פון אים. נעמט. שרײַבט גיכער אַרײַן וואָס מע דאַרף אין דער אַנקעטע. איך האָב נאָך אַ יאַם מיט אַרבעט.

עלכאַנאָנען האָט געדרייט צווישן די פינגער די אויטאָמאַטישע פען, וועלכע דער אומ־באַקאַנטער האָט אים דערלאַנגט.

— וואָס מאַכט רעב מוישע? איר האָט אים געזען?

— ניין, ער איז אין אַנדערע מעקוימעס. נאָר גאָט צו דאַנקען... אַ ליוב דעם איי־בערשטן...

— און ווי רופט מען אײַך?

— איסאַק. איסאַק שאַדאַי.

אין זיקאָרן בײַ עלכאַנאָנען האָט זיך דורכגעטראָגן, ווי אַ קינאָ־קאַדער, אַן אָפּגעריסענע שטיק פאַרשנייטע טונדרע און אויף אָט דעם פּאָן — אַן אָפּהילך פון אַן אָפּגעהאַקט דריבנע געלעכטער, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גוטמוטיק קאָל: „מײַן פאַמיליע איז ניט שאַדאַי... איך האָב זיי געפירט בײַ דער נאָז...״

— הערט אויס, — איז עלכאַנאָנען אין קאַס געוואָרן, — ווער זשע זײַט איר?

דער אומבאַקאַנטער האָט אין גוטן מוט אָפּגענומען בײַ אים די פּאַפּירן און זיך אויפ־געהויבן פון אָרט:

— אויב איר זײַט אַ יאַלד, איז האָט מיר אַ גוטן טאָג, און טיו־טיו...

— נו, זאָגט כאָטש, וואָס איך וועל דאַרפן טאָן...

— גאָרנישט ניט טאָן... נײַן הונדערט קאַרבן אַ כוידעש...

— ע, פאַר גאָרניט טאָן וועל איך קיין געלט ניט נעמען.

— סע רעדט זיך אַזוי... מע זאָגט, אַז דער קוואָל איז אין סלוטשניע בימיי די דײַטשן פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אויסגערונען. וועט איר אים דאַרפן אָפּזוכן, ווי ס׳געהער צו זײַן אָפּהיטן, אַז קיין כאַזער, לעמאַשל, זאָל זיך אין אים ניט שווענקען. באַשרײַבן סטאַראַטעלנע די סואָיסטווע פון דער וואַסער. אַלע כוידעש — אַ פּאַפּירל אין טרעסט.

פון זינט עלכאַנאָנען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַרבעטן אין רעדאַקציע, האָט ער זיך שטאַרק געענייטיקט אין אַ גראָשן. די וווינונג האָט, עמעס, קיין געלט ניט געקאָסט — ס׳איז ניט געווען פאַר וואָס און וועמען צו צאָלן, און קאַלזמאַן ס׳איז נאָך וואַרעם, האָט דאָס ביידל בײַ דער אַרקע געהאַט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. אָבער קויפן ברויט, צוקער, עפּעס צום ברויט דאַרף מען... סע שמעקט שוין מיט ווינטער, און דעם בושלאַט האָט ער געמוזט פאַרקויפן...

ער איז מיטאַמאָל פרייִלעך געוואָרן, און אונטערכאַסמענענדיק די שיטערע אַנקעטע און די צוויי שורעלעך פון דער מעלדונג — אַ באַקאָשע, מע זאָל אים אָננעמען אויף אַרבעט

אין אוקרלעטשמעדמינוואָדטרעסט, האָט ער אויסגעזונגען א ניגנדל, אונטערקנאַקנדיק מיט די שפּיץ פינגער פון ביידע הענט און פארגלאָצנדיק די אויגן, נאָר ער איז גלײַך געוואָרן ערנסט, און איידער איבערגעבן די פּאַפּירן דעם אומבאַקאַנטן, האָט ער צוגעדעקט זיי מיט דער דלאָניע און געזאָגט מיט א פעסט קאָל:

— ס'איז ניטאָ, וואָס לאַנג צו בריַען, כאַווער ייִצכאָק שאַדאי, אָדער ווי רופט מען אײַך. מיט רעב מוישען האָב איך ניט געהאַט מער גאָרניט, ווי קאַטאָרגע, א נארע בא א נארע. זאָלט איר עס פארגעדענקען. פון מוישע טכוירן האָב איך ניט פארדינט קיין פּאָדארקעס. דעריבער, אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך זיך נעמען צו דער ארבעט אַלס אינספּעקטאָר פון סעלצערוואַסער און די זאַך אוועקשטעלן אף די פיס. ס'קאָן אוואַדע זײַן, אַז אַדאַנק דעם קוואַל זאָלן מיר אראָפּברענגען צוריק אַהיים אייניקע סלוטשניער ייִדן. א קוואַל איז פּאַרנאָסע, און פּאַרנאָסע איז לעבן. איר דערווידערט ניט, כאַווער שאַדאי?

דער עלטערער אינספּעקטאָר האָט צוגעבאָמקעט:

— זאָל אײַך וווילן באַקומען, כאַווער צאָמבער. איך לאָז איבער אפן טיש די אינסטרוקציע פונעם טרעסט און אונדזער אַדרעסע. זײַט געזונט!

אין א וואָך ארום האָט עלכאָנען באַקומען א טעלעגראַמע, אַז ער איז אָנגענומען אף ארבעט און אַז מע בעט אים צושיקן א באַשרײַבונג פונעם קוואַל. ער האָט טאַקע אײַנגיכן געפונען די אַנטרונענע בלאָטע, אין וועלכער ס'האָט, ווי אַמאָל, געבולבעט און געבלעזלט, אַזוי ווי זידנדיק וואַסער, וואָס שטייט אף א שוואַך פײַערל. די דײַטשן האָבן, זעט אויס, אָנגעהויבן אריבערפירן דאָס מינעראַל-וואַסער אפן הויף פונעם ארײַנפאָר-הויז, ווו ס'איז געווען די קאָמענדאַטור, נאָר די מילכאָמע האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן, און ווען די פּארטיזאַנער האָבן אופגעריסן דאָס הויז, האָט מען אָפּגעשטעלט די ארבעטן, און אַזוי איז שוין פארבליבן, ביז די דײַטשן האָבן געמאַכט די פּליטע.

עלכאָנענען איז די ארבעט געפעלן. ער פלעגט גאַנצע טעג זיך וואָגען ארום די גריבער, געריייניקט זיי און גענומען פּראָבעס פונעם וואַסער, און צום קומענדיקן פרילינג, ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן דער זיג איבער היטלערן, האָט ער זיך דערשלאָגן, אַז די סלוטשניער קוואַלן זײַנען ארײַנגעטראָגן געוואָרן אין א באַשטעטיקט צעטל פון נאַטור-רײַכטימער, וועלכע האָבן א רעפּובליקאַנישן באַטײַט. שפּעטער אָבער, ווען עס זײַנען געקומען געאָדעזיסטן און געאָלאָגן, קעדיי אָפּשאַצן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, די אינדוסטריעלע מעגלעכקײַטן פון די קוואַלן, און מיצאַד זיי איז דער איניען פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַזאַ, וואָס איז ניט צום דערליידיקן אין די נאָענטע יאָרן, — דאַן איז ער, עלכאָנען, אָפּגעקילט געוואָרן צו די קוואַלן, אָבער ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז א שוימער איז אַלציינס נייטיק דעם אוקרלעטשמעדמינוואָדטרעסט, און עלכאָנען האָט אין די ווײַטערדיקע יאָרן ניט ווייניק געכידעשט, וואָס טאָן טוט ער פאַקטיש גאָרניט, זיצט אַזוי אָפּ כוידעש נאָך כוידעש, סעזאָן נאָך סעזאָן אין דער לאַגאָווע און קיינער קומט אפילע ניט צו אים ארײַן, נאָר דאָס געהאַלט, האַגאָם שוין א קלענערס, איידער אין אָנהייב, גייט אים.

אויך אינעם טרעסט איז דאָס לעבן ניט געשטאַנען אף איין אָרט. דער פאַרוואַלטער פון אַן אָפּטייל, כאַווער טכאָר, אַשטייגער, איז אריבערגעפאָרן קיין קאַזאַכסטאַן, און פון דעמלט אָן האָט מען ביכלאַל אופגעהערט שיקן אינסטרוקציעס קיין סלוטשניע. עמעס, עטלעכע מאָל איז אראָפּגעקומען דער עלטערער אינספּעקטאָר שאַדאי, אָנגעטאָן אין אַלע צײַטן פון יאָר אין זײַן שווערן ברעזענטענעם רעגנמאַנטל, מיט א גרויסן פּאָרטפעל אין האַנט, און אף עלכאָנענס אומרויִקע פראַגן האָט ער געהאַט איין ענטפער:

— אַז מע גיט אײַך, נעמט... די וואַלאָקיטע איז גרויס. ס'איז דאָ א בלאָטע, דאַרף זײַן לעם איר א שוימער...

— מיט וואָס האָב איך עס פארדינט?

— מיט גאָרניט. ס'וועט אײַך בעסער זײַן, אויב די פיר הונדערט פופציק קאַרבן וועט באַקומען אַן אַנדערער, ניט איר?

און באַם אוועקגיין פלעגט ער ניט פארגעסן איבערגעבן א גרוס פון מוישע שאַדאי. ביז איינמאָל...

נאָר דאָס איז געשען א סאַך שפּעטער, שוין אין די לעצטע זעכציקער יאָרן, ווען אייניקע ייִדן האָבן גענומען אָנגעבן פּאַפּירן אף ארויספאָרן קיין ייִסראָעל, דעריבער וועט איצט זײַן פרי וועגן דעם צו דערציילן, און מיר וועלן גיין בעהאַדראָגעדיק מיט דער צײַט.

דער באַטקאָ אָפּאַנאַס איז געשטאָרבן, עפּעס ווי אומגעפאַלן אף א גלײַך אָרט. געלעבט, געלעבט און געשטאָרבן. קיינמאָל ניט געקלאָגט זיך אפן געזונט, אפילע פארגעסן, אַז עס פעלן אים די פיס. פון אינדערפרי ביז נאַכט — אַזוי ווי א פארפירטער זייגער...

דער ראַיאָן האָט ביסלעכווײַז באַקומען אָטעם, זיך אַרויסגעקראַבקעט פֿון אונטער די רויִנען, אַוועקגעשטעלט — ווי אַ שטיבל, ווי אַ צײַטווײַליק בײַדל, און ווען צווישן די הײַזער האָט מען אײַנגעגראָבן סלופּעס מיט עלעקטרע, איז שוין פֿון דעם אַליין געוואָרן אַ גאַס און אַ געסל, און אַפֿילע אַ שטאָט-פּלאַץ אויך. מענטשן האָבן אָנגעהויבן פּראַווען סימכעס, יעדערער האָט ערגעץ געאַרבעט, און אַז מע האָט זיך אָנומלטן אַרומגעזען און גענומען אונטערציִען אַ סאַכאַקל — געווען איז עס ניט אויף אַן אָפּיציִעלער באַהאַנדלונג, נאָר בײַס מע האָט געגרייט מאַטעריאַלן צו אַ וויכטיקער באַראַטונג, אויף וועלכער ס'האָבן געדאַרפֿט אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרויספֿאָרן אין געגנט-צענטער דער אינסטרוקטאָר פֿון ראַיקאָם סוכאָדאָלסקאַיאַ און דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג שליוויניאַק, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ראַיאָן האָט שוין אויסגעפֿילט זײַן פּלאַן פֿון צושטעלן דער מעלוכע ברויט, פּרוכטן און גאָרטנוואַרג, דער סלוטשניער ציגל-זאַוואָד, די רעמאָנט-וואַרשטאַטן, די צוויי מילן אינעם ראַיאָן, דער עלעוואַטאָר און נאָך עטלעכע אָביעקטן אַרבעטן צוליב די נויטן סײַ פֿון דעם אייגענעם ראַיאָן, סײַ פֿון די שכיינעסדיקע.

באַם אויסרעכענען דאָס האָב-און-גוטס איז דערמאָנט געוואָרן דאָס מינעראַל-וואַסער, און עזראַ האָט דערציילט, אַז ער גרייט אין דער צײַטונג אַ מאַטעריאַל וועגן דעם פּראָיעקט צו בויען אויף די קוואַלן אַ זאַוואָד. כאַווע האָט מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— כאַווײַרימלעך, ס'איז ניט גוט אַזוי... איבערהויפּט דו, עזראַ, און איך אויך... האַרצלאָזע עגאָיִסטן... קומט, לאָמיר אַרײַנגיין צו עלכאָנענען...

דער באַטקאָ האָט צוגעגעבן:

— יאָ, טאַקע. אַ מענטש איז מיט אונדז ניט מאַסקים, דאַרף מען אים דערפֿאַר אַראָפּוואַרפֿן פֿונעם כעזשבן?

עלכאָנען האָט פֿאַר אַלע דרײַ געסט געפֿונען ווו צו זיצן. אַליין האָט ער זיך געפֿירט ווי אַ נאַקעטער צווישן אָנגעטאָנענע, זיך אָפּגעשלאָגן, ווי פֿון אַ זלידנער פֿליג, קאַעסנדיק זיך, ווען עזראַ איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זיך אַוועקזעצן אויפֿן קעסטל, וווּ איצט זיצט ער, עזראַ. באַם ריידן האָט ער געהאַלטן אין איין פֿאַריכטן אויף זיך דאָס ביזן גרונט אָפּגעטראָגענע און פֿאַרשמאָלצעוועטע אָנטאָן, צוגעגלעט אָן אויפֿהער די האָר אויפֿן קאָפּ, וועלכע האָבן שוין פֿאַרדעקט דעם האַלדז ביז די אַקסלען, און זײַנע באַוועגונגען איז געווען געפֿאַלנקײַט, אָבער אײַנגעשפּאַרטקײַט, צולאָכעס און פֿאַרבאָרגענער קאַס.

— מיט וואָס פֿאַרנעמסטו זיך, עלכאָנען? — האָט אויף אים אָנגעגרײַפֿט כאַווע.

ער האָט איר געענטפֿערט, קוקנדיק אין דער זײַט, וווּ ס'איז געזעסן עזראַ, גלײַך יענער איז דאָ געווען ספּעציִעל צוליב דעם, קעדיי איבערגעבן כאַווען זײַנע ווערטער:

— דו ווייסט גאָרניט? איך טרײַב סאַמאָהאָן און דרוק אַנטיסאָוועטישע ליסטאָווקעס... אָפּאַנאַס גאַוורילאָוויטש האָט, ווי שטענדיק, ניט געקאָנט פֿאַרשטיין וועגן וואָס זיי אַמפּערן זיך.

— הער אויס, באָכער, — האָט ער פֿאַרדריסלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — זײַ ניט קיין אַקשן. ביסט בעפֿיירעש גערעכט, לויט דײַן געבילדעטקײַט מעגסטו פֿאַרנעמען אַ שענערע שטעלע. איז קלײַב אויס אַליין, און לאַדנאָ...

כאָטש עזראַ האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, און עלכאָנען האָט בײַסן רעדן ניט מער ווי זיך אײַנגעקוקט אין אים, ווענדנדיק די ווערטער צו אַנדערע, דאָך איז קיין ספֿאָפֿעק ניט געווען, אַז עס טײַנען זיך דאָ אויס זיי ביידע — עזראַ און עלכאָנען, און עס גייט אַ רייד וועגן איר, וועגן כאַווען, און וועגן דער לעבנס-זאַך, וועלכע האָט אַ שײַכעס צו זיי אַלעמען — וועגן דעם שטעטל.

אין דרויסן איז שוין געווען גוט נאַכט. ס'האָט געבלאָזן אַ נאַסער כעשוונדיקער ווינט, און באַגלייטנדיק זײַנע געסט, האָט עלכאָנען אַרופֿגעצויגן אויף זיך איבער די אַקסלען אָן בושע אַן אַלטע קאָלדרע מיט סטאַרטשענדיקער פֿון די לעכער וואַטע. ניט ווײַט פֿון דער געמויערטער אַרקע האָט אויף אַ צײַטווײַליק דרענגל זיך געשפּילט מיטן אייגענעם שאָטן אַן עלעקטריש לעמפּעלע, באַשײַנענדיק דאָס איבערבלײַבעכץ פֿון ערשט ניט לאַנג נאָך גרינעם גאָרטנוואַרג און די אַרײַנגאַנג-טיר אינעם צוגעבויטן בײַדל. עלכאָנען האָט פֿאַרהאַלטן דעם בליק אויף די אַוועקגייענדיקע געסט. ווען אויף זיי איז געפֿאַלן די שײַן, האָט ער באַמערקט, ווי כאַווע נעמט אונטערן אָרעם ביידע מאַנצלען, דערבײַ פֿעלט אינגאַנצן צווישן איר קערפּער און עזראַס דער שײַן-דורכלויכט. ער האָט פֿון הינטן אַרופֿגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, פֿילנדיק אַ קעלט אין די גלידער, נאָר אַ ציטער געטאָן האָט ער גאָר פֿון עפּעס אַנדערש: פֿון הינטער דער אַרקע, וווּ ס'איז געווען שטאָק-פֿינצטער, האָט זיך באַוויזן אַ פֿיגור אין אַ פֿאַרשפּיצטן באַלדאַכאָן, ניט אַנדערש — אַ קו-קלוקס-קלאַן-שאָטן. און כאָטש

עס האָט זיך גלײַך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער עלטערער אינספּעקטאָר פֿון מינעראַל־וואַסער, וועלכער האָט אין זײַן בראָזעוועטענעם רעגנמאַנטל אויפֿגעהויבן דעם קאַפּקע, איז עלכאַנען מוירעדיק אין קאָס געוואָרן:

— וואָס פּאַדיעט איר אַרום, כּאַוער ייִצחאָק שאַדאַי! איך זאָל דאָ מער אײַער סליאַד ניט זען!

דאָס קאָל פֿונעם עלטערן אינספּעקטאָר האָט זיך געטראָגן ניט הויך, נאָר פֿעסט:

— אײַ, ליאַרעמט ניט. אויב איר זײַט אַ פּריפּאַדאַטשנע, דאַרפֿט איר זיך היילן...

עלכאַנען האָט זיך ניט אויפֿגעהערט צו בייזערן:

— איר האָט צו מיר אַן איניען? איז קומט אַרײַן מאָרגן אינדערפֿרי...

— קיין שום איניען, — האָט אים באַרויקט דער עלטערער אינספּעקטאָר. — כ'ל איבערגעבן אײַך די זשאַלאָוואַניע...

אין שטוב האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אַ טעג דרײַ אינספּעקטירן די נאָענטע שטעטלעך, און ווייסנדיק, אַז צאָמבער נייטיקט זיך, האָט ער פֿאַרכאַפּט מיט זיך זײַן לוין פֿאַר אַ כוידעש.

— דאָס אײַנציקע, אויב ס'וועט אײַך ניט מאַכן ענג, וואָלט איך די דרײַ נעכט איבערגעשלאָפֿן דאָ־אָ באַם פֿענצטער. קיין שום וואָזגענישן מיט מיר. ווען ס'איז נאָך פֿינצטער, גיי איך אַוועק פֿון סלוטשניע, און באַנאַכט קער איך זיך אום.

ער האָט גלײַך גענומען זיך אויסטאָן און מאַכנדיק אַ געלעגער פֿונעם רעגנמאַנטל און פֿון דעם פּאַרטפֿעל, דערציילט דערווײַל, אַז מיכאַיל אַנדראָנאָוויטש טכאָר און מוישע שאַדאַי לאָזן אים גריסן.

אין מאָרגן, ווען עלכאָנען האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, איז שוין דער עלטערער אינספּעקטאָר ניט געווען אין שטוב, אָבער נעכטיקן איז ער געקומען אַלע דרײַ מאָל, געפּירט זיך באַשיידן, אַפֿילו קיין אָקרעפּ ניט געבעטן צו טרינקען. אין פּאָרטפֿעל האָט ער געטראָגן מיט זיך אַ דאַר־געבאַקענע בולקע, אַ סלאָיִקל, פֿאַרוויקלט אין אַ צײַטונג, — ווײַזט אויס, פּאָווידלע צו עסן אין וועג, עטלעכע האַרטע ציגעלעך צוקער, אַ ביסעלע זאַלץ אין אַ פּעקעלע פֿון שוועבעלעך און אַ האַלבע ציבעלע, אויך פֿאַרוויקלט אין אַ צײַטונג. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשמײַען איבער די נאָענטע שטעטלעך, און אין דרײַ טעג אַרום האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און אַ שפּראָץ אויף טאָג אַוועק צופֿוס צום טראַקט, וואָס פֿירט פֿאַרבײַ דער נאָענטער שטאָט צום געגנטלעכן צענטער. דאָרט אויפֿן טראַקט האָט ער געהאַפּט אָנדינגען אַ דורכגעפֿאָרענע פֿור, קעדיי זיך דערקלײַבן ביז דער אײַזנבאַן.

עלכאָנען האָט זעלטן כאַראָטע געהאַט פֿאַר באַגאַנגענער גראָבקײַט. ס'איז געווען באַ אים אָנגענומען, אַז מיטן אָנגרײַפֿן אויף אַנדערע האָט ער זיך פֿאַרשטעלט פֿון מעגלעכע גראָבקײַטן בענעגייע זיך. אויסער דעם, האָט ער איצט געהאַט צו טאָן מיט ניט קיין סימפּאַטישן מענטשן, וואָס שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ ניט־סימפּאַטישע פֿירמע. עפּעס איז אים ביכלאַל ניט געווען געפֿעלן אַט דער אוקראַלעטשמעדמינוואָדטרעסט. אָבער צוריק גערעדט, ס'איז ניט געווען קיין סיבע צו זײַן גראָב מיטן עלטערן אינספּעקטאָר. יענער האָרעוועט, ווי אַ פֿערד. געווען דרײַ מעסלעס אונטערוועגנס, זיך געוואַלגערט אויפֿן דיל, און דערבײַ ניט פֿאַרגעסן צו ברענגען אים, עלכאַנענען, די עטלעכע רובל פֿונקט דאַן, ווען זיי האָבן שטאַרק געפֿעלט.

ווי שטענדיק, וואָלט ער איצט, פֿילנדיק געוויסנביסן, אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ געפֿיל פֿון מינדערווערטיקײַט, און אויף אַ טאָג צי צוויי געוואָרן שוואַך ווי אַ פֿליג און ביכלאַל זיך ניט באַוויזן צווישן מענטשן. דאָ אָבער, אין זעלבן אינדערפֿרי, ווען דער עלטערער אינספּעקטאָר איז אַוועקגעגאַן פֿון דער לאַגאָווע — עלכאָנען האָט נאָך ניט באַוויזן פֿאַרגראָבן זיך אין זײַן אײַנזאַמקײַט, — האָט געטראָפֿן דער אומגליק, ס'איז פּלוצעם געשטאָרבן אָפֿאַנאַס גאַווריל אָוויטש קאָפּילענקאָ.

אויפֿן טיש באַם באַטקאָ האָט מען געפֿונען עסנווארג, וואָס איז פֿאַרבליבן נאָך דער וועטשערע, בײַס כאַווע איז געווען צוזאַמען מיט עזראָן אין געגנט־צענטער און ער האָט אַליין זיך באַדינט — אַ לעבל ברויט, אָנגעבראָכן פֿון ביידע זײַטן — אַזוי האָט ער ליב געהאַט עסן ברויט, ניט שנײַדן עס, נאָר ברעכן, אויך אַ טעלער מיט געשיילטע קאַרטאָפֿל, און אין זעלבן טעלער מאַרינירטע שוועמלעך, וואָס מיט זיי טאַקע האָט זיך, וואַרשײַנלעך, אָפּגעסאַמט דער באַטקאָ. ער איז פֿונעם טיש צוגעגאַנגען צום בעט און זיך אַוועקגעלייגט אין דער ברייט פֿונעם געלעגער... ווען דער אַרויסגערופֿענער אינדערפֿרי פֿון דער שטאָט דאָקטער האָט דערזען, אַז די הויט באַ דעם געשטאָרבענעם איז שטאַרק געל, האָט ער געהייסן אָן וואַקלונגען צונויפֿנעמען אין אַ קוווערטל די שוועמלעך און אָפּשיקן זיי אויף אַן אַנאַליז.

די יעדיע וועגן דעם באטקאָס טויט האָט זיך אויגנבליקלעך פאַרשפּרייט ווײַט אויסער סלוטשניע. פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך זײַנען זיך צונויפגעלאָפן קליין און גרויס. כאַוועז און עזראַן האָט געבראַכט א מאַשין פון געגנטקאָם און, אופפּעפענענדיק דאָס טירל נאָך איידער די רעדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט די ניט-צוגעקעמטע, שטאַרק בלאַס געוואָרענע כאַווע דערזען פריִער פאַר אַלעמען, א זיצנדיקן אַף די טרעפּ, מאָרדכע גרינבערגן, דעם אַמאָליקן לאַכמאַנדריידלען, און איידער עפענען די טיר, האָט זי אַף אים א קוק געטאָן מיט שרעק און מיט פאַרוואורף, ווי גלײַך זי וואָלט זאָגן:

— ער, כאַוועז גרינבערג, כאַוועז גרינבערג... וויאַזוי האָט איר געקאָנט אַרויסלאָזן פון אויג דעם באטקאָ!

8

צו דער צײַט, וועלכע מיר האָבן באַדינגלעך אָנגענומען אַף פאַרזעצן די האַנדלונג — צו דעם פיר-און-זעכציקסטן יאָר — איז נאָך אַלץ ניט געענטפערט געוואָרן אַף קיין איין פראַגע פון די, וועלכע האָבן צוגעגעבן אונדזער געשיכטע איר באַזונדערן רייץ. און דאָך ווייסן מיר שוין גענוג פּראָטים פונעם לעבן פון די הויפּט-העלדן, קעדיי אין אָט דעם לעצטן קאַפּיטל פון דער ערשטער נאָוועלע, ריישיס, צעבינדן דעם קנופּ אין דער ליבע-אינטריגע און, וועהאַשייניס, באַווײַזן, וואָס פאַר א ווײַטערדיקן וועג עס האָט אויסגעקליבן פאַר זיך עלכאָנען צאַמבער.

ס'איז בעפיירעש צײַט, מיר זאָלן אָנצייכענען מיט קורצע שטריכן דעם מענטשלעכן פּאָרטרעט פון דער פרוי, וועלכע דערשײַנט אין אונדזער שילדערונג, אָנהייבנדיק פון די ערשטע זײַטלעך.

כאַווע איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס דאַן, ווען מיר מיינען, אַז זיי האָבן זיך אָקאָרשט איבער עפּעס-וואָס צעשמייכלט, זײַנען מיר זיך טויע, ווײַל דאָס פּאָנעם שמייכלט בא זיי שטענדיק. אָבער דאָס איז ניט אַלץ, וואָס לאָזט ניט אָפּ, ווען מע קוקט אַף איר. בעשאַס זי שמייכלט טאַקע אַפּאַנעמעסן, איז פּונקט ווי זי וואָלט געווען זשאַנאַ ד'אַרק, און מע פירט זי, א טראַגיש אָפּלויכטנדיקע, צום שײַטער. אַלץ איז אין איר גוירלדיק איבעראַשט און דערהויבן.

ס'האָבן אַזוי זיך צונויפגעלייגט די אומשטענדן, אַז זי איינע האָט אין מעשעך פון פיל יאָרן אָנגעפילט מיט זיך דאָס לעבן בא עטלעכע מאַנצבלען. דער באטקאָ האָט נאָך פון די פּאַרטיזאַנישע צײַטן טאָמיד געטראַכט און געהאַנדלט, האָבנדיק אין זינען די מיינונגען און אָפּשאַצונגען פון זײַן קאָמיסאַר. כאַווע איז אים געווען נאָענט ווי אַן אייגענע טאָכטער, און ער האָט זיך שוין ביזן לעצטן אָטעם קיינמאָל מיט איר ניט צעשיידט. זײַן זון אַרכיפּ איז געווען דער, וואָס האָט געהאַט דעם גוירל צו זײַן איר מאַן, און נאָר דער טויט האָט אָפּגענומען בא אים אָט דעם גוירל. עלכאָנען האָט פון די שול-יאָרן זי ווייטיקלעך ליב געהאַט. עזראַ האָט ניט אויפגעהערט צו זוכן אַן אויסוועג פון דעם טופּיק, פאַר וועלכן ער איז געשטאַנען אַלע זײַנע טעג: זײַענדיק פון קינדווײַז צוגעלאַשטשעט צו איר, ווי צו א שוועסטער, האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער קאָן זי ליב האָבן מיט דער ליבע פון א מאַנצבל צו א פרוי, און דאָך האָט ער אפילע אַף דער מילכאָמע געפילט, אַז אויב ער און זי וועלן בלײַבן לעבן, איז דער וועג זייערער אַף ווײַטער אָן שום סאָפעק שוין פריִער באַשטימט, און דאָס איז א וועג, אַף וועלכן זיי וועלן גיין צוזאַמען, ניט וויכטיק — מאַן און ווײַב אָדער פּאָשעט כאַווײרים.

ביסלעכווײַז איז מען אַרײַן אין באַאָרטן עלטער. דער פינפטער צענדליק האָט דורכגעשלאָגן פאַר זיך א וועג, מע האָט נאָך אַלץ געלעבט באַזונדער, אָבער שוין פון לאַנג געשפּײַזט זיך בא איין טיש, ווינעדיק, ווי פריִער, אין דעם באטקאָס הויז, כאָטש די רעדאַקציע האָט באַקומען אַן אייגענע געבײַדע און דער ראַיפּאַרטקאָם צוזאַמען מיטן ראַיויספּירקאָם איז אַריבערגעפאָרן אין דעם אופגעבויטן אַמאָליקן שטעטל, איצט דעם צענטער פונעם סלוטשניער ראַיאָן. עזראַ האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז א לאַנגע צײַט גיט ער שוין ניט אָפּ אין דער וועשערײַ זײַנע געטראָגענע וועש. דאָס בעט איז בא אים שטענדיק פאַרדעקט מיט זויבערע לײַלעכער, און אופפּעפענענדיק די קליידער-שאַפע, געפינט ער אַלעמאָל א פריש העמדל מיט צוגעניטע קנעפּלעך און אפילע מיט א לאַטקעלע דאָרט, ווו ס'איז געווען צעריסן.

— ניטאָ וואָס צו נארן סײַ זיך אַליין, סײַ די אַרומיקע, — האָט אין איינעם אַן אָפּדער-נאַכט געזאָגט צו אים כאַווע, ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט צום אָקאָרשט געקויפטן פאר ביידנס אָפּגעשפּאָרטע געלטער טעלעוויזאָר. — מיר זײַנען מיט דיר, ליבער, בלויז ניט פאַרשריבן אין זאַגס און מיר שלאָפן ניט אין איין בעט, אָבער דאָס זײַנען שוין פאַקטן פון אונדזערע פּערזענלעכע ביִאָגראַפיעס...

זי האָט אונטערגעקליבן די באָרוועסע פיס אונטער זיך, נעענטער זיך צוגערוקט צו די קישעלעך פונעם דיוואַן, אויף וועלכן זיי זײַנען געזעסן, און אַנעמענדיק זײַן רעכטע האַנט מיט איר לינקער, אַוועקגעלייגט זי צו זיך אויף די קני. עזראַ האָט אויפגעהערט קוקן אויפן עקראַן פונעם טעלעוויזאָר, נאָר אויך אויף כאַוועןהאָט ער ניט געקוקט, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט, עפּשער דערפאַר, וואָס עס האָט אים געאַרט און ס'איז אים געווען אַפילו כאַרפּעדיק, וואָס אָט די ווערטער און אָט דאָס דרייסטע טועכץ קומען ניט פון אים, דעם מאַנצבל, נאָר



פון איר. ער האָט אויף כאַוועןניט געקוקט, אָבער געוווּסט, אַז זי זעט איצט אויס גווירלדיק איבעראַשט און דערהויבן. אויך זי האָט מיט די מינדסטע איינצלהײַטן געוווּסט, וואָס עס פילט און טראַכט און ווי אַזוי עס זעט אויס עזראַ אין דער רעגע, צו וועלכער זיי ביידע האָבן זיך געגרייט קימאַט דאָס גאַנצע לעבן.

כאַווע איז אויפגעשטאַנען פונעם דיוואַן און איז אַרײַן אין צווייטן צימער.

— דאַרפסט אַוועקגיין? — האָט שטיל געפרעגט עזראַ.

זי האָט געענטפערט מיט אַ דערהויבענער שטײַפער שטים, און עזראַ האָט הינטער די אויגן געזען, אַז כאָטש זי שמייכלט איצט ניט, איז איר פּאָנעם, ווי שטענדיק, צעשמייכלט.

— איך גיי צו עלכאָנענען, — האָט זי געזאָגט, — כ'וועל אים וועגן דעם דערציילן. אַן דיר וויל איך עס טאָן, אַן דיר, עזראַ...

עלכאָנען האָט זיך לאַנג געפּאָרעט אין דער לאַגאָווע, איידער ער האָט זי אַרײַנגעלאָזט. זי האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט אויף דעם פּאָרגעלייגטן קעסטל, בלויז ער איז געבליבן זיצן. זי האָט געהאַט אַ טעווע צו שטיין, שטאַרק אָפּגעוואָרפן דעם אייבערשטן טייל פונעם קער-

פּער אָף צוריק, באַם רעדן זײַנען די שטריכן פֿון איר פּאָנעם, אויסער די ליפּן, געבליבן אומבאַוועגלעך, דאָס גאַנצע געזיכט אַ ביסל „אַרײַנגערוקט", און פֿון דעם האָבן אויסגעזען אַרויסשטאַרצנדיק די געזונטע קערנדיקע ציין.

— טײַערער עלכאָנען, — האָט זי געזאָגט, אײַנקוקנדיק זיך אין זײַן אָפּגעצערט, שוואַך געשטאַלט, — איך בין געקומען דיר זאָגן, אַז דו ביסט אין דײַן פֿאַרויסזען געווען גערעכט. אַזוי האָט באַוויזן דער סאָף פֿון דער איצט שוין אַלטער געשיכטע. הײַנט האָבן מיר באַשטימט, אַז מיר זײַנען מאַן און ווײַב. ווער דער „מיר" זײַנען, ווייסטו.

עלכאָנען האָט פּונקט ווי ניט געהערט, וואָס כאַווע רעדט, ער איז געזעסן שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין זײַנע מאַכשאָוועס. ס'איז דורכגעגאַנגען אַ פֿערטל שאָ, און זי איז אַלץ געשטאַנען און ער איז געזעסן און געשוויגן. זי איז צוגעגאַנגען און אים אַ קוש געטאָן. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון די מאַכשאָוועס און אַרויסגעשטאַמלט:

— זאָגסט, דער סאָף?.. אַזוי קושט מען אַ באַרמינען...

זי האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט קעגן אים, ווי פֿאַר אַ טריבונאַל:

— מײַן געוויסן איז ריין, עלכאָנען. אַרכיפּ און עזראָ זײַנען מיר געגעבן אָפֿן גאַנצן לעבן. מיט דיר האָט אונדז אַ סאַך צעשיידט...

— דער לאַגער?

— ניין, עלכאָנען. מערער. ווען אין לאַגער וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן עזראָ, וואָלט איצט אַלצייַנס דער סאָף געווען אַזאַ.

— דו רעדסט וועגן אַ סאָף? באַ אײַך איז עס אַן אָנהייב...

— געוויינלעך...

— דער סאָף איז מײַנער, כאַווע...

ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגערעדט, פּונקט ווי אײַלנדיק זיך צו מאַכן אַ סאַכאַקל אין אַ פֿאַרענדיקטן שמועס בײַסן אָפּגעזעגענען זיך מיט אַ גאַסט, וועלכער גייט שוין אַוועק. כאַווע האָט באַדאַרפֿט אים זאָגן, אַז אויך ער זאָל ניט ריידן וועגן סאָף, ווײַל דאָס לעבן איז נאָך גרויס, און קיין איין מענטש קאָן ניט וויסן, וואָס עס וואַרט אויף אים. זי האָט אָבער ניט ליב געהאַט איבערצוכאַזערן דאָס, וואָס עס איז אַזוי אויך פֿאַרשטענדלעך, און אָנשטאָט טרייסטן עלכאָנענען, האָט זי גענומען ריידן וועגן עפּעס אַנדערש און פֿאַרן אַוועקגיין זיך אָנגעפֿרעגט, צי ער וועט קומען אויף דער פֿײַערונג פֿון אַנטהילן די דענקמעלער באַ די צוויי ברידער-קוואָרים: דאָרט, וווּ עס ליגן די פֿרויען צוזאַמען מיט די אייווערימלעך פֿון די קינדער, וועלכע מע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַהין אַריבערגעטראָגן, און דאָרט, וווּ עס ליגן די מאַנצבלען. ער האָט שוין באַ אָט די ווערטער אירע אַרופֿגעשלעפּט אויף זיך די אַלטע קאָלדרע, קעדיי גיין זי באַגלייטן און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ, געהאַט נאָך וואָס צו פֿרעגן:

— געסט וועלן קומען? אַ סאַך לאַנדסלײַט מיסטאַמע...

— יאָ, — האָט כאַווע געענטפֿערט, — מיר דערוואַרטן סלוטשניער פֿון אַנדערע שטעט...

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט עלכאָנען זיך ניט אַ וואָרף געטאָן אין פֿאַרצווייפֿלונג אויפֿן געלעגער, ניט געבראָכן די הענט און ניט גענומען אויפֿשטעלן אין זיקאָרן, וויאַזוי ס'איז געשען דאָס, וועגן וואָס זי איז געקומען אים דערציילן. זינט ער און עזראָ, און שפּעטער אויך כאַווע, האָבן זיך אומגעקערט קיין סלוטשניע, איז דאָס לעבן געפֿלאָסן פֿאַר די אויגן באַ זיי אַלעמען, געפֿלאָסן פֿאַרשטענדלעך און אָפֿן, און אויב ניט גוט פֿאַר עמעצן, איז עס ניט געווען די שולד פֿון די אַנדערע. קיינער האָט פֿון קיינעם גאָרנישט ניט פֿאַרטײַעט און ניט געסטאַרעט זיך טאָן עפּעס אַ צווייטן אָפּצולאָכעס... עלכאָנען האָט עס גוט געוווּסט, און דאָך האָט זיך אים אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרן ניט אײַנגעגעבן זיך צופּאַסן צום שטראָם פֿונעם לעבן. פֿאַרקערט, אין אָט דעם קאָכיקן שטראָם איז ער געשטאַנען ווי אַן איינציק ביימל, אַ פֿאַרבליבנס אינעם באָדן, איבער וועלכן דאָס פֿליס-וואַסער האָט זיך צעגאָסן, און, דורכלאָזנדיק פֿאַרבײַ זיך די ווירבלערײַ, שווענקענדיק אין איר די אַרויסגעהויבענע, שוין הוילע וואָרצלען, דערווײַל נאָך געהאַלטן זיך מיט זיי אויפֿן אָרט, אָבער שוין גרייט געווען אָט-אָט נאָכגעבן דעם קויעך, וואָס וועט אַ טראָג טאָן אים איבערן שטראָם אויף העפקער.

ער איז געבליבן שטיין אַ לאַנגע רעגע באַ דער טיר, פֿאַרגעסנדיק, אַז ער האָט זיך געקליבן באַגלייטן כאַווען, און זי, פֿון איר זײַט, האָט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס זי קאָן שוין אַוועקגיין און דער ניט אָנגענעמער שמועס איז דורכגעגאַן בעשאָלעם. עלכאָנען האָט ניט געהאַט קיין קויעך אָפּצורײַסן די אויגן פֿון דער טיר, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אַ גלעזערנע, און דורך איר האָט זיך נאָך אַלץ געזען כאַווע.

סאָף וואָך האָבן אַף פאַרבײַפאָרנדיקע לאַסט-אווטאָמאָבילן, אַף וועגענער און ווער-ניט-ווער אפילע אַף אַנגעדונגענע טאַקסי זיך אַראָפּגעיאָוועט קיין סלוטשניע פיל דערשיטערטע מענטשן, שוין פון קאַמע יאָרן באַקאַנטע צווישן זיך. זיי האָבן ארומגעבלאָנקעט א גאַנצן טאָג איבערן שטעטל, וואָס איז איצט געווען זיי אינגאַנצן אומבאַקאַנט, כאָטש געשטאַנען איז עס אַפן זעלבן אָרט. קוקנדיק אַף זייער גרויסער צאָל, — שוין מער פון הונדערט נעפאַשעס, — האָט עלכאָנען געטראַכט, אַז ווען זיי אַלע זאָלן זיך אַריבערקלײַבן צוריק אַהער מיט זייערע מישפּאָכעס, וואָלט, קאָן זײַן, סלוטשניע ווידער געוואָרן א שטעטלדיקער מאָקעם. אָבער אופכאַפנדיק פון א זײַט זייער דורכשמועסן זיך, האָט ער געשטויגט, וואָס זעלטן הערט ער, זיי זאָלן ריידן אַף יידיש, און דער אויסזען זייערער איז שוין ניט געווען קיין שטעטלדיקער, ווי אויך די פּראָפעסיעס און טועכצן, וועגן וועלכע זיי האָבן דערציילט. ווען מע האָט זיך צערעדט וועגן אָט די פּראָטים. אַן אויסנאַם אין דעם אַלעם זײַנען געווען עטלעכע אַלטע לײַט, וועלכע זײַנען, נאָכן אויסוויינען זיך, מאַמעש אין א שאָ צוויי אַרום פּונקט ווי צוריק אַרײַנגעוואַקסן אין דעם סלוטשניער באָדן.

קיינעם האָט אויך ניט געכידעשט, וואָס צווישן די אָנגעפאָרענע האָבן זיך באַוויזן עטלעכע, וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגעגעבן אַף וויזעס קיין יִיסראָעל. די מילכאָמע האָט ניט בלויז געהאַרגעט, נאָר אויך צעשיידט מענטשן. פיל פּליטים-יידן, פאַרוואָרפענע אין פרעמדע מעקוימעס, פאַרשטעלטע דאָרט פאַר טאָטערן, אַרמענער, גריכן, און אונטער אַזאַ ניט געוווינטן באַוואָרנטן אויסרייד לעבנגעבליבענע צווישן די שקלאַפן-אַרבעטער אין דײַטשישע פּאָלוואַרקן און פאַבריקן, ווי אויך אַלפינעס אַרויסגעגאַנגענע לעבעדיקערהייט פון די טויט-לאַגערן און געטאָאָס אין פוילן, ליטע, אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד, — אָט די ניט ביזן סאָף דערדריקטע וועזנס האָבן מיט א פאַרבאָרגענעם אינסטינקט גענומען זיך דורכשמוגלען פון זייערע וואָגל-ערטער אין דער טאַמוזדיק-הייסער פּאַלעסטינע, ווו ס'איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן די מעדינע יִיסראָעל, און אין זכוס פון דעם זעלבן אינסטינקט האָבן זיי אָנגעהויבן אופזוכן זייערע קרויווים מיט דער האָפענונג ווידער אופצושטעלן פאַר זיך און פאַר די אָפּגעפונענע א מישפּאָכיש לעבן.

ווי געווינלעך אין אַזעלכע פאַלן, איז די פאַרייניקונג פון מישפּאָכעס זיך ניט באַגאַנגען אָן איבעריקע קאָטאָוועס, אפילע אָן פאַלשקײַטן און ספּעקוליאַציעס, אָבער די פּאָלגן פון דער מילכאָמע זײַנען דאָך ביכלאַל ניט געווען קיין געזונטע, און אין געגעבענעם פאַל, ווען סלוטשניע האָט באַערט אירע מילכאָמע-קאָרבאָנעס, האָט קיינער זיך ניט געכידעשט, וואָס צווישן די אָנגעפאָרענע זײַנען געווען עטלעכע, וואָס זײַנען געקומען ניט בלויז אַף קיווער-אָוועס, נאָר קעדיי זיך געזעגענען אַף אייביק מיטן שטעטל, ווו זיי האָבן זיך באַוויזן אַף דער וועלט. מיט זיי האָבן די סלוטשניער געזוכט זיך דורכצורײדן פריער איידער מיט די אַנדערע, ווילנדיק, אַף טשיקאַוועס, זיך דערוויסן, פונוואַנען עס נעמט זיך אַזאַ ניט-פאַרשטענדלעך צִיען זיך צו זײַן נאַווענאַד און וואָס, נעמלעך, מיינט מען מיטן פאַרלאָזן דאָס געבורט-לאַנד און זוכן א לעבן אין דער פרעמד. עמעס, וועגן יענע פרעמדע מעקוימעס רעדט מען שוין צווישן זיך ניט דעם ערשטן טאָג. מע לייענט אויך וועגן זיי אין די גאַזעטן, און מע הערט פון דאָרט די ראַדיאָ. ס'געפינען זיך אויסטײַטשער און אונטערשעפּטשער.

די ערשטע האָט געמאַכט אַרום זיך א רעדל כאַסיע די שלענדערקע, — דער צונאָמען פאַר איר הענדלערישן אַרומשליאָנדרעווען אַמאָל איבערן שטעטל, — א מעגושעמדיקע יידענע, וועלכע קוועלט ווי א בולקע אין דער מילך, און איז אַזוי פול-לײַביק, פּוכלע און בוזעמדיק, אַז דאָס אַליין נעמט צונויף די מענטשן אַרום איר. די לעבנגעבליבענע אין שטעטל האָבן זי געדענקט פון יענע צײַטן, ווען זי האָט, ווי מע זאָגט, געשפּאַרט פונעם קליידל אַרויס. אויך דעמלט האָט זי ניט געהאַט קיין עמעסן פאַמיליע-נאָמען, און איצט, ווען מע האָט זי דערזען אין גאַס, האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אַז זי האָט עמעצן שוין באַוויזן איר פּאַס, ווו זי איז פאַרשריבן לויטן צונאָמען — כאַסיע סליענדערסקאַיאַ.

כאַסיע האָט געטראָגן מיט זיך א קלומעק, באַווײַזנדיק אים דעם אוילעם, ווי א צוגעגרייטן ענטפער אַף א מעגלעכער פראַגע:

— כ'ל גאָר אינגיכן איבערשיפלען זיך...

עמעצער האָט ניט דרייסט א פרעג געטאָן:

— עפּשער ווילט איר אַף וועג-הויצאָעס, כאַסיע?

זי האָט א קוק געטאָן אַף דעם פרעגער פון אויבן אַראָפּ און זיך געווענדט צום אוילעם:

— איר זעט דעם פערד? ס'פעלט אים א פור מיט א גלעקל...

— און וואָס וועט דעמלט זײַן? — האָט דער פרעגער זי ניט אָפּגעלאָזט.

— דעמלט וועסטו אויך זיך מיסראַכעק זײַן פון אָט די ערטער...

דעם אוילעם זײַנען כאַסיע דער שלענדערקעס רייד ניט געפעלן געוואָרן. ס'האָט זיך דערהערט א קאָל:

— געקומען צו די קדוישים מיט אזעלכע שמאַד-שטיקלעך!

כאַסיע האָט זיך קריגעריש א כאַפּ געטאָן בא די קליבעס, נאָר ס'האָט שוין גערעדט דאָס גאנצע רעדל:

— טראָג זיך אָפּ!

— ווישלעך מיט די פּיסלעך!

— מע דארף זי מעשאַלייעך זײַן! זאָל זי פאָרן צו די ציִעניסטן...

— פּאָטער א כאָמעץ!

עלכאָנען איז ארויס פונעם רעדל און, שפּאַנענדיק אהיים, דערזען, אז עס גייט אים נאָך אן אלטער ייִד, שוין א זאָקן, מיט גראָווע באָרד-און-פּייעס, אין דאָרפישן אָנטאָן.

— מאַלאַדאַי טשעלאָוועק, — האָט דער זאָקן, אָניאָגנדיק אים, ארויסגעכריפּעט, — וואָרט צו א ווײַלע. איר דערקענט מיך ניט?

ניין, עלכאָנען ווייסט ניט, ווער דער אלטער איז, כאָטש, עפּשער...

— איר זײַט זאכארי...

— פּטיצעלאָוו! איר געדענקט? די ווײַסעכעווערעניקעס פלעגן מיך דראזניען: מאכט א ווארע, ס'גייט זאכארע, ניט קיין ייִד און ניט קיין גוי, אוי-אוי-אוי... אײַער מישפּאָכע האָט געוווינט בא דער ארקע, און איך אף א שטוב נידעריקער. נו, שכיינים געווען. און איר, יונגערמאַן, זײַט אזוי אויסגעוואקסן, אײַ-אײַ! — האָט ער זיך אײַנגעזויגן מיט די אויגן אין עלכאָנענען, ארויסברענגענדיק דעם אײַ-אײַ אזוי, גלײַך ער וואָלט געהאט הארצקלעמעניש, פארוואָס דער יונגערמאַן איז אזוי אויסגעוואקסן.

זיי זײַנען געגאנגען מיט פּאַמעלעכע טריט. דער אלטער האָט, אָפּטעטמענדיק, פאָרגע-זעצט:

— יאָ, יאָ, פּטיצעלאָוו. כאָטש, מישטיינסגעזאָגט, ייִדן זאָלן כאַפּן פּייגל. קיין אנדער זאָרג האָבן מיר ניט... אָט נעמט מיך. געבליבן עלנט ווי א שטיין. בלויז אסיע האָט זיך געראַטעוועט. דערמאָנט זיך, יונגערמאַן! א ווײַסינקע מיט לאַנגע צעפּ. איך בין מיט איר ארײַנגעפאלן אין ארבעטס-לאַגער... פריִער איז אנטלאָפן אסיע, כ'האָב ניט געוווּסט וווּהין, און דערנאָך איך... אזוי זיך שוין ביז דער פּאָבעדע אופגעהאלטן בא פרעמדע מענטשן, הײַנט אין איין דאָרף, מאָרגן אין א צווייטן...

— יאָ, אסיע... איך געדענק. א געלינקע אזא, מיט קלײַען...

— צוויי ווײַסע צעפּ. א בלאָנדינקע.

— איז ווו איז זי?

— זי האָט זיך פּאַיאָוועט אין ערעץ, דאָס הייסט אין דער מעדינע. צוערשט אריבער קיין טראנסניסטריע, אין רומעניע, דערנאָך מיט אנדערע ייִדן פארוואָגלט געוואָרן קיין פּא-לעסטינע. איצט האָט זי מיר ארויסגעשיקט דעם וויזאָוו.

— פאָרט איר, הייסט עס, אויך אוועק?

— וואָס הייסט אויך?

— נו, די ייִדענע, כאַסיע...

— זײַט ניט קיין קינד. אזעלכע, ווי כאַסיע, פאָרן ניט אוועק. זיי סטראשען נאָר. וואָפּ-שטשע, דרייען זיי א קאָפּ דעם אוילעם...

— און איר, כאַווער פּטיצעלאָוו? איר מיינט עס ערנסט?

דער אלטער האָט א ציטער געטאָן מיטן גאנצן לײַב. ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע א גרויס קווייטלדיק נאָזטיכל און אויסגעווישט דעם שווייס פון פּאָנעם. אָפּשטייענ-דיק אף עטלעכע טריט פון עלכאָנענען, האָט ער אים נאָכגעשריגן:

— פייגעלע און זאָרעכקע און דער מיזיניק מיטיע און ראָזע, וואָס איך האָב זי פונעם פּאָגראָם ארײַנגענומען פאר א טאָכטער, און סאמויל, איר מאַן און מײַן שוואָגער, אוןביידע שוועסטער מײַנע מיט זייערע מענער און קינדער און די שוויגער און די צאדיקעס דוויִרע, די פלוינעסטע מײַנע, — אלע האָבן זיי שוין א ליכטיקן גאניידן. וואָס בלײַבט מיר איצט איבער צו טאָן? אוועקפאָרן און געפינען די איינציקע, וואָס איז געבליבן לעבן, אסיען...

עלכאָנען האָט צוגעוואָרט אף אים א ווײַלע, און ווײַטער זײַנען זיי שוין געגאנגען צוזאמען. דעם אלטנס שטים האָט געקלונגען רויִקער:

— ניין, די סעדעכעס, אזעלכע ווי כאַסיע, סטראשען נאָר מיט ייִסראָעל. אליין פאָרן זיי ניט. נאָר אָט וועל איך אײַך זאָגן, און עס וועט אויסזען ניעווערויאַטנע. איר געדענקט לאַכמאנדריידלען, אונדזער מעשוגענעם? פאָרט ער! ער און נאָך איין ייִד, ניט קיין סלוטש-

ניער, — זיי בײדע פֿאָרן קיין ישׂראל. איך האָב דאָ אָקאָרשט געטראָפֿן יענעם ייִדן. א גוט-מאָרגן, א גוט-יאָר, מיר זײַנען שוין זנאַקאָמע פֿונעם אָוויר. האָט ער טאַקע מיר אָנגעוויזן אויף אײַך און דערמאָנט, ווער איר זײַט. אַליין איז ער פֿונדאַנען אָוועקגעגאַנגען ערגעץ אין א לאַגאָווע, ווו ער וועט, זאָגט ער, אײַך זיכער טרעפֿן.

— ווער איז עס?

— שאַדאַי איז זײַן פֿאַמיליע, כ׳האָב עס געזען אין אָוויר אויף די פּאַפּירן.

— האַ! — האָט עלכאַנען זיך א כאַפּ געטאָן און צוערשט געוואָלט זיך אומקערן צום רעדל, נאָר א פֿאַרבאָרגענער קויעך האָט אים גענומען אונטערשטופּן, ער זאָל גיין אַהין, וווּהין עס ווילט זיך אים גראָד ניט גיין, אָבער דאָס, וואָס אים דערוואַרט דאָרטן, איז יענע אוויירע, וועלכע ציט צו און נאַרט אַרײַן.

צוקומענדיק צו דער לאַגאָווע, האָט ער דערזען ייִצחק שאַדאַיען ווי ער זיצט אויף זײַן פּאָרטפּעל, צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער דרויסנדיקער זײַט פֿון דער אַרקע.

— איר האָט מיר ווידער געבראַכט די סכירעס פֿאַר ליידיק-גיין? — האָט עלכאַנען מיט א פֿאַרבאָרגענעם שמייכל א פֿרעג געטאָן.

ייִצחק שאַדאַי האָט געענטפֿערט מיט א זיפֿץ:

— איר ווייסט אַליין, וואָס פֿאַר א טאַם עס האָט אַזא נעדאָווע-געלט, מײַן טײַערער צאָמבער. מיינט נאָר ניט, אַז איך האָב וועלן-ניט-איז געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם בידנעם נעשעפֿט. ניט אומזיסט זאָגט מען: אַזוי ווי דער צאַר, אַזאַ איז דער סכאַר...

אין בײַדל האָט עלכאַנען גענומען אַרויסציִען פֿון שאַדאַיען נײַעס, וועגן וועלכע ער האָט זיך שוין דערוווּסט פֿון פּטיצעלאָוון:

— נו, אויב ניט די זשאַלאָוואַניע, האָט איר מיר עפּשער געבראַכט א גוטע בסורע?

שאַדאַי האָט ניט גלײַך געעפֿנט די קאָרטן:

— א גוטע, צי א שלעכטע, וועגן דעם וועט איר אַליין שוין פּאַסקענען...

— בעקיצער! — האָט עלכאַנען אַרויסגעוויזן זײַן אומגעדולד. ער האָט זיך לאַכלוטן ניט פֿאַרכידעשט, דערהערנדיק די שלעכטע נײַעס:

— האַקיצער, די זשאַלאָוואַניע האָט זיך געענדיקט. מיר זײַנען בײדע שוין אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט, און אָט דאָ ליגן צוגעגרייט אונדזערע פּאַפּירן, — ער האָט זיך צוגערירט מיט דער האַנט צו בײדע בוזעם-קעשענעס, — אין איינער ליגט מײַן וויזע, אין דער אַנדערער אײַער וויזאָווי. עס רופֿט אײַך אַרויס א נאָענטע קרויווע, וואָס איז אַלפֿינעס געבליבן לעבן און זיך אָפּגעפֿונען אין ישׂראל.

שטייענדיק איינער אַנטקעגן אַנדערן, האָבן זיי פֿאָרגעזעצט צו רעדן מיט אָפֿענער פֿײַנטלעכקײַט:

— איך זע, כאָווער שאַדאַי, אַז איר ווייסט פֿון מײַן לעבן מערער, איידער איך אַליין...

— מײַן כוויו.

— וואָסי, איר זײַט עפּשער בא מיר אַן אָפּעקון?

— א מין אַנפֿירער.

— אין וואָסער זכוס?

— אין זכוס פֿון אַראָפּבריענגען אַלע ייִדן אויף דער הייליקער ערד.

— אַ-אַ! אײַערע רייד עפֿענען אויף די נעשאָמע בא אײַך, באַווײַזנדיק, וואָס אין איר טוט זיך, און דאַן זײַנען זיי ווי א פּאַרהאַנג בא אַן אַפּטריט. זאָגט זשע מיר, ווער האָט אײַך אָוועקגעשטעלט פֿאַר מײַנעם אַן אַנפֿירער אויף אָוועקפֿירן מיך קיין ישׂראל?

— דעם עמעס געזאָגט, האָט מיך אָוועקגעשטעלט צו טאָן עס איינער א גוטער מענטש, אײַער אויסלייזער און מײַן אויסלייזער, רעב מוישע שאַדאַי.

פֿאַר עלכאַנענען איז ניט געווען אומגעריכט דאָס דערמאָנען איצט מוישע שאַדאַיס נאָמען. נאָך מער, ער האָט אויף דעם געוואַרט. ס׳איז שוין פֿון לאַנג צײַט געווען, מע זאָל מיט אים רעדן אָפֿענע רייד. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די לעצטע ווערטער פֿון זײַן גאַסט און אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע, וועלכע וואָלט אַן אַנדערשמאָל אויסגעזען זינלאָז.

— און אַזוי זײַנען, הייסט עס, שוין אַלע ייִדן דאָ אין אונדזער לאַנד אונטערגעאָרדנט צו אַזעלכע, ווי איר, אַן-פּי-רער אויף אַרויסגעפֿירט ווערן? האַ, זאָגט מיר, ייִצחאָק שאַדאַי!

— ניט אַלע. דערווײַל ניט אַלע. — האָט קאַלטבלוטיק געענטפֿערט ייִצחאָק שאַדאַי, אַרויסרופֿנדיק בא עלכאַנענען א שוואַכקײַט, נאָענט צו כאַלאַשעס. — אָבער איר, כאָווער צאָמבער, זײַט אַרײַנגעפֿאַלן צווישן די אויסדערוויילטע. וואָס מיינט איר, אַלע ייִדן האָבן אַזויפֿיל יאָרן באַקומען אומזיסטן פּאַנסיאָן בא דער סאָוועטסקע וולאַסט? דעם פּאַנסיאָן האָט אײַך אומבאַמערקט אונטערגערוקט שאַדאַי. רעב מוישע. אונטערגערוקט מיט די הענט פֿון

א צווייטן גוטן מענטשן — מיכאיל אנדראָנאָוויטש טכאָר. און איך בין דאָ בלויז א שאַליער, אַן אויספּילער... ווען איר וועט שוין זײַן אין ייִסראָעל, וועט איר וועגן אַלץ זיך דערהייסן, אַלע קניפּעלעך וועלן זיך פאַר אײַך צעבינדן, כאָווער צאַמבער. נו, איך וואַרט אַף אײַער טשוווע...

עלכאָנען האָט געקוקט אַפן געווזענעם עלטערן אינספּעקטאָר פון מינעראַל-וואַסער מיט דערשראָקענע אויגן פון א קאָרבן, וועמענס גורל איז שוין געלייזט. סטאַרענדיק זיך נאָך פאַרהיטן די האַרטקײַט אין דער שטים, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— רעב ייִצכאָק, איר שפּאַרט ווי א בולדאָזער. לאָזט מיך איבער כאָטש אַף איין נאַכט אַליין מיט מײַנע געדאַנקען. און זאָגט מיר דערווײַל, איך זאָל אויך עס פאַרשטיין — קלערט מיר אויף, וויאַזוי מע געפינט אָפּ בא א מענטשן נאָענטע קרויווים אין ייִסראָעל, בייס אַלע זײַנע אייגענע און נאָענטע, דאָס גאַנצע געזינד, די גאַנצע מישפּאָכע, אָן שום אויסנאַם, ליגן דאָ אין דער ערד, דאָ אין דער אַלטער היים?

ייִצכאָק שאַדאַי האָט זיך א קרים געטאָן:

— איך האָב פײַנט ריידן מיט א באַדכן. נעמט אײַך דעם וויזאָוו און לייגט זיך מיט אים שלאָפן!

ער האָט א וואַרף געטאָן אַפן טיש א קאָנווערט מיט אָנגעקלעפּטע אַף אים אויסלענדישע פּאָטשט-מאַרקעס און, עפענענדיק די טיר אַף אַרויסגיין, א זאָג געטאָן, ווי גלײַך ער וואָלט געווען א שאָכן, וואָס האָט באַקומען מיט דער פּאָטשט א פרעמדן בריוו:

— דעם וויזאָוו האָבן אײַערע קרויווים געשיקט אַף מײַן אַדרעס, ווײַל ס'איז ניט קלאָר, אַף וועלכער גאַס איר לעבט אין סלוטשניע...

צודריקנדיק זיך צו דער טיר מיט דער פּלייצע, האָט עלכאָנען צוריק זי פאַרמאַכט, און אַזוי, ווי ער איז געשטאַנען, האָט ער גענומען זיך גליטשן אַף אַראָפּ-צו איבער די טיר-ברעטער און זיך אויסגעצויגן אַפן דיל. דער גאַסט האָט זיך דערשראָקן און איז אַוועק צום עמער מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקל פונעם צימער אַף פּונקט אַזא קעסטל, ווי די, אַף וועלכע מע איז באַם טיש געזעסן. עלכאָנען האָט זיך דערווײַל אופגעהויבן און, האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט באַקוקט דעם אייגענעם הוילעך, א בלאַסער און ערנסטער, שטיל געשעפּטשעט:

— ס'איז בא מיר פונעם לאַגער א מין עפּילעפּסיע...

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און מיט דער האַנט באַוויזן אַפן צווייטן קעסטל דעם גאַסט:

— וווּהין וועט איר אַוועקגיין? נעכטיקט שוין דאָ איבער...

— כאָווער צאַמבער, פאַר דער צײַט, וואָס איך האָב מיט אײַך צו טאָן, בין איך שוין אַליין געוואָרן א סלוטשניער...

עלכאָנען האָט די רייד אָנגענומען ערנסט:

— איר האָט זיך דאָ באַזעצט?

— כאָלילע! ס'איז דען וואַזשנע, וווּ אַזא מענטש, ווי איך, האָט אין רוסלאַנד זיך באַזעצט? מיט וואָס וואָלט סלוטשניע געווען בעסער פון קיִעוו? אבי אָפּזיצן ערגעץ די צײַט... און אַף שטענדיק וועלן מיר מיט אײַך, כאָווער עלכאָנען, זיך באַזעצן צווישן אונדזערע ייִדעלעך.

— אין סלוטשניע זײַנען אויך ייִדן...

— געווען אַמאָל. איצט זײַנען די ייִדן פונעם שטעטל, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ עס-עס-ער. וויפל מאָל האָט איר אַליין מיר געזאָגט, אַז עס איז שוין ניטאָ און עס קאָן דאָ ניט זײַן קיין ייִדיש שטעטל. אַף דעם ענטפער איך אײַך: ייִסראָעל איז אונדזער נײַ שטעטל. א מעדינע — א ייִדיש שטעטל! הא, כאָווער צאַמבער! ס'איז מיר טיף אין האַרצן אַרײַן אײַער בענקשאַפט נאָכן שטעטל. זײַט איר טאַקע גערעכט, נאָר וואַרפט אַרויס פון קאָפּ סלוטשניע...

— פאַרוואָס זשע זאָגט איר, אַז איר זײַט געוואָרן א סלוטשניער?

— איך זאָג, אַז אין סלוטשניע האָב איך שוין גענוג באַקאַנטע, קעדיי ניט נאָר בא אײַך זוכן א נאַכטלעגער.

דער שלאַנג האָט ווידער אַרויסגעשפּאַרט פון עלכאָנענס מויל:

— אהא! אַוועקפירן קיין ערעץ די ייִדן פון אַזא גרויסן קראַך, ווי קיִעוו, איז שווער, אוי שווער, האָט איר אויסגעקליבן סלוטשניע און די אַנדערע אַמאָליקע שטעטלעך, ווו ייִדן זײַנען פּריטשמעליעט און זיי זוכן א דאַך איבערן קאָפּ. איר זײַט א ציִעניסט, כאָווער שאַדאַי, א ציִוני!

דער גאַסט האָט שמייכלענדיק אונטערגערוקט נעענטער צו עלכאָנען דעם קאַנווערט מיט די אויסלענדישע פּאָטשט-מאַרקעס און אַ פרעג געטאָן מיט אַ מילד קאָל:

— און איר זײַט ווער? ניט קיין ציִעניסט?

עלכאָנען איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט און גענומען אַרומגיין איבערן צימער. ס'איז שווער געווען צו דערגיין, צי ער רעדט, צי ער יאָמערט:

— אָ, איר זײַט אַ שעד און פון אַ שעד אונטערגעשיקט צו מיר, רעבּ יִצחאָק שאַדאַי... איך ווייס, אַז איר וועט מיך אומברענגען. נאָר וואָס קאָן איך טאָן? מײַן גורל איז שווער, זייער שווער... אָט האָט איר געזאָגט, אַז עס איז ניט קלאָר, אַף וועלכער גאַס איך לעב דאָ...

דער גאַסט האָט שוין גענומען מאַכן פאַר זיך דעם געלעגער פונעם רעגנמאַנטל און פון דעם פּאָרטפעל און, פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אופגעקלערט:

— כ'האַב מיט דעם געמיינט זאָגן, אַז אײַער לאַגאָווע האָט קיין נומער ניט און שטייט ניט אַף אַ גאַס, נאָר אין אַ גאָרטן... אַפילע אין אָט די ווערטער זעט איר אַן אָנדײַט אַף עפּעס, כאָטשע צאָמבער.

עלכאָנען האָט אויסגעשטרעקט פאַרויס די הענט און מיט די צעעפנטע דלאָניעס פּונקט ווי עפּעס אָפּגעשטופּט פון זיך:

— איך זע גאָרניט, כ'האָב פאַרלוירן די ריִע, איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז דער ביטערער עמעס...

— וואָס איז דער ביטערער עמעס?

— דאָס, וואָס אין מײַן אייגן שטעטל, אין סלאָטשניע, האָב איך נאָכן גרויסן אומגליק ניט געפונען קיין גאַס, וווּ צו וווינען...

— ס'איז אָבער פאַראַן אַן אויסוועג. מע קלײַבט זיך אַריבער אַף אַן אַנדער גאַס... ערגעץ נאָענט לעם יענער זײַט טיר, אין דרויסן, האָבן זיך דערהערט אַ פרויִש קאָל און אַ מאַנצבלש קאָל, ווי די צוויי וואָלטן דאָרט זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, זוכנדיק, וויאַזוי אַרײַנגיין אין שטוב. עלכאָנען האָט געעפנט די טיר און אַ רוף געטאָן:

— קומט אַרײַן, ווער איז דאָרט?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. דאָס דורכריידן זיך פון צוויי מענטשן און אַ מיידלש געלעכטערל, וואָס איז גלײַך איבערגעריסן געוואָרן, האָבן זיך דערטראָגן שוין פון אַן אַנדער אָרט, אָפּגעווײַטערט פון דער טיר. אין גאָרטן איז געווען פינצטער, כאָטש דער פאַרנאַכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. ווײַזט אויס, אַז אַף דער עלעקטראָסטאַנציע האָט זיך עפּעס ניט געלאַדיעט, און די לעמפּעלעך זײַנען געווען נאָך אָן שײַן. עלכאָנענען האָט אָנגעכאַפּט אַ ווילן זיך צוזעצן אין דרויסן, אַף די ברעטלעך, וועלכע ער האָט אַנומלטן צוגעפּעסטיקט צו אַרײַנגעגראָבענע אין דער ערד סטויפּיקלעך, פּונקט ווי דאָס וואָלטן געווען טרעפּלעך פון אַ גאַנעק. ער האָט אַרופגעוואָרפן אַף זיך די וואַטאָווע קאָלדרע און גענומען מיט שוין צוגעווינטע צו דער פינצטערניש אויגן אָפּזוכן די מענטשן, וואָס האָבן זיך ערגעץ אין דער נאָענט פאַרטײַעט.

דער פאַרנאַכט איז געווען שטאַרק אַ וואַרעמער, דער הימל, אָן שטערן, האָט אַזוי נידעריק זיך אַראָפּגעלאָזט, אַז ס'האָט זיך געדוכט: צווישן אים און דער ערד פונעם גאָרטן איז ניטאָ קיין אָרט פאַר גאָרניט, און דאָס, וואָס די צוויי פאַרליבטע און ער, עלכאָנען, האָבן זיך דאָ פונדעסטוועגן געפונען, איז אַ באַשטעטיקונג דערפון, וואָס זיי מיט זייער ליבע און ער מיט זײַנע לײַדן זײַנען שוין גרייט אַריבערצוטרעטן די גרענעץ צווישן דער וועלט און יענער וועלט. ס'האָט געשמעקט געדיכט מיט ערד און מיט פײַכטע, אויסגעדעמפּטע וואָלקנס. עלכאָנען איז געזעסן אַפן נידעריקן טרעפּל, אײַנגעקוטעט סײַ אין דער וואַטאָווער קאָלדרע, סײַ אין דעם וואַרעמען, ווי וואָל, הימל. ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ טרוימערישקײַט, וועלכע איז באַגלייט געוואָרן מיט נעשאָמע-שוואַכקײַט. פון קאָמע יאָרן האָט ער געוווּסט, אַז אין אַזעלכע מינוטן געזעגנט ער זיך מיטן סאַמע וויכטיקסטן אין זײַן לעבן, אָדער מיט דעם לעבן ביכלאַל — אַמאָל אין עכטן זין פון אָט דעם וואָרט, ווײַל ער איז פיזיש שוין צוגעגרייט צו שטאַרבן, אַן אַנדערס מאָל — געוויי טאַקע איצט — מיט זײַן געבורט-ערד, צו וועלכער ס'האָט זיך ערשט אַף אַ מיסטעריִעזן אויפן געפּערלעך דערנעענטערט און זיך צוגערירט דער הימל-רוים.

ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט פון דעם שטראָם שײַן, וואָס איז געגאַנגען פונעם צימער דורך דער אָפענער טיר, שטערנדיק אים זען עפּעס אין דרויסן, און דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס יִנגל מיטן מיידל, וואָס האָבן זיך פריִער געשושקעט און באַהאַלטן זיך פון אים, זיצן איצט אַרומגענומען פּונקט אַנטקעגן דער אָפענער טיר. זיי זיצן אַפן גראָז,

כאָטש ס'איז קאַלט שוין דער באָדן, און קוקן מיט נײַגער אױף אים און אױף דעם שטשיפּלע זאַקן, װאָס ליגט אין צימער אױפֿן דיל, פֿאַרכאַפּנדיק מיט א זײַט דעם פּאַס פֿון דער לאָמפּן-שײַן.

— קומט אַהער! — האָט פֿון זײַן געלעגער א רוף געטאָן ייִצחאָק שאַדאַי, װעלכער האָט געזען די פֿאַרליבטע זינט די טיר איז אָפֿן. ער האָט זיך אױפֿגעשטעלט אין דער שטובי-קער שײַן, אַזױ װי ער איז געװען אױפֿן געלעגער, אָן בושע, אין די גאַטיעס, און, אױפֿהײבנדיק פֿון דעם דיל דאָס רעגנמאַנטל, עס גוט אױסגעטרײסלט, גלײַך װי ער װאָלט עס ערשט געטראָגן אונטער א רעגן, אָדער אױף א שטױביקן װעג, און אָנגעטאָן עס אױף זיך, פֿאַרשפּיליענדיק די קנעפּ ניט װי ס'דאַרף צו זײַן, אײַנדערקרום.

— אוף-פֿו!.. — האָט ער אױך א טרײסל געטאָן דעם אײגענעם קערפּער און זיך צוגעזעצט לעם עלכאָנענען, אונטערוקנדיק די אָנגעטאָנענע אין װאָלענע שקאַרפּעטקעס פֿיס אונטער די ראַנדן פֿון דער װאַטאָװער קאָלדרע, װעלכע איז אַראָפּגעהאַנגען פֿון יענעמס אַקסלען.

דאָס ייִנגל מיטן מײדל זײַנען צוגעגאַנגען ניט דרײסט צום טרעפּל.

— דאָברי װעטשער, — האָט דאָס ייִנגל זיך באַגריסט.

— דאָברי װעטשער, א גוטן-אָװנט, — האָט פֿרײלעך געענטפֿערט ייִצחאָק שאַדאַי. — מיקױעך מאַמע-לאָשן איז לױ מיט א פּײַג אונטער א דעכעלע, האַ?

עלכאָנען האָט געשװיגן. די נאַכט איז געװאָרן געדיכטער, נאָר מיטאַמאָל האָבן זיך אָנגעצונדן די לעמפּלעך אינעם גאָרטן, און די יונגע האָבן זיך גענומען אײַלן אװעקצוגײן. שאַדאַי האָט זיך באַ זײ דערקונדיקט:

— קאַק סקאַזאַט פּאָ יעװרײסקי דאָ סװידאַניאַ?

— װען דו, פּאַפּאַשאַ, אונדז געלערנט, זאָלטן מיר דעמסטמאָל רעדן נאָ ייִדיש...

װי נאָר די פֿאַרליבטע זײַנען אַװעקגעגאַנגען, האָט עלכאָנען א טשמאָקע געטאָן מיט דער צונג, באַװײַזנדיק מיט זײַן גאַנצן אױסזען, װי אַנציקט ער איז:

— שוין אײנמאָל א שמועס! א שלאַל אָריגינעלע געדאַנקען...

ייִצחאָק שאַדאַי האָט צוריק זיך אַריבערגעקליבן אין שטוב און דאָרט זיך װידער אײַנגעאָרדנט אױף זײַן געלעגער. עלכאָנען איז, װי עס זעט אױס, שוין געקומען צו-זיך נאָכן קלאַפּ, װאָס ער האָט געכאַפּט פֿון שאַדאַיס אומגעריכטן איבערגעבן אים דעם אַרױסרוף קײן ייִסראָעל, און ס'האָט צו אים זיך אומגעקערט דער בײַסיקער כאַראַקטער. ער האָט, זיצנדיק אױפֿן טרעפּל, זיך גענומען אינטערעסירן, צי ס'איז עמעס, אַז זײַן געװעזענער שעף איבערן סעלצערװאַסער פּאַרט אװעק אין דער ייִדישער מעדינע אין קאָמפּאַניע מיטן סלוטשניער פּאַרמילכאָמיקן שטאָט-מעשוגענעם לאַכמאַנדרײדל. ייִצחאָק שאַדאַי האָט ניט אָפּגעלײקנט. יאָ, ער האָט טאַקע אָנגעטראָפֿן אין אָװיר אױף אָט דעם גרינבערגן, א מאָדנעם פֿאַרשױן, װעלכער זעט אױס װי א כאַסערדײעניק, װאָס האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר א קלאָרן.

— און איך דאַרף אײַך זאָגן, — האָט פֿאַרגעזעצט שאַדאַי, — אַז ער האָט מיך בע-עמעס פֿאַרכידעשט מיט זײַן אױפֿירונג טאַקע דאָרט, אין אָװיר. איך בין זיך מודע: ער איז געװאָרן מיר סימפּאַטיש. אין אופּנאַם-צימער האָב איך דערזען, װי ער קומט אַרײַן מיט עפּעס א קלומעק אין די הענט, אַזױ זײַטלדיק, אַפֿילע שעמעװדיק, טוט זיך א דרײ אַהער-אַהין און קוקט נאָך, װאָס איך טו באַם אָנגעבן די פּאַפּירן, ניט אַנדערש — א שטיקל שפּיאָן. ניט ער װענדט זיך צו עמעצן, ניט ער ענטפֿערט אױף א שײַלע, װאָס מע פֿרעגט אים. מיטאַמאָל גײט ער צו צו מיר, רופֿט מיך אָפּ אין א זײַט און פֿרעגט זיך אָן, װיפֿל מע דאַרף האָבן געלט אַרום און אַרום, קעדײ באַקומען א װיזע, — אָנגעהױבן פֿון באַצאָלן פֿאַר די מאַרקעס, װעלכע מע קלעפּט אָן אױף דער זאַיאַװלעניע, און ביזן אָפּצאָלן די װעג-שטײַערן אין מעזומען. איך רוף אָן די סומע, שלעפּט ער מיך אװעק אין א װײַטן װינקל פֿונעם אופּנאַם-צימער און שעפּטשעט מיר אַרײַן אין אױער, אַז ביסכאַקל האָט ער שוין אָפּגעשפּאָרט צוליב אָט דעם צװעק אַזױפֿיל און אַזױפֿיל רובל, און עס פֿעלן נאָך אױס זיבן און דרײַסיק, עפּשער אַלע פֿערציק. איז אָט, װיל ער מיר פֿאַרקױפֿן פֿאַר פֿערציק רובל א קאָסטיום און צו אים עטלעכע העמדלעך... כאָװער צאָמבער, איר זאָגט דאָך אַלײן, אַז איך בין א ציוני. דעריבער דאַרף איך אײַך ניט דערצײלן, אַז געקוקט האָב איך בײַסמײַסע אױף דעם ליבן מענטשן, אױף גרינבערגן, הײסט עס, װאָס מע רופֿט אים אין גאָלעס לאַכמאַנדרײדל, מיט גרױס סימפּאַטיע...

— און איר האָט אים געגעבן די סובסידיע, געקױפֿט דעם אָנצוג...

— געגעבן. געקױפֿט. דער קאָסטיום מיט די העמדלעך איז די װערט א הונדערטער, אױב ניט מער. אָבער גענומען האָט גרינבערג בלױז אַזױפֿיל, װיפֿל ס'פּאָדערט זיך אױף

אָפּצאָלן פאר דער וויזע. ס'איז, זאָגט ער, א שאָד, און האַדי. ער האָט די סכוירע געהאַלטן ספּעציעל צוליב זײַנעם א ציל, וועלכן מע קאָן דערגרייכן ניט אנדערש, ווי אוועקפאָרנדיק קיין ייִסראָעל. געהערט ווערטער, כאַווער צאַמבער? אָט ווי ווײַט אין דער נעשאָמע פונעם רוסישן ייִדנטום עס איז ארײַנגעדרונגען דער ציִעניסטישער אידעאַל!

עלכאָנען האָט זיך אָפּגערופן, ליגנדיק שוין אין בעט און דערייכערנדיק אין דער פינצטער א ציגאַרעט:

— כ'האָב געהערט זאָגן, אז דער באטקאָ אָפּאנאס האָט געשענקט דעם מעשוגענעם אן אָנצוג... איצט צאָלט יענער אָפּ מיט גרויס דאנקבארקייַט... אפן אויסגעלייזטן געלט פארלאָזט ער רוסלאנד...

9

א שאָד, וואָס די האנדלונג אין אונדזער שילדערונג איז דערגאנגען צו אזא קערפּונקט, אז ווײַטער זי אײַנהאלטן אף דעם היימישן באָדן איז ניט מעגלעך, און מע דארף זי אריבערפירן אין אן אנדער לאנד, וווהין איינער פון די צוויי הויפּט-העלדן איז אריבערגעפאָרן.

כאָטש, צוריקגערעדט, פארוואָס דארף מען באדויערן וועגן דעם אָדער יענעם קער פון דער האנדלונג, אויב אין לעצטן רעזולטאט איז עס א באווײַז, אז דאָס, וואָס דער שריפטשטעלער שרײַבט, איז אין טאָך אן אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייַט.

אזוי אָדער אנדערש, נאָר א וועזנטלעכער טייל פון דער היסטאָריע, וועלכע מיר באַשרײַבן דאָ, האָט אף א נאטירלעכן אויפן זיך געשלאָסן, און איידער צוטרעטן צום ווײַטערדיקן טייל, איז קעדײַ, דער לייענער זאָל וויסן, אז עלכאָנען איז אוועקגעפאָרן ניט מיט א קלאַפּ פון דער טיר. ס'איז אים געוואָרן אומעגלעך צו פארבלײַבן בישכיינעס מיטן גליקלעכן פאָרפאָלק — כאווען און עזראָן, — ווײַטער בלייבן לעבן איינזאם אין דער סלוטשניער לאַגאָווע, אָן א באשעפטיקונג און אָן א ציל, וויסנדיק, אז עס איז ניט בענימצע דער טרוים וועגן צוריק אופשטעלן נאָך דער קאטאסטראָפע דאָס ייִדישע שטעטל.

דאָס הייסט אָבער ניט, אז מיטן עצעם אריבערפאָרן אין אן אנדער לאנד האָט עלכאָנען ניט געמיינט צו דערגרייכן א געוויסן ציל. דעם עמעס גערעדט, איז עס געוועזן זײַן לעצטער פּרווו צו ענטפערן אף דער פראגע, וועלכע האָט אים ניט געלאָזט צורו אין די יאָרן נאָכן קריג: צי וועלן די ייִדן זיך קאָנען באגיין אָן דעם שטעטל? ווי מיר זעען, איז עלכאָנען געוועזן צו שוואך, קעדיי געפינען אן אויסוועג. זײַן גאנץ לעבן ביז איצט איז דורכגעגאַן אין דערוואַרטעניש, אז דאָס ביסל גוטס, וואָס אים איז באשערט צו ברענגען אין זײַן לעבן, זאָל עמעצן זײַן נייטיק. אין דער פּריִערדיגנט האָט זיך אים געדוכט, — פונקט ווי עזראָן און כאַווען, — אז דער באַרוף זײַערער איז פארבונדן מיט די סלוטשניער מינעראַלע קוואַלן. דערנאָך, בײַסן אָפּזיצן די מילכאָמע אינעם אָפּגעווײַטערטן לאגער, האָט ער ניט אופגעהערט צו האָפן, אז ווען ער וועט ארויסגיין אף דער פרײַ, וועט אליין דאָס לעבן אים א רוף טאָן...

פאָרן אוועקפאָרן האָט ער אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן עזראָן. דאָס אָרט, ווו זיי האָבן זיך באגעגנט, איז לויט א צופאַל געווען דאָס זעלבע, צו וועלכן ער, עלכאָנען, האָט געבראכט צו פירן עזראָן נאָך יענעמס אומקערן זיך פונעם פראָנט, און זיי ביידע האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט אין טכוירס פאלאטקע. איצט האָט עזראָ פון דעם זעלבן אָרט אים א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אף דער נײַער צעשפּרייטקייַט פון סלוטשניע, אין וועלכער ס'האָבן זיך ארײַנגעשריבן א פּאָר הויכע קוימענס, וואָס האָבן גאנצע טעג אופגעהאַלטן קוטשעראַווע רויכלעך איבער באשיידענע געבײַדעס פון אינדוסטריעלן אויסזען. אויסקערעווענדיק זיך מיטן פּאָנעם צום סלוטש, ווו לענגויס דעם ברעג, צוגעטוליעט צו איינעם פון די בערגלעך, האָט זיך געכיינדלט דאָס ווײַסע צווײשטאָקיקע מויערל פונעם זאוואָד פון מינעראַל-וואסער, וועלכער האָט שוין אָט-אָט געדארפט אָנהייבן ארבעטן, — האָט עזראָ געזאָגט, אז ווי ער פארשטייט, איז סלוטשניע שוין פולקום אופגעשטעלט פון די רויִנעס, און איצט דארף מען דעם ייִשעוו ווײַטער אנטוויקלען, די פּאשיסטן האָבן ניט נאָר אָפּגעווישט פון דער ערד דאָס שטעטל, זיי האָבן דאָרט אויסגעקוילעט אַלע ייִדן. אופשטעלן קאָן מען הײַזער, אָבער — אופשטעלן געהארגעטע מענטשן? דערפאר איז נאטירלעך, וואָס די ווידערופלעבונג פון די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך איז געגאנגען אין דער ווירטשאפט, בלויז אין דער ווירטשאפט, ניט באווירקנדיק דאָס נאציאָנאלע לעבן.

ס'איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייַט איבערצוגעבן דאָ די רייד — עלכאָנענס און עזראָס — אזוי ווי זיי האָבן אָפּגעקלונגען אין אָט די מינוטן, ווען עלכאָנען איז שוין, ווי מע זאָגט,

געוועזן אין וועג און ענדערן עפּעס-וואָס האָט קיינער און קיין זאַך ניט געקאָנט. דאָס איינ-ציקע, וואָס עס האָט די ווערט פאַרצייכנט צו ווערן, איז אָט וואָס:

בעשאַס דעם פײַנלעכן שמועס, ווען איינער פון די צוויי אַמאָליקע נעשאָמע-פרײַנט האָט ניט אויפגעהערט צו טײַנען „וויאַזוי האָסטו עס געוואַגט אָפּצוטאָן!" און דער צווייטער האָט געשאָטן מיט גראָבע רייד און מיט באַשולדיקונגען, זײַנען צום ערשטן מאָל פאַר אַלע יאָרן פון זייער צעקריגט זײַן אַרויסגעבראַכט געוואָרן די ווערטער, וועלכע שטייען אין די טיטלען פון אונדזער שילדערונג. „די ייִדן, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, — האָט אויס-געשריגן עלכאָנען, — דאַרפן זײַן היטער בײַ די טויערן פונעם פאָלק!"

עזראַ האָט ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס עלכאָנען מיינט:

— טויערן? וועלכע טויערן?

— טויערן פון קיום! — איז עלכאָנען אַרײַנגעפאַלן אין מעליצע, און עזראַ האָט דער-ווידערט מיט צערייצטקייט:

— קיום באַטײַט לעבן. צוליב דעם דאַרף יעדער איינער טאָן עפּעס מאַמאָשעסדיקס. דו, עלכאָנען, טראָגסט ניט קיין שולד פאַר דעם, וואָס דו ביסט אָפּגעזעסן פאַרשפּאַרט די גאַנצע מילכאָמע. נאָר זײַ מיר מויכל פאַר די רייד, — ס'איז דאָך עמעס, אַז די גאַנצע צײַט נאָך דער מילכאָמע און ביזן הײַנטיקן טאָג ביסטו אָפּגעזעסן, פון זיך אַליין אַ פאַרשפּאַרטער, אין דעם בײַדל באַם סלוטשניער טויער...

עלכאָנען האָט זיך דערפרייט:

— אויב דו האָסט אין זינען די יערושע-אַרקע, זאָלסטו וויסן, אַז אין מײַנע אויגן איז די טאַקע אַ מין טויער פון קיום, וועלכער איז פאַרבליבן פון אונדזער שטעטל, און באַזעצט האָב איך זיך לעבן דער אַרקע ניט אָן אַ מיין... געוואָלט ווערן דער היטער פון סלוטשניעס טויער... אוי-ווײ, פון דעם האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך...

— און קעדיי דאָס צו פאַרשטיין, האָסטו געדאַרפט פּאַטערן אַזויפיל יאָרן! — האָט עזראַ געזאָגט מיט באַדויערונג.

— ווער זאָגט, אַז איך האָב זיי געפּאַטערט? — האָט עלכאָנען זיך געפילט געטראָפן. — די פאַרבליבענע אַרקע אינמיטן דעם סלוטשניער כורבן איז געווען פאַר מיר דער טויער פון גלויבן...

נאָך אַ רעגע שטילשווײַגן האָט עזראַ אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל:

— אָט אַזוי ביסטו געקומען אָנצוקלאַפּן אין טויער פון ציון... פון איין טויער אַרויס, אין צווייטן אַרײַן...

אומגעריכט, זײַענדיק נאָך צעפלאַמט און אויפגעבראַוזט פון דער קריגערײַ, איז עלכאָ-נען געוואָרן געלאַסן. ער האָט שוואַך זיך צוגעטוליעט צו עזראַן און, אַרײַנקוקנדיק אים טיף אין די אויגן, אַרויסגעשטאַמלט:

— אומזיסט אַזעלכע באַשולדיקונגען, גראַזשדאַנין שליווניאַק. איך — אַ ציוניסט? אַגעוו, עפּעס ענלעכס האָב איך אַנומלטן געהערט פון אַ געשווירענעם ציוניסט, וועלכער האָט מיר צוגעשריבן זײַן גלויבן. אָבער דו, עזראַ, דו ביסט דאָך אַ קאָמוניסט, אַ קלוגער מענטש, און דו ווייסט מיך פון קינדווײַז אָן... ניין, קיין ציוניסט וועל איך קיינמאָל ניט זײַן. אָבער אַ פּרווו טאָן, עפּשער קאָן מען מײַן אידיי אָפּצוהיטן די טויערן פון דעם ליבן ייִדישן שטעטל, דעם צעטראָטענעם פונעם פאַשיסטישן שטיוול, — עפּשער קאָן מען די אידיי רעאַליזירן (דו הערסט, איך רעד וועגן אַ פּראַקטישער זאַך און ניט וועגן ציון-שמיון, איך וועגד אָן אַ געשעפטלעך וואָרט — רעאַליזירן!), עפּשער! עפּשער דאָרט, אין דער ייִדישער מעדינע... זי איז דאָך שוין פאַראַן, מע דאַרף זי ניט שאַפן. ווען איך וואָלט, קעדיי פּרווון אָפּטאָן אַ לעבנס-איניע, געפאָרן קיין פינלאַנד, וואָלסטו דאָך ניט געזאָגט, אַז איך קלאַפּ אָן אין טויער פון ציון... דער זעלבער געשווירענער ציוניסט, אַף וועלכן איך בין זיך ערשט סוימעך געווען, האָט צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז ייִסראָעל איז אַ לאַנד — אַ שטעטל... לויט מיר, איז דאָס ניט קיין ציוניזם. שטעטלעך זײַנען געווען — געדענק עס! — אין אונדזער לאַנד, אַף אונדזער באָדן. שטעטל — איז טכום, און ניט ערעץ-ייִסראָעל...

געענדיקט האָט זיך דער געזעגענונגס-סיכסעך מיט אַ צונויפגערעדטקייט:

יעדערער פון די צוויי בלײַבט בײַ זײַן מיינונג, ביזוואַנען דאָס לעבן אַליין וועט ניט פּאַסקענען, ווער פון זיי איז גערעכט. ווען דאָס וועט געשען, פרי'ער אָדער שפּעטער, דאַן וועט דער ניטגערעכטער אָנשרײַבן דעם צאַד שעקענעגעד אַ בריוו, וואָס וועט באַשטיין פון איין-איינציקער שורע: „דער היטער פון די טויערן ביסטו"...

צווייטער טייל

10 אפּרעל

טײַערע כאַווערטע כאַווע!

דו שטעלסט זיך ניט פֿאָר, ווי גרויס עס איז מײַן פֿרייד, ווען עס קומט אָן אַ בריוו פֿון סלוטשניע, באַזונדערס פֿון דיר, וועלכע איז אין מײַנע קינדער-יאָרן געווען די שיינע לעגענדע אינעם געשטאַלט פֿון אַ קאָמסאָמאָלקע. דעמאָלט איז דער אונטערשייד צווישן אונדז געווען אַ גרויסער: דו — אַכצן, איך — דרײַצן. דײַנע אײַגלעך פֿלעגן אַפֿילו ניט קוקן אין מײַן זײַט. יאָ, ווען איך האָב צוריק מיט עטלעכע טעג באַגעגנט אין אַעראָפּאָרט מײַן טאַטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוזאַמען מיט אים איז פֿון סלוטשניע געקומען על-כּאָנען צאַמבער, דײַן שאָכן באַ דער פּאַנסקער אַרקע און אויך, הייסט עס, מײַן שאָכן. ער האָט שוין געוווּסט, אַז איך לעב אין ייִשׂראָעל — מײַן טאַטע האָט עס אים דערציילט, און דאָך האָט ער מיך ניט דערקענט.

האָב קיין פֿאַריבל ניט, כאַווע, וואָס איך רוף דיך אָף „דו". ס'זײַנען שוין פֿאַרלאָפֿן מער פֿון צוויי צענדליק יאָר, זינט איך בין אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון דער היים, און דאָ אין ייִשׂראָעל איז אין אומגאַנג ניט ייִדיש, נאָר איוורית, אַ לאָשן, אין וועלכן ס'איז ניטאָ דאָס וואָרט אָף צו אירצן. איך בין צו דעם אַזוי צוגעוווינט, אַז אַפֿילו אין ייִדיש אירץ איך ניט. די עמעסע סיבע אָבער פֿון דעם, וואָס איך ווענדע זיך אָף „דו", איז מײַן האַלטן פֿון דיר ווי פֿון אַן עלטערער שוועסטער. די יאָרן אונדזערע האָבן זיך ווי דערנעענטערט צווישן זיך. ווען מע איז שוין מיט ביידע פֿיס אינעם פֿערטן צענדליק, זײַנען פֿינף יאָר קיין מעכיצע ניט אָף צו זײַן נאָענט איינע מיט דער אַנדערער.

מײַן טאַטע האָט מיר דערציילט, ווער דו ביסט אַצינדער. נו, פֿריִער האָב איך דיר געשריבן בריוו, וויסנדיק בלויז, אַז דו ביסט כאַווע סוכאָדאָלסקאַיאַ, די סלוטשניער קאָמ-סאָמאָלקע, אונדזער שכיינע. אין אָנהייב, בייס איך האָב דיר אָפּגעשיקט דאָס ערשטע ברי-וועלע, האָב איך ביכלאַל ניט געגלייבט, אַז איך שרײַב צו אַ לעבעדיקער. איך האָב נאָר געהאָפֿט — עפּשער... און אָט, דו לעבסט און ביסט אין סלוטשניע אַזאַ וואַזשנע פּערזאָן!

אויב ריידן שוין ביזן סאָף, בין איך דאָך אויך אַ כאַווערטע אין דער פּאַרטיי, אין אונדזערער, דער ייִשׂראָעלדיקער קאָמפּאַרטיי. און דאָס דערנעענטערט דען ניט?

דײַן באַשרײַבונג פֿון דער סלוטשניער טראַגעדיע, וועגן וועלכער איך האָב זיך אויך ניט ווייניק דערוווּסט פֿון מײַן טאַטן, האָט אָפּגענומען בא מיר דעם שלאָף. נעכטן האָב איך באַזוכט צאַמבערן אין אימיגראַנטישן צענטער (געוואָלט אים העלפֿן אָנקומען אין אַן אָנ-שטענדיקן אולפּאַן צו דערלערנען די לאַנד-שפּראַך, נאָר ער האָט פֿון דער הילף זיך אָפּ-געזאָגט), און כ'האָב, שמועסנדיק מיט אים, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דאָס פֿאַרייניקן מישפּאָכעס, וואָס עס איז אַן און פֿאַר זיך יוישערדיק, וואָלט געדאַרפֿט גיין אין דער פֿאַר-קערטער ריכטונג — די אָפּשטאַמיקע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד זאָלן זיך אומקערן אַהיים צו זייערע קרויווים און ניט רופֿן זיי אין אַן אַנדער לאַנד, — אָבער ווײַזט אויס, אַז די ווונד בא אונדזער סלוטשניער שאָכן איז אַזאַ טיפֿע און אָנגעווייטיקטע, אַז ער האָט ניט גע-וואָלט אַרײַנלאָזן זיך אין פּראָטים. פֿרעג איך דעריבער דיך, טײַערע כאַווערטע, צי איך בין גערעכט, צי ניט.

אַך, ווי עס ווילט זיך מיר זען אַמאָל ווידער מיט די אייגענע אויגן אונדזער שטע-טעלע, זאָל זײַן אַפֿילו די ערד, אָף וועלכער עס איז אַמאָל געשטאַנען...

דײַן אַסיע פּטיצעלאָוו

11 אַפּרעל

ערשט נעכטן, טײַערע כאַווע, האָב איך דיר אָפּגעשיקט אַ בריוו און געדאַרפֿט, ווי געוויינלעך, וואַרטן ווײַניקסטנס אַ כוידעש, ביז עס וועט אָנקומען דער ענטפֿער, אָבער זע אָף טשיקאַוועס, ווי אַזוי דאָס לעבן גרייט צו פֿאַר אונדז פּאַסירונגען, וועלכע בעטן זיך, מע זאָל וועגן זיי זיך דערוויסן וואָס גיכער.

דו געדענקסט, פֿאַרשטייט זיך, די צוויי סלוטשניער פֿאַרשוינען, וועגן וועלכע ס'וועט גיין באַלד אַ רייד. דער ערשטער, מוישע טכויר, איז געווען אַן אַקטיוויסט, גאַנץ סלוטש-

ניע האט אים געקענט. מיר, די קינדער פון דער שול, פלעגן אים אראפּברענגען אף מאיאָווקעס און אף פּיאָנערישע שייטערס. ער האט אין אלע צייטן פון יאר געטראגן א לעדערן מאנטל, א קאזשינקע, הייסט עס, און האט זיך געסטארעט אויסזען ווי א מיליטערמאן אין ציווילן אנטאן. מע פלעגט שפאסן, אז כאטש אין קלוב נעמט ער אפּ זייער שטרענג די נארמעס פון וואראשילאָוו-שיסער, אבער זיין אייגענעם זנאטשאָק האט ער אויסגעביטן אין טשארטאָרישטשע בא א טראקטאריסט פאר א פּעקעלע גאַל-מעסערלעך. מיסטאמע איז עס, ווי יעדער וויץ, איבערגעטריבן. מיט א צייט צוריק האט אונדזער סלוטשניער העלד אנגעטראפן קיין ישׂראל, און איך ווייס ניט, וואס עס איז אינדערעמעסן געווען די סיבה אופצוהייבן א סקאנדאל, נאר אויב אורטיילן לויט דעם, וואס עס האבן געשריבן די צייטונגען, האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז קיין ייד ניט. מוישע טכויר איז ניט קיין ייד! וואס ווערסטו דערוף זאגן, כאווע? קיין ישׂראל איז ער געקומען עפּעס אף א מאדנעם אויפן — גאר פון פּוילן, ווו ער האט אפּגעגעט דאס ווייב, ארויסרופנדיק אויך א סקאנדאל (זי לייגט איצט איין וועלטן, דערציילט די רעפּארטיארן, אז דאס האט זי אים ארויסגעראטעוועט פון רוסלאנד, און ער דאנקט איר אפּ מיט כאזערייַ...).

בייס די כקירעס, ווער עס איז א ייד, האט מען דעם פאל מיט מוישע טכוירן געבראכט ניט אנדערש, ווי אלס א בייַשפּיל לעטויוועס די קליי-קודיעש און אנטיסאוועטיקער. דער מענטש, נעבעך, איז א קארבן פון דעם רעזשים אין רוסלאנד. ער איז דארט מיט גוואלד געשמאדט געווארן, און איצט, טראגנדיק א ציילעם הינטערן העמד, קאן ער ניט זיין קיין גליד אין דער ישׂראלדיקער געזעלשאפט. דערבייַ האט דער ראבינאט געגעבן אן אפּזאג אף זיין באקאשע ווען זיך מעגייַער זיין, ווייל מע האט געפונען א פּאסעק, לויט וועלכן גראד דער דאזיקער מעשומעד קאן ניט איבער עפּעס קאנקרעטע פּראטים צוריק ארייַנגעלאזט ווערן אין יידנטום. איך האב צוערשט מיטגעפילט דעם אומגליקלעכן, וועלכער האט, אגעוו, אפן נייעם ארט פארביטן זיין רוסישן נאמען מיכאיל און, נעמלעך, דעם יידישן מוישע אף א קאשערן ישׂראלדיקן נאמען מענאשע. דערנאך האב איך דערזען, אז ער לאזט זיך אויך ניט שפּייַען אין דער קאשע. קימאט יעדע וואך — אן אינטערוויו אין דער פּרעסע אדער אף ראדיא. בא אונדז מוז אן אינטערוויו באפרידיקן די באלעבאטים, אנדערש גיט מען אים ניט איבער פאר דער עפנטלעכקייט, און רעב מענאשע טכאר האט אן אופהער געטייַנעט, אז די סאוועטן האבן בא אים צוגערויבט דעם נאמען ייד...

דערווייל איז געקומען קיין ישׂראל נאך איין סלוטשניער ייד, און ס'איז געשען די סענסאציע. וועסט זיכער שטוינען, אפילע מיר ניט גלייבן, נאר דאס, וועגן וואס איך שרייַב דיר, איז רייַנער עמעס. א סימען האסטו — וועגן דעם איז שוין פאראן א פּאליציי-באריכט אין הייַנטיקן נומער פון דער אוונט-צייַטונג „מאאריוו", וועלכן איך לייג צו צום בריוו. ס'וועט גיין א רייד וועגן א מענטשן, וואס גיט זיך אויס פארן סלוטשניער מעשוגענעם לאכמאנדריידל, אבער דו וועסט מאסקים זיין מיט מיר, אז דאס קאן ניט זיין — ס'איז א טיפּישער בלאף פון די ארטיקע אינטריגאנען, כאטש ס'איז שווער צו פארשטיין, וואס עס האט זיי באווירקט אנצוקומען צו אזא גראב שטיקל ארבעט.

וואס איז שייַך לאכמאנדריידלען, דארף איך דיר ניט מאלן זיין געשטאלט. ווער פון די סלוטשניער געדענקט ניט דעם שטאט-מעשוגענעם? אפילע אינעם קאמוניקאט פון דער פּאליציי ווערט געזאגט, אז אהער איז געקומען ניט דער עמעסער לאכמאנדריידל, נאר איינער א מארדכע גרינבערג, וועלכער האט זיך פארשטעלט אונטער יענעמס נאמען (וויפל איך שטרענג ניט אן דעם זיקארן, דערמאן איך זיך בלויז איין גרינבערג אין סלוטשניע — דעם ציין-דאקטער, וועלכער איז געשטארבן מיט א יאר צוויי פאר דער מילכאמע). ס'איז קיין סאפּעק ניט, אז מיר האבן פאר זיך א גראבן פּאליצייישן ספּעקטאקל, מיטן ציל צו פארענטפערן דעם מארד איבער טכארן.

די נאטיץ אין „מאאריוו", וועלכע איך שיק דיר דא, לייענט זיך אזוי (איך בין ניט פון געבוירן א העברייער, אבער אין טאך מעגסטו אף מייַן איבערזעצונג זיך פארלאזן):

„נעכטן, דאנערשטיק, האבן די שטענדיקע באזוכער פון די טעל-אוויווער נאכט-קלובן באמערקט אין זייער סוויווע א נייַינקן. נאענט צו האלבנאכט איז ער ארייַנגעגאן אין „ספּארק", אפן שטאט-פּלאץ אטארים, אבער ניט געפינענדיק דעם, וועמען ער האט געזוכט, איז ער אוועק אף יעהודע האליוויי-גאס, 43, אין „פּינגווין". אויך דארט האט ער זיך ניט פארהאלטן. אין דעם נאכט-לאקאל „בא אמיטן", אף דער בען יעהודע-גאס, נאך דעם, ווי ער האט באצאלט די 100 פונט פארן ארייַנגאנג, איז צו אים צוגעגאנגען אליין דער באלעבאס, אמיט, און געפרעגט, צי ער זוכט אן ארט בא א טיש צו קוקן דעם סטריפּטיז. דער גאסט האט אויסגעזען שטארק מיד, געווען געקליידט ווי די רוסישע אוילים, גערעדט

ייִדיש און רוסיש. ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט אַליין געפינען, וואָס ער דאַרף. אָפּ-שטעלנדיק זיך לעבן איינעם אַ מאַנצבל, וועלכער האָט זיך פאַרוויילט מיט דער אַנגעטאַ-נענער בלויז אין רויט-טרוסיקעס גילאַ גאָלדשטיין (אַמאָל געהייסן גיל און געווען האַל-קיפּער אין דער כײַפער פוטבאָל-קאָמאַנדע „האַפּאָעל", איצט באַוווּסט מיט דעם הויכן בייסט, מיט די לאַנגע רוסאָלקע-האָר און מיטן אַרויסרופֿערישן פּראָווינץ גרים), האָט דער אַרײַנגע-קומענער אַנגעשטעלט אויף גילאַס פּאַרטניאָר אַ פּיסטאָלעט און אים דערשאָסן. בײַס ער איז באַגאַנגען דעם מאָרד, האָט ער אויסגערופן מיט אַ פעסט קאָל: „פּאַר לייען! פּאַר אַק-סאַנען!" דער דערשאָסענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן אונטערוועלט-מענטש מענאַשע טכאָר, אַ געקומענער פון רוסלאַנד, וועלכער איז באַקאַנט לויט דער לאַדעניש אַרום דעם דעליקאַטן איניען, צי ער איז אַ ייִד. דער מערדער האָט זיך אַליין איבערגעגעבן דער פּאָ-ליציי. אויף דער פראַגע פונעם אינספּעקטאָר, ווער ער איז, האָט ער געענטפערט: „אַ סאָ-וועטישער ייִד". פאַמיליע? „גרינבערג. מאָרדכע גרינבערג. אין אוקראַיִנישן שטעטל סלוטש-ניע באַקאַנט ווי לאַכמאַנדריידל". שוין לאַנג אין ייִשׂראל? „פּונקט אַזויפיל טעג, וויפל ס'האָט זיך געפאָדערט אויף צו קויפן אַ פּיסטאָלעט און אָפּזוכן דאָס אָרט, ווו מע קאָן טרעפן מיכאיל אַנדראָנאָוויטש טכאָרן". ווו געגומען געלט אויף צו קויפן דעם פּיסטאָלעט און באַצאָלן פאַרן אַרײַנגאַנג אין נאַכט-קלוב? „צוליב דעם אויסגעגעבן דעם עזרא קאַספּיט לעאָלע[1]. אויף די ווײַטערדיקע פראַגן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן.

אין קאָמפּעטענטע קרײַזן ווערט געפירט אַן אינטענסיווע אויספאָרשונג. מע איז גע-נייגט צו מיינען, אַז גרינבערג-לאַכמאַנדריידל איז אַן אַגענט פון דער קאַ.גע.בע., אַזוי אויך מענאַשע טכאָר, וועלכער האָט אין די סאָוועטישע דאָקומענטן געהייסן מיכאיל אַנ-דראָנאָוו. די אַקציע אָפּצוראַמען אים פון וועג האָט געקאָנט אונטערגענומען ווערן, קעדיי אויסמײַדן אַ דורכפאַל, אויף וויפל ער, דער סאָוועטישער אַגענט אין טעל-אָוויוו, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט דער אונטערוועלט. אַ גרופּע ספּעציאַליסטן זוכט דעם שליסל צום שיפער, וועלכער איז פאַרשלאָסן אין די ווערטער „פּאַר לייען! פּאַר אַקסאַנען!". עס ווערט אַרויסגעזאָגט אַ השערה, אַז „לייע" און „אַקסאַנע" זײַנען דער פּאַראָל, וואָס דעקט צו טכאָרס פאַרגעבונג, וועלכע ער האָט געהאַט פון דער קאַ.גע.בע".

טײַערע כאַווע! וואָס קומט דאָ פאָר?! ווען איך זאָל ניט וויסן די מענטשן, וועגן וועל-כע עס רעדט זיך אין דער פּאָליציישער כראָניק, וואָלט איך עפּשער אין עפּעס געגלייבט...

איך וואַרט, דו זאָלסט ענטפערן אויף ביידע בריוו מײַנע. שרײַב מיר אָן וועגן דײַנע עלטערן, צי זיי לעבן, און וועגן דײַן אייגענער מישפּאָכע. וויאַזוי זעט איצט אויס סלוטש-ניע? ווער איז געקומען נאָך דער מילכאָמע אהיים און זיך באַזעצט אויפן אַלטן אָרט?

דײַן כאַווערטע אסיע פּטיצעלאָוו

18 מײַ

כאַווע, אַ גרוס דיר פונדערווײַטן!

דײַנע בריוו, די נײַס פון דער היים, וואָס איך דערוויס זיך, האָבן אַזוי שטאַרק פאַר-כאַפּט מײַן געמיט, פּונקט ווי ס'וואָלט מיר געווען באַשערט איבערצולעבן דאָס, וואָס האָט שוין אַמאָל געטראָפן מיט אַנדערע.

יעדע שורע אין דײַן בריוו אַנטפּלעקט אַ נעס מין-האַשאָמאַיִם און צומאָל — אַ בייז וווּנדער. ס'איז פאַראַן פון וואָס נישטוימעם צו ווערן: אָט דערוויס איך זיך דעם באַטײַט פונעם אויסרוף „פּאַר לייען! פּאַר אַקסאַנען!", און אָט שטייט אויף פאַר מײַנע אויגן די אומגלייבלעכע פּאַרוואַנדלונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אונדזער סלוטשניער שטילן מעשוגענעם, וועלכער האָט טאָמיד ניט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט ער איז, ביז עס האָט אים ניט דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער די מויכעס דאָס הימלשרײַענדיקע אַכזאָריעס פון אַ פּאַרשוין פּאַרשוין'ז, און ער האָט זיך אויפגעהויבן ביזן באַגיין דעם אַקט פון טיף באַזיניק-טער נעקאָמע.

דאָס, וואָס דו שרײַבסט אין דײַן לעצטן בריוו, האָט מיך מאַמעש אַ ברי געטאָן בא דער נעשאָמע. דײַן מאַמע לייע... אַרכיפּ קאָפּילענקאָ... דער דיאַדיע אָפּאַנאַס און די טיאַ-טיע אַקסאַנע... איצט איז שוין אויך דײַן טאַטע געשטאָרבן. אָפּגעפּאַרטיזאַנעוועט, אַרויס פון וואַלד, אַ קוק געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן דעם ניצאָכן און — אַוועק פון דער וועלט...

---

[1] הילפס-געלט פאַר אַרײַנוואַנדערער.

צי איך געדענק גוט עזראַ שליוואָניאַקן? אַ מאָדנע פֿראַגע. דו און ער — אַ פּאָר פֿון גאָט! כוואַלע, דו ביסט גליקלעך! איך ווייס ניט, צי ס'איז פּונקט טאַקע אַזוי געשען, נאָר איך קאָן זיך פֿאָרשטעלן, אַז צווישן דײַנע צוויי ייִנגלעך — צווישן צאַמבערן און שליוואָניאַקן — האָט זיך לאַנג געצויגן אַ גרויסע שפּיל: אַ קאָנקורענץ און אַ קאַמף. און אַז ס'האָט געוווּנען שליוואָניאַק, איז צאַמבער פֿון פֿאַרצווייפֿלונג אַוועק אַהער, אין עק וועלט אַרײַן. אַ פּאַסירונג, ניטאָ וואָס צו ריידן!..

ווען כ'האָב דערציילט עלכאָנענען, אַז דו און עזראַ זײַנען אַריבערגעפֿאָרן פֿון סלאָ-טשניע אין געגנטלעכן צענטער, האָט ער אויסגעשריגן: „ס'קאָן ניט זײַן!" און אַ ריס געטאָן פֿון מײַנע הענט דעם בריוו (איך ווייס ניט, וויאַזוי ער האָט זיך געפֿירט אין סלאָ-טשניע, נאָר דאָ ווערט ער אַלץ נערוועזער און נערוועזער). איבערגעלייענט דאָס אָרט אינעם בריוו, איז ער געוואָרן רויִקער און אַרויסגעשטאַמלט: „קלאָר, קלאָר... מע האָט זי, הייסט עס, אַריבערגעפֿירט אויף אַן אַנדער אַרבעט... און דאַן האָט ער אויך געביטן די צײַטונג „לעבנס וועג" אויף דעם זעלבן לעבנס וועג, נאָר שוין אין שטאָטישע מעקוימעס"... עס איז אין זײַן אויפֿירונג, עמעס, געווען אַ ביסל פֿאַרביטערטקײַט, נאָר אויך — און דאָס איז גאַנץ מאָדנע — צופֿרידנקײַט מיט דעם, וואָס איר האָט פֿאַרלאָזט סלאָטשניע. ער האָט געזאָגט, ווי צו זיך אַליין: „אויס שטעטל, ווידער שטאָט..." שפּעטער, אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ער ווידער גענומען וועגן דעם ריידן, אָבער שוין גאָר אַנדערע ווערטער. צוליב קלאָרקײַט וועל איך דיר דערציילן, בײַ וועלכע אומשטענדן דאָס איז געווען.

מײַנע אַ כוואַרטע און איר מאַן, וועלכע פֿאַרמאָגן אַן אויטאָ, האָבן מיר פֿאָרגעלייגט זיך דורכפֿאָרן מיט זיי, פּונקט ווי טוריסטן, איבער אייניקע קלענערע ייִשוּווים. איך האָב פֿאַרבעטן צאַמבערן און בין געווען אָנגענעם פֿאַרכידעשט, ווען ער איז גלײַך מאַסקים געווען.

ווי זײַנען מיר נאָר ניט אויסגעווען אין דעם טאָג! אין דרוזישן דאָרף כורפֿיש האָט מען אונדז איבערגעפּלאָנטערט מיט אַ רעגירונגס-קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפֿט אָנקומען אויף אַ לאָדעניש צווישן אָט דעם דאָרף און דעם ייִדישן מאָשאַווע אַל-קוש, וועלכער האָט צוגענומען בײַ כורפֿיש פֿינף טויזנט דונאַם ערד און אַזוי פֿאַרדרייט דעם עניַען, אַז די זעלבע ערד ווערט איצט אָפּגעגעבן דעם זעלבן דאָרף אויף אַרענדע.

אין אַ צווייטן ייִשעוו, מע רופֿט אים פּקיאיין, האָבן מיר אויך אָנגעטראָפֿן אויף אַ פּי-קאַנטער געשעעניש. אַ פּאָר צענדליק אַמעריקאַנער ייִדישע יונגעלײַט, היפּיס מיט קאָל-טענע בערד און פּייעס און מיט אַרויסגעלאָזטע אין דרויסן ציצעס, זײַנען געוואָרן אין ייִסראָעל פֿרומע ישיוועבאָכערים, האַלטן אין איין איבערפּילפּלען זיך מיט פּסוקים אויף ענג-ליש. ביז איצט האָט זיי אויסגעהאַלטן די ישעווע, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן האַר-ציִען — „טפּוצעס ייִסראָעל". און אָט — אין איין שיינעם טאָג איז פֿון זייערע מאָטאָציקלען און גיטאַרעס דערשיטערט געוואָרן דאָס שטילע דערפֿל פּקיאיין, פֿון קאַדמוינים אַ באַזעסנס מיט אַראַביש-אָפּשטאַמענדיקע ייִסרעיילים. דער איינציקער אין גאַנצן ייִשעוו סאַמאַראָדנע סאַב-רע-ייִד מיט אַ גאָר-גאָר אַלטן, שיִר ניט צוויי טויזנטיאָריקן ייִכעס, יויסעף זיגאַטי און זײַן טאָכטער מאַרגאַליס (אויף אונדזער ייִדיש — פּערל, אָדער פּנינע), זײַנען דאָ די היטער פֿונעם פֿאַרלאָזטן בייס-האַקנעסעס און פֿונעם בייס-האַקוואָרעס. האַקיצער, די היפּיס פֿון אַמעריקע האָבן באַשטימט מעקײַעם זײַן אַ נאַציאָנאַלע מיצווע און אָפּשטעלן אין פּקיאיין דעם ייִדישן ייִשעוו. זיי האָבן פֿון דער שול געמאַכט זייערע אַ צוזאַמענוווינונג, אַרײַנגע-שטעלט בעטן און אַלץ, וואָס מע באַדאַרף האָבן אין אַ שטוב, — טישן, בענקלעך, אַ בלעכן אייוועלע, אַ מיסט-עמער... זייער פֿרעכקײַט האָט אַרויסגערופֿן די קריגערײַ, בײַס וועלכער מיר זײַנען פּונקט אָנגעקומען. עלכאָנען האָט זיך אָנגענומען פֿאַר די אַראַבער. דו האָסט געמעגט זען, כוואַלע, ווי ער האָט ווירדיק זיך אַ שטעל געטאָן קעגן איינעם פֿון די היפּיס, וועלכער איז זיך באַגאַנגען אויך מיט אים גראָב. „פֿאַרגעס ניט, אַז איך קום פֿון רוסלאַנד, און רוסלאַנד, דאַרפֿסטו וויסן, קאָן בענטשן, נאָר אויב מע דאַרף, קאָן רוסלאַנד פֿאַר זיך באַשטיין"... דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום געהילף פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון דעם דאָרפֿס-ראַט — מע רופֿט אים פּאַיִז כאַיִר — און געייצעט, מע זאָל אומקערן אין דאָרף יענע ייִדן, וועמענס זיידעס און עלטערזיידעס האָבן דאָ געלעבט, אַזעלכע ווי יויסעף זיגאַטי מיט זײַן טאָכטער, און פֿאַר די היפּיס פֿונעם איפּעש זאָל מען זיך ניט בוקן. „בײַ אונדז, — האָט ער געזאָגט, און איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט, ער זאָל אַזוי ריידן וועגן רוסלאַנד, — בײַ אונדז קאָן אַזאַ קריגערײַ ניט געשען. אָט איז דיר, כאַווער פּאַיִז, מײַן ערנוואָרט, אַז ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין מײַן שטעטל נאָך די פּוראַניעסן פֿון דער מילכאָמע, איז אָנומלטן געקומען צו מיר אַהיים ניט קיין קלענערער באַאַמטער, איידער דו, טאַקע ביכוווידוי וועאַצ-

מוי דער פּאַרזיצער פונעם סאָוועט, און געבעטן, איך זאָל פאַרבלײַבן אין שטעטל, געפּרעגט, מיט וואָס ער קאָן באַהילפיק זײַן... דאָס איז געווען, פּרײַנט מײַנער, ניט קיין ייִד, נאָר אַן אוקראַיִנער, אַן אָרטיקער"...

און מיר האָט עלכאָנען דערנאָך אויפגעקלערט זײַן געדאַנק אַזוי. אין דער אַלטער היים איז ניטאָ קיין פּריוואַט אייגנטום אַף געבורט-ערטער: ס'איז, הייסט עס, אונדזערס, און ניט אײַערס; דאָ זײַנען, הייסט עס, מאַצליַעך צו לעבן בלויז אָפּשטאַמיקע פונדאַנען... ניין! רוסלאַנד איז אַלעמענס, און אַלע זײַנען רוסלאַנדס. און אין דער זעלבער צײַט איז די באַהעפטונג מיטן געבורט-אָרט אַ טיף נעשאָמעדיקע. וווּהין דו זאָלסט ניט קומען, איז דײַן שטעטעלע מיט דיר. אויב דו ביסט אַרויסגעפאָרן פון דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, וועט דיר קיינער ניט אויסוואָרפן, אַז דו האָסט דאָס געבורט-שטעטעלע פאַרביטן אַף עפּעס אַנדערס. די לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער גרויסער שטאָט קאָן מען אָנרופן נעשאָמע-שטעטלעך. אָט באַגעגענען מיר זיך ווי סלוטשניער אַפילע אין יִסראָעל. אָבער אַליין יִסראָעל איז ניט קיין שטעטעלע און קאָן די שטעטעלעך ניט פאַרבײַטן. אַהער קומט מען ווי אַף אַ יאַריד. ווען דער יאַריד שטילט זיך אײַן, איז ניט שווער צו פאַרקערעווען די האָלאָבליעס... יִיסעף זיגאַטיס קרוויוּים זײַנען שוין פאַרוואָרצלט אין אַנדערע ערטער, ניט אין פּקיאיין, און אָט וואַלגערט זיך אַרײַן אַהער אָנשטאָט זיי אַ כאָפּטע שנאָרערס... מיר זעען עס ניט נאָר אין פּקיאיין — אין גאַנץ יִסראָעל... אויב קוקן אַף דער זאַך ניכטער, איז ניט סלוטשניע אַ גאָלעס. פאַר אונדז, יִידן פון דער אַלטער היים, איז אַ גאָלעס טעל-אוויוו.

טײַערע כאַווע! די באַשרײַבונג פון דער רײַזע איז נאָך ניט פאַרענדיקט... מײַן כאַזוער, וואָס האָט געפירט דעם אויטאָ, ווייסט גוט דאָס לאַנד, און ער האָט אונדז אַרײַנגעבראַכט אין אַ דאָרף פון קורדיסטאַנער יִידן (זיי ריידן נאָך הײַנט טאַרגום-לאָשן, אַראַמעיִש) און אין דעם בעדוויִנישן שטעטל ראַהאַט, ווו מיר האָבן געזען מאַנצבלען, אַרומגערינגלטע מיט דרײַ און מער ווײַבער. אין אייגער אַ הייל, ניט אַף אַ ווײַטן מעהאַלער פונעם וועג, אַף וועלכן מיר זײַנען געפאָרן, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַף דורכויס אַלטע באַשעפענישן אין שוואַרצע בעקעשעס און אין קײַלעכיקע קאַפּעליושן, די אַרבעקאַנפעס באַמבלען זיך בא זיי אויש ביז צו די שוואַרצע שיך און ווײַסע זאָקן. זיי זיצן בא דער שײַן פון אַ כיילעוון ליכטל און זאָגן טהילים. „טהילים-ייִדן" — אַזוי רופן זיי זיך. אומקערנדיק זיך צוריק פון דאָרטן אַפן ברייטן וועג, האָבן מיר געמאַכט אַן אָרט אין אויטאָמאָביל פאַר אַ מאַנצבל פון אַ יאָר פופציק-זעכציק, וואָס איז געגאַנגען צופוס. ער רעדט העברעיִש, און אַפילע אַ ביסעלע ייִדיש, נאָר איז אַ כאָסיד אין דער קנאַאַן-כעווורע, וועלכע האַלט, אַז זיי זײַנען קנאַאַנים און האָבן ניט קיין שום געמיינזאַמס מיטן ייִדישן פאָלק. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער גייט אין אַ דאָרף, ווו ס'ע שטייט אים פאַר זיך דורכווערטלען (אַזוי האָט ער געזאָגט — זיך דורכווערטלען) מיט מענטשן פונעם „שייוועט יעהודע", וועלכע רופן צונויף אַ מין דיסקוסיע.

לויט זײַן אָנווײַזונג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בא אַ שטיינערנער כוווע אָן אַ דאַך, ווו עס זײַנען געזעסן „מאָשיַעך-ייִדן" פונעם „שייוועט יעהודע", לעם זיי — דרײַ ציגן און אַ ווײַס אייזל, און אַלע צוזאַמען וואַרטן זיי, אַז מאָשיַעך זאָל קומען. דערווײַל רייכערן די מאָשיַעך-ייִדן אָפּיום, עסן רוי פלייש. דאָס פאָנעם באַ יעדן פון זיי מוז טאָמיד זײַן געווענדט צו דער זון — סײַ ווען זיי שטייען, סײַ ווען זיי זיצן, סײַ ווען זיי גייען איבער פון אָרט צו אָרט, אַפילע אויב צוליב דעם דאַרף מען גיין הינטערווײַלעכס. ווען מיר האָבן אַרויסגעזעצט פון דער מאַשין דעם קנאַאַן-פאַרשוין, איז צוגעגאַן צו אונדז מיט דער פלייצע, שטעלנדיק דריבנע טריטעלעך, אייגער פון די אײַנוווינער פון דער כוווע און געפרעגט, צי מיר האָבן ניט באַגעגנט אַ מענטשן פון דער סעקטע „גאָטס פינגער" און אויך סימכע פערלמוטערן, אַן אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס האָט צוזאַמען מיט זײַנע צוויי ווײַבער און מיט נײַן קינדער און מיט אַ כעווורײַע כסידים זיך באַזעצט אין מידבער, אין יישעוו „איר אָוועס", ווו זיי וועלן זײַן די ערשטע אויפצונעמען מאָשיַעכן, ווען ער וועט מיט גאָטס ווילן זיך סאָפּקאָלסאָף באַווײַזן אַף אונדזער וועלט (פערלמוטער האָט שוין אָנגעגרייט פאַר אים ריינע בגאָדים און אַ נײַעם טאַלעס), — אָנקומען וועט ער פון די אַרומיקע בערג.

איך האָב זיך גלײַך אַרויסגעשטעלט צו בעטן, מע זאָל אונדז דערלויבן בײַזײַן אַף דער דיסקוסיע, וואָס וועט דאָ פאָרקומען, נאָר געקראָגן אַן אָפּזאָג. דער באַלעבאָס פונעם אויטאָמאָביל האָט עס דערקלערט אַף זײַן אויפן. פונקט בא אַזאַ כעוורײַע, ווי די דאָזיקע, האָט די פּאָליציי אין דער פאַרגאַנגענער וואָך אַנטדעקט אַ באַהעלטעניש פון אַ גרויסער צאָל געווער, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ סקלאַד פון טעראָריסטן.

ס'איז מיר עפּעס שרעקלעך, כאַווע... עלכאָנען האָט פאַר דער גאַנצער צײַט פון אונדזער רײַזע קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער איז געווען בלאַס, ווי די וואַנט, און האָט

געשוויגן, ניט געענטפערט אף קיין פראגן, וואָס איך און אונדזערע באַגלייטער האָבן אים געשטעלט. אזוי איז ער טאקע אוועקגעגאנגען, ניט געזאָגט קיין וואָרט. איך האָב זיך געגעבן א ניידער מער ניט ארומשלעפן אים איבער יִשׂראָעל. זײַ מיר מוחל, וואָס איך שלעפּ ארום אויך דיך.

דײַן אסיע פּטיצעלאָוו

29 מײַ.

טײַערע שוועסטער!

ווערמען נאָך, אויב ניט דיר, וועל איך זיך מודיע זײַן, אז עס האָט זיך אין מיר אופגעוועקט א געפיל צו דעם מענטשן, וועלכער האָט א נאָענטע שײַכעס צו אונדז ביידן, קאָן זײַן — צו דיר נאָך א נעענטערע, איידער צו מיר! איך דערלאָז דעם געדאנק, אז דו האָסט עס שוין אליין באמערקט פון מײַנע פריִערדיקע בריוו, אָבער זאָגן דיר עס אליין בעפויעל מאמעש מוז איך.

יאָ, יאָ — אָמנאָם כאַטאָסי, כ'בין טאקע שולדיק. איך האָב אזוי-אָ, ניט טראכטנדיק וועגן דעם, זיך אין אים ארײַנגעטאָן. איצט ווייס איך ניט, וואָס ווײַטער. עלכאָנען איז ניט דער מענטש, וואָס איז פעִיק צונויפבינדן מיט עמעצן זײַן לעבן. אויסער אלעם, ווייסט ער ניט פון „יאָ" — בלויז ניין און ניין. ארום און ארום איז ניין, דאָס לעבן איז אים ניט ניכע. ער איז שוואך, ווי א שטרוי. און אויב ער געפינט שוין אין זיך א קויעך און באשטייט אף עפּעס, ענדיקט זיך זײַן אופוואכונג מיט כאלאָשעס. מיטאמאָל לאָזט ער זיך אראָפּ אף דער ערד, און אויס. ווען איך האָב דיר באשריבן אונדזער רײַזע אין דעם אווטאָמאָביל פון מײַן באקאנטן און דעם צופאל אין פּקיאיין — זײַן קריגערײַ מיט איינעם פון די אמעריקאנער היפּיס, האָב איך פארשוויגן, אז געענדיקט האָט זיך עס מיטן זעלבן.

ס'האָט אזוי געטראָפן, אז מײַן ליבע צו אים האָט זיך אָנגעהויבן פון ראכמאָנעס. כעסעד און טויווע, און נאָכדעם — לאסקע. אך, ניט אומזיסט פארנעמען זיך פרויען מיט בארעמהאַרציקײַט און זיי זײַנען באלמיצוועניצעס. יאָ, איך האָב אים שטארק געזשאלעוועט, פון ערשטן קוק פארשטאנען זײַנע לײדן, און איצט האָב איך אים ליב.

צי ווייסטו, וויאזוי ער לײַדט? עס ליגט אים עפּעס א מאַרעשכוירע אפן הארצן, גאָט ווייסט, וועלכע און פון ווען אָן. ער זאָגט מיר ניט וועגן דעם גאָרניט. דאָס, וואָס אים פּײַניקט, איז א פארבאָרגענער סאָד. איין מאָל האָט זיך פון אים ארויסגעריסן א טיפער זיפץ. „איך שלאָף ניט אין די נעכט"... — זיך א קלאָג געטאָן, אָבער מער קיין וואָרט ניט! ער מאטערט מיך, דאָס איז עמעס, נאָר איך האָב זיך צוגעוווינט צו דעם. אין די רייד איז ער טאָמיד גראָב — א מין פארשטעלן זיך מיט גראָבקײַט.

נעכטן בין איך ארײַנגעקומען צו אים אין „האָטעל", ווו עס וווינען אימיגראנטן. כ'וועל דיר ניט באשרײַבן אין פּראָטים אָט דעם העקדעש, ווײַל ניט דאָס בין איך איצט אויסן. אין עלכאָנענס „נומער" שטייען פּאזע די ווענט פינף בעטן, און די זעקסטע שטייט אינמיטן — דאָרט, ווו דער טיש. גאנצענע טעג זיצן אף די בעטן צווישן ניט-צוגעקליבענעם בעטגעוואנט און אָנגעוואָרפענע, וויאזוי עס לאָזט זיך, בגאָדים, כפייצים און אנדערע זאכן — די פארכוישעכטע, פארומערטע אוילים, אין דערווארטונג, מע זאָל זיי א רוף טאָן — צוליב וואָס, ווייסט מען נאָך ניט: איינעם כאָלעמט זיך, אז מע וועט אים שוין, מירצעשעם, הײַנט אָפּשיקן אף ארבעט, א צווייטער ווארט, עס זאָל קומען אים אָפּנעמען צו זיך אהיים א קאָרעוו, א דריטער וויל עסן...

מיט גרויס מי האָב איך עלכאָנענען ארויסגעפירט פונעם איפּעש אף דער לופט. בא דער דרויסן-טיר האָבן זיך געטאָפּטשעט א צען-פופצן רוסישע יִדן ארום דער שלענדערקע כאסיע פון סלוטשניע. אז כאסיע קאָן ארבעטן מײַסים, דארף איך דיר ניט דערציילן, נאָר די סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ, האָט א באזונדערן בײַטאם. כאסיע איז אַן אקטיוויסטקע אין סאָכנוט. איר פליכט איז — צונויפנעמען בא די אוילים בריוו צו זייערע קרויווים אין באקאנטע אין רוסלאנד. נאטירלעך, אז אין די בריוו, פאר וועלכע די אוילים באקומען באצאָלטס מיט מעזומען געלט, דארף באשריבן ווערן, וויאזוי מע האָט זיי גוט באגעגנט און אײַנגעאָרדנט אין יִשׂראָעל. איז אָט — פונקט אין דער מינוט, ווען מיר זײַנען ארויס פון „האָטעל", האָבן א צען-פופצן אוילים ארומגערינגלט כאסיען און געבעטן זייער באלוינונג. די סעדעכע האָט זיך געפּרווט אויסדרייען, געמאכט איינעם פונעם רעדל א יופּע, יענער האָט געענטפערט ווי געהעריק, און דאָ האָט זיך ארײַנגעמישט עלכאָנען.

כאַווע, אַזוינס האָבן נאָך מײַנע אויערן ניט געהערט... ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ רוסישן דרײַגאָרנדיקן מישעבייריער, דערנאָך האָט ער צערוקט מיט ביידע הענט דעם אוילעם, זיך אַ שטעל געטאָן קעגן דער דערשראָקענער סעדעכע, אויסזעענדיק נאָך ערגער, איידער זי אַליין, און גאַנץ באַדאַכט, אָן שוים אויף די ליפּן, מיט אַ קאַלטן לונג-און-לעבער אַוועקגעלייגט לאַשן... אוי, איך ווייס ניט, וויאַזוי עס דיר איבערגעבן... נאָר אויף טשיקאַוועס וועגן, מיר זײַנען דאָך צוויי פּרויען, און דעם בריוו ווּעסטו, גלייב איך, עוזראָן ניט באַווײַזן... אויף טשיקאַוועס, וועל איך פאַר דיר איבערכאַזערן בלויז אַטייל פון די קלאָלעס, מיט וועלכע עלכאָנען האָט באַשאָטן כאַסיע די שלענדערקע. ער האָט איר צוגעווונטשן, אַז גאָט זאָל זי בענטשן מיט דרײַ מענטשן: איינער זאָל זי האַלטן, דער צווייטער זאָל זי שפּאַלטן און דער דריטער זאָל זי באַהאַלטן, און אַז אַזויפיל יאָר, וויפיל זי איז געגאַנגען אויף די פיס, זאָל זי גיין אויף די הענט, און די איבעריקע צײַט זאָל זי זיך שאַרן אויפן הינטן... די ווײַטערדיקע גרוביאַנסטווע, וועלכע ער האָט דאָ אַרויסגעגעבן, קאָן איך שוין פּאַשעט ניט איבערכאַזערן, זײַן אויפירונג האָט דערמאָנט אין דעם ווערטל — שנײַצן די נאָז און שמירן דאָס פּאָנעם. אָט אַזאַ מין גראָבקײַט... עמעס, די שלענדערקע האָט קאָשער פאַרדינט אַפילע עפּעס ערגערס, אָבער זײַ מאַסקים, אַז קעדיי אַראָפּנידערן ביז צו אויסזען ווי איר גלײַכן, דאַרף מען כאָטש עטוואָס זײַן אַזאַ, ווי זי.

פונעם פּעטשאַטעק, וואָס עלכאָנען האָט געמאַכט דער שלענדערקע, האָט זי זיך שטאַרק צעיאָמערט און זיך גענומען זשאַלעווען, אַז אין סלוטשניע, ווען מע האָט איר שוין אַרויסגעגעבן די וויזע, איז זי עטלעכע טעג אַרומגעגאַן אַ פּריטשמעליעטע און ניט געגלייבט, אַז מע הייסט איר טאַקע פאָרן. זי האָט אָנגעהויבן כאַפּן אויף צוריק, נאָר דער אָוויר האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: ווילסט פאָרן — פאָר, און דאָ האָט גענומען אַרומפּאַדיען אַרום איר איינער פון די עמיגראַנטן — רעב יִצכאָק שאַדאַי, וואָס האָט איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג און אַפילע, ניט אָן אַ קאַוואָנע, גענומען אַרײַנקוקן איר אין בוזעם, טײַנענדיק, אַז אַזעלכע ווײַבלעך, ווי זי, ווען זיי קומען אָן אין דער יִדישער מעדינע, וואַשן זיי זיך אָפּ מיט פּאַרפומען און ווערן טײַער אין דער פּרײַז. שפּעטער אָבער האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון איר און געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אין זינען די פּאַנעל, דאָס הייסט, אַז זי קאָן נאָך טויגן צו זײַן אַ פּראָסטיטוטקע. אַלס קאָמפּענסאַציע, האָט ער זי געמאַכט פאַר דער אַקטיוויסטקע אין סאַכנוט, און איצט האָט זי אים צוגעווונטשן פּאַלגנדעס (איך האָב אויף טשיקאַוועס פאַרשריבן אַזוי ווי זי האָט עס אַרויסגערעדט): ברענט ער אויפן פײַער אָן סטראַכאָווקע, אויפן אייגענעם האַלדז: אַ ביטער, אַ פינצטער, אַ כווישעכדיק, אַ קלאָגעדיק, אַ שלעפּעדיק מאַזל אויף אים; אַלץ, וואָס עס האָט זיך איר געכאָלעמט די נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, זאָל אויסגיין צו זײַן קאָפּ, ווײַל וואָס זי האָט איצט אויסצושטיין פאַר זײַן שלעפּן זי קיין ערעץ, זאָל געזאָגט ווערן אויף אַלע אירע סאָנים, אויף סוינע יִסראָעל, אויף אַלע מעשומאָדים, אויף אַלע אַפּיקאָרסים, אויף די אַלע, וואָס זײַנען איר מעקאַנע...

ווען מיר זײַנען אָפּגעגאַן פון כאַסיע דער שלענדערקעס רעדל און אַוועק זיך דורכשפּאַצירן אויף דער גאַס, האָב איך געזאָגט עלכאָנענען אין אַ שפּאַס: וואָלסט איבערגיין צו מיר וווינען, פּאָרט אַ בען-איר, אַ סלוטשניער...

וואָס זשע, מײַנסטו, האָט ער מיר געענטפערט? אַך, כאַווע, כאַווע! אָט דער מענטש ווייסט ניט פון גוטס. מיט אַ כליופּ אין פּאָנעם האָט ער מיר געענטפערט — „אַ בעהיימע און אַ ווײַב פונעם אייגענעם שטעטל טאָר מען ניט נעמען”...

האַקלאַל, שוועסטער מײַנע, וויפל איך זאָל זיך ניט אַראָפּריידן פונעם האַרצן — דאָס געדיכטע בלײַבט איבער...

איך נעם דיך אַרום און קוש דיך, דײַן אַסיע.

2 אַווגוסט

כאַווע, איך דאַרף דיר ניט דערציילן די סיבע פון מײַן שווײַגן. מילכאָמע! מע רופט זי אָן זעקסטאָגיקע, אָבער נאָך די זעקס טעג האָט זי זיך ניט פאַרענדיקט. כ'בין ניט זיכער, צי די אײַנגעשטעלטע צענזור וועט דורכלאָזן מײַנע בריוו. איינס וויל איך דיר זאָגן, דו זאָלסט וויסן די אָפּשאַצונג פון אַ מענטשן, וואָס איז ניט פאַרטשאַדעט מיט שאָוויניזם: בײַ אונדז שרײַט מען, אַז די שכײנישע לענדער האָבן אַרויסגערופן די מילכאָמע, אָבער עס איז אַפילע קיין איין שפּליטער פון אַ באָמבע ניט געפאַלן אויף יִסראָעל, אַלע באָמבעס, אַלע

סרייפֿעס, אַלע מילכאָמע-לײדן זײַנען אָנגעשיקט אַף די מענטשן אין די שכײנישע לענדער. און אָקופּירט זײַנען די געגנטן טאַקע פֿון יענע לענדער, און קאָנצענטראַציע-לאַגערן האָט די יִסראָעל-אַרמײ אופֿגעשטעלט פֿאַר די מענטשן אין יענע לענדער.

ווענן דעם וועל איך דיר איצט מער גאָרנישט ניט שרײַבן, איך וויל, אַז דער בריוו זאָל פֿונדעסטוועגן דערגײן. עלכאָנען האָט געבעטן, כ׳זאָל איבערגעבן זײַן גרוס דיר און עזראָן. זײַט גליקלעך.

דײַן אָסיע.

5 אַווגוסט

טײַערע און ליבע כאַווע!

כאָטש די קאָרעספּאָנדענץ צווישן אונדז איז איבערן מילכאָמע-רעזשים פֿאַרשווערט, האָף איך, אַז דו וועסט קאָנען אין געהעריקע אויסדרוקן מיר אופֿקלערן, וואָס דו ווייסט וועגן אַ גאַנץ פֿאַרנעפּלטן איניען.

ווען עס זײַנען געקומען קײן יִסראָעל די עטלעכע אוילים פֿון סלוטשניע, האָב איך נאָך אין אַעראָפּאָרט באַמערקט, אַז צו עלכאָנענען ציִען זיך פֿעדעם פֿון צוויי אַנדערע מענטשן. דער ערשטער איז פּונקט ווי געווען צו אים צוגעשטעלט אין דער סלוטשניער גרופּע (דאָס האָט זיך שטאַרק געוואָרפֿן אין די אויגן, אין דער צײַט, ווען קײנער פֿון די לאַנדסלײַט, וואָס זײַנען געקומען אין אַעראָפּאָרט באַגעגענען די אוילים, האָט ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, אַז אָט דער מענטש, דער „צוגעשטעלטער”, זאָל ווען-ניט-איז געווען וווינען אין אונדזער שטעטל). דער צווייטער האָט אין אַעראָפּאָרט זיך געהאַלטן אין אַ זײַט, נאָר טאַקע צו אים האָבן זיך גלײַך נאָכן אַראָפּגײן פֿונעם טראַפּ אַ וואָרף געטאָן סײַ יענער ערשטער פֿאַרשויז, סײַ עלכאָנען. אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער צווייטער איז אַ וואַזשנע פּערזאָן אין דער סוויווע פֿון רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער, וועלכע רופֿן זיך נעטורעי קאַרטאַ. פֿאַר מיר איז אויך געווען אַ רעטעניש דאָס, וואָס עלכאָנענס בײדע פּרײַנט, צווישן זיך ניט קײן קרויווים, האָבן אײן פֿאַמיליע-נאָמען, וועלכן איך האָב קײנמאָל ניט געטראָפֿן סײַ אינעם שטעטל, סײַ אין ביכער און אין צײַטונגען, וועלכע כ׳לײען. דער ערשטער, וואָס איז געקומען פֿון סלוטשניע, הייסט יִצכאָק שאַדאַי און דער צווייטער — מוישע שאַדאַי. עלכאָנען האָט, ווײַזט אויס, עפּעס-וואָס, ביזן קומען קײן יִסראָעל, ניט געוווּסט וועגן דעם, מיט וואָס עס פֿאַרנעמען זיך די שאַדאַיס. באַזונדערס איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן אײן פּראַט.

אין אַ קורצער צײַט נאָכן אָנקומען פֿון די סלוטשניער האָט מוישע שאַדאַי אים פֿאַרבעטן אין דער שכונע (דאָס הייסט, אינעם שטאָט-קוואַרטאַל) פֿון יערושאָלאַיִם מײאָ שעאָרים, ווו עס וווינען די נעטורעיקאַרטניקעס. איך האָב זיך אַרויסגערופֿן צו פֿאָרן מיט עלכאָנענען, — זײַן פֿריערדיקער באַגלייטער יִצכאָק שאַדאַי איז שוין אוועקגענומען געוואָרן פֿון דער גרופּע, אַפּילע אין אולפּאַן ניט געגאַנגען, ווײַל העברעיִש קאָן ער און פֿאַרן קריג איז ער אַ געוויסע צײַט געווען אין פּאַלעסטינע אַלס שאָליעך פֿון אַ ציִעניסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע פֿון ליטע. איצט איז ער ווי זייערער אַ פּאַרטײ-מענטש גלײַך אָפּגעשיקט געוואָרן אַף אַרבעט אין אַ טורמע הינטער טעל-אוויוו, שיר ניט אַלס טפּיסע-ראָוו, ווײַל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַף דעם סמיכעס שוין פֿון לאַנג אָן.

נו, כ׳האָב געקויפֿט צוויי בילעטן אַפֿן אווטאָבוס און צוזאַמען מיט עלכאָנענען אוועקגעפֿאָרן קײן יערושאָלאַיִם, אין קוואַרטאַל פֿון די פֿאַנאַטיקער מײאָ שעאָרים. און דאָרט האָבן מיר, שטעל זיך פֿאָר, געטראָפֿן בלויז אינעם הויף, ווו עס לעבט רעב מוישע, אַ גאַנצן טוץ כסידים מיטן נאָמען שאַדאַי. אַף עלכאָנענס פֿראַגע איז געקומען אַן ענטפֿער, אַז די מענטשן, וועלכע רופֿן זיך מיט אָט דעם נאָמען, זײַנען אַ צווײַג פֿון נעטורעי קאַרטאַ. זייער פֿאַראָל איז דער אָס שין, וואָס אַף אַ מעזוזע באַטײַט ער — דער אַלמעכטיקער און איז אַ סגולע קעגן שײדים און רוכעס. ווען מוישע שאַדאַי האָט אין מײַן אָנוועזנהײַט געזאָגט עלכאָנענען, אַז די נעטורעיקאַרטניקעס האַלטן זיך פֿאַר די היטער פֿון די טויערן אין דער שטאָט, איז יענער בלאַס געוואָרן און האָט בלויז דערפֿאַר ניט אַ פֿאַל געטאָן אַפֿן דיל, ווײַל איך האָב אים אונטערגעשטעלט אַ שטול. נאָכדעם האָט מען מיך איידל אַרויסבאַגלייט פֿון שטוב, כ׳זאָל זיך ניט מאַטערן מיטן לאַנגווײַל און בעסער טעמען אַ ביסל מיט פֿרישער לופֿט, און עלכאָנען מיט מוישע שאַדאַיען זײַנען געבליבן זיך דורכצושמועסן אויג אַף אויג.

מײַן טײַערע סאָוועטישע שוועסטער! וואָס זאָל איך דיר זאָגן וועגן מײאָ שעאָרים? דאָס איז אַ געטאָ — ווי מיט פֿיל דוירעס צוריק. כאָטש דער נאָמען באַטײַט הונדערט טויערן,

איז דאָ ניטאָ אפילע קיין שפּעלטעלע צו דער ארומיקער וועלט, בלויז לאַבירינטן פון קרומע, געשלענגלטע געסלעך, אָרעמע הײַזקעס מיט שטיינערנע, אָפּגעריבענע פון דער צײַט טרעפּ, וועלכע פירן אין טיפע קעלערס, אָדער רײַסן זיך אָפּ בא טויבע ליקן. די האַלב כאַרעווע ווענט זײַנען ארומגעקלעפּט מיט קויל-קויריעס, וועלכע וואָרענען די מעכאלעל-שאבעסניקעס, אַז עס ווארט אף זיי א שטראָף. די הײַזקעס האָט מען געבויט נאָך אין פאַריקן יאָרהונדערט, און זיי זײַנען צוגעשפּארט איינס צום אנדערן, וואָס עס שאפט א מין שויץ-מויער, איצט שוין מיט א צוגעבויטן צווייטן שטאָק, אין דער פאָרם פון א שלאָס-מעם. שטייענדיק פאר אָט דער פארשלאָסנקײַט, נאָך איידער מיר זײַנען ארײַן אינעם הויף פון מוישע שאדאיען, האָט על-כאָנען זיך טיף פארטראכט און אומגעריכט א זאָג געטאָן: היטן די טויערן הייסט בא זיי — אָפּהיטן דעם אייגענעם שימל, ס'זאָל אים קיינער ניט ארויסטראָגן...

איבער דער שכונע, צווישן שטיבלעך פאר דאוונער, באם ארײַנגאנג אין יעשיוועס, קלויזן, כאדאָרים, כעסעד-אנשטאלטן, קרעמלעך דרייען זיך ארום די קאַניײם, דאָס הייסט — פאנאטיקער, מיט לאַנגע געקרײַזלטע פּייעס, אָנגעטאָנענע אין געשטרייפטע קאפּאָטעס און זשופּיצעס, אין שטרײַמלעך, אָדער אין שווארצע ראבאָנישע קאפּעליושן. די פרויען זײַנען ענלעך אף וואָראָנעס — שווארצע זאָקן, לאַנגע ארבל, טאָמיד צוגעדעקטע קעפּ.

שפּאצירנדיק איבער דער גאס, בין איך דערגאנגען ביז דעם אָרט, וואָס מע רופט שאבעס-סקווער, דאָרט טאקע הייבט זיך אָן דער קווארטאל מיאָ שעאָרים. צווישן די הײַזער זײַנען אָנגעצויגן אף דראָטן קאָלערליי פּלאקאטן, פון וועלכע מע דערוויסט זיך, צווישן אנ-דערס, אַז די אולטרא-אָרטאָדאָקסן האָבן ארויסגעטראָגן א טויט-אורטייל איינעם אַן ארכעאָ-לאָג, ווײַל ער גראָבט דאָרט, ווו ס'איז, לויט זייערע יעדיעס, געווען אין די צײַטן פון דאָוויד האמײַלעך א בעסוילעם. באם שאבעס-סקווער האָט אַן אוילעם נאטורעיקארטניקעס געבלאָזן שויפער, געוואָרפן אף די פּאָליציאַנטן שטיינער, סקאנדירנדיק דערבײַ די „קלאָלע פון אָפּ-שנײַדן די הענט”, בייס וועלכער אלע האָבן מיט פרום פארמאכטע אויגן נאָכגעזאָגט, אַז אויב עמעצער לייגט אף די קוואָרים א האנט, זאָל בא אים אָט די האנט אָפּגעשניטן ווערן. דאָ זײַנען אויך געווען פּלאקאטן קעגן פאלמעסן מייסים, קעגן בויען אין יערושאָלאַים א ספּאָרט-סטאדיאָן און קעגן די שווים-באסיינען, ווו ראכמאָנע ליצלאָן, ס'מעגן זיך באָדן צו-זאמען מענער און פרויען.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט צו שאדאיס שטוב, זײַנען שוין דער באלעבאָס און עלכאָנען געשטאנען אין הויף, און לויט דעם, ווי זיי האָבן זיך געזעגנט, האָב איך פאר-שטאנען, אַז קיין פרידלעכע איז די טרעפונג צווישן זיי ניט געווען. עלכאָנען, אַן אופגע-בראכטער, האָט פּארענדיקט ארויסצוזאָגן א געדאנק: „איר טײַנעט, אַז ס'איז יוישערדיק קאָנפיסקירן דעם באָדן... וועל איך אײַך דערמאָנען, רעב מוישע, דאָס, וואָס איר אליין האָט מיר אמאָל דערציילט. אווראָם אָווינו האָט געדארפט מעקאבער זײַן סאָרען, און ער בעט, אַז עפראָן זאָל אים אָפּטרעטן די הייל, אין וועלכער עס ליגן שוין אָדעם און כאווע, און ס'וועלן דאָרט אויך ליגן ער, אווראָם און סאָרע. אין דער טוירע ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז אווראָם האָט זיך ניט געפירט הארב און קאטעגאָריש, אַז ער וויל די הייל, און שוין. ניין, ער האָט געבעטן, מע זאָל אים געבן אַן אָרט פאר א קייווער צו באהאלטן דעם מעס, דערבײַ זיך אָפּגעזאָגט צו באקומען די הייל אומזיסט — באצאָלט עפראָנען פיר הונדערט געוויכט זילבער. פרעג איך אײַך, רעב מוישע, וויאזוי איר וועט פארענטפערן מיט א העטער[1] פון דער טוירע דאָס קאָנפיסקירן אראבישן באָדן...”

שאדאי האָט א שמייכל געטאָן אין דער באָרד און געלאָזן געענטפערט עלכאָנענען, אַז די צײַט איז איצט אַן אנדערע, איידער אווראָם אָווינוס, און אָט האָט מען אָקאָרשט די אראבער באזיגט אין א מילכאָמע, און זינט פעלקער שטרײַטן צווישן זיך, נעמט מען בא די באזיגטע קאָנטריבוציעס און מע שנײַדט צו צו זיך טעריטאָריעס. עלכאָנען האָט מיט הארץ ארויסגעשריגן: „דאָוויד האמײַלעך איז געווען ניט קיין קלענערער גענעראל פון אײַער מוישע דאיאנען, נאָר ער האָט געפירט אונטערהאנדלונגען מיט דעם באזיגטן צאד און געקויפט בא אים באָדן. איר הערט? — ער האָט געקויפט, ניט געראבעוועט.”

אזוי-אָ, שוועסטער, האָט עלכאָנען זיך געהאלטן. איך ווייס ניט, וואָס דו און עזראָ טראכטן וועגן אים פאר זײַן אוועקפאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד, מיסטאמע זעט ער אויס ניט גאָר שיין, נאָר איך בין אַן איידעס, וויאזוי ער פירט זיך אוף דאָ, און איך וויל, איר זאָלט וועגן דעם וויסן. עלכאָנען איז ניט קיין פּוסטער מענטש, זאָג איך אײַך!

---

[1] העטער (התר) — דערלויבעניש.

אָבער ניט צוליב דעם האָב איך אָנגעשריבן אַזאַ לאַנגן בריוו. צי קענסטו מיר ניט אויפקלערן, ווער עס זײַנען אַזוינס די שאַדאַיס, אַט די בײדע, וועלכע האָבן אַ צײַט געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד און זײַנען פאַקטיש אַ פּראָדוקט פון ייִשׂראל? ווי קומט צו מוישע שאַדאַיען עלכאָנען צאַמבער? עפּעס פּאָרן זיי זיך ניט... איך דאַרף דיר ניט דערציילן, ווי וויכטיק עס איז דאָס אַלץ צו וויסן.

און נאָך אָט וואָס, טײַערע. איך האָב מוירע, ס'זאָל זיך פון מײַנע בריוו ניט באַקומען אַן אײַנדרוק, אַז בײַ אונדז אין ייִשׂראל לעבן בלויז פּרומאַקעס, פאַנאַטיקער און סעקטאַנטן און אַז אַלע וואַרטן דאָ אויף מאָשיעכן, כּוֹח דעם, וואָס מע פאַרשפּרייט דעם ציוניזם און מע פירט מילכאָמעס מיט די שכיינעסדיקע פעלקער. יאָ, פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ איז, צום גרויסן באַדויערן, פאַראַן, אָבער עס איז פאַראַן דאָס פאָלק, בעסער געזאָגט — די פעלקער פונעם לאַנד, און מיר, קאָמוניסטן, זײַנען אויך דאָ. איך צווייפל ניט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווייסט מען וועגן דעם און מע שאַצט עס ווי געהעריק אָפּ, אָבער דערמאָנען נאָכאַמאָל — שאַט ניט...

גריס עזראַן און אַלע סלוטשניער, דײַן אַסיע.

11 אווגוסט

כאַווע, איך שרײַב דיר לעצטנס אַזוי אָפט, אַז מיינאַסטאַם דעריאַגט איין בריוו דעם אַנדערן, און ס'קאָן טרעפן, דו זאָלסט אין אַ געוויסן טאָג באַקומען עטלעכע אײנײנעם, אַ גאַנץ פּעקל...

איצט האָב איך זיך גענומען פאַר דער פּען, ווײַל אויף דער פראַגע, וועלכע כ'האָב דיר געשטעלט אין מײַן פריערדיקן בריוו, האָב איך שוין אַליין באַקומען אַן ענטפער, און ער איז אַזאַ טשיקאַווער, אַז ס'וועט אויך דיר זײַן טשיקאַווע.

קודעמקאָל מוז איך זאָגן, אַז עס איז אָנגעקומען אָן שווערי‌קײַטן דאָס אויסקלאָרן די זאַך. ס'איז גענוג געווען, איך זאָל אַ פראַגע טאָן וועגן דעם אַליין עלכאָנענען. ער האָט, שטעל זיך פאָר, מיר דערציילט נאָך מערער, איידער איך האָב געהאָפט זיך דערקונדיקן, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ באַדערפעניש דערציילן וועגן זיך.

ווי דו געדענקסט, האָט מיך באַאומרויִקט עלכאָנענס נאָענטקײַט מיט מוישע שאַדאַיען. דער אַנדערער שאַדאַי, ייִצכאָק, איז געווען אין די זײַטן, ווען זיי האָבן געלעבט אין רוסלאַנד, און איז געבליבן אויך דאָ אַ קליינע פּעשקע, מוישעס אַ מעשאָרעס, אָדער זײַן אַגענט. ווען דער באַלעבאָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין ייִשׂראל און געגעבן אים אַ דזשאָב, זאָל זײַן ניט גאָר קיין פריילעכן, אין אַ טפיסע-אַדמיניסטראַציע, איז ער פאַרשוווּנדן פון אויג, אַ צופרידענער מיט דער באַלוינונג פאַר איבערגעגעבענער דינסט. לויט ווי עס דערציילט עלכאָנען, האָט דער דאָזיקער ייִצכאָק געהאַט אין רוסלאַנד נאָך אין באַלעבאָס — דעם איצט שוין אָפּגעשיקטן אויף יענער-וועלט מוישע טכוירן. אָבער אַליין טכויר איז, פון זײַן זײַט, געווען מוישע שאַדאַיס אַ „האַנט". פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פאַקט וואָלט געהאַט אַ ווערט אַן-און-פאַר-זיך, ווען עס וואָלט געווען אַ נייטווענדיקײַט זיך אַ גראָב צו טאָן אין דער בלאָטע פון דער שאַדאַי-באַנדע. דאָ אין ייִשׂראל איז אָבער פאַרשווערט דער צוטריט צו אַזעלכע בלאָטעס...

די באַקאַנטשאַפט צווישן עלכאָנענען און מוישע שאַדאַי האָט מיר אויסגעזען אַזוי אומנאַטירלעך און אַפילע געהיימניספול, אַז כ'האָב באַשטימט זיך אָנפרעגן וועגן דעם בײַ דיר. נאָר עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז כ'האָב ניט געוווּסט איינעם אַ פּראַט, און דו האָסט מיר, מיסטאָמע פון דעליקאַטנעקײַט, ניט דערציילט וועגן דעם, דעהײַנע — אַז עלכאָנען איז איבער אַ מילכאָמע-פאַרפּלאָנטעניש געזעסן אין אַן אַרבעטס-לאַגער, און — צוזאַמען מיט מוישע שאַדאַיען. אויב אַזוי, וועל איך עטוואָס דערציילן דיר.

ווען מוישע שאַדאַי איז מיט פיל יאָרן צוריק געקומען קיין ערעץ-ייִשׂראל, האָט ער אין אַ געוויסן מאָמענט פאַרלוירן זײַן אײַנגעהאַלטנקײַט, און קעדיי זיך אײַנשאַפן אַ ראָמאַנטישע ביאָגראַפיע, האָט ער געלאָזט אָפּדרוקן אַ זשורנאַליסטישע סענסאַציע וועגן זײַנע ביז-דעמאָלטיקע אַרומוואָגלענישן. דאָס האָב איך זיך נעכטן דערוווּסט, שמועסנדיק מיט זײַנעם אַ מענטשן, און טאַקע געבעטן, אַז יענער זאָל מיר ווײַזן די צײַטונג (מיטן אויסרייד, אַז עס אינטערעסירן מיך העלדישע ביאָגראַפיעס). דאָס, וואָס די צײַטונג האָט מיר אַנט-

פֿלעקט, איז לאַכלוטן ניט געווען באַוווּסט על־כאַנענען, און אויך דו און עזראַ וועלן, גלייב איך, דאָס ערשטע מאָל וועגן דעם הערן.

ערעוו דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די ציוניסטן פֿון זשאַבאָטינסקיס כיידער געשאַפֿן אין פּוילן האַלב־מיליטערישע מאַכנעס, א מין „ייִדישע אַרמיי” אין רעזערוו, וועלכע זיי האָבן גערופֿן בריט האַכאַיל. אין איינעם א טאָג נאָכן פּאַשיסטישן אָנפֿאַל אויפֿן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז אין א קאַלאָנע פּליטים, וועלכע איז איבערגעגאַנגען די סאָוועטישע גרענעץ, פֿאַרהאַלטן געוואָרן א פּוילישער ייִד, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן מוישע שאַדאַי. די סאָוועטישע זיכערהייט־דינסט האָט געוווּסט, אַז דאָס איז א געהילף פֿונעם קאָמענדאַנט פֿון אָט דער „אַרמיי”. אַגעוו, טאַקע צוזאַמען מיט שאַדאַיען איז אַלפּי טאָעס פֿאַרהאַלטן געוואָרן אונדזער על־כאַנען, דעם פֿאַליטס א צופֿעליקער באַגלייטער, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג אין דעם טויהו־וואָוואָיהו פֿון די ערשטע מלחמה־טעג. על־כאַנען האָט מיר וועגן דעם דערציילט, נאָר ער האָט ניט געוווּסט, ווער עס איז זײַן נײַער באַקאַנטער און וואָס יענער האָט געהאַט בעדייע צו טאָן.

ווײַטער אַנטוויקלען זיך די געשעענישן אַזוי. ווען דער גענעראַל וולאַדיסלאַוו אַנדערס, דער „לאָנדאָנער פּאַליאַק”, האָט צונויפֿגעזאַמלט זײַן כאַיל אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פֿון די אַרבעט־לאַגערן פּוילישע בירגער, פֿון פּסר באַפֿרײַט, און מיט אָט דעם שטראָם איז מוישע שאַדאַי אָנגעקומען אין פּוילישן רעקרוטירונג־צענטער, וועלכער האָט זיך געפֿונען לעבן דער שטאָט בוזולוק. דאָרט האָט ער זיך באַמיט צו שאַפֿן פֿון די אַמאָליקע סאָלדאַטן פֿון בריט האַכאַיל א ציוניסטישן „ייִדישן לעגיאָן”, לויט דער מאָדעל פֿון דער מיליטערישער אײַנהײַט מיט דעם זעלבן נאָמען, וועלכע ס'האָט בייסן ערשטן וועלט־קריג אויסגעפּאָרמירט אין פּאַלעסטינע דער ענגלישער גענעראַל אַלענבי. העיווס אויסטיילן פֿון אַנדערסעס אַרמיי אַזאַ סאָרט דיוויזיע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן און אויף ווײַל די גאַנצע אַרמיי פֿון דעם „לאָנדאָנער פּאַליאַק” האָט זיך אײַנגיכן איבערדיסלאָצירט קיין איראַן, זײַנען אויך שאַדאַי און זײַנע פֿרײַנט אַרויסגעפֿאָרן אַהין און פֿון דאָרטן — קיין פּאַלעסטינע.

איצט זעסטו, וואָס פֿאַר א פּלאַן עס האָבן געהאַט די ציוניסטן. ניט מער און ניט ווייניקער, ווי שאַפֿן זייערע א מיליטער־טייל אין די אָרענבורגער סטעפּעס. א מעטורעפֿדיקער און אײַנצײַטיק א לעכערלעכער פּלאַן.

צום שלוס פֿון מײַן בריוו ווייל איך, טײַערע שוועסטער, דיר זאָגן אײַנקורצן וועגן זיך, וועגן מײַן גליק. ווײַזט אויס, אַז דאָס לעבן ביכלאַל שטייט אויף קאָנטראַסטן. פּונקט אין דער צײַט, ווען אין לאַנד בא אונדז איז גאַנץ כמאַרנע — ס'גייט א מלחמה, וועלכע רופֿט אַרויס קריגערײַען, האַס, באַגרענעצונגען, — אין אָט דער צײַט איז דאָס ערשטע מאָל אויפֿגעגאַנגען די זון אין מײַן לעבן... כאַווע, דאַכט זיך, אַז אויך צו מיר איז מען איצט ניט גלײַכגילטיק...

בעשאַס איך שרײַב דיר אָט די לעצטע שורעס איז אָנגעקומען מיט דער פֿרישער פּאָטשט דײַן בריוו. דאָס, וואָס דו דערציילסט וועגן אײַערע סלוטשניער זעמליאַטשעסטווס, וועלכע נעמען זיך צונויף אין די גרויסע שטעט, און וועגן דעם, ווי אין דער שטאָט, ווו דו און עזראַ וווינען, פֿאַרברענגען די סלוטשניער צוזאַמען די צײַט און די יאָמטויווים, און ווי איר קומט צו פֿאָרן קיין סלוטשניע און פֿאַרזאַמלט זיך בא די ברידער־קוואָרים, און דאָס, וואָס דו דערציילסט, וויאַזוי איר העלפֿט דעם קאָלווירט אויפֿן נאָמען פֿון אָפּאַנאַס גאַוורילאָוויטש קאָפּילענקאָ און דעם סלוטשניער זאַוואָד פֿון מינעראַל־וואַסער, — דאָס אַלץ וועל איך איבערגעבן על־כאַנענען, און אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך ביכלאַל אים לייענען אַלע דײַנע בריוו (ער פֿרעגט מיך טאָמיד, צי דו שרײַבסט מיר, און עס שײַנט אים אויף דאָס פּנים, ווען איך דערמאָן דײַן נאָמען). כאַווע טײַערע, איך בין ניט איפּערזיכטיק צו דעם, וואָס עס איז געווען אַמאָל. איך ווייס, אַז דו ביסט גליקלעך מיט עזראַן, און איך, טײַערע שוועסטער, בין אויך איצט גליקלעך, יאָ — גליקלעך...

דײַן אסיע.

26 נאָיאַבער

ליבע כאַווע, די צײַט, וואָס כ'האָב דיר ניט געשריבן, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. מע האָט אַרעסטירט על־כאַנענען. די גזירע האָט אָנגעשיקט אויף אונדז מוישע שאַדאַי. זעענדיק, אַז על־כאַנען וועט ניט ווערן זײַנער א מענטש און אַז ער האָט אים אומזיסט אַראָפּ־

געבראַכט קיין ייִסראָעלֿ, ס׳קאָן אפילע זײַן — מיט דעם אַרויסגערופֿן אומאָנגענעמלעכקייטן אַף זיך אַליין, האָט ער פֿאַרטראַכט צו פֿאַרשפּאַרן אים הינטער די גראַטעס. דאָס וואָרט געטאָן גאַנץ פּאָשעט... עלֿכאָנען האָט באַקומען אַ מאָביליזאַציע-קאַרטל, בייס — עס איז פֿון פֿריִער געווען קלאָר, אַז ער וועט ניט גיין זיך שלאָגן קעגן די אַראַבער. דאָ האָט זיך געיאָוועט די מיליטערישע פּאָליצײַ און אים אָפּגעפֿירט אין טפיסע פֿאַר זיך אָפּזאָגן גיין דינען מילכאָמע-צײַט אין דער אַרמיי. אַלקאַלפּאָנעם איז פֿאַראַן אַ האָפֿענונג, אַז דער דאָזיקער ווילקיר וועט זיך ניט אײַנגעבן, ווײַלֿ עלֿכאָנען איז ערשט אַ טאָג מיט אַ מיטוואָך אַ בירגער אין דעם לאַנד, און אַ פּראָגרעסיווער אַדוואָקאַט האָט זיך אונטערגענומען אים פֿאַרטיידיקן.

דערווײַלֿ פֿאַרענדיק איך מײַן בריוו. כ׳האָב זיך דערשלאָגן אַ זוונג מיט עלֿכאָנענען. אין אַ שאָ אַרום דאַרף איך זײַן אַפֿן אָרט. מאָרגן וועל איך דיר אָנשרײַבן וועגן דעם.

אַסיע.

27 נאָיאַבער

שוועסטער, טײַערע! יאָ, כ׳האָב געשמועסט אין אַ טפיסע-צימער מיט עלֿכאָנענען. איך האָב נאָך קיינמאָלֿ אים ניט געזען אַזאַ רויִקן און ליכטיקן.

די באַשולדיקונג קעגן אים איז אַ שווערע, איידער כ׳האָב געמיינט. די פּאָליצײַ האָט אונטערגערוקט דער פּרעסע אַ ווערסיע, אַז, קלוימערשט, ער האָט געהאָלפֿן אויספֿילן דעם טויט-אורטייל איבער טכוירן. דערציילנדיק מיר וועגן דעם, האָט ער אַזוי געלאַכט, אַז עס האָט זיך אַזש צעשמייכלט אויך דער אופֿזעער.

מיטאַמאָלֿ איז אין צימער אַרײַנגעקומען — דו ווייסט ווער? ניין, דו וועסט ניט טרעפֿן. ס׳האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַ נידעריטשקער אַלטיטשקער מיט אַן אויסגעמאָגערט פּענעמלֿ, אָנגעטאָן ווי די נעטורעיקאַרטניקעס, אין דער האַנט — אַן אָפּגעריבענער פּאַרטפֿעלֿ. עלֿכאָנען האָט אים באַגעגנט, גלײַך עס וואָלט געווען ניט אין טפיסע, נאָר ערגעץ אַף דער גאַס. באַקענ זיך, אַסיע, — האָט ער געזאָגט אַף רוסיש מיט טעאַטראַלן אַפּלאָמב. — אָט דאָס דאָזיקע וואָניוטשע נעפּעשלֿ איז ניט אַבי-ווער. ס׳איז רעב ייִצכאָק שאַדאַי. בא אונדז אינדערהיים איז ער געווען אַן עלטסטער אינספּעקטאָר בא טכוירן אין מעדמינוואָדטרעסט, געמאַכט וואַסער, הייסט עס. דאָס האָט ער מיך ווערבירט, איך זאָלֿ עמיגרירן. און דאָ אין ייִסראָעלֿ איז ער אין מײַן טפיסע דער ראָוו, צי דער ראַבינער, דער טײַוול ווייסט אים, ווער ער איז... נעכטן האָט ער זיך באַרימט פֿאַר מיר, אַז דעם באַטקאָ אָפּאַנאַס האָט אומגעבראַכט ער, ייִצכאָק שאַדאַי: אַרײַנגעקומען צו אים, ווען יענער האָט געגעסן וועטשערע, קלוימערשט מיט אַן איניעז, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון דעם געגנטלעכן צענטער, דורכפֿאָרנדיק פֿאַרנאַכט דורך סלוטשניע, און אַוועקגעשטעלט אַפֿן טיש אַ סלאָיִקלֿ מיט מאַרינירטע שוועמלעך — ווײַסע פּאָגאַנקעס... און איצט, טײַערע אַסיע, איז ער געקומען אַהער, קעדיי אַ קוק טאָן, וויִאַזוי עס זעט אויס מײַן אַגענט אין ייִסראָעלֿ. נו, זײַ זיך שוין מוידע פֿאַרן אויסוווּרף, אַז בא דיר אין שטוב איז געווען מײַן יאַווקע און אַז איך בין בעסאַכאַקלֿ אַ רעזידענט פֿון דער קאַ.גע.בע...

ייִצכאָק שאַדאַי האָט, פֿאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן טומלען און טרייסלען מיט די קולעקעס גלײַך נאָך עלֿכאָנענס ערשטע ווערטער, נאָר עלֿכאָנען האָט ניט געלייגט אַף דעם קיין אַכט און געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. דאַן האָט שאַדאַי אַרויסגערופֿן נאָך צוויי פּאָליציִאַנטן, און די טרעפֿונג איז איבערגעריסן געוואָרן. איך האָב דערלאַנגט אַ פּראָטעסט, האָט מען ווידער, ווי דאָס ערשטע מאָלֿ, זיך אָנגעפֿרעגט, ווער איך קער זיך אָן דעם אַרעסטירטן, און ווען כ׳האָב באַשטעטיקט, אַז איך בין זײַן קאַלע, איז געקומען אַן ענטפֿער, אַז די טרעפֿונג ווערט אַריבערגעטראָגן אַף מאָרגן, מיט באַדינג, אַז דער אַרעסטירטער וועט זיך אופֿירן ווי ס׳געהער צו זײַן.

לאָמיר אַרויסווײַזן געדולד און צוואַרטן ביז מאָרגן. הײַנט שטייט מיר פֿאָר נאָך איין צעשיידונג: עס פֿאָרט אַוועק פֿונדאַנען מײַן טאַטע. ניין, זאַכאַרי פּטיצעלאָוו האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו ייִסראָעלֿ. גאָט צו דאַנקען, זיך געזען מיט דער טאָכטער, און — צוריק אַהיים! וועסטו פֿרעגן: וויִאַזויאַרום? מע קריגט דאָך ניט קיין וויזעס אַף צוריק. איז טאַקע שווער דער צוריקקער. אַף דעם געלט, וואָס כ׳האָב צונויפֿגענומען בא פֿרײַנט און אין דער שפּאָרקאַסע, וועט ער דערווײַלֿ זיך דורכשלאָגן די טעג און וואָכן אין ווין, נעענטער צו דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפֿט, און פֿאַר דער צײַט וועט, גלייב איך, קומען אַן ענטפֿער פֿונעם

איבער-סאָוועט אַף דעם טאַטנס מעלדונג און אַף מײַן בריוו. ער אַליין, דער טאַטע, איז גרייט אויסצושטיין אַלע לײַדן אין דער פרעמד, אַבי זיך דערשלאָגן צוריק קיין רוסלאַנד. זאַכאַרי פּטיצעלאָוו, — זאָגט ער, — ליגט זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם...
מאָרגן, גלײַך נאָך דער טרעפונג מיט עלכאָנענען, וועל איך דיר אָנשרײַבן גענוי וועגן אַלע פּראָטים.

דײַן אַסיע.

28 נאָיאַבער

כאַווע!

דער אומגליק איז געשען נעכטן באַנאַכט, אין עטלעכע שאָ ארום נאָך דעם, ווי מע האָט אונדז דערלויבט זיך זען. עלכאָנען איז אין קאַמער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין העס-קעם מיט דער פּראָצעדור, האָט מען הײַנט וועגן דעם צו וויסן געגעבן דעם אַדוואָקאַט. בעשאַס דער אונטערזוכונג האָט מען גאָרנישט ניט געפונען, אויסער אַ זײַטעלע פּאַפּיר, אַף וועלכן ס'איז מיט עלכאָנענס האַנט אָנגעשריבן: „איך בעט איבערשיקן אין סאָוועטנ-פאַרבאַנד צו מײַן כאַווער עזראָ שליוואַניאַק די פאָלגנדע ווערטער: „דער היטער פון די טויערן ביסטו. עלכאָנען צאַמבער. טעל-אוויוו, טורמע פון פּאָרלויפיקן אַרעסט".
איך האָב מער קיין קויעך ניט פּאַרצוזעצן דעם בריוו.

אַסיע.

אין די ליכטיקע פארטאָגן

* * *

ס'טרעפט: א בלענד טוט פאר די אויגן מײַנע:
ווערסטן זײַדנס, וועלכע כ'האָב געוועבט,
גאָלד פון סנאָפּעס אָף די ברייטע פליינען,
וואָס כ'פלעג בינדן אין וואָלינער סטעפּ.

בערג מיט זאָקן, וועלכע איך פלעג שטריקן,
שטארקע פעדעם, וועלכע כ'האָב געשפּינט,
און אָף שפּולן-טורעמלעך געוויקלט
פלײַסיק, באלעבאטיש און געשווינד.

רייען צוקער-בורעקעס, וואָס יעטן
כ'פלעג אין יונגע זומערס אינעם פעלד,
אין מילכאָמע-צײַט, אין שאָען שפּעטע,
ווענט, וואָס כ'האָב געקאלכט אין פארב פון קעלט.

און די שפּולן-טורעמס — בונטע, שווערע,
וואָס כ'האָב סטאָסנווײַז געבויט, געבויט,
פלעגן נעבן מיר זיך ניט פארהאלטן,
צו די וועבער אײַלן סטאָס נאָך סטאָס,
און די זאָקן אין די ווינטערס קאלטע,
האָבן פײַן געווארעמט אינעם פראָסט.

כ'ווייס ניט, ווער פלעגט יענע קליידער טראָגן,
און די זאָקן — וועמעס פלעגן זײַן,
ווער פלעגט אין די ליכטיקע פארטאָגן
פון די בײַוול מײַנע וועבן לײַן,

ווער ווינט איצט אין קוסטאנאיער שטיבל,
ווו כ'פלעג קאלכן ווײַס, ווי פראָסט, די ווענט...

דאן מעגילגל פלעגן סנאָפּעס ווערן
מענטשן מײַנע, אומבאקאנטע, ליבע,
אין א זאטער שפּע, וואָס הייסט: ברויט.
ווײל זאָל זײַן אײַך אלץ פון מײַנע הענט.

* * *

וואָס עס קאָן א כאָלעם — קאָן עס ניט די וואָר,
זײַן אין כאָלעם — כ'קען אין דורכגעלעבטן יאָר.
אין מײַן כאָלעם האָט די צײַט פון יאָר קיין ווערט:
זומער קומט צו כאָלעם א פארשנייטע ערד,
און פארקערט, אין כאָלעם כ'זע דעם פרילינג-צוויט,
ווען א שניי אין דרויסן שיט, און שיט, און שיט.
ס'ערשטע מאָל, אין כאָלעם, וויגן כ'קאָן א וויג,
ווו מײַן באסיעכידע, ערשט געבוירן ליגט
(איצט איך בין א באָבע. ס'איז א רעכטער שפּרונג!).
הערן מיט די שילער כ'קאָן דעם ערשטן קלונג
אָף מײַן ערשטן לימעד אין מײַן ערשטן קלאס.
באָרוועס נאָך די שטראָמען לויפן כ'קאָן אין גאס,
טראָגן א פאפירן-פענדעלע אין מײַ.
שטיין אין צער צעטומלט קאָן איך איצט אפסנײַ,
ווידער מיט מײַן וועבשטול זײַן, ווי ניט באקענט,
ציען אומבאהאָלפן צו איר מײַנע הענט,
אָף א בריוו פון פראָנט אין כאָלעם ווארטן כ'קען.
ציטערן אפסנײַ, קיין שלעכטס זאָל ניט געשען
מיט מײַן מאן, וואָס איז אינעם מילכאָמע-פלאם...

שווימען כ׳קען אין כאַלעם אינעם שווארצן יאם
(ווען ס׳איז שווער אצינדער מאכן מיר א טראַט).
...אָבער איינס איז זיכער קלאָרער מיר פון קלאָר:
ס׳וואָלט ניט זײַן קיין כאַלעם — ס׳זאָל ניט זײַן די וואָר.

ס׳פארלירן די קווייטן דעם דופט

ס׳פארלירן די קווייטן דעם דופט אף בעסוילעמער שטומע,
ווי ס׳וואָלט פון די גרויזאַמע בערגלעך אנטלאָפן דער זומער.
איך ווייס ניט, אין וואָס ווערט פארוואַנדלט דער דופט פון די קווייטן,
איך ווייס בלויז: וואָס איינער פארלירט — ווערט געפינען א צווייטער.

איך קען דיך, נאַטור, אין דײַן ווירטשאַפט ווערט גאָרניט פארפאַלן.
קלעפּסט שטיינער פון שטויב, שטיינער דרויבלען אף שטויב ביסט א באַלן.
דו פילסט אויס געטרײַ דײַנע אוראַלטע קלאַלים די הארבע —
קלײַבסט טראָפּנדלעך פערל, ווען וואַלקנס אין רעגנפלייץ שטארבן.

ווען הארבסטציַיט די צווײַגן מער קענען די בלעטער ניט האַלטן,
דאַן וועבסטו א שאַל אף די ערדישע פּלייצעס די אַלטע,
און ווײַל זיך פארפּוצן אפילע די עלטער איז גערן,
באַפּארבסטו די בלעטער אין גאָלד, ווי די זון, ווי די שטערן.

ווען ס׳טרעפט, אַז פון אַלטקײַט א ביימערשער שטאַם ווערט צעפּיצלט,
באַשענקסטו אין פּינצטער זײַן שטויב מיטן אָפּגלאַנץ פון בליצן,
עס זאָל אָט דאָס קלוימערשטע פײַער א וואַנדערער פירן...
אויב דופט אפן היימלען אָרט נעמען קווייטן פארלירן,

איך וויל, אַז אריבער ער זאָל, ווי די וואַלקנס אין רעגן,
און פאַלן אף גראָזן, וואָס זומערצײַט וואַקסן בא וועגן,
אף וואַלד-בלומען פּראָסטע, וואָס קוקן, ווי קינדער, באַשיידן,
אף קווייטן, וואָס שעמעוודיק שענקט זיי דער באַכער זײַן מיידל.

ס׳פארלירן די קווייטן דעם דופט אף בעסוילעמער שטומע...
איך דארף זיי ניט דעמלט. אצינד כ׳וויל זיך שפּיגלען אין בלומען.

ליטעראַרישע געדענק-דאַטעס

מוישע קאַץ

(1885—1960)

שימעון פרוג

(1860—1916)

מוישע קאַץ

באַ שאָלעם-אַליכעמען



איך דערמאָן זיך ווי היַינט: אין דער נאַכט פון 14-טן מיַי 1916 בין איך איינעם מיט נאָך עטלעכע קאָלעגן געשטאַנען אַף דער וואַך באַם קערפּער פון אונדזער ערשט-פּאַר-שטאָרבענעם געניאַלן שאָלעם-אַלייכעם, האָב זיך געפּרוּווט דערמאָנען, וואָס פאַר א טיַינעס איך האָב צו אים געהאַט, און זיך אַלץ ניט געקאָנט דערמאָנען.

איך האָב דעמלט געאַרבעט אין „טאָג". דער „טאָג" איז נאָך געווען א גאָר יונגע „ראַדיקאַל-געשטימטע" ציַיטונג, וואָס האָט זיך ערשט געפּרוּווט שטעלן אַף די פיס. אַרום דעם „טאָג" איז געלונגען צונויפקליַיבן א ריי יונגע און עלטערע שריַיבער, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס בעסערע אין דער דעמלטיקער פּרעסע, און ווען ס'איז געווען א געלעגנהיַיט אַריַינצוקריגן א ניַיעם נאָמען, האָט דער „טאָג" די געלעגנהיַיט גע-ווינלעך ניט דורכגעלאָזט.

איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ווען שאָלעם-אַלייכעם איז אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע, אין סאָף 1914, אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק, האָט דער „טאָג" געטאָן אַלץ, קעדיי אַריַינצוקריגן אים פאַר א מיטאַרבעטער. און אים איז דאָס געלונגען, וויַיל קיין אַנדערע רעדאַקציע האָט זיך ניט אַנשלאָסן צו גיין אַזוי „וויַיט", ווי צאָלן פאַר שאָלעם-אַלייכעמס מיטאַרבעט הונדערט דאָ-לאַר א וואָך.

שאָלעם-אַלייכעמס מיטאַרבעט אין „טאָג" האָט די פירנדיקע מיטאַרבעטער פון דער ציַי-

---

אַן אויסצוג פון מוישע קאַצס בוך „אונדזער שאָ-לעם-אַלייכעם".

טונג געגעבן א געפיל פון א באַזונדערער כשיוועס. שאָלעם־אַלייכעמס אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַזוי הויך, אַז קיין צוויי מיינונגען וועגן אים האָבן ניט געקאָנט זײַן. אַרבעטן אײנינעם מיט שאָלעם־אַלייכעמען אין איין צײַטונג איז געווען א גרויסער קאָוועד.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס שאָלעם־אַלייכעם איז ניט געווען גלאַט א רײַכער צולאַג צו דער צײַטונג. אָט דער גרויסער קינסטלער האָט געהאַט א כוש פון א זשורנאַליסט, ער האָט געלעבט מיט דער צײַטונג, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איר אינהאַלט, מיט איר וווּקס, מיט אירע אויסזיכטן; ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם, וואָס אַנדערע שרײַבן אין צײַטונג, און פלעגט אַרויסזאָגן זײַנע מיינונגען וועגן זיי. ער איז שטענדיק געווען פול מיט פלענער פאַר דער צײַטונג, און פלעגט אים עפּעס אײַנפאַלן, פלעגט ער טייקעף אָפּרופן די רעדאַקציע אָדער בעטן, מ'זאָל קומען צו אים, און מיט באַגײַסטערונג אַנטוויקלען פלענער, וואָס האָבן, לויט זײַן מיינונג, געקאָנט העלפן דער צײַטונג וואַקסן.

איך געדענק שאָלעם־אַלייכעמס מאַנוסקריפּטן — זיי פלעגן אַלע דורכגיין דורך מײַנע הענט. זיי זײַנען געווען פון צוויי סאָרטן: די פּאַרזעצונגען פון זײַן גרויסער אויטאָביאָגראַפישער אַרבעט „פונעם יאַריד", און די באַזונדערע דערציילונגען. ער פלעגט געבן יעדע וואָך א קאַפּיטל „פונעם יאַריד" און איין דערציילונג. זײַנען די קאַפּיטלען „פונעם יאַריד" געוויינלעך צוגעשיקט געוואָרן איבערגעשריבענע אויף א מאַשינקע — אויף פּאַפּיר, וואָס איז אָפט געווען צוגעשניטן, איבערגעשניטן, צונויפגעקלעפּט און איבערגעקלעפּט. און צווישן די צונויפגעקלעפּטע שטיקלעך זײַנען אָפט געווען אַרײַנגעשריבן שורעס מיט דער האַנט.

אַנדערש האָבן אויסגעזען די מאַנוסקריפּטן פון די דערציילונגען. געוויינלעך פלעגט ער זיי שרײַבן אויף לויזע בלעטלעך פון קליינע נאָטיץ־ביכלעך, סראַוו אויף העל־בלויען און אָפט אויף ראָזעווען פּאַפּיר. יעדע דערציילונג פלעגט מיט זיך פאָרשטעלן א פאַרשריבן נאָטיץ־ביכל. די לויזע בלעטלעך זײַנען פון אויבן דורכגעשטאָכן געוואָרן מיט עטלעכע קליינע דיקע לעכלעך און דורכגעבונדן מיט א קאָלירטן פאָדעם אָדער לענטע. דער מאַנוסקריפּט איז אויסער דעם באַצירט געוואָרן מיט א ספּעציעלן שאַרבלעטל, קאַליגראַפיש אָנגעשריבן, אונטערגעשטראָכן מיט פאַרשיידענע ליניעס אין גרין און רויט, אונטערגעצייכנט מיט שאָלעם־אַלייכעמס שטאַרק געציקלטער אונטערשריפט און אָפט דערצו באַצירט נאָך מיט אַן אָרנאַמענט, א פייגעלע אָדער א בלימעלע, געצייכנט פון שאָלעם־אַלייכעמס האַנט.

אינווייניק איז דער מאַנוסקריפּט געווען געשריבן מיט שאָלעם־אַלייכעמס ציכטיקער און קלאָרער האַנטשריפט; מ'האָט געזען, אַז ער טראַכט וועגן דעם, אַז די זעצער זאָלן קאָנען לײַכט איבערלייענען, וואָס ער שרײַבט אָן. אָבער צווישן די קלאָרע און ציכטיקע שורעס זײַנען געוויינלעך געווען אַרײַנגעשריבן און אַרײַנגעמעקט שורעס אויף שורעס, וואָרט אויף וואָרט, אַרײַנגעשריבן א שורה און אויסגעמעקט, אויסגעמעקט א וואָרט און אָנגעשריבן אַן אַנדערן איבער אים, — אַזוי אַז פון זײַנע מאַנוסקריפּטן וואָלט מען גרינג געקאָנט צונויפשטעלן דרײַ־פיר וואַריאַנטן, וואָס פירן אונדז אַרײַן אין שאָלעם־אַלייכעמס לאַבאָראַטאָריע פון שאַפן און ווײַזן אונדז, ווי עס ביילדעט זיך בא אים אויס דער אויסדרוק און ווי ער אַרבעט אויס דאָס בילד.

און יעדעס מאָל, ווען כ'האָב געהאַלטן שאָלעם־אַלייכעמס מאַנוסקריפּט אין האַנט, האָב איך געהאַט דאָס געפיל: דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן קיין פאַרענדיקטע אַרבעט; ווען שאָלעם־אַלייכעם זאָל האָבן נאָך צײַט צו האַלטן דעם מאַנוסקריפּט גופא, וואָלט ער אים איבערגעאַרבעט און איבערגעבויט נאָך עטלעכע מאָל, עפּשער אַן א סאָף. און נאָך א זאַך: פאַר שאָלעם־אַלייכעמען איז זייער וויכטיק ניט נאָר דאָס, וואָס ער שרײַבט אַן און גיט איבער דעם לייענער, — נאָר אויך דער אייניק גופא פון שרײַבן, די טעכנישע זײַט פון שאַפן. עס איז יעדנפאַלס קיין צווייפל ניט, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּגעגעבן א מאַסע אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר זײַן ווערק, נאָר אויך זײַן מאַנוסקריפּט. צום אָנהייב בין איך צוליב דעם אויסזען פון שאָלעם־אַלייכעמס מאַנוסקריפּטן אפילו געווען זיכער, אַז ער וויל זיי האָבן צוריק און אַז ער זאַמלט זיי, און איך האָב זיך פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט מיר אויף מײַן אָנפרעגע געענטפערט, אַז ער איז צופרידן, ווען זײַן געדרוקט ווערק קומט צו אים צוריק אַזוי, אַז ער זאָל עס קאָנען דערקענען.

צוליב שאָלעם־אַלייכעמס אַרבעט אין „טאָג", צוליב דעם צונויפרעדן זיך וועגן די טעמעס איז מיר אָפט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אים. ווי געזאָגט, האָט ער זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט דער צײַטונג, פלעגט פרעגן וועגן אירע מיטאַרבעטער, וועגן איר פאַרשפּרייטונג, אַרויסזאָגן זיך אין געשפּרעכן וועגן די זאַכן, וואָס האָבן זיך אין איר געדרוקט, אאַז"וו, — און דאָס האָט מיך זייער שטאַרק אימפּאָנירט. ס'איז צומאָל גע-

ווען א געפּיל, ווי מיר שאַפֿן א צײַטונג אינײַנעם מיט שאָלעם-אַלייכעמען.

אין סאָף 1915 האָט זיך געענדיקט דער קאָנטראַקט, וועלכן שאָלעם-אַלייכעם האָט געשלאָסן מיטן „טאָג" אַף א יאָר צײַט. מיר, די מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג, זײַנען געווען זייער אומאָנגענעם איבעראַשט, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט נאָך פאַרן סאָף פון זײַן קאָנטראַקט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט אַלע אַנדערע ייִדישע צײַטונגען, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין ניו-יאָרק, — מיטן „פאָרווערטס", „טאָגעבלאַט", „וואַרהײַט" און, דאַכט זיך, אויך מיטן „מאָרגן-זשורנאַל". דער סאָף פון די אונטערהאַנדלונגען איז געווען, אַף שאָלעם-אַלייכעם איז פאַרבליבן אין „טאָג".

איך געדענק נאָך איין באַזוך בא שאָלעם-אַלייכעמען אין אָנהייב 1916, איך גלייב — אַרום סאָף יאַנואַר. שאָלעם-אַלייכעמס געזונט איז דעמאָלט געווען זייער שלעכט, כאָטש וועגן קיין לעבנס-געפאַר האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינער ניט געטראַכט. אין גאַס פלעגט ער אַרויסגיין זייער זעלטן, כ'האָב אים שוין א פאָר כאַדאָשים ניט געזען און בין דערפאַר געווען זייער צופרידן, ווען ער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב זיך געגרייט פאַרברענגען מיט שאָלעם-אַלייכעמען א „ליטעראַרישן" אָוונט. וואַרשײַנלעך — איך געדענק שוין איצט ניט גענוי — האָב איך געהאַט גרונטן צו דערוואַרטן, אַז מיר וועלן רעדן וועגן ליטעראַטור, — און ווען שאָלעם-אַלייכעם פלעגט זיך אַרויסזאָגן וועגן ליטעראַטור, איז עס אין מײַנע אויגן געווען אַזוי טרעפלעך, אַזוי אינטערעסאַנט, אַז כ'פלעג געדענקען יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

אַרויסגעשטעלט האָט זיך אָבער עפּעס אַנדערש. שאָלעם-אַלייכעם האָט מיך אופגענומען אין זײַן קאַבינעט און מיך גענומען צעפרעגן, ווי עס האַלט מיט דער צירקוליאַציע פון „טאָג". ער האָט גערעדט מיט גרויס אַפּעטיט וועגן די געשעפטן פון „טאָג" און אַלע ווײַלע געגאַנגען צו זײַן בעט-טישל טרינקען וואַסער. דערנאָך האָט ער פאַר מיר גענומען אַנטוויקלען אַזאַ מין פּלאַן: אַזוי ווי דער „טאָג" וואַקסט, און וואַקסט ער דאָך זיכער צוליב שאָלעם-אַלייכעמען (אַזוי האָט ער טאַקע גערעדט וועגן שאָלעם-אַלייכעמען, אין דער דריטער פּערזאָן), גלייבט ער אַז ס'איז ניט מער ווי רעכט, אַז מע זאָל אים, שאָלעם-אַלייכעמען, צאָלן עקסטרע פאַר די לייענער, וואָס ער ברענגט אַרײַן: לאָמיר זאָגן, א פינפערל א וואָך פאַר יעדן טויזנט לייענער, וואָס קומען צו.

ווען איך דערמאָן זיך איצט וועגן דעם, טראַכט זיך, אַז אַזוי האָט עפּשער געדאַרפט זײַן און אַז אין דעם איז קיין שום בייז ניט געווען. נאָך אַלעמען האָבן דאָך די אַרויסגעבער פון „טאָג" אַוועקגעשטעלט די פאַרבינדונג מיט שאָלעם-אַלייכעמען אַף א ריין געשעפטלעכן באָדן, און שאָלעם-אַלייכעם איז שוין דערצו דעמאָלט געווען זייער קראַנק. ער האָט וואַרשײַנלעך וועגן זײַן קראַנקייט און דער געפערלעכער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, געוווּסט מער ווי די אַרומיקע. דערצו איז ער געווען א טיפּישער ייִדישער פאַמיליע-פאָטער, איינער פון די, וועגן וועלכע ער אַליין האָט געשריבן: „...יעדער ייִד האָט א ווײַב און קינדער, און אַז עס קומט צו ווײַב מיט קינדער, זײַנען ייִדן (מיר מוזן זיך מודע זײַן) געפערלעכע עגאָיִסטן..." („קאָסרילעווקער ניסראָפים").

בא מיר איז שטענדיק געווען דער אײַנדרוק, אַז ווי ליב ער האָט ניט געהאַט ליטעראַטור (און ער האָט זי זייער ליב געהאַט) און ווי שטאַרק ער האָט ניט געטראַכט וועגן זײַן שרײַבן (און ער האָט וועגן דעם שטענדיק געטראַכט), — האָט ער אָבער מער פון אַלץ ליב געהאַט זײַן פאַמיליע און מער געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס'וועט זײַן מיט זײַן ווײַב און קינדער, ווען ער וועט זיי ניט קענען העלפן.

שאָלעם-אַלייכעמס „שולד" איז אין דעם פאַל באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אָן איבעריקע אָנשטעלן געזאָגט, וואָס ער טראַכט. עס דערמאָנט זיך מיר דער לעצטער עפנטלעכער אַרויסטריט שאָלעם-אַלייכעמס. דאָס איז געווען אין מײַ 1915, צום שלושים נאָך פּרעצעס טויט. אין „פאָרווערטס"-זאַל איז פאַרגעקומען א ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון ייִדישע שרײַבער, געווידמעט פּרעצעס אָנדענק. א סך שרײַבער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט. יעדער איינער האָט גערעדט וועגן דעם ווייטיק פון פּלוצלינג פאַרלירן פּרעצן, און יעדער איינער האָט זיך געסטאַרעט איבערשטײַגן דעם צווייטן אין זײַנע פאַרשלאָגן צו פאַרייביקן פּרעצן. צווישן אַנדערע זײַנען געווען פאַרשלאָגן וועגן אָנרופן א גאַס אַף פּרעצעס נאָמען, וועגן שטעלן פּרעצן א דענקמאָל אַף ראָטגערס-סקווער, וועגן אַרויסגעבן אָן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון זײַנע ווערק. עס זײַנען געווען אויך גאַנץ פאַנטאַסטישע פאַרשלאָגן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן א געלעכטער אַף דער טרויער-פאַרזאַמלונג גופא.

אינמיטן דער פאַרזאַמלונג איז אַרײַנגעקומען שאָלעם-אַלייכעם — כ'דערמאָן זיך ניט, אין וועמענס באַגלייטונג, דאַכט זיך, אינײַנעם מיט זײַן איידעם, בערקאָוויטשן. ער האָט זיך

אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע, געדולדיק איסגעהערט עטלעכע רעדעס און פארשלאגן, און ווען מ׳האט אים געגעבן א ווארט, האט ער געהאלטן א קורצע רעדע וועגן פערעצן, וועלכע ער האט פארענדיקט אומגעפער אזוי:

„וואס איז שייער מיר, בעט איך אייך, טייערע קאלעגן, אז ווען שאלעם-אלייכעם וועט אין הונדערט מיט צוואנציק יאר ארום שטארבן, זאלט איר ניט איינארדענען נאך אים אזעלכע פארזאמלונגען און מ׳זאל ניט מאכן קיין נארישע פארשלאגן, ווי צו פאריי-ביקן זיין נאמען".

און ער האט עס געזאגט מיט אזא איינ-פאכקייט און אופריכטיקייט, מיט אזא שמייכל, אז קיינעם איז ניט איינגעפאלן ניט נאר צו באליידיקן זיך, נאר אפילע צו באמערקן, אז ער האט געזאגט עפעס אזוינס, וואס איז ניט צום ארט.

אגעוו, אין פארבינדונג מיט די באציונגען צווישן פערעצן און שאלעם-אלייכעמען דער-מאנט זיך מיר:

געווען איז עס זומער פון 1911. כ׳האב געטראפן פערעצן שפאצירנדיק אין זאקסישן גארטן, אין ווארשע. פערעץ האט זיך דעמלט ארומגעטראגן מיט א פלאן פון ארבעט וועגן געלעכטער בא יידן. ס׳איז געקומען צו רייד וועגן שאלעם-אלייכעמען און וועגן דעם סאד פון זיין דערפאלג באם עולם. פערעץ האט אנטוויקלט דעם געדאנק, אז קיין עלעמענטן פון עמעסן קאמיזם זיינען אייגנטלעך בא שאלעם-אלייכעמען ניטא. ער איז נאר פאטעטיש אין אזעלכע קלייניקייטן, אז עס באשאפט זיך אן איינדרוק פון קאמיזם.

— אבער פארוואס לאכט דער לייענער אזוי הארציק מיט שאלעם-אלייכעמען?

— פארוואס, פארוואס... — האט פערעץ א ביסל אומגעדולדיק געענטפערט, — דאס פאלק האט נאך אלעמען ליב זיך אליין, און שאלעם-אלייכעם דערלאנגט אים זיינע איי-גענע ווערטער, זיין אייגענעם ארט דענקען און רעדן...

בא א צווייטער געלעגנהייט האב איך גע-הערט פערעצן דערציילן:

— שפאציר איך איינמאל אין גארטן אין נערווי (איטאליע) און טרעף אן שאלעם-אליי-כעמס א טאכטער. האלט זי עפעס א ביך אין האנט. רופט זי זיך פלוצלינג אפ אף רוסיש:

— איר ווייסט, פאפאטשקא איז דאך טאקע זייער אן אינטערעסאנטער שרייבער.

— פונוואנען ווייסט איר עס? — פרעג איך זי.

— אט. איך לייען איצט זיינע „בלוזש-דאיושטשיע זוויאזדי"... (א רוסישע איבער-זעצונג פון שאלעם-אלייכעמס ראמאן „בלאנדזנדע שטערן").

פערעץ האט וועגן דעם דערציילט מיט סארקאזם, נאר מיר דאכט זיך, אז ער האט דא געמיינט ניט דאס בלויז, וואס שאלעם-אלייכעמס טאכטער באקענט זיך מיט איר פא-טערס ווערק דורך א רוסישער איבערזעצונג, נאר זיין אייגענע דראמע, — ווארעם פערע-צעס זון האט זיינע ווערק ניט געלייענט אפילע אין קיין איבערזעצונג אויך ניט...

בין איך געשטאנען אף דער וואך בא שאלעם-אלייכעמס קערפער אין זיין הויז, נאכ-דעם נאכגעגאנגען נאך זיין ארן אף דער לע-ווייע, און אלץ געטראכט און געפרווט זיך דערמאנען: וואס זשע פארט א טייינעס האב איך געהאט צו שאלעם-אלייכעמען? און איך האב זיך אין יענעם מאמענט ניט געקאנט דערמאנען. ווארעם אלע טייינעס זיינען געווען אזוי אומבאדייטנדיק אין פארגלייך מיט דעם קאלאסאלן פארלוסט, וואס מיר האבן געליטן דורך שאלעם-אלייכעמס פלוצלינגדיקן אוועק-גיין. צענדליקער טויזנטער מענטשן, פון אלע קלאסן, און צווישן זיי זייער פיל, אויב ניט די מערסטע, ארבעטער — האבן געהאלטן אין איין ציען, ווי אן אומענדלעכע קייט, פארביי שאלעם-אלייכעמס קערפער. ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט און עפשער מער האבן בא-גלייט זיין לעוויע. ס׳איז געווען אן עמעסער גרויסער פאלקס-טרויער, וואס האט אף א ווילע געמאכט צו פארגעסן אפילע אין די שווערע בלוטיקע יעדיעס, וואס האבן גע-האלטן אין אנקומען פון יענער זייט יאם פון די יידישע געגנטן, אין וועלכע די באגנעטן פון קריג האבן זיך איינגעשניטן. און ס׳דער-מאנט זיך, ווי די דעמלטיקע ניו-יארקער „גלאוב" האט געשריבן מיט א פראכטפולער אמעראצעס:

„ס׳איז געשטארבן מיסטער אליבעם. ער איז געווען א בארימטער יידישער דראמא-טורג, ווי אויך א פאליטישער און גייסטיקער פירער פון זיין פאלק. צוליב זיין רעוואליוציא-נערן קאמף קעגן צאריזם איז ער געצוווּנגען געווען צו אנטלויפן קיין אמעריקע. און אין די לאנגע יארן, וואס ער האט פארבראכט צווישן די סלאמס פון דער איסט-סייד, איז ער זייער געאכטעט געווען פון זיינע גלויבנס-גע-נאסן, וועלכע פלעגן שטענדיק קומען באראטן זיך מיט אים וועגן זייערע פאליטישע פלע-נער בענעגייע דער אלטער היים".

שימען פרוג

לידער

די ליד פון דער ארבעט

א לויב און געזאנג דער מי און דער ארבעט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצן מיט ליבשאפט און הייס.
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס!

געבענטשט זאָלן זײַן דער ווערקשטאט, דאָס שפינדל,
דער האמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאר איינעם א בליִענדער גאָרטן,
פאר טויזנט — א שווערער, א זומפּיקער וועג.

דער סערפּ איז פון שטאָל, דער האמער פון אײַזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זײַנען זיי ניט,
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראפט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אומגלעך איין-איינציקער טריט.

טאָ ליבט זשע און זינגט דער מי און דער ארבעט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצן מיט ליבשאפט און הייס.
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס!

פרילינג-ליד

עס ווארעמט זיך, עס פעסטשעט זיך
דאָס גרינע אקער-פעלד.
עס שפּראָצט ארויס דאָס קערנדל,
דערזעט די ליבע וועלט.

דערפילט די זון די ליכטיקע,
דעם פרישן, פרייַען ווינט,
עס ציט זיך צו דער הימל-שייַן
און קוויקט זיך, ווי א קינד.

גענוג געלעגן טיף אין דר׳ערד,
פון ליכט און לעבן ווייַט,
די גרויע טעג, די שווארצע נעכט,
די לאנגע ווינטער-צייַט!

שפּראָצט אויף, איר זאנגען גאָלדענע,
און פילט זיך אָן מיט זאפט!
פארגיס, פארפלייץ דאָס פרייַע פעלד,
אָ, יונגע, פרישע קראפט!

דער פרילינג גייט. ער בליצט, ער רוישט...
פארשווונדן ווערן ווייַט
די גרויע טעג, די שווארצע נעכט,
די לאנגע ווינטער-צייַט.

א זומער-נאכט

די נאכט איז שטיל, די נאכט איז פינצטער,
מיט שווארצע שאָטנס איז באדעקט
דער שטילער טייַך. די גערטנער שלאָפן,
עס ווייט מיט פרישן גראָז, עס שמעקט
פון וואלד מיט שוואָמען און מיט בלומען.
די לופט איז ריין, און פריש, און קיל.

אלץ שלאָפט, אלץ רוט אין שטילן פרידן, —
נאָר פון דער אלטער וואסערמיל
איך הער צוויי ליבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבן ווינען דאָרט,
זיי וואָרקעז, האלדזן זיך... ווי רויק
איז זיי אף זייער שטילן אָרט!...

אין א ווינטער-נאכט

די באָבעניו זיצט מיטן זאָק אין דער האנט.
דאָס לעמפּעלע צאנקט. פון די שפּיזלען
צעוויגן זיך, לויפן ארום אף דער וואנט
אי כייַעס, אי פייגל, אי ריזן...

די באָבעניו שווייַגט... אלע מייַסעס שוין לאנג
אונדז איבערדערציילט פארן זומער...
אין הארצן בא איר ליגט א גיפטיקע שלאנג,
א טיפער, א גליִענדער קומער...

אין דרויסן איז פינצטער, אין דרויסן איז קאלט,
דער שניי האָט די סטעזשקעס פארשאָטן...
אַן אומעטיק בילד, א פארטרויערט געשטאלט
שוועבט לאנגזאם און שטיל, ווי א שאָטן.

די אלטיטשקע זיצט בא דעם לעמפּעלע, שווער
און טיף איז איר רוקן געבויגן,
זי זיפצט און זי שעפּטשעט. א טרער נאָך א טרער
באלייַכטן די טונקעלע אויגן...

„ביראָבידזשאנער שטערן" — נעכטן, הײַנט, מאָרגן

מיטן רעדאקטאָר פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן" ל ע אָ נ י ד ש ק אָ ל נ י ק שמועסט דער שטעלפארטרעטער פונעם הויפּט-רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" כ א ִי ם ב ײ ד ע ר

„ס. ה.": עס זײַנען פאראן דאטעס, וועלכע באצייכענען געוויסע היסטאָרישע גרענעץ-פונקטן אין אונדזער לעבן. ווײַזט אויס, אז אין דער געשיכטע פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן" וועט אזא דאטע פארבלײַבן דער 18 אווגוסט 1985, ווען ס'איז דערשינען דער צענטויזנטיקער נומער פון אײַער צײַטונג. א קלייניקײַט — צען טויזנט נומערן! אזא „לאנגן מארשרוט" האָט בא אונדז נאָך קיין איין ייִדישע צײַטונג ניט געהאט. לאָמיר נעמען, לעמאָשל, דעם מאָסקווער „עמעס" (1920—1938) — 5106 נומערן, קיִעווער-כארקאָווער „דער שטערן" (1925—1941) — 4522 נומערן, מינסקער „אָקטיאבער" (אויך אין מעשעך פון די זעלבע יאָרן — 3608 נומערן...

„ב. ש.": עפשער איז דאָס אפילע ניט קיין פארגלײַך, ביפראט אז א פאָרמעלער פארגלײַך אין אזא איניען קאָן ברענגען צו ניט קיין געלונגענע פאראלעלן. „ביראָבידזשאנער שטערן" האָט אין מעשעך פון זײַן עקזיסטענץ (דער ערשטער נומער, ווי באוווּסט, איז דערשינען דעם 30 אָקטיאבער 1930) געהאט א צײַטווײַליקן איבעררײַס בײַם דער מילכאָמע, און די צווייי רעפּובליקאנישע טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען האָבן באוויזן ארויסלאָזן די לעצטע נומערן אין יון 1941, ווען אָף מינסק און קיִעוו זײַנען שוין געפאלן פאשיסטישע באָמבעס... אַבער אזוי צי אנדערש, קאָן די דאָזיקע ציפער — 10.000 — איבעראשן, ווײַל ס'איז דאָך ניט בלויז א פינפציפערדיקע צאָל. אָף רוסיש איז פאראן א באפליגלטער אויסדרוק: „ווּרעמיא ווּ גאזעטנאָי סטראָקיע" — „די צײַט אין דער צײַטונגס-שורע", און אויב א בלעטער טאָן דעם „ביראָבידזשאנער שטערן" פונעם ערשטן ביזן צענטויזנטיקן נומער, וואָלט מען געקאָנט באקומען די פולסטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וויִאזוי ס'איז אנטשטאנען, זיך אנטוויקלט, געוואקסן און זיך צעבליט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, אָנהייבנדיק פון איר געבורט און ביז הײַנטיקן טאָג. נאָך מער, ווען מע וואָלט פאר זיך געשטעלט א ציל צו מאכן אן אויסקלײַב פון די מאטעריאלן, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין דער צײַטונג די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע, סאָציאלע, קולטורעלע פּראָבלעמען אינעם לעבן פון דער געגנט, וואָלט זיך באקומען א פילבענדיקער פאָליִאנט פון אויסערגעוויינלעכן אינטערעס.

„ס. ה.": ס'וואָלט עפשער טאקע געהאט א זין דאָס צו טאָן. א מערקווירדיקע אידיי! כאָטש זי איז ניט קיין נײַע. מיר ווייסן דאָך ניט ווייניק אזעלכע אויסגאבעס. אָט, לעמאָשל, האָבן די לענינגראדער זשורנאליסטן, פּובליציסטן און געלערנטע מיט עטלעכע יאָר

צוריק ארויסגעגעבן אפן סמאך פון די דאָרטיקע צײַטונגען א גרויסן באנד „צען פינפיאָרן פון לענינגראד", און דער בוך לייענט זיך מיט גוואלדיקן אינטערעס...

„ב. ש.": יאָ, איך האָב דעם דאָזיקן בוך אויך געזען. פארשטייט זיך, אז לענינגראד פארמאָגט (ניט צום פארגלײַכן) מער שעפערישע קויכעס, איידער מיר אין דער געגנט, קעדיי פארווירקלעכן דאָס ארויסגעבן אן ארבעט פון אזא מין. אָבער די נוצלעכקײַט פון אָט דער אויסגאבע וואָלט אין יעדן פאל געווען אומשטרײַטבאר, ווײַל האגאם וועגן ביראָבידזשאן איז פאראן א היפשע ליטעראטור, גיט זי אָבער ניט איבער אין דער פולער מאָס דאָקומענטאל דעם גיגאנטישן אופטו פון זײַנע בויער און ענטוזיאסטן, דעם פארנעם און די באדײַטונג פון אָט דעם פערל פונעם סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך. קעדיי זען דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אָפּגעטאָן אין מעשעך פון ערשטע יאָרצענדליקער פון דער עקזיסטענץ פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, איז גענוג אוועקלייגן אפן טיש די ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען בלויז פאראיאָרן, אין צוזאמענהאנג מיטן 50-יאָריקן יובילײ פון דער געגנט, אָבער ס'איז אויך צו זען, אז אין גרונט טראָגן זיי א כאראקטער פון איבערזיכטן, און ניט מער. צונויפשטעלן א היסטאָרישע כראָניק וועגן ביראָבידזשאן לויט די צען טויזנט נומערן פון „ביראָבידזשאנער שטערן", א „כראָניק", וועלכע זאָל מיט דער שפראך פון פאקטן דערציילן, וויאזוי פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, פון כוידעש צו כוידעש, פון יאָר צו יאָר איז געגאנגען א ריזיקע ארבעט אף צו פארוואנדלען די ווילדע טײַגע אין א בליענדיקן קאנט, — סארא פּרעכטיקער אופטו וואָלט דאָס געווען!

„ס. ה.": לאָמיר האָפן, אז אזא כראָניק וועט געשאפן ווערן, און איניציאטאָרן פון אָט דער אויסגאבע, אָדער אפילע פון א גאנצער סעריע אזעלכע אויסגאבעס וועלן זײַן די ביראָבידזשאנצעס גופע... מיר האָבן אָבער זיך אָפּגעווענדט פון דעם איקער. איר האָט דערמאָנט, אז דער ערשטער נומער פון „ביראָבידזשאנער שטערן" איז דערשינען דעם 30-טן אָקטיאבער 1930. איך וויס, אז ווען די צײַטונג האָט זיך נאָך געגרייט אָפּצומערקן איר 50-יאָריקן יובילײ — דאָס איז געווען אין 1980, — האָט איר געזוכט אָט דעם ערשטלינג. צי האָט איר אים געפונען?

„ב. ש.": יאָ, דאָס איז געשען ערשט ניט לאנג צוריק. אָט ליגט ער פאר מיר...

„ס. ה.": אינטערעסאנט. ס'איז דאָך פאר אונדז אן אוצער!

„ב. ש.": אוואדע אן אוצער... לאָמיר א קוק טאָן, וועגן וואָס עס האָט דערציילט אָט דער נומער, — וועלכע פּראָבלעמען עס האָבן דעמאָלט געלייזט די ביראָבידזשאנער האָרעפּאשניקעס. פונקט מיט א כוידעש פארן באווײַזן זיך פון דער נײַער צײַטונג איז אין טיכאָנקע פאָרגעקומען דער ערשטער פּלענום פונעם ביראָבידזשאנער ראיפּארטקאָם, און אלס סעקרעטאר פונעם ראיקאָם איז אויסגעוויילט געוואָרן יאנקל לעווין. טאקע מיט זײַן ארטיקל עפנט זיך דער נומער. „דאָס פארייניקן די גרויסע ביראָבידזשאנער טעריטאָריע אין איין אדמיניסטראטיוון ראיאָן, — שרײַבט ער, — עפנט גרויסע מעגלעכקײַטן צו אוועקשטעלן אף א געהעריקער הייך די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונעם ראיאָן, און א סאך איז דאָ געווענדט אין דעם, וויאזוי עס וועט דורכגעפירט ווערן די מעליאָראציע פון די ערד-מאסיוון".

„ס. ה.": מעליאָראציע... זעט נאָר, ווי פון די ערשטע שורעס שטעלט דער סעקרעטאר פונעם ראיפּארטקאָם די דאָזיקע פּראָבלעם. און עס בעט זיך דאָ א געוויסע פאראלגעמיינערונג. דער „ביראָבידזשאנער שטערן" איז געבוירן געוואָרן ווי א צײַטונג, וועלכע האָט געדארפט ווערן א ווירקנדיקער פאקטאָר אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונעם ראיאָן. אויב א קוק טאָן ווײַטער, איז די פראגע וועגן מעליאָראציע ניט אראָפּגעגאנגען פון דער טאָג-אָרדענונג. די ערשטע איבערוואנדערער, וועלכע זײַנען אהער געקומען, קעדיי צו באהערשן די ערד-מאסיוון און זיי פארוואנדלען אין קולטיווירטע פעלדער, האָבן טאקע פון דעם אָנגעהויבן: מע האָט געהאקט די וועלדער, געקאָרשטעוועט די וואָרצלען, מעליאָרירט די טײַגע-זומפּן. טוט א קוק: שוין אין דעם ערשטן נומער פון דער צײַטונג ווערט דערציילט וועגן אן אויסשטעלונג, וועלכע ס'האָט אָרגאניזירט דער וואלדהיימער קאָלווירט אין צוזאמענהאנג מיטן ערשטן יאָרטאָג פון זײַן עקזיסטענץ, און — באנאנד מיט די פּראָדוקטן פון קאָלווירטישער מי — פּאָמידאָרן, אוגערקעס, קארטאָפל — האָט מען געקאָנט זען א וואָרצל פון א יונגן דעמב. מיט אזעלכע דעמבן איז געווען באדעקט נאָך מיט א יאָר צוריק דאָס פעלד, אף וועלכן די וואלדהיימער איבערוואנדערער האָבן שוין געכאָוועט גרינוואַרג...

„ב. ש.": יאָ, מעליאָראציע איז געווען אין ביראָבידזשאן א פּראָבלעם פון פּראָבלעמען. פון סאמע אָנהייב האָט מען איר אָפּגעטיילט די גרעסטע אופמערקזאמקײַט. מע קאָן אפילע ברענגען אייניקע אָנגאבן פון יענע יאָרן. פארשטייט זיך, אז מע האָט געדארפט האָבן צוליב דער דאָזיקער זאך די נייטיקע ספּע-

ציאַליסטן, און איינער פֿון די ערשטע לערן־אַנשטאַלטן, וועלכע זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן דירעקט אַף דער טעריטאָריע פֿונעם ראַיאָן, איז געווען דער מעליאָראַטיווער טעכניקום אין דעם יישוב אין. אין משך פֿון זײַן עקזיסטענץ, האָט דער טעכניקום געגעבן דער לאַנדווירטשאַפֿט פֿון ביראָבידזשאַן הונדערטער ספּעציאַליסטן.

„ס. ה.": מיר דערמאָנען דאָ די ערשטע יאָרן פֿון באַהערשן די ערד־מאַסיוון. פֿאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט איז, ווי מיר ווייסן, אָפּגעטאָן געוואָרן זייער אַ סך. צי איז דאָס אָבער שוין אַ געלייזטע פּואָבלעם?

„ב. ש.": אוודאי ניט. אָט נעמט, לעמאָשל, אונדזער צײַטונג פֿאַרן 2־טן יון פֿונעם 1985 יאָר און לייענט דורך דאָס אַרטיקל פֿונעם שעף פֿון דער געגנטלעכער פּראָדוציר־פֿאַרוואַלטונג פֿון מעליאָראַציע און וואַסער־ווירטשאַפֿט נאַכעם ליוואַנט. ער ברענגט אַזאַ ציפֿער: אין משך פֿון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר האָבן די מעליאָראַטאָרן פֿון דער געגנט איבערגעגעבן די סאָווירטן און קאָלווירטן 86 טויזנט אויסגעטריקנטע און באַוואַסערטע סיסטעמען מיט אַן אַלגעמיינעם שעטעך 80 טויזנט העקטאַר, און נאָך אַף אַ שעטעך פֿון 40 טויזנט העקטאַר זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן קולטור־טעכנישע אַרבעטן. בײַ אונדז אין דער געגנט באַטרעפֿט איצט דאָס מעליאָרירטע אַקערפֿעלד קימאַט אַ דריטל פֿון אַלע פֿאַרזיי־שטחים. אַף די אויסגעטריקנטע און באַוואַסערטע ערדן ווערט פּראָדוצירט בײַ 30 פּראָצענט פֿון דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פֿון דער פֿעלדצוכט אין דער געגנט, דערונטער קימאַט 50 פּראָצענט טוווע און סאָיע, צוויי דריטל — גרינס. צוליב באַזאָרגן די סאָווירטן און קאָלווירטן פֿון דער געגנט מיט אָרגאַנישע באַגיטיקונגען, האָבן די מעליאָראַטאָרס אויסגעטריקנט געבורט־ערטער פֿון טאָרף, וועלכע וועלן געבן בײַ פֿיר מיליאָן טאָן טאָרף פֿאַר די ווירטשאַפֿטן.

„ס. ה.": און וויאַזוי רופֿט זיך עס אָפּ אַף דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿיצוכט?

„ב. ש.": דאָס איז טאַקע דער עיקר אין אָט דעם איניען. מע קאָן, פֿאַרשטייט זיך, אָנרופֿן די געהעריקע ציפֿערן, אָבער לאָמיר דאָס איבערלאָזן פֿאַר די עקאָנאָמיסטן. מירן בלויז אָפּמערקן דאָס, וואָס דער „מילך־טײַך" פֿון ביראָבידזשאַן פֿליסט אַלץ אינטענסיווער אין אַלע עקן פֿונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט, איז אַ גרויסער פֿאַרדינסט פֿון די מעליאָראַטאָרן, וועלכע האָבן אָפּגעטאָן די נייטיקע אַרבעט אַף אויסצוטריקענען די היי־לאָנקעס. ערגעץ האָב איך געזען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון די 30־ער יאָרן: עטלעכע מענטשן מיט קירקעס און לאָפּעטעס גראָבן אַן אָפּפֿיר־קאַנאַל אפֿן ראַנד פֿון אַ פֿעלד... ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין פֿאַרגלײַך מיט דער הײַנטיקער טעכניק, וועלכע עס האָבן אין זייער רעשוס די מעליאָראַטאָרן. פֿאַר אָט דער צײַט האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע מאַשינען, וואָס וועגן זיי האָט מען אַמאָל געקאָנט בלויז טרוימען... און ניט נאָר מאַשינען. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" געשריבן וועגן דעם, אַז די מעליאָראַציע האָט זיך בײַ אונדז אין דער געגנט פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער זעלבשטענדיקער צווײַג פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט. דער „ביראָבידזשאַנוואָדסטראָי" — דאָס איז אַ טרעסט מיט 8 אונטערטיילונגען און רעמאָנט־עקספּלואַטאַציע־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿאַרמאָגן מעכטיקע פּראָדוציר־באַזעס, וווינהײַזער, קינדער־אַנשטאַלטן, שוין אָפּגערעדט פֿון טעכניק. מיר האָבן שוין דערמאָנט, וואָס עס האָבן אויפֿגעטאָן ביז איצט די מעליאָראַטאָרן פֿון דער געגנט, און אין קומענדיקן, צוועלפֿטן פֿינפֿיאָר, שטייט זיי פֿאַר אָפּצוגעבן אין דער עקספּלואַטאַציע 23 טויזנט העקטאַר אויסגעטריקנטע און אַנדערהאַלבן טויזנט העקטאַר באַוואַסערטע ערד־מאַסיוון, דורכפֿירן קולטור־טעכנישע אַרבעטן אַף אַ שעטעך פֿון 12 טויזנט העקטאַר. און אונדזער צײַטונג וועט, געוויינלעך, ניט שטיין אין אַ זײַט פֿון אָט דער וויכטיקער אויפֿגאַבע.

„ס. ה.": שרײַבן וועגן דעם, פֿאַרשטייט זיך, דאַרף מען, ווי אויך וועגן אַנדערע פּראָבלעמען פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. וויאַזוי זשע אָרגאַניזירט איר די דאָזיקע אַרבעט בײַ זיך אין דער רעדאַקציע? צי האָט איר צווישן די מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע אַגראָנאָמען, עקאָנאָמיסטן, וועלכע קאָנען טיף אַרײַנדרינגען אין אַזעלכע פּראָבלעמען?

„ב. ש.": ס'וואָלט געווען אידעאַל צו האָבן אַלס רעדאַקציע־מיטאַרבעטער ספּעציאַליסטן אין אַלע געביטן פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, אַזעלכע, וואָס ווייסן ניט בלויז די עצם זאַך, וועגן וועלכער זיי שרײַבן, נאָר זײַנען, ווי מע זאָגט, אויך שאַרף אַף דער פֿען. מיר באַגרענעצן זיך אָבער ניט בלויז מיט די אייגענע קויכעס. ווען מע טוט אַ בלעטער אונדזער צײַטונג, קאָן מען גלײַך באַמערקן, אַז דעם אויבנאָן פֿאַרנעמען אין איר אויסערשטאַט־קאָרעספּאָנדענטן. דאָס זײַנען טאַקע יענע ספּעציאַליסטן, וועגן וועלכע איר האָט געפֿרעגט: אַגראָנאָמען, אינזשענירן, קאָנסטרוקטאָרן, פּעדאַגאָגן, מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס, און אַף זיי שפּאַרט זיך אָן די צײַטונג, ווען זי הייבט אויף די אָדער אַנדערע פּראָבלעם — סײַ אין דער אינדוסטריע, סײַ אין

דער לאַנדווירטשאַפט, ווי אויך אין אַנדערע צווײַגן פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפט.

„ס. ה.": לאָמיר פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט נאָך מער אַרײַנקוקן אין ערשטן נומער פֿונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן". ווער זײַנען געווען זײַנע ערשטע קאָרעספּאָנדענטן און וועגן וואָס האָבן זיי געשריבן?

„ב. ש.": דער נומער איז, ווי מיר זעען, פֿול מיט לעבן, מיט ענטוזיאַזם, מיט שוווּנג, און טאַקע די אויטאָרן פֿון דער צײַטונג גיבן איר צו אָט דעם אימפּעטיקן אָטעם. א „קעלער" אויף דער צווייטער זײַט: „בויער פֿון ביראָבידזשאַן", געצייכנט „א. קאַנטאָראָוויטש". דאָס איז געווען איינער פֿון די עקאָנאָמיסטן, וועמען די צײַטונג האָט אויסגעטיילט א היפּש אָרט אין איר ערשטן נומער. וועגן וואָס שרײַבט ער? ער באַרירט א קאַרדינאַלע פּראָבלעם פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ביראָבידזשאַן. די פּראָבלעם איז — בויער, און אין דער קאָרעספּאָנדענץ גייט א רייד וועגן דעם, וויאַזוי צו באַזאָרגן דעם ראַיאָן מיט קוואַליפֿיצירטע קאַדרען.

„ס. ה.": „נאָר קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן קאָן מען בויען אין דער טײַגע — אַזוי זאָגט אונדז די היאָריקע דערפֿאַרונג". דאָס איז א קעפּל פֿון נאָך איין אַרטיקל. אונטערגעשריבן: „אַגראָנאָם פֿײַקין". יאַקאָוו פֿײַקין איז געווען אַן ענטוזיאַסט פֿונעם „געזערד" און א באַקאַנטער פּובליציסט, אין די יאָרן 1945—1948 — א מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „איינִיקייט"...

„ב. ש.": אָט זײַנען נאָך איינִיקע קעפּלעך פֿון מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען געדרוקט אין ערשטן נומער פֿונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן": „צום אָקטיאַבער-יאָמטעוו וועלן מיר אויסבויען א פֿאַבריק", קריטישע נאָטיצן: „גענוג שוין צו קאָרמעווען מיט „אָביעקטיווע סיבעס", „ווער איז שולדיק אינעם דורכרײַס?", אַפֿילע א קליינער פֿעליעטאָן. און א שלאַל אינפֿאָרמאַציעס: אַנטדעקט גרויסע רעזערוון פֿון ערשטסאָרטיקן גראַפֿיט; עס ווערן דערוואַרט 340 נײַע איבערוואַנדערער; וויאַזוי עס גייט די געלט-זאַמלונג אויף אויסבויען דעם דיריזשאַבל „טיכאָאָקעאַנסקי פּראָלעטאַרי", און נאָך און נאָך...

„ס. ה.": ביראָבידזשאַן איז, ווי באַוווּסט, איינער פֿון די צענטערס פֿון דער ייִדישער קולטור בא אונדז אין לאַנד. פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס לייגט אַרויף א היפּשע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט אויפֿן „ביראָבידזשאַנער שטערן", וועלכער איז באַרופֿן אָפּצושפּיגלען די דערגרייכונגען אין דער ליטעראַטור און קונסט. צי קאָן מען, לייענענדיק אײַער צײַטונג, באַקומען א פֿאַרשטעלונג וועגן דעם קולטור-לעבן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט?

„ב. ש.": אין ערשטן נומער פֿון דער צײַטונג איז געווען אָפּגעדרוקט כאַיִם לעווינס „האָסטו געזען?". כ. לעווין איז צו יענער צײַט שוין געווען א באַוווּסטער דיכטער און צוזאַמען מיט איינעם פֿון די ערשטע עשעלאָנען איבערוואַנדערער האָט ער באַזוכט ביראָבידזשאַן. שפּעטער זײַנען געקומען א סך אַנדערע שריפֿטשטעלער און זשורנאַליסטן. אינטערעסאַנט, אַז שוין אין זעקסטן נומער (21 דעקאַבער 1930) גיט די צײַטונג א „ליטעראַריש ווינקל"....

„ס. ה.": אין 1931 האָבן זיך די ייִדישע צײַטונגען פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אויך אין אויסלענדישע אויסגאַבעס, וועלכע האָבן אויפֿמערקזאַם געשפּירט נאָך דער אַנטוויקלונג פֿון ביראָבידזשאַן, באַוויזן מיטיילונגען, אַז דאָרט האָט אָנגעהויבן אַרבעטן א שרײַבער-גרופּע, וועלכע אָרגאַניזירט ליטעראַרישע אָוונטן, פֿאָרט אַרויס אין די ייִשוּווים פֿונעם ראַיאָן, באַטייליקט זיך אַקטיוו אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אינגיכן האָבן אָנגעהויבן באַזוכן ביראָבידזשאַן שרײַבער פֿון מאָסקווע, קיִעוו, מינסק, און איינִיקע פֿון זיי זײַנען פֿאַרבליבן דאָרט אויף א לענגערער צײַט. נאָך אין 1928, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג, איז מיט אַן עשעלאָן געקומען מייער אַלבערטאָן, שפּעטער האָט א לענגערע צײַט פֿאַרבראַכט אין ביראָבידזשאַן דאָוויד בערגעלסאָן. ס'האָבן באַזוכט און באַזונגען דעם ראַיאָן בא דער בירע פּערעץ מאַרקיש, דאָוויד האָפֿשטיין, איזי כאַריק, אַרן קושניראָוו, איציק פֿעפֿער, מוישע כאַשטשעוואַצקי, ליפּע רעזניק.

„ב. ש.": וויכטיק איז צו באַטאָנען, אַז די צײַטונג האָט געגעבן דאָס וואָרט די היגע ליטעראַטן, וועלכע האָבן גענומען א דירעקטן אָנטייל אין דער בויונג פֿון ביראָבידזשאַן. כאַיִם לעווין, וועמען מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז געווען אַן אַרבעטער אין א קוילן-שאַכטע, היעסיק שוועדיק האָט געקאָרטשעוועט די טײַגע, איציק בראָנפֿמאַן האָט געאַקערט די רויערד, אַלעקסאַנדער גובניצקי איז געווען א טראַקטאָריסט. י. פּערסקי, נ. צירקעל, נ. פֿרידמאַן, כ. יאַנישעווסקי, וועלכע האָבן געדרוקט זייערע ווערק אין די ערשטע נומערן פֿון דער צײַטונג, זײַנען געווען זשורנאַליסטן. שפּעטער האָבן אין פֿאַרשיידענע יאָרן געלעבט און געאַרבעט אין ביראָבידזשאַן יעכיִעל פֿאַליקמאַן, הענעך קאַזאַקעוויטש, עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש, בוזי אָליעווסקי, טעוויע גען, שמועל גאָרדאָן, ליובע וואַסערמאַן, סאַלוואַדאָר באָרזשעס, הירש דאָבין, יויסעף ראַבין, פּייסי יאַנאָווסקי, מוישע גאָלדשטיין, העשל ראַבינקאָוו, הענעך קויפֿמאַן, אַרל האָפֿשטיין. דאָרט האָט די ערשטע ליד זײַנע אָפּגעדרוקט אַרן וווערגעליס. זייער

6*

שפעריִשן וועג האָבן דאָרט אָנגעהויבן מאקס ריִאנט, כאיִם גורעוויטש. ווי איר זעט, איז דאָס א גאנץ היפשע פאלאנגע, וועלכע האָט ארײַנגעטראָגן א גרויסן צושטײַער אין דער ביראָבידזשאנער ליטעראטור.

„ס. ה.": יאָ, דאָס זײַנען געווען די ערשטע, די אָנהייבער. לאָמיר אָבער נעמען די לעצטע יאָרן. צי קאָן מען זאָגן, אז די ביראָבידזשאנער ליטעראטור פארמאָגט אויך בא הײַנטיקן טאָג דירעקטע פאָרזעצער פון די גרויסע טראדיציעס. איך האָב דאָ ניט אין זינען יענע יִדישע שרײַבער אין מאָסקווע אָדער אין אנדערע געגנטן, בא וועלכע די ביראָבידזשאנער טעמאטיק פארנעמט אויך איצט א געוויס אָרט אין זייער שאפונג. איך מיין אײַך פרעגן, צי מע קאָן הײַנט ריידן וועגן א ליטעראטור, וועלכע ווערט געשאפן אין ביראָבידזשאן?

„ב. ש.": איר געדענקט דאָוויד האָפשטיינס אויסדרוק: „און גוט איז צו וויסן — עס האָט זיך דער ליכטיקער פאָדעם ניט איבערגעריסן"? אָט דער ליכטיקער פאָדעם האָט זיך בא אונדז קיינמאָל ניט איבערגעריסן. אין 1986 וועט איינער פון די וועטעראנען פון דער יִדישער ליטעראטור בוזי מילער אָפמערקן א האלבן יאָרהונדערט, זינט ער לעבט און שאפט אין ביראָבידזשאן. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אָנגענומען געוואָרן אין שרײַבער-פארבאנד ראָמאן שויכעט, וועלכער האָט שוין ארויסגעגעבן אין כאבאראָווסקער ביכער-פארלאג א ריי ווערק. ער איז אויך א פראָזאיִקער. אין „ביראָבידזשאנער שטערן" דרוקן זיך די יונגע ליטעראטן זיסי ווייצמאן, נינע וואָראָנינא, סארע וועכטער, יויסעף טאבאקמאכער און אנדערע. אין דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאריייניקונג גייען ארײַן אויך שרײַבער, וועלכע שרײַבן אין רוסיש און אין דער איבערזעצונג אף יִדיש. לויט די „ליטעראַרישע זײַטלעך" אין אונדזער צײַטונג קאָן מען באקומען א גענויע פאָרשטעלונג וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן בא אונדז אין געגנט.

„ס. ה.": דערציילט גענויער וועגן די „ליטעראַרישע זײַטלעך" אין „ביראָבידזשאנער שטערן".

„ב. ש.": ליטעראטור, ווי באוווּסט, קאָן זיך ניט באגרענעצן מיט די ראמען פון א געוויסער טעריטאָריע. ביראָבידזשאנער שרײַבער האָבן פון שטענדיק אָן זיך געדרוקט אין די מאָסקווער, קיִעווער, מינסקער אויסגאבעס, און ס'איז שווער צו געפינען אזא יִדישן סאָוועטישן שרײַבער, וועלכער זאָל זיך ניט האָבן געדרוקט אין „ביראָבידזשאנער שטערן". ווען עס פלעגן ארויסגיין די זשורנאלן „פאָרפאָסט" און „ביראָבידזשאן", האָבן זיי פארעפנטלעכט ווערק פון די באדײַטנדיקסטע יִדישע שרײַבער פונעם סאָוועטנפארבאנד און אפילע אין אויסלאנד. די „ליטעראַרישע זײַטלעך" אין אונדזער צײַטונג דערשײַנען רעגולער אלע וואָך, און פונקט ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, זײַנען אין זיי פאָרגעשטעלט פיל צענדליקער פראָזאיִקער, פאָעטן, פובליציסטן, ליטעראטור-קריטיקער. בלויז די רעצענזיעס אף די דערשינענע 275 נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכע די צײַטונג האָט ביז איצט אָפגעדרוקט, וואָלטן פארנומען א דיקן באנד.

„ס. ה.": ליטעראטור איז בלויז א צווײַג פון קולטור. ווי האלט עס בא אײַך אין דער צײַטונג מיטן באהאנדלען אנדערע קולטור-פראגן, לעמאָשל, — טעאטער?

„ב. ש.": דער „ביראָבידזשאנער שטערן" האָט שטענדיק ברייט אָפגעשפיגלט די אנטוויקלונגען אין דער יִדישער טעאטראלער קונסט. לויט אונדזער צײַטונג קאָן מען אָנשרײַבן א גענויע געשיכטע פונעם ביראָבידזשאנער יִדישן מעלוכע-טעאטער, וועלכער איז געשאפן געוואָרן אין 1934 און האָט אין משך פון עטלעכע יאָרצענדליקער געהאט א שעם ווי איינער פון די בעסטע טעאטראלע קאָלעקטיוון בא אונדז אין לאנד. אָבער אויך איצטער איז דאָס טעאטראלע לעבן אין ביראָבידזשאן א וויכטיקער פאקטאָר אין דער אלגעמיינער קולטור-אנטוויקלונג אין דער געגנט. עטלעכע קאָלעקטיוון זײַנען בא אונדז טעטיק, און צום אלעם ערשטן דארף מען דערמאָנען דעם יִדישן מוזיקאלן קאמער-טעאטער, מיט וועלכן עס איז שוין באקאנט קימאט דער גאנצער סאָוועטנפארבאנד. אלע ספעקטאקלען פון אָט דעם טעאטער געפינען אָן אָפרוף אין אונדזער צײַטונג. מיר שרײַבן אויך וועגן דעם ביראָבידזשאנער יִדישן מוזיקאליש-דראמאטישן פאָלקס-טעאטער, וועגן דעם פידלער-אנסאמבל, וועגן דעם רוסישן פאָלקס-טעאטער, וועגן דעם אמורזעטער טעאטראלן קאָלעקטיוו. אזויארום, קאָן דער לייענער באקומען א גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער טעאטראלער קונסט אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

„ס. ה.": און וועגן אנדערע טעאטראלע קאָלעקטיוון, וועלכע קומען צוגאסט קיין ביראָבידזשאן, רופט איר אויך זיך אָפ?

„ב. ש.": פארשטייט זיך, אנדערש קאָן דאָך ניט זײַן! ביראָבידזשאן קאָן זיך ניט זשאלעווען, אז טעאטערס פונעם לאנד מײַדן אים אויס. מע דארף דאָך נעמען אין אכט, אז אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט לעבן און ארבעטן ניט בלויז יִדן. און פונקט ווי די רוסן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, די פאָרשטייער פון אנדערע פעלקער און נאציאָנאליטעטן, קוקן מיט

פארגעניגן די ספעקטאקלען פון די ייִדישע טעאטראלע קאָלעקטיוון, אזוי אויך באזוכט די ייִדישע באפעלקערונג פאָרשטעלונגען פון די כאבאראָווסקער, קאָמסאָמאָלסקער, וולאדיוואָסטאָקער, מאָסקווער, לענינגראדער און אנדערע טעאטערס. מיר זײַנען אײנהײַטלעכע פעלקער-מישפּאָכע. דאָס זעלבע האָט א שײַכעס צו דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט אונדזערער. קיין איין קאָנצערט פון די רוסישע זעלבסטעטיקע ארטיסטן, מוזיקאנטן, זינגער, טענצער — ניט בלויז אין די שטעט, נאָר אפילע אין די ווײַטסטע בײַ-אמורער דערפער — באגײט זיך ניט אָן א ייִדישער ליד, אָן א ייִדישן טאנץ, און דאָס איז אזוי נאטירלעך, ווי נאטירלעך עס איז דער פילנאציאָנאלער באשטאנד פון די ארבעטס-קאָלעקטיוון אף יעדן זאוואָד, אין יעדער פאבריק, אין יעדן אנשטאלט.

„ס. ה.": און דאָס געפינט, פארשטײט זיך, אָן אָפּשפיגלונג אין אײַער צײַטונג?

„ב. ש.": ווי דען אנדערש? און דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אלץ, מיט וואָס עס פארנעמט זיך די צײַטונג. ווען מיר שרײַבן וועגן די דערגרייכונגען אָדער וועגן די מאנגלען אין דעם אָדער אנדערן קאָלעקטיוו, מאכן מיר ניט קיין שום אונטערשייד, צו וואָס פאר א נאציאָנאליטעט עס געהערן די מענטשן, וועמען מיר לויבן אָדער מיר קריטיקירן. ס'וואָלט אויסגעזען אומנאטירלעך, ווען מיר זאָלן אלעמאָל פרוּוון ציילן, וויפל נעמען פון ייִדן אָדער פון ניט-ייִדן מיר האָבן דערמאָנט אין דעם אָדער יענעם נומער פון דער צײַטונג, וואָס פאר א פּענעמער עס קוקן אראָפּ פון די פאָטאָגראפיעס, וועלכע מיר דרוקן...

„ס. ה.": ס'וואָלט געווען אן אבסורד...

„ב. ש.": איר זאָגט — אן אבסורד, אָבער גראָד פון אזא, מישטיינסגעזאָגט, „לאָגיק" האלטן אונדזערע אידעאָלאָגישע סאָנים, די זעלבע, וואָס טײַנען, אז דער „ביראָבידזשאנער שטערן" איז א „רוסישע צײַטונג מיט ייִדישע אויסיעס". אין דער צײַטונג, זעט איר, איז פאראן „ווייניק ייִדישקײַט". מיקויעך דעם זאָגט נאָך אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן געשריבן די מאָנטעווידעער פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונג „אונדזער פרײַנט". „די פּען-מענטשן פון די אונטערגייענדיקע ייִדיש-באלעבעסלדיקע צײַטונגען, — האָט זי אונטערגעשטראָכן, — דרייען מיט די נעזער און זאָגן: פע! וואָס איז? עס פעלט זיי אין „ביראָבידזשאנער שטערן" דאָס, וואָס זיי רופן „ייִדישקײַט". און אז זיי זאָגן ייִדישקײַט, מיינען זיי, פארשטײט זיך, זייער ייִדישקײַט... זיי האָבן פארגעסן, אז עס האָט זיך גרינטלעך געביטן דער גאנצער לעבנשטייגער פון דער באפעלקערונג; אז די צײַטונג איז דורכויס א ראטנפארבאנדישע און א קאָמוניסטישע; אז אין ראטנפארבאנד איז פארשוווּנדן די נאציאָנאלע פארשיידנקײַט פון צוזאמענלעבנדיקע פעלקערשאפטן; אז דאָרט עקזיסטירט ניט מער די שיינע מידע פון נאציאָנאלער סעגרעגאציע, נאָר עס האָט זיך אײַנגעבירגערט דער סאָוועטישער פּרינציפּ פון אקטיוו-פרײַנטשאפטלעכער דורכגעפלאָכטנקײַט צווישן אלע טיפּן באפעלקערונג". די פרײַנט אונדזערע פארשטייען עס, אָבער בא די פארלוימדער לייגט זיך ניט אפן סייכל דער נײַער שטייגער. זיי וואָלטן בעסער אײַנגעגאנגען אף נאָד אין „טכום" אונטערן נאָמען „ביראָבידזשאן", מיט א געטאָ-צוים ארום זײַן טעריטאָריע, איידער עס זאָל עקזיסטירן א ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט אין באשטאנד פונעם כאבאראָווסקער קאנט, פון דער ראכוועסדיקער רוסלענדישער פעדעראציע.

„ס. ה.": איר געדענקט מיסטאמע, וויפל ס'האָט זיך געטומלט אין די אויסלאנדס ארום דער פראגע וועגן לערנען ייִדיש בא אונדז אין לאנד. „זיי האָבן דאָך אפילע קיין אלעפבייס ניט!" — האָבן זיי געטײַנעט. און ווען ס'האָט זיך באוויזן אונדזער ביראָבידזשאנער אלעפבייס, האָבן זיי גענומען שרעקן דעם עולעם: „סטײַטש! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז אין א ייִדישן אלעפבייס זאָלן אָפּגעמערקט ווערן סאָוועטישע יאָמטויווים, און די יוימים-נויראָים, פייסעך, שוווּעס, סימכאסטוירע — ניט?" די רעציכע האָט אין זיי מאמעש געברענט, און זיי האָבן אינגאנצן פארגעסן, אז, נאָך אָנהייבנדיק פון די טעג, ווען ס'איז פאָרגעקומען די אָקטיאבער-רעוואָליוציע, האָט קיין איין ייִדישער סאָוועטישער לערנבוך ניט געהאלטן פאר נייטיק צו אָריענטירן די יוגנט אף אָפּמערקן רעליגיעזע יאָמטויווים. שוין דעמלט האָט עס אין די אויסלאנדס בא קיינעם ניט ארויסגערופן קיין כידעש. איצטער אָבער האָט אזא סאָרט טײַנע זיך ארײַנגעשריבן אין דעם ארסענאל פונעם אנטיסאָוועטיזם...

„ב. ש.": אונדזער אלעפבייס איז געדרוקט מיט די שלאָס-אויסיעס, האגאם דער „ביראָבידזשאנער שטערן" דערשײַנט נאָך דערווײַל אָן זיי. אייניקע מיינען, אז דאָ איז פאראן עפּעס א סאָד. דעריבער וועל איך אינקורצן זיך אָפּשטעלן אף דער פראגע. לויט די טאקאָנים פונעם נײַעם אויסלייג, זײַנען די שלאָס-אויסיעס אָפּגעשאפן געוואָרן אין אונדזער לאנד אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן. דעם באשלוס האָט ארויסגעטראָגן דער 2-טער אלפארבאנדישער צוזאמענפאָר פון ייִדישע קולטור-טוער. טויזנטער ביכער זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן לויט דער נײַער אָרטאָגראפיע.

מע קאָן זיי געפינען אין די יידישע ביבליאָטעקן פון אלע לענדער, און דאָס איז ניט קיין מעכיצע אײנעם דערלערנען די סאָוועטישע און קלאסישע יידישע ליטעראטור. די ענדע־אויסיעס זײַנען ווידער אופגעשטעלט געוואָרן בא אונדז, ווען ס'האָט אָנגעהויבן דערשײַנען דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“. דעריבער איז פארשטענדלעך, וואָס מיט אָט די אויסיעס איז געדרוקט דער נײַער אלעפבייס, ווי אויך, אגעוו, דער גרויסער רוסיש־יידישער ווערטערבוך. וואָס איז שײַעך דעם „ביראָבידזשאנער שטערן“, איז פרינציפיעל די פראגע ניט געשטאנען. ווען מיר האָבן מיט אײַך געבלעטערט דעם היסטאָרישן, ערשטן נומער פון אונדזער צײַטונג, האָבן מיר געקאָנט באמערקן, אז אויסגעזעצט געוואָרן איז ער מיט די שלאָס־אויסיעס. אָן זיי איז ער צוערשט דערשינען דעם 25 מײַ 1932 (נומער 58) — אפילע א סאך פריער, איידער דער מאָסקווער „עמעס“ האָט דאָס געטאָן. היינט־צו־טאָג אָבער זײַנען מיר, דארף מען זאָגן, געבליבן א ביסל הינטערשטעליק, און עס ווילט זיך ניט זײַן קיין אויסנאם צווישן אנדערע יידישע אויסגאבעס. מיר האָבן באשלאָסן לייזן די דאָזיקע פראגע, ביפראט אז קיין פרינציפיעלע דערווידערונגען זײַנען פון קיינעם ניט פאראן. מיר האָבן שוין באשטעלט דעם געהעריקן שריפט, און ווי נאָר מיר וועלן זי באקומען, וועט די צײַטונג זיך אָנהייבן אויסזעצן פונקט אזוי, ווי „סאָוועטיש היימלאנד“.

„ס. ה.“: דאָס איז, פארשטייט זיך, א צײַט־מעסיקער איניען, אָבער צי וועט די פאָליגראפישע באזע פון אײַער דרוקערײַ זײַן גרייט צו איבערבויען זיך?

„ב. ש.“: אייגנטלעך האָבן מיר אָנגעהויבן צו דעם זיך גרייטן שוין פון לאנג, ווײַל נאָר פון דער זײַט קאָן זיך דאכטן, אז ס'איז בלויז א ריין טעכניש מאָסמיטל: באקום די קאָמפלעקטן קעפל־שריפט, די נייטיקע מאטריצעס פאר די לינאָטיפן, לייג זיי ארײַן אין די קאסעס — און פארטיק. מע דארף אָבער, אז מיר אלע, אָנהייבנדיק פונעם זעצער, פון דעם לינאָטיפיסט און ענדיקנדיק מיט די מיטארבעטער פון דער רעדאקציע, זאָלן באהערשן די זאך, די ענדע־אויסיעס זאָלן פאר זיי אויסזען ניט פרעמד, נאָר נאטירלעך, סײַ די געדרוקטע אף דער מאשינקע, סײַ אין דער האנטשריפט.

„ס. ה.“: מיר גלייבן, אז אײַער קאָלעקטיוו וועט זיך גאָר גיך ספראווען מיט דעם דאָזיקן איניען. אגעוו, עפשער וואָלט איר עטוואָס גענויער דערציילט וועגן די מיטארבעטער פון דער רעדאקציע פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן“?

„ב. ש.“: אין גרונט איז אונדזער קאָלעקטיוו א יוגנטלעכער. יידיש האָבן די יונגע מיטארבעטער זיך אויסגעלערנט זעלבשטענדיק און זיי פארפולקומען די שפראך אין פראָצעס פון דער ארבעט. א ווערטפולע הילף באקומען זיי פון אונדזערע וועטעראנען — סעמיאָן קערדמאנען, אבראם וואָלאָדארסקין, שנייער קאָניקן, קלארע און אבראם מאנאסעוויטשעס, ראָמאן שויכעטן, ריווע שמאין, פאניע פאסמאניק. צווישן די יונגע דארף מען אָנרופן נינע וואראָנינע, וועלוול בעלינקערן, אלעקסאנדער יארמארקאָוון, אנאטאָלי טעמצינען, באָריס קושנירן, וויטאלי ריים, אָלעג סטיסימן און, פארשטייט זיך, — א היפשע צאָל אויסערשטאט־קאָרעספאָנדענטן. ווען מע בלעטערט דורך די צײַטונג, זעט מען באשײַמפערלעך, וויאזוי אונדזערע קאָרעספאָנדענטן שפיגלען אָפ דאָס לעבן פון דער געגנט, און ניט נאָר פון אונדזער געגנט. מיר האָבן דאָס אין זינען, ווײַל דער „ביראָבידזשאנער שטערן“ ווערט פארשפרייט איבערן גאנצן סאָוועטנפארבאנד און אויך אין אויסלאנד.

„ס. ה.“: מיר האָבן אין אונדזער שמועס באַרירט בלויז אייניקע פראגן, וועלכע האָבן א שײַכעס צום „ביראָבידזשאנער שטערן“ אין צוזאמענהאנג מיטן דערשײַנען פון זײַן 10־טויזנטיקן נומער. אין משך פון אלע יאָרן, זינט עס עקזיסטירט „סאָוועטיש היימלאנד“, גיט אָפ אונדזער זשורנאל פיל אופמערקזאמקײַט דער צײַטונג פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. אויך אף ווײַטער וועט די מיטארבעט צווישן אונדזערע אויסגאבעס זײַן א פרוכטבארע. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז דאָס וועט ברענגען נוץ סײַ אײַך, סײַ אונדז.

אונדזערע געסט

דער סיבירער פאָלקס־כאָר אין ביראָבידזשאַן

מיט גרויס דערפאלג ווינען אין עגנבלעכן צענטער דורכגעגאנגען די אסטראָלן סינעס פעליכשע רוסישן סי' בירער פאלקס־כאר.

די סיבירער האבן באוויזן פאר די געשייטער א פארשידנארטיקע אינטערע־סאנטע פראגראם פון רוסישע פאלקס־לידער און טענץ.

האיאר איז דעם קינסטלערישן קאלעקטיוו געווארן 40 יאר. פאר אט דער צײַט איז ער צוויי מאל געווארן לאורעאט פון דעם אלפארבאנדישן דירעקטאריום פון בארישאי רעקטירונג און אפן 17 אלוועלטלעכן פעס־טיוואל פון יוגנטלעכע און סטודענטן האט ער באקומען א גאלדענע מעדאל.

די ביראבידזשאנער צושויער האבן מיט הארציקער וואַרעמקייט אויפגענומען דעם באראַנטפולן פאלקס־כאר פון סיביר.

אט די בילדער, עס טרעט ארויס דער סיבירער כאר.

טעקסט און פאטא פון

יע. חעפרינסקי.



די נײַע געבײַדע פון דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע

דער אַקטיאָר און דער טעאַטער

אין שעפערישן זוכן



דער אַקטיאָר פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן מוזיקאַל־קאַמער־טעאַטער יאַקאָוו יאַנינג [illegible] דאָס האַרץ פון די צושויער. ער האָט אַ שיינע שטים מיט אַ פיינעם טעמבר פון אַ גרויסן דיאַפּאַזאָן, און [illegible] די נאַטור אים געבענטשט מיט אַלץ, וואָס אַ שוישפּילער דאַרף האָבן. ער איז טעמפּעראַמענטפול, פּלאַסטיש, אינטעליגענט.

ער געפינט זיך צום ערשטן יאָר אין דער טעאַטער־טרופּע און האָט שוין [illegible] אַ היפּשן שעפערישן וועג [illegible] אין ייִדישן טעאַטער.

אין 1970 האָט יאַנינג פאַרענדיקט די מוזיקשול [illegible]

[illegible]

— [illegible] — האָט מיר געזאָגט יאַנינג — [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

א. גערינבערג.

אונדזערע געסט

א דועט פון מאָסקווע

די ווערק פון די קאָמפּאָזיטאָרן שוּבערט, בראַמס, [illegible] און אַנדערע קלאַסיקער האָבן דורכגעשאַלט אין אַ זאַל פון דער ביראָבידזשאַנער קינדערישער מוזיק־שול. [illegible] אַפּלאָדיסמענטן האָבן די יונגע צוהערער און פּעדאַגאָגן באַגריסט די אויספירער — די לאַורעאַטן פון אַ סך צווישנפעלקערלעכע קאָנקורסן — דעם פידלער איליא גרובערט און דעם אַקאָמפּאַניאַטאָר פעליקס גאָטליב.

שילער פון די גרויסע סאָוועטישע מוזיקאַנטן ע. גילעלס, ט. גוטמאַן, ל. קאָגאַן, האָבן זיי מיט ווירטואָזער שפּיל, שפּירעוודיקן פאַרשטײַן מוזיק, איבערגעגעבן צו זיי — און דאָס איז באַזונדערס וויכטיק — יענע אויספירערישע [illegible], וועלכע האָט איבערגעצייגט ווידער לערער און ביזלאַל אַלע טאַלאַנטפולע דינער פון די מוזעס. שפּילן מיט דער גאַנצער קראַפט פונעם טאַלאַנט און אַ באַליבקן קאָנצערט — דאָס איז לויט דער מיינונג פון איליא כאַימאָוויטשן און פעליקס יאָסיפאָוויטשן — אַ כּלל פון יעדן אַרטיסט.

באַ פינף יאָר עקזיסטירט דער [illegible] מאָסקווער דועט. פאַר אָט דער צייט זײַנען זיי אויפגעטראָטן [illegible] דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויסגעטראָטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, איטאַליע, משא און אין אַנדערע לענדער. איצטער שטייען פאַר די אויספירער גאַסטראָלן אין די שטעט פונעם ווייטן מיזרח.

אויפן בילד: איליא גרובערט (פון רעכטס) און פעליקס גאָטליב.

פאָטאָ — ה. ר״מ.

סאמויל קליגער,
יעפים דרוץ
קאנדידאט פון פילאָסאָפישע וויסנשאפטן

דעם ראמבאמס פּערזענלעכקייט און פילאָסאָפיע

צו זײַן 850־טן געבורטסטאָג

אין דער געשיכטע פון דער וועלט-קולטור שײַנט ארויס דער נאָמען מײַמאָניד, אָדער ראמבאם (אברעוויִאטור: ראבי מוישע בען מײַמאָן). די מיסטיקער, פאנאטיקער און רעאקציִאָנערן האָבן אין מעשעך פון אכט יאָרהונדערטער ניט געקאָנט פארטונקלען אָט דעם נאָמען. נאָך באם ראמבאמס לעבן האָט זיך ארום זײַנע ווערק צעפלאקערט אן אידייען-קאמף, וועלכער ווערט ניט פארלאָשן אדהײַעם: די פּראָגרעסיווע געלערנטע און דענקער האָבן פּראָפּאגאנדירט זײַנע אידייען און זיי פארטיידיקט פון די אַנגריפן מיצאד די מיסטיקער און קליי-קוידעש.

מײַמאָניד

מײַמאָנידס פילאָסאָפישע יערושע איז אקטועל אויך הײַנט-צו-טאָג. זי איז דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון אָפּטימיזם, ראציִאָנאליזם און גלויבן אין די שעפערישע מעגלעכקײַטן פונעם מענטשן. אין טאָך גענומען שטעלט זי מיט זיך פאָר ניט קיין אויסשליסלעך יידישע קולטור-יערושע, נאָר דורך איר עטישן פאטאָס, דורכן רוף צו שאָלעם אף דער וועלט דריקט זי אויס די אינטערנאציִאָנאלע האָפענונגען פון אלע פעלקער.

די וואָרצלען פון ראמבאמס לערע ציִען זיך ניט נאָר צו דער יידישער (ביבלישער) רעליגיִעזער טראדיציע, נאָר אויך צו דער מיטלאלטערלעכער אראבישער פילאָסאָפיע (אל-פאראבי, איבן-סינא) און צו דער אלטערטימלעכער פילאָסאָפיע (פּלאטאָן, אריסטאָטעל). ראמבאמס לערע, זײַן פילאָסאָפיע, אלקאָלפאָנעם, איר אומגעהויערער פּראָגרעסיווער טייל, בלײַבט נאָך הײַנט, אין סאָף פונעם XX יאָרהונדערט, אן אידיייִש וואָפן קעגן דעם פילאָסאָפישן אָבסקוראנטיזם און פּאָליטישן איראציִאָנאליזם.

מוישע בען מײַמאָן (וועלכער איז אין דער אראבישער ליטעראטור באקאנט אונטערן נאָמען אבו אימראם בען מיימון איבן אבו אללא) איז געבוירן געוואָרן דעם 30 מארט 1135 יאָר אין דער הויפּט-שטאָט פון דער מוסולמענישער שפּאניע קאָרדאָווע. ראמבאמס פאָטער האָט פארנומען דעם שטול פונעם דײַען אין קאָרדאָווע און האָט געשעמט אלס א זייער געבילדעטער מאן. זײַן טאלמודישע בילדונג האָט ער באקומען אין יִצחאָק אלפאסיס[1] בא-

[4] אלפאסי יִצחאָק (1013—1103) איז באנוווּסט אין דער ראבינישער ליטעראטור אונטערן נאָמען ריף (ראבי יִצחאָק פאסי). די פרוכט פון זײַנע לאנגיאָריקע פאָרשונגען איז געוועזן דאָס בארימטע ווערק „האלאָכעס”, וואָס ווערט מיט רעכט אָנגערופן „דער קליינער טאלמוד”. ריף איז אנערקענט אלס דער אווטאָריטעט אין געביט פון טאלמודישער געזעצגעבונג.

רימטער יעשיווע אין לוצען. ער האָט זיך געסטאַרעט אײַנצופלאַנצן אין זײַן זון די ליבע צו א סיסטעמאַטישער פאָרשונג פונעם טאַלמוד, קעגנגעשטעלט דעם באַגרענעצטן סכאָלאַסטישן מעטאָד פון דער פראַנצויזישער שיטע טויסעפיסטן. מוישע בען מײַמאָנס קינדער־יאָרן זײַנען פאַרלאָפן אין דער טקופע, ווען די ייִדישע בילדונג אין שפאַניע האָט דערגרייכט איר העכסטע מאַדרייגע. אין קאָרדאָווע, סעוויליע, גראַנאַדע האָט געברויזט דאָס גײַסטיקע לעבן און בעראָש פון דער שיטע פילאָסאָפן און דיכטער זײַנען געשטאַנען אַזעלכע גיגאַנטן, ווי מוישע איבן עזראַ, יעהודע האַלייווי און אַווראָם איבן עזראַ. דעם זון פונעם קאָרדאָווער דײַען איז געווען באַשערט צו פאַרטונקלען אַלע ייִדישע פילאָסאָפן און דיכטער פון זײַן צײַט, און צום סאָף פונעם „גאָלדענעם יאָרהונדערט" אין דער אַראַבישער און ייִדישער קולטור אין שפאַניע האָבן די ייִדן זיך געגרויסט מיט דעם מענטשן, וועמענס נאָמען ס'האָט בעעמעס געשאַלט איבערן מיזרעך און מײַרעוו פון דער דעמאָלט ציוויליזירטער וועלט.

דער פאָטער פונעם קומענדיקן פילאָסאָף, זײַענדיק אַליין א גאַנץ אויפגעקלערטער מענטש, האָט אַרײַנגעפירט זײַן זון אינעם קרײַז פון די טאַלמידים פונעם אַראַבישן פילאָסאָף איבן באַדזשי (1070—1139), וועלכע האָבן געפאָרשט, כוץ פילאָסאָפיע, אויך מאַטעמאַטיק, לאָגיק, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, מוזיק. פון די פריִע יאָרן דערלערנט דער יונגער מוישע בען מײַמאָן לויט די אַראַבישע מעקוירים די טעאָריע און די פראַקטיק פון מעדיצין, וועלכע ווערט שפעטער זײַן הויפט־פראָפעסיע.

ווען ער איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, איז קאָרדאָווע פאַרכאַפט געוואָרן מיצאַד די מוסולמענישע אַלמאָהאַדן, און די אומגליקלעכע ייִדישע אײַנוווינער האָבן געהאַט אויסצוקלײַבן צווישן א גיירעש און דעם געצוווּנגענעם אַריבערגיין צום איסלאַם. מײַמאָנידעס מישפאָכע האָט געטיילט דעם גוירל פון א גרויסער צאָל קאָרדאָווער טוישווים, איבערגעלאָזט די אײַנגעזעסענע היים און געפירט א וואַנדער־לעבן, פול מיט שוועריקײַטן און פײַן. נאָר אַפילע בייסן נאָווענאַד פון איין שפאַנישער שטאָט אין אַן אַנדערער פאַרוואָרפט ניט דער יונגער פילאָסאָף די אַקשאָנעסדיקע אַרבעט איבער זײַן אייגענער גײַסטיקער אַנטוויקלונג. אָנגעפירט פון אַראַבישע געלערנטע און דאָקטוירים, דערלערנט ער אין אַלע פראָטים אַריסטאָטעלס פילאָסאָפישע סיסטעם. איינצײַטיק הייבט ער אָן (אין 1158), אין דער אַטמאָספער פון טאַלמודישער כאָכמע, זײַן שעפערישע טעטיקײַט. מיט א ברייטן פיירעש (קאָמענטאַר) אַף דער מישנע, דעם אָפטייל פונעם טאַלמוד, וועלכער קאָמענטירט דעם טאַנאַך. פאַרענדיקט שרײַבן זײַן פּירעש האָט ער ערשט אין א צען יאָר אַרום.

צווישן 1159 און 1160 וואַנדערט איבער מײַמאָנידעס מישפאָכע קיין צאָפן־אַפריקע, באַזעצט זיך אין דער שטאָט פעס. דאָרט האָט געבושעוועט דער פאַנאַטיזם פון די אַלמאָהאַדן, וועלכע האָבן געצוווּנגען פיל ייִדן איבערגיין לעפאָנעם צום איסלאַם. אין יענער צײַט האָט איינער א ראָוו זיך געווענדט צו די ייִדישע קעהילעס פון צאָפן־אַפריקע מיט א קאָלקורע (ווענד־שריפט), אין וועלכן ער דערקלערט, אַז יעדער ייִד, וואָס אַנערקענט די עמונע־דאָגמאַטן פונעם איסלאַם, זאָל עס זײַן נאָר לעפאָנעם, באַדאַרף אַלפי דין פאַרעכנט ווערן אַלס אַפטריניקער (מעשומעד). דער ראַמבאַם טרעט טייקעף אַרויס מיט אַן ענטפער־שריפט, אין וועלכער ער טאַדלט שאַרף דעם ראָווס טעאָריע, באַווײַזנדיק, אַז א מענטש, וועלכער האָט ניט קיין קויעך צו גיין אַף קידעשהאַשעם און איז געצוווּנגען לעפאָנעם אַנערקענען דעם איסלאַם, בייס אין דער נעשאָמע בלײַבט ער טרײַ צו זײַן עמונע, קאָן ניט פאַרעכנט ווערן אַלס אַפטריניקער. אַפטריניקײַט איז א פולשטענדיקער פאַראַט צו די אייגענע איבערצײַגונגען, און קלאָל ניט קיין אויסערעכער, צײַטווײַליקער געצוווּנגענער (אָפזאָג) דורך טויט־סאַקאָנע.

אינגיכן שאַפט זיך פאַרן ראַמבאַם גופע א געפאַר מיצאַד די מוסולמענישע גלויבנס־אייפערדיקע, און ער איז געצוווּנגען בעסאָד אויקער זײַן, אַנטלויפן מיט זײַנע עלטערן פון פעס, און נאָך לאַנגע וואָגלענישן באַזעצט ער זיך אין עגיפּעט, אין אַלטן קאַיִר. דאָרט איז אינגיכן געשטאָרבן אין טיפער זקיינעס זײַן פאָטער.

דער ראַמבאַם, בעשוטעס מיט זײַן ייִנגערן ברודער דאָוויד, פירט מיסכער מיט צירונג, וואָס עס האָט זיי געזיכערט א נישקאָשעדיקע עקזיסטענץ. אָבער אַפן וועג קיין אינדיע קומט אום אין א שיף־קאַטאַסטראָפע דער ברודער. פון דעמאָלט אָן באַשעפטיקט זיך דער ראַמבאַם שוין מערער מיט מעדיצינישער פראַקטיק. די שאָען פון רו ווידמעט ער דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, קוידעמקאָל דער פילאָסאָפיע. אין 1168 דערפירט ער צו שליימעס דעם אָנגעהויבענעם מיט צען יאָר צוריק קאָמענטאַר פון דער מישנע. דאָס ווערק איז אָנגעשריבן אין דער אַראַבישער שפראַך (דער אַראַבישער נאָמען איז „סיראַדש", דה. „שײַן־זײַל"). אין אָט דעם מערקווירדיקן קאָמענטאַר האָט זיך דער מעכאַבער געשטעלט א דריי-

סטע אופגאבע — ארײַנטראָגן א לאָגישע אָרדענונג אין דער סיסטעם פון דער מישנע-געזעצגעבונג, וועלכע איז געוואָרן ביז גאָר פארפּלאָנטערט דורך די ווידערשפּרעכלעכע אויסטײַטשונגען פון דער געמאָרע.

באזונדערס געניי שטעלט זיך דער ראמבאם אָפּ אף יענע קאפּיטלעך פון דער מישנע, אין וועלכע ס'ווערט פאָרמולירט די עטיק. טאָן גוטס, לויט זײַן מיינונג, איז דער מענטש מעכויעוו ניט נאָר, קעדיי באקומען א באלוינונג אין קומענדיקן לעבן. דער פארנונפט און די גוטע מידעס זײַנען פון זיך גופע א קוואל פון גליק פארן מענטשן. די עטישע אופגאבע באשטייט אין דער פארפולקומונג פונעם מענטשנס גײַסטיקן מעהוס. דאָ פאָרמולירט דער ראמבאם זײַן בארימטן „אני מאמין", וועלכער באשטייט פון דרײַצן דאָגמאטן (זיי ווערן ביזן הײַנטיקן טאָג איבערגעכאזערט מיצאד די רעליגיעזע אין יעדן טאָג נאָך דער אינדערפרייִקער טפילע שאכרעס).

דער ראמבאם סיסטעמאטיזירט זײַן מערקווירדיקע לערע וועגן נעשאָמע, אירע גוטע און בייזע נייגונגען. ער קלערט אוף די באציִונג פון ווילן-פרײַהײַט בא דעם מענטשן צו דער געטלעכער פאָרויסבאשטימונג.

פּאראלעל מיטן פארפולקומען אָט די רעליגיעז-פילאָסאָפישע ארבעט טרעט ארויס דער ראמבאם מיט מינדלעכע לעקציעס, וועלכע האָבן א גרויסן דערפאָלג און ציִען צו א מאסע צוהערער פון אלע עקן פון דער עגיפּטישער מעלוכע. ער ענטפערט אף דער אלץ וואקסנדיקער צאָל אָנפראגעס ארום רעליגיעזע און געזעלשאפטלעכע איניאָנים, וועלכע קומען צו אים אָן פון פארשיידענע קעהילעס אין דער וועלט.

צו אָט דער צײַט ווערט געבוירן אינעם מויעך פון דעם גרויסן דענקער א נײַער גראנדיעזער פלאן: צונויפשטעלן א פולע און סיסטעמאטישע זאמלונג פון טראדיציאָנעלע געזעצן, מינהאָגים און דאָגמאטן, וועלכע זאָלן נוצן אין טאָגטעגלעכן לעבן פון דעם פּאָשעטן מענטשן. דער טאלמוד אלס פּראָדוקט פון טויזנטיעריקער געזעצגעבערישער ארבעט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אן אומענדלעכן לאבירינט, אין וועלכן ס'זײַנען געווען בעיעכוילעס זיך פּאנאנדערקלײַבן נאָר ביז גאָר געוואגטע טעאָרעטיקער און פאָרשער, אָדער ליבהאָבער פון שווערע לאָגישע איבונגען. די מענטשן אָבער פון יענער צײַט האָבן געזוכט באשטימטע אויספירן צו א פראקטישער נוץ. דעריבער פארמעסט זיך דער געלערנטער צו פארוואנדלען אָט דעם כאאָס — די גיגאנטישע זאמלונג פון ווידערשפּרעכלעכע מיינונגען און דעבאטן, צומאָל לעשעם דעבאטן, — אין א סיסטעמאטישן קאָדעקס. אין דער האקדאָמע צו זײַן ווערק, וואָס באשטייט פון פערצן ספאָרים, שרײַבט ער: „איך וואָלט געוואָלט, אז דאָס איצטיקע ווערק זאָל דינען אלס פולע זאמלונג פון דער מינדלעכער לערע מיט אלע האכלאָטעס, מינהאָגים און דינים. כ'האָב אָנגערופן דעם סייפער „מישנע טוירע" (איבערגעכאזערטער געזעץ), ארויסגייענדיק פון דער האנאָכע, אז יעדער מענטש, וועלכער האָט פאריגנט די געשריבענע לערע (טוירע שעביקסאוו), וועט זײַן אימשטאנד צוטרעטן צום דערלערנען די דאָזיקע זאמלונג, פון וועלכער ער וועט געווירע ווערן פונעם אינהאלט פון דער מינדלעכער לערע (טוירע שעבאלפע)". אָט די קאָלאָסאלע ארבעט, וואָס איז געשריבן אין העברעיִש און פארנעמט פיר גרויסע בענדער אין די שפּעטערדיקע געדרוקטע אויסגאבעס, פארענדיקט דער מעכאבער אין 1180 יאָר.

„מישנע טוירע", וועלכע ווערט אויך אָנגערופן „יאד האכאזאָקאָ" (די מעכטיקע האנט), איז דער ערשטער פּרוּוו אין דער ייִדישער געשיכטע סיסטעמאטיש צו פאָרמולירן די ייִדישע דאָגמאטיק. דעם מעכאבערס הויפּט-פארדינסט באשטייט אין דעם, וואָס אין זײַן ווערק אנטדעקט ער די יעסוידעס פון דער ייִדישער עמונע-לערע (טעאָלאָגיע) אין א ראציאָנעלער באלײַכטונג. נאָך מער, דער ראמבאם פּאָדערט אויסצושליסן פון דער עמונע-לערע די גע-פיל-פאָרשטעלונגען. ער שליסט אײַן אין די געבאָטן פון דער עטיק דעם מענטשנס זאָרג פאר זײַן גײַסטיקער און אפילע פיזישער פארפולקומונג. דעם רעליגיעזן דאָגמאט פון יענוועלטיקער עקזיסטענץ פארבינדט ער מיטן פילאָסאָפישן יעסאָד פון דער אומשטערבלעכקײַט פון דער נעשאָמע, און ער שטעלט פאָר דאָס יענוועלטיקע לעבן אלס א ריין גײַסטיקע ניט-קערפּערלעכע עקזיסטענץ.

א באזונדערע אופמערקזאמקײַט שענקט דער ראמבאם אין זײַן ווערק דער עטיק. דאָ שטייט ער פעסט אף די פּאָזיציעס פון הומאניזם, פון אכטונג צו דער ווירדע פון דער פערזענלעכקײַט. מיט אָט די אידייען איז אָנגעזעטיקט דער אָפּטייל וועגן טשוווע (דער כאראָטע אף שלעכטער אופירונג, דעם אומקער צו א גערעכט לעבן).

„עס קומט גרויס קאָוועד יענעם, — שרײַבט דער פילאָסאָף, — וועלכער אנערקענט

אַרנטלעך זײַנע אוולעס בענעגייע אַ צווייטן מענטשן, זאָגנדיק: „בעעמעס, כ׳האָב געטאָן אַ רישעס קעגן דעם און דעם מענטשן, און הײַנט האָב איך פֿאַר דעם כאַראָטע".

לויט די מאָסן פֿונעם פֿילאָסאָף ווערט גערעכנט פֿאַר אַן אווירע דאָס באַליידיקן אַ מענטשן, דערנידעריקן זײַן ווירדע. ער רעכנט אויס פֿינף זאַכן, צו וועלכע דער מענטש קאָן לײַכט זיך צוגעווינען, און דערנאָך איז שווער זיך אָפּזאָגן פֿון זיי, און פֿונדאַנען דרינגט אַרויס, אַז ס׳איז שווער יענעם מענטשן אויסצופֿילן דעם געבאָט פֿון כאַראָטע (טשווע). דאָס זײַנען טרײַבן רעכילעס, זידלען זיך, זײַן אופֿגעבראַכט, האָבן אַ כשאַד, אונטערהאַלטן פֿרײַנטשאַפֿט מיט אַ שלעכטן מענטשן.

די פֿרײַהײַט פֿון אויסוואַל און דאָס רעכט אַף אויסוואַל איז געגעבן יעדן מענטשן. דער מענטש אַליין קלײַבט אויס, צי גיין אַפֿן וועג פֿון גוטס, אָדער אַפֿן וועג פֿון בייז. ס׳איז ניט ריכטיק צו דענקען, אַז גאָט האָט באַשטימט דעם מענטשן, ער זאָל זײַן אַ גוטער צי אַ שלעכטער, דער מענטש אַליין קלײַבט אויס באַוווּסטזיניק דאָס, וואָס ער וויל. אין דעם איז אויסגעדריקט דער וויכטיקסטער פּרינציפּ פֿון דעם ראַמבאַמס עטיק, זײַן געדאַנקענגאַנג איז נאָענט צו דער וועלט-אופֿפֿאַסונג פֿון זײַנע אַראַבישע קאָלעגן אַל-פֿאַראַבי און איבן-סינאַ.

און ווירקלעך, אויב גאָט זאָל באַפֿוילן דעם מענטשן צו זײַן אַ גערעכטער אָדער זײַן אַ רעציייעך און ס׳זאָל עקזיסטירן אַ קראַפֿט, וועלכע זאָל פֿאָרויסבאַשטימען די טאַטן פֿונעם מענטשן, — וויאַזוי קאָן מען דעמלט אורטיילן, וואָס עס איז גוט און וואָס איז שלעכט? און לויט וואָס פֿאַר אַ געזעץ זאָל מען דעמלט מישפּעטן דעם רעציייעך און אים באַשטראָפֿן און וויאַזוי באַלוינען דעם, וואָס פֿירט זיך לויט גערעכטיקײַט? דער ראַמבאַם קומט צום אויספֿיר, אַז מע מישפּעט דעם מענטשן לויט זײַנע טאַטן: אויב ער טוט גוטס — באַקומט ער גוטס, טוט ער שלעכטס — באַקומט ער שלעכטס.

די גרויסע, פֿאַר זײַן יאָרהונדערט, אופֿגאַבע צו פֿאַרייניקן די עמונע מיטן פֿאַרנונפֿט פֿאַרווירקלעכט דער ראַמבאַם אין זײַן קאַפּיטאַל ווערק (וואָס איז אָנגעשריבן אַרום 1190 אַף אַראַביש) „מוירע נעוווּכים".

„איך שטעל זיך פֿאַר אַ ציל, — שרײַבט דער פֿילאָסאָף, — אופֿקלערן דעם מענטשן, אין וועמענס נעשאָמע ס׳האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט די עמונע... און וועלכער פֿילט אויס אָרנטלעך זײַנע היסכײַוועסן... נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט ער טיף דערלערנט די פֿילאָסאָפֿישע וויסנשאַפֿטן"[1].

דער „מוירע נעוווּכים" באַשטייט פֿון דרײַ טיילן: אינעם ערשטן טייל, וואָס איז געווידמעט דער אידיי פֿון גאָט-דערקענטעניש, באַווײַזט דער מעכאַבער, אַז אַלע ביבלישע טעקסטן, אין וועלכע גאָט ווערט באַצייכנט אַנטראָפּאָמאָרף דה. ער איז פֿאָרגעשטעלט אין מענטשלעכע פֿאָרמען, באַדאַרף מען פֿאַרשטיין אין אַ ריין-גײַסטיקן, אַבסטראַקטן זינען. גאָטס אייגנשאַפֿטן און מײַסים אַלס דאָס העכסטע וועזן קאָן דער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד באַגרײַפֿן נאָר אין בילדערישע אויסדרוקן, וועלכע זײַנען גענומען פֿונעם ערדישן, מענטשלעכן לעבן.

אינעם צווייטן טייל פֿון „מוירע נעוווּכים" באַשרײַבט דער ראַמבאַם די פֿאַרשיידענע לערעס וועגן דער אַנטשטייונג פֿון דער וועלט. דאָ טרעט אַרויס דער מעכאַבער קעגן דער אַלגעמיין-אָנגענומענער אין דער דעמאָלטיקער פֿילאָסאָפֿיע אַריסטאָטעלס לערע וועגן דער אַלציינער אייביקײַט פֿון מאַטעריע און גאָט. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דעם פֿילאָסאָפֿס געדאַנקענגאַנג אין שײַכעס מיט דער דערקענטעניש-טעאָריע (גנאָסעאָלאָגיע). אייניקע מאָל, — שרײַבט ער, — באַווײַזט זיך דער עמעס אַזוי העל, אַז מיר נעמען אים אויף, פּונקט ווי בײַ דער טאָג-שײַן. דערנאָך אָבער פֿאַרבאַהאַלטן אים אונדזער נאַטור און די געוווינהײַטן, און מיר ווערן פֿאַרזונקען אין אַזאַ געדיכטער כאַשכעס, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפֿונען פֿריִער. מיר זײַנען ענלעך צו די, וואָס נעמען אויף אומופֿהערלעך די בליצן, וועלכע דערשײַנען קעסיידער איינער נאָכן אַנדערן, בײַס מיר אַליין בלײַבן אין אַ טיפֿער נאַכט-פֿינצטערניש. ווען די אופֿבליצן פֿאָלגן זייער געשווינד איינס נאָכן צווייטן, דעמלט בילדן זיי אַ מין דורכויסיקע שײַן אַזוי, אַז די נאַכט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין טאָג"[2].

דעם ראַמבאַמס האַנאָכע וועגן דער אייביקײַט פֿון דער וועלט האָט טיף באַווירקט יענע דענקער, וועלכע האָבן זיך געסטאַרעט אַנטשקלאָפּן די פֿילאָסאָפֿיע, באַפֿרײַען זי פֿון דער קירכלעכער אַפּעטראָפּסעס.

---

[1] Маймонид М. Путеводитель колеблющихся. Анатомия мировой философии, т. 1, ч. 2. М., 1969, с. 782.

[2] דאָרט.

דער דריטער טייל פון מײַמאָנידס באַרימטן בוך איז געווידמעט הויפּטזאַכלעך דעם אַנאַליז פון די עטישע יעסוידעס.

דער ראַמבאַם איז געווען דער באַדײַטנדיקסטער פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפטלעך-פילאָסאָפישער ריכטונג. אין זײַן טקופע ניט נאָר אין דער יִדישער סוויווע. ער איז אַנטשטאַנען אַלס דער „מוירע נעוווכים" פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך געוואַקלט צווישן וויסנשאַפט און עמונע, צווישן די פרײַדענקערײַ און דאָגמאַטיק. זײַן בוך האָט טייקעף באַקומען אַן אומגעהערטן רום. די מוסולמענישע געלערנטע האָבן אים געלייענט אין אָריגינאַל, געשריבן איבער אים קאָמענטאַרן. אין געציילטע יאָרצענדליקער אַרום נאָך זײַן דערשײַנען (וואָס עס איז אַ קורצער צײַט-אָפּשניט פאַר יענע יאָרהונדערטער) איז ער שוין געווען איבערגעזעצט אויף לאַטײַניש. דער באַרימטער קריסטלעכער טעאָלאָג אַלבערט מאַגנוס האָט מיט האַסמאָדע אים געפאָרשט און ציטירט. מיט באַגײַסטערונג האָבן באַגעגנט דאָס דערשײַנען פון „מוירע נעוווכים" די געבילדעטע ייִדן, וועלכע האָבן אים געפאָרשט הען אין אָריגינאַל (ווײַל קימאַט אַלע האָבן באַזיצט די אַראַבישע שפּראַך), הען אין דער העברעיִשער איבערזעצונג. דאָך האָט דער בוך אַרויסגערופן אויך אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט אין די קאָנסערוואַטיווע קרײַזן פונעם ייִדנטום, און ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפער אידעאָלאָגישער קאַמף, וועלכער ווערט ניט פאַרלאָשן אַדהײַנט.

אַ אומגעהויערע פּאָפּוליאַריטעט האָט זיך מײַמאָניד דערוואָרבן אַלס דאָקטער. אין „מוירע נעוווכים" איז ניט פאַראַן קיין באַזונדערער טייל, געווידמעט דער מעדיצין. נאָר אַרויסזאָגונגען פון אָט דעם געביט זײַנען צעשפּרייט איבערן גאַנצן בוך. „די זאָרג פאַרן געזונט, — לייענען מיר, — איז דער ערשטער כיוו פונעם מענטשן. קראַנק זײַן איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ צעשטערונג פונעם מענטשנס צוזאַמענהאַנג מיט דער סוויווע, מיט דער נאַטור און מיט דער געזעלשאַפט, ווײַל דער מענטש איז לויט זײַן נאַטור אַ געזעלשאַפטלעך וועזן".

דער סאָוועטישער פאָרשער פון מײַמאָנידס מעדיצינישער שאַפונג. אַ. ס. קאָדקין באַמערקט, אַז „די מעדיצינישע אייצעס פונעם ראַמבאַם האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט אין רוסלאַנד. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען אין „דאָמאָסטראָי" אין דער „קיִעוו-פּעטשאָרניט ווייניק מעדיצינישע אייצעס, וועלכע געהערן צו מײַמאָנידס יערושע. אַ וויכטיקער דאָקומענט פון מעדיציניש-עטישן שטאַנדפּונקט שטעלט מיט זיך פאָר די „טפילע פון אַ רויפע", וועמענס פאַרפאַסער עס איז געווען דער ראַמבאַם. באַגלײַך מיט היפּאָקראַטס שווּע איז די טפילע אַרײַן אין גאָלדענעם פאָנד פון די עטישע נאָרמעס און קלאָלים פון דער מעדיצינישער אויפירונג. „טו אַזוי, — ווענדט זיך דער געלערנטער צום ריבוינעשעלוילעם, — אַז די כאַלאָיִם זאָלן מיר גלייבן, זאָלן גלייבן אין מײַן קונסט און זאָלן פאָלגן מײַנע אייצעס... לערן מיך אויס צו זײַן געדולדיק און רויִק, ווען דער כוילע פאָלגט ניט אָדער באַליידיקט מיך. זע, אַז איך זאָל זײַן אײַנגעהאַלטן אין מײַנע אורטיילן און טועכצן... גיב מיר דעם קויעך, דעם ווילן און די פעיִקײַטן צו פאַרברייטערן מײַן וויסן". „אָט די טפילע, — באַמערקט אַ. ס. קאָדקין, — וועלכע איז צונויפגעשטעלט אין XII יאָרהונדערט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ גלענצנדער מוסטער פון פאָרשטיין דעם כיוו פון אַ דאָקטער, זײַן באַציִונג צו זײַן פּראָפעסיע, צום קראַנקן, צו דער געזעלשאַפט".

זײַן אַקטיווע וויסנשאַפטלעכע און מעדיצינישע אַרבעט פאַרייניקט דער ראַמבאַם מיט אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. אַדאַנק זײַן פּאָפּולערקײַט און דער לאַגע, וועלכע ער פאַרנעמט אַלס לייב-דאָקטער פונעם סולטאַן סאַלאַדין, ווערט ער באַשטימט אַלס ראָש (נאָגיד) פון אַלע עגיפּטישע ייִדן. נאָך סאַלאַדינס טויט (1193) בלײַבט ער דער לייב-מעדיקער בײַ יענעמס יאָרשים.

וועגן זײַן לעבנס-אויפן אין יענער צײַט שרײַבט דער פילאָסאָף אין אַ בריוו צו דעם איבערזעצער פון „מוירע נעוווכים" שמועל איבן-טיבאָן קיין פּראָוואַנס. „דער סולטאַן וווינט אין קאַיִר, און איך אין פאָסטאַט, וועלכע שטייט אָפּ פון קאַיִר אויף צוויי טרום שאַבעס (2,5 קמ.). יעדן טאָג אינדערפרי בין איך מעכויִעוו צו קומען אין הויף. און ווען עס ווערט קראַנק עמעצער פונעם סולטאַנס פרויען אָדער קינדער, פאַרבלײַב איך דאָרט אויף אַ גאַנצן טאָג. נאָר אַפילע אין יענע טעג, ווען אַלץ איז בעשאָלעם, קאָן איך זיך אומקערן קיין פאָסטאַט בלויז נאָך האַלבן טאָג. דאָרט געפין איך שוין אין פירהויז פון מײַן שטוב אַ

מאסע כאַלאָים — מוסולמענער און ייִדן. וואזשנע פּאַרשוינען און פּאָשעטע מענטשן, ריכטער און באַאמטע, פּרייַנט און סאָנים, וועלכע וואַרטן אויף מיר. איך קריך אַראָפּ פון מייַן אייזל, וואַש זיך און גיי אַרויס צו זיי. איך אַנטשולדיק זיך, בעט, מע זאָל צוּוואַרטן, ביז איך וועל עפּעס איבערכאַפּן. דערנאָך גיי איך אַרויס צו די קראַנקע, קעדיי זיי היילן. כ'שרייַב אָן צעטעלעך און פֿאָרמולעס פון רעפּועס. אַזוי קומען און גייען אַוועק מענטשן ביז אָוונט. אין אָוונט פֿיל איך זיך אויסגעמאַטערט, און דאָך באַשעפֿטיק איך זיך מיט גייַסטיקע איניאָנים, צומאָל ביז אַרום צוויי אַזייגער באַנאַכט... נאָך שאַבעס האָב איך די מעגלעכקייַט צו שמועסן מיט די מיטגלידער פון דער קעהילע און געבן זיי אָנווייַזונגען אויף דער גאַנצער קומענדיקער וואָך. אַזוי גייען אַוועק מייַנע טעג".

מיטן סייפער „מוירע נעוווּכים" האָט דער ראַמבאַם נאָך ניט פאַרענדיקט זייַן שאַפֿן. לויט דער באַקאַנטער פונעם סולטאַן שרייַבט ער אָן אויף אַראַביש אַ טראַקטאַט וועגן היגיענע און מאַקראָביאָטיק. כוץ דעם, פאַרפאַסט ער אַ מערקווירדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן לאָגיק (שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש אונטערן טיטל „מילויס האַהיגאָיון"), אַ ווענדשריפט צו די פּראָווּאַנסאַלישע ייִדן, זיי זאָלן זיך ניט אַרייַנטאָן אין אַסטראָלאָגיע (1194) און אויך אַ שריפט וועגן דאָגמאַט פון טכיִעס האַמייסים (1191) און אַ ריי ספּעציעלע מעדיצינישע טראַקטאַטן.

דער ראַמבאַם איז געשטאָרבן, ניט דערגרייכנדיק צו זיבעציק יאָר, דעם 13 דעקאַבער 1204. אין פֿאַסטאַט האָבן די ייִדן און מוסולמענער אופגעהיט נאָך אים טרויער בעמעשעך פון דרייַ טעג, און אין ירושאָלאַים האָט די ייִדישע קעהילע באַשטימט אַ טאָנעס און צונויפגעשטעלט אַ טפילע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרויסער אַווידע. דעם ראַמבאַמס געביין האָט מען איבערגעפירט קיין פּאַלעסטינע און מעקאַבער געווען אין טיבעריאַדע. זייַן איינציקער זון אַווראָם האָט געיאַרשנט דעם פּאָסטן אַלס הויף-דאָקטער און איז געוואָרן דער ראָש (נאָגיד) פון די עגיפּטישע ייִדן. דער טיטל נעגידים איז פאַרבליבן אַ ירושע אין מייַמאָנידס מישפּאָכע ביזן XV יאָרהונדערט.

נאָך ראַמבאַמס טויט האָט זיך דער אידעאָלאָגישער קאַמף אַרום זייַן ירושע צעפּלאַקערט מיט אַ נייַעם קויעך.

מיט דער האַסקאָמע פון דער גייַסטלעכער יעראַרכיע זייַנען אין דער שטאָט מאָנעליע די געפונענע אין ייִדישע הייַזער עקזעמפּלאַרן פון „מוירע נעוווּכים" עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן אין 1233. אַן ענלעכער מישפּעט קומט פאָר אין פּאַריזש, ווו, לויט דער מעסוירע, איז דער שייַטער אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ ליכט, וואָס מ'האָט געבראַכט פון אַ קאַטוילישער קירך.

ניט געקוקט אויפן אומקום פון אַ גרויסער צאָל מייַמאָנידס שריפטן, זייַנען זייַנע אידייען דערגאַנגען צו אונדזערע טעג. צום 800-טן טאָג פון זייַן געבוירן (אין 1935) איז אויפן ראָג פון אַ קאָרדאָווער גאַס געשטעלט געוואָרן אַ בראָנזענער ביוסט פונעם ראַמבאַם מיט אַן אויפשריפט: „דאָ איז אויסגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון מוישע בען מייַמאָן, אַ ייִדישן דאָקטער און פילאָסאָף, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין 1135 אין דער בליונגסטקופע פון דער שטאָט".

אונדזער קאָסמאָס-ווינקל

וויקטאָר מיטראָשענקאָוו

דאָס יאָר 1964

(פֿונעם בוך „די ערד אונטערן הימל״)

דעם 28־טן יול.

גאַגאַרין האָט זיך גענומען לייענען אַנדרע מאָרואַס בוך „פּראָמעטיי אָדער באַלזאַקס לעבן".

„צי איז באַלזאַק געווען אַ רעוואָלוציאָנער?" — האָט גאַגאַרין געלייענט. — אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פֿון אַ בורזשואַזער מישפּאָכע פֿונעם קוואַרטאַל מאַרע, באַליבט בײַ די פֿרויען פֿון דער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט, איז ער ניט געווען קיין אָנהענגער פֿון ראַדיקאַלע רעפֿאָרמען. ער פֿאַרורטיילט די עקסטרעמע אָנשווּנגען סײַ פֿון די רעכטע, סײַ פֿון די לינקע פּאַרטייען. אין זײַן אָפּהאַנדלונג „סצענעס פֿונעם פּריוואַטן לעבן" באַדויערט ער די אומזיניקע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די רעפּובליקאַנער און באָנאַפּאַרטיסטן. יעדער מין צוויִעס איז אים דערווידער..."

גאַגאַרינען איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין אַזאַ אָפּשאַצונג פֿון דעם גרויסן שרײַבער. ער האָט זיך אומגעקערט צום איבערגעלייענטן, קעדיי בעסער באַגרײַפֿן באַלזאַקס שווערן גורל.

דעם מענטשנס נעשאָמע איז קאָסמישער באַגריף? אין קאָסמאָס איז אַלץ נײַ און אומגעווייגלעך. אַפֿילע בייסן פֿליִען אויף אַ פּאָשעטן אַעראָפּלאַן טרעפֿן זיך האַלוצינאַציעס, איליוזיעס פֿון פֿאַרקערטע טווּנגען, וועלכע זײַנען אין סטירע מיט דער געווײנלעכער אופֿפֿאַסונג, מיט די נאַטירלעכע שפּירונגען.

ווען גערמאַן טיטאָוו האָט זיך געפֿונען אין צושטאַנד פֿון וואָגלאָזיקײַט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער טאָוול מיט די מעסט-אינסטרומענטן האָט זיך איבערגערוקט און האָט פֿאַרנומען אַן אָרט איבערן קאָפּ אין דער קאַבינע. דער אַמעריקאַנער אַסטראָנאַווט קופּער האָט ניט געקאָנט געפֿינען דעם טאַש מיט די אינסטרומענטן, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער טאַש האָט איבערגעוואַנדערט אויף אַן אַנדער אָרט...

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער פֿאַרטראַכט פֿונעם בוך „די פּסיכאָלאָגיע און דער קאָסמאָס"...

דעם 29־טן יול.

זיך גענומען צונויפֿשטעלן אַ פּראָספּעקט פֿון דעם צוקינפֿטיקן בוך, דערווײַל — אַ ניט-סיסטעמאַטישע פֿאַרצייכענונג פֿון די פּראָבלעמען, וועלכע דאַרפֿן באַהאַנדלט ווערן: די רעטעניש פֿון שטילקײַט, די אַזויגערופֿענע „טויטע וועלט", די גרענעצלאָזע רוימען פֿונעם אוניווערס, דער מענטש איבער דער פּלאַנעטע, דער מענטש און די אַלוועלט, די דערקענטעניש פֿון דער אומענדלעכקײַט.

„דער קאָסמאָס לאָזט זיך באַהערשן נאָר פֿון שטאַרקע מענטשן, — האָט גאַגאַרין געשריבן, — שטאַרקע פֿיזיש און גײַסטיק (איבערגעלייענט און באַלד פֿאַריכט — גײַסטיק און פֿיזיש). אַקשאָנעס, מעסירעסנעפֿעשדיקע איבערגעבנקײַט זײַנען אומבאַדינגט נייטיק (און שטאַנדהאַפֿטיקײַט פֿון דער פּסיכיק טאָר מען אויך ניט פֿאַרגעסן)..."

העמשעך. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8.

ער האָט פאַרענדיקט לייענען מאַרואַס בוך. עטלעכע טעג געווען אונטערן אײַנדרוק פון דעם איבערגעלייענטן, זיך ניט געקענט נעמען לייענען אַן אַנדער בוך.

דעם 3־טן אווגוסט.

לויט דער באַקאַשע פון דער רעדאַקציע פון „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ” אָנגעשריבן דאָס אַרטיקל „דער פּלאַם פּלאַקערט!”. ער האָט דאָרט געשריבן: „אַז איר ווילט, איז דאָס די כאַראַקטעריסטיק פון יעדן פּליִער, ווײַל אין דער נעשאָמע פון יעדן סאָוועטישן פּליִער ברענט דער פּלאַם פון גרייטקײַט צום העלדנטאַט, די שטרעבונג צו נײַע הייכן פון מײַס־טערשאַפט.

וואָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פונעם פּליִער? ליבע צו זײַן פּראָפעסיע, הויכע קאָמו־ניסטישע אידייִשקײַט, מוטיקײַט. ווער עס פאַרמאָגט ניט די דאָזיקע אייגנשאַפטן, קאָן קיין פּליִער ניט זײַן.

דעם 4־טן אווגוסט.

געקויפט דאָס יאָרבוך פונעם זשורנאַל „וועלט־עקאָנאָמיק און אינטערנאַציאָנאַלע באַ־ציִונגען. די מענטשן און די פּאָליטיק”, מיט אינטערעס געלייענט די ביאָגראַפיעס פון פּאָליטישע טוער פון פאַרשיידענע לענדער.

אין אָוונט געאַרבעט באַם צונויפשטעלן דעם פּלאַן פון זײַן בוך. ער האָט נאָך ניט געוווּסט, וואָס פאַר א מין בוך עס וועט זײַן, נאָר די אידעע האָט אים פאַרכאַפּט. אין א בריוו צו פּאָפּאָוויטשן האָט ער געשריבן, אַז דורכטראַכטנדיק באַזונדערע קאַפּיטלען, גע־פינט ער פיל זאַכן, וועלכע זײַנען נאָך ניט געזאָגט געוואָרן. טיילמאָל, — האָט ער גע־שריבן אינעם בריוו, — האָב איך דאָס געפיל פון אומזיכערקײַט: צי וועט זיך מיר אײַנ־געבן? נאָר דער פאַרלאַנג איז אַזוי גרויס, אַז איך וועל זיך באַמיִען אָפּצוזאָגן זיך פון קלייניקײַטן און דערפירן די אַרבעט ביז צום סאָף.

דעם 7־טן אווגוסט.

עס איז אָנגעקומען א טעלעגראַם פון קאַמאַנינען מיט דער באַקאָשע, ער זאָל איבע־רײַסן זײַן אורלויב און דרינגענד זיך אומקערן קיין מאָסקווע.

ער האָט באַשטעלט בילעטן אויפן אַעראָפּלאַן, אָנגעקלונגען אין פּיאָנער־לאַגער „וואָס־כאָד־1” און זיך אָפּגעשמועסט וועגן א באַגעגעניש פאַרן אָפּפליִען מיט די קינדער.

דער פּאָעט וולאַדימיר טורקין האָט אים פאַרבעטן קיין קאָקטעבעל אויף א שמועס מיט די ליטעראַטן. נאָכמיטאָג איז ער אַרויסגעפאָרן אין שרײַבער־הויז קיין קאָקטעבעל.

דעם 8־טן אווגוסט.

זיך באַגעגנט מיט די פּיאָנערן פונעם לאַגער „וואָסכאָד־1”. בײַגעווען אויף דער פײַער־לעכער „לינייקע”.

דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער האָט געמאָלדן, אַז דעם פּיאָנער־לאַגער „וואָסכאָד־1” ווערט צוגעייגנט דער נאָמען פון יו. א. גאַגאַרינען און אַז בײַ דער געלעגנהײַט וועט אין לאַגער געעפנט ווערן א מוזיי.

גאַגאַרין האָט געדאַנקט פאַרן קאָוועד. ער האָט אָנגעטאָן די האַלדזטיכער צען פון די בעסטע אָקטיאַבערלעך, וועלכע זײַנען אָנגענומען געוואָרן אין פּיאָנערן, דערנאָך איז פאָרגעקומען א גרויסער ספּאָרטיווער יאָמטעוו.

דעם 10־טן אווגוסט.

גאַגאַרין האָט איבערגעריסן זײַן אורלויב און זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. באַלד אָנגעקלונגען קאָראָליאָוון. זיך באַגעגנט מיט קאַמאַנינען.

דעם 12־טן אווגוסט.

אינעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן זײַנען געקומען צו פאָרן וויסנשאַפטלער, קאָנסטרוקטאָרן, אינזשעניערן. די געסט האָבן באַזוכט די טרענירונג־באַזע, געשמועסט מיט די מיטגלידער פון די עקיפּאַזשן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צום פלוג.

וועגן דער צוגרייטונג פון די עקיפּאַזשן צום פלוג האָבן באַריכטעט קוזנעצאָוו און גאַגאַרין. די קאָמיסיע האָט אַרויסגעוויזן א באַזונדערן אינטערעס צו קאָנסטאַנטין פעאָק־טיסטאָוון.

דעם 14־טן אווגוסט.

בײַגעווען אויף א באַראַטונג בײַ קאָראָליאָוון. עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן די סאַכאַק־לען פון דער צוגרייטונג פון די קאָסמישע שיפן „וואָסכאָד” און די פלוג־פּראָגראַמען.

די וויסנשאַפטלער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר צוגאָבלעכע פלוגן מיט מאַנעקענען אין אווגוסט־סעפּטיאַבער און באַשלאָסן נאָכן באַהאַנדלען די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע פלוגן באַשטימען די צײַט פאַרן פלוג פון די עקיפּאַזשן.

דעם 15־טן אווגוסט.

מיט דער דערלויבעניש פון קאמאנינען ארויסגעפאָרן אין דער לענינגראדער געגנט אויף יאגד. ס׳האָט זיך אים געוואָלט א 2—3 טעג סאַך זומער פארברענגען אין וואלד, ארומוואנדערן מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס, זיצן ארום שײַטערס צוזאמען מיט מענטשן, וועלכע האָבן וואָס צו דערציילן...

דעם 19־טן אווגוסט.

לויטן אופּטראָג פון צק פון קאָמסאָמאָל ארויסגעפלויגן קיין טאשקענט אפן אלפאר־באנדישן צוזאמענפלי פון די יונגע מעכאניזאטאָרן־בוימוואָלציכטלער.

דעם זעלבן טאָג זיך באגעגנט מיט די אוזבעקישע פּיאָנערן און זיי דערציילט וועגן דער ראָמאנטיק פון פליִען אינעם קאָסמאָס. די קאָמסאָמאָלצעס פון דער רעפּובליק האָבן אים געשענקט אן אוזבעקישן אטלאסענעם כאלאט און א ווײַס־שווארצע טיובעטייקע.

דעם 20־טן אווגוסט.

בײַגעווען אפן צוזאמענפלי פון די מעכאניזאטאָרן־בוימוואָלציכטלער. איבערגעגעבן א גרוס „די קאפּיטאנען פון די בלויע שיפן פון די קאָסמישע קאראַ־וועלעס”. זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן פון די שמועסן מיט די יונגע בוימוואָלציכטלער. דערציילט, וויאַזוי עס לעבן די קאָסמאָנאווטן, אויסגעדריקט זײַן איבערצײַגונג, אז די קאָנ־סטרוקטאָרן וועלן שאפן נײַע שיפן, אויף וועלכע אויך די אָנוועזנדע אין זאל וועלן דורכמאכן אינטערפּלאנעטארע רײַזעס.

דעם 30־טן אווגוסט.

באגלייט קאראַליאָוון קיין בײַקאָנור. סערגיי פּאוולאָוויטש איז געווען אין א גוטער שטימונג, פיל געשפּאסט, דערציילט קאַלערליי קוריאָזן וועגן זײַן לעצטן אורלויב. בײַסן געזעגענען זיך געזאָגט, אז ער וועט מיט אומגעדולד ווארטן, גאגארין זאָל קומען אפן קאָסמאָדראָם.

דעם 1־טן סענטיאבער.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים אין דער אקאדעמיע. א פײַערלעכער טאָג. באלד נאָך דער רעדע פונעם נאטשאַלניק פון דער אקאדעמיע איז געווען די ערשטע לעקציע. נײַע קאָנספּעקטן, נײַע לערנביכער...

דעם 3־טן סענטיאבער.

מע האָט געקלונגען פון פעאָדאָסיע וועגן דעם גאנג פון די אויספּרוּוון פון דער שיף „וואָסכאָד”. מע האָט זי געלאָזט זיך אראָפּזעצן אפן וואסער מיט א פּאראשוט.

די ארבעט גייט אין א גיכן טעמפּ, כאָטש עס זײַנען פאראן שוועריקײַטן, קאָמפּלי־קאציעס, קאָנסטרוקטאָרישע כעסרוינעס, וועלכע מע דארף באלד באזײַטיקן.

דעם 5־טן סענטיאבער.

געווען אויף די בוי־אָביעקטן אין זוויאָזדני, געשמועסט מיט די בויער, זיי געבעטן זיך צוײַלן, פאַרענדיקן ביז ווינטער דעם טרענאזשנע קאָרפּוס און די שול־געבײַדע.

דעם 7־טן סענטיאבער.

אָנגעקלונגען קאמאנינען און אים דערציילט, אז ס. פּ. קאָראָליאָוו האָט איבערגעריסן די אויספּרוּוון פון דער שיף און זי אוועקגעשטעלט אויף רעמאָנט. ער האָט אויך מיטגע־טיילט, אז קיין בײַקאָנור איז קאָראָליאָוו ארויסגעפלויגן אײנער אליין, אָן די קאָסמאָ־נאווטן.

קאמאנין האָט געבעטן האלטן צוגעגרייט צום באלדיקן ארויספליִען אפן קאָסמאָדראָם.

דעם 9־טן סענטיאבער.

באגלייט קאמאנינען קיין בײַקאָנור. אויספירלעך באהאנדלט מיט אים אייניקע אקטו־עלע פראגעס. ניקאָלײַ פּעטראָוויטש האָט געבעטן גאגארינען, ער זאָל ווידמען מער צײַט די לימודים אין דער אקאדעמיע, ווײַל די פאָרשטייענדיקע פלוגן קאָנען פאָרקומען בײַס דער ווינטערדיקער סעסיע.

גאגארין האָט צוגעזאָגט אויסצופילן אלץ ווי מע דארף, געבעטן א דערלויבעניש ארויסצופאָרן אויף 2־3 טעג אין סמאָלענסקער געגנט צו די עלטערן און אין שײַכעס מיט זײַנע פליכטן אלס דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסשר.

דעם 11־טן סענטיאבער.

געווען אויף דער טרענירונג פון די עקיפּאזשן, דורכגעפירט א פאָרלויפיקע צוגרייטונג לויט דער פּראָגראם פון די פלוגן אויף די טראנספּאָרטיר־אעראָפּלאנען.

דער אינסטרוקטאָזש האָט אַרויסגערופן אַ מונטערע שטימונג בא די קאָסמאָנאַווטן. אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אַף די פֿלוגן אין די שווערע אַעראָפּלאַנען.

דעם 12-טן סענטיאַבער.

די בויער האָבן פֿאַרבעטן גאַגאַרינען, ער זאָל קומען באַקוקן דאָס ערשטע וווין-הויז אין זוויאָזדני, וואָס איז שוין גרייט צום אָפּגעבן. דאָס הויז איז גאַגאַרינען געפֿעלן געוואָרן. ער האָט געדאַנקט די בויער און צוגעזאָגט אײַנאָרדענען אַ פֿײַערלעכן כאַנוקאַס-האַבאַיִס.

ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מען זיך געשפּאַרט וועגן דעם, וואָס נעמלעך מע דאַרף בויען אין זוויאָזדני. די ערד אין דעם דאַזיקן פּרעכטיק-שיינעם ווינקל הינטער מאָסקווע איז געווען פֿאַרוואַקסן מיט געדיכטע קוסטאַרניקעס. קיינער האָט אין מעשעך פֿון יאָרהונדערטער צו זיי זיך ניט צוגערירט. איצט איז די ערד אינגאַנצן צעגראָבן, די בולדאָזערס האָבן מיט זייערע אײַזערנע ציין זיך אַרײַנגעביסן אין פּרוכטבאַרן באָדן, די עקסקאַוואַטאָרס האָבן פֿאַרטיפֿט די טראַנשייען, זיך דערגראָבן צו די וואַסער-קוואַלן.

דעם 20-טן סענטיאַבער.

גאַגאַרין, כרונאָוו און בעליאַיעוו זײַנען אַרויסגעפֿלויגן אַפֿן קאָסמאָדראָם. נ.פּ. קאַמאַנין האָט באַגעגנט די קאָסמאָנאַווטן און צעטיילט צווישן זיי די ראָלן באַם באַקאַנען די מיטגלידער פֿון דער מעלוכישער קאָמיסיע מיט דער טעכניק.

ניקאָלײַ פּעטראָוויטש האָט געזאָגט, אַז אינגיכן וועט באַשטימט ווערן די גענויע דאַטע פֿונעם אַרויסשיקן די שיף „וואָסכאָד", און אַז עס איז נייטיק אין אָט די טעג צו זײַן מיט די עקיפּאַזשן.

דעם 24-טן סענטיאַבער

די מיטגלידער פֿון דער מעלוכישער קאָמיסיע האָבן זיך באַקאַנט מיט דער נײַער טעכניק. גאַגאַרין האָט געענטפֿערט אַף אַלע פֿראַגעס און, פֿון זײַן זײַט, אויך געהאַט וואָס צו פֿרעגן.

דעם 28-טן סענטיאַבער

אײנעם מיט קאַמאַנינען האָט גאַגאַרין באַגעגנט די צוהערער-קאָסמאָנאַווטן. ג. בערעגאָוואָיען, א. פֿיליפּטשענקאָ, ג. דאָבראָוואָלסקין, וו. זשאָלאָבאָוון, אַל. גובאַריאָוון, וועלכע זײַנען אָנגעקומען קיין בײַקאָנור, האָט זיי אײַנגעאָרדנט אין דעם נײַעם האָטעל. אײַנאָוונט האָט קאַמאַנין געמאָלדן די פּראָגראַם פֿון די לימודים און געגעבן עטלעכע פּראַקטישע אייצעס.

דעם 29-טן סענטיאַבער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגולערע לימודים מיט די צוהערער-קאָסמאָנאַווטן. גאַגאַרין האָט די גאַנצע צײַט פֿאַרבראַכט מיט זיי. אײַנאָוונט האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש מיטגעטיילט, אַז אין צוזאַמענהאַנג פֿון זײַן פּרויס קראַנקהײַט און דער פֿאַרשטייענדיקער אָפּעראַציע, וועט ער אַף 2-3 טעג אַרויספֿליִען קיין מאָסקווע. ער האָט געבעטן אָפּלייגן אַף שפּעטער אייניקע אַרבעטן מיט זײַן אָנטייל.

דעם 1-טן אָקטיאַבער.

גאַגאַרין איז אַרויסגעפֿלויגן קיין מאָסקווע. די מעלוכישע קאָמיסיע האָט באַגיטיקט די פּלאַנעווע פֿאַרגעבונגען פֿאַרן פֿלוג און דערלויבט אַרויסצורופֿן די עקיפּאַזשן אַפֿן קאָסמאָדראָם.

דעם 5-טן אָקטיאַבער

די מעלוכישע קאָמיסיע האָט באַשלאָסן דעם 6-טן אָקטיאַבער אַרויסצושיקן די קאָסמישע שיף „וואָסכאָד" מיט אַ מאַנעקען אַפֿן באָרט.

דעם 6-טן אָקטיאַבער.

גאַגאַרין איז בײַגעווען אַף דער זיצונג פֿון דער מעלוכישער קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט 7 אזייגער אינדערפֿרי.

דעם אַרויסלאָז האָט מען באַשטימט אַף 10 אזייגער.

גאַגאַרין האָט זיך באַגעגנט מיט קאָראָליאָוון און צוזאַמען מיט די קאָסמאָנאַווטן פֿון די עקיפּאַזשן פֿונעם אָרדנטלעכן סטאַרט און מיט די קאָסמאָנאַווטן-צוהערער זיך אײַנגעאָרדנט אַף דעם אָבסערוויר-פּונקט.

דעם 7-טן אָקטיאַבער.

7 אזייגער אינדערפֿרי האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג פֿון דער לאַנדונגס-קאָמיסיע אין באַשטאַנד פֿון גאַגאַרינען, ניקאָלײַעוון, קוזנעצאָוון, קאַרפּאָוון. מע האָט באַשלאָסן אַראָפּצוזעצן די שיף אַפֿן 17-טן וויקל-קרײַז. די לאַנדונג פֿון דער שיף איז פֿאָרגעקומען אין באַשטימטן ראַיאָן.

די מעלוכישע קאָמיסיע האָט הויך אָפּגעשאַצט די אַרבעט פון אַלע סיסטעמען און באַשטעטיקט די דאַטע פון אַרויסשיקן די שיף אין קאָסמאָס — דעם 12-טן אָקטיאַבער.

דעם 9-טן אָקטיאַבער.

4 אזייגער באַטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די פּרעסע-קאָנפערענץ מיט די קאָרעספּאָנדענטן פון די מאָסקווער צײַטונגען. דערנאָך — א באַראַטונג פונעם מעדפּערסאָנאַל, אויף וועלכער ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן דער טעגלעכער רעזשים פאַרן עקיפּאַזש און די מאָסמיטלען אין פאַל פון א געצוווּנגענער לאַנדונג פון דער שיף.

דעם 10-טן אָקטיאַבער.

5 אזייגער באַטאָג האָט אָנגעהויבן אַרבעטן די מעלוכישע קאָמיסיע. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן די פירנדיקע קאָנסטרוקטאָרן. קאַמאַניןָ האָט ראַפּאָרטירט וועגן דער גרייטקייט פון די עקיפּאַזשן. די שיף וועט אַרויסגעלאָזט ווערן 10 אזייגער מיט 30 מינוט דעם 12-טן אָקטיאַבער. דער באַשטאַנד פונעם עקיפּאַזש: קאָמאַנדיר פון דער שיף — פּאָדפּאָלקאָווניק וו. קאָמאַראָוו, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער — ק. פעאָקטיסטאָוו, דער דאָקטער — ב. יעגאָראָוו.

דעם 12-טן אָקטיאַבער.

8 אזייגער אינדערפרי איז גאַגאַרין בײַגעווען אויף דער זיצונג פון דער מעלוכע-קאָמיסיע ערעוו דעם סטאַרט. באַלד נאָך דער זיצונג איז גאַגאַרין אַרויסגעפאָרן צום עקיפּאַזש און מיט אים געשמועסט עטלעכע מינוט. 10 מינוט נאָך 10 איז ער ווידער געקומען צופאָרן צום סטאַרט.

עס איז געווען אויסטערליש צו זען די קאָסמאָנאַווטן, גייענדיק צום סטאַרט אָן סקאַפאַנדרען. גאַגאַרין האָט זיך געזעגנט מיטן עקיפּאַזש און איז אַוועק אויפן קאָמאַנדע-פונקט.

בייסן 14-טן וויקל-קרײַז, ווען די קאָסמישע שיף איז געפלויגן איבער יאַפּאַניע, האָבן די קאָסמאָנאַווטן אַרויסגעשיקט א באַגריסונג דער אָלימפּישער קאָמאַנדע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין טאָקיאָ אַלס אָנטיילנעמער פון די אַכצנטע אָלימפּישע זומער-שפּילן:

„אונדז האָט מען אָנפאַרטרויט דעם אָלימפּישן ווימפּעל, מיר זאָלן אים טראָגן איבער דער גאַנצער וועלט. מיר וועלן זיך סטאַרען וואָס שנעלער אים איבערשיקן אײַך קיין טאָקיאָ.

מיר ווינטשן דערפאָלג אַלע אָנטיילנעמער פון די אָלימפּישע שפּילן.

קאָמאַראָוו, פעאָקטיסטאָוו, יעגאָראָוו".

דעם 13-טן אָקטיאַבער.

8 אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג פון דער לאַנדונגס-קאָמיסיע. די שטימונג איז באַ אַלעמען געווען א געהויבענע. מע האָט באַשלאָסן אַראָפּצוזעצן דעם עקיפּאַזש נאָכן 17-טן וויקל-קרײַז.

די שיף „וואָסכאָד" האָט דערפאָלגרײַך אויסגעפילט די פאַרגעבונג. לויט דער קאָמאַנדע פון דער ערד איז זי אַראָפּ פון דער אָרביטע און 10 אזייגער 47 מינוט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד 312 קילאָמעטער צאָפן-מיזרעכדיקער פון קוסטאַנײַ.

אויפן אַעראָדראָם איז פאָרגעקומען א מיטינג. אין זײַן באַגריסונגס-רעדע האָט גאַגאַרין געזאָגט: „צי באַגרײַפן מיר שוין הײַנט, אַז עס איז געקומען די צײַט פאַר דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון די פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן וועגן שאַפן אויסערערדישע וויסנשאַפטלעכע סטאַנציעס און אָבסערוואַטאָריעס, אָרגאַניזירן קאָסמישע רײַזעס פונעם מענטשן צו דער לעוואָנע, צו ווענערע, מאַרס און אַנדערע פּלאַנעטן פון דער זון-סיסטעם. מיר זײַנען אַלע אויספּרוּוולער, יעדן איינעם פון אונדז שטייט פאָר צו זײַן דער ערשטער אויף א געוויסן געביט. א נײַע שיף, נײַע אויסשטאַטונג, א נײַע אויספאָרשונגס-פּראָגראַם... יעדער פּירט דורך זײַן עקספּערימענט, יעדער טוט עפּעס דאָס ערשטע מאָל, און ער טוט עס ניט קעדיי באַרימט צו ווערן, ניט געטריבן פון די ווינטן פון ראָמאַנטיק. ער טוט עס לעטוווּעס דער מענטשהײַט. אָט האָט זיך איצט פאַרענדיקט נאָך איין עטאַפּ"...

דעם 14-טן אָקטיאַבער.

מיט א ספּעציעלן רייס איז אויפן קאָסמאָדראָם צוגעשטעלט געוואָרן אַן עקסטראַ-נומער פונעם זשורנאַל „די אַוויאַציע און די קאָסמאָנאַטיק". אין זשורנאַל איז געווען פאַרעפנטלעכט גאַגאַרינס אַרטיקל „אויפן סטאַרט געפינען זיך דרײַ מענטשן".

דעם 19-טן אָקטיאַבער.

באַגעגנט קאָמאַראָוון, פעאָקטיסטאָוון און יעגאָראָוון אויפן ווּנוקאָווער אַעראָדראָם.

4 אזייגער נאָכמיטאָג בײַגעוועזן אפֿן מיטינג אפֿן רויטן פּלאַץ. 5 אזייגער אָנטײלגענומען אינעם אופֿנאַם פֿון די העלדן פֿונעם קאָסמאָס אין קרעמל.

געגעבן א אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צענטראַלער טעלעוויזיע, דערציילט וועגן דער וויסנשאַפֿטלעכער ווערט פֿון די קאָסמישע עקספּערימענטן.

דעם 24-טן אָקטיאַבער.

לויט דער פּראָגראַם „וויכאָד" (ארויסגאַנג) גרייטן זיך צוויי עקיפּאַזשן: בעליאַיעוו — לעאָנאָוו און גאָרבאַטקאָ — כרונאָוו. גאַגאַרין איז בײַגעווען בײַ די טרענירונגען. די עקיפּאַזשן האָבן געאַרבעט אויסגעצייכנט.

קאָראָליאָוו האָט אַנגעקלונגען און זיך אינטערעסירט, וואָזוי עס גייט די צוגרייטונג צום פֿלוג, וועלכער וועט, ווי ער האָפֿט, פֿאָרקומען אין נאָיאַבער.

יורי אַלעקסייעוויטש האָט געשטיצט קאָראָליאָוון אין אײַנשטעלן דעם טערמין. די עקיפּאַזשן זײַנען אָבער נאָך ניט געווען אורלויב, זיך געפֿילט פֿאַרמאַטערט. כּוץ דעם, איז נאָך געווען וועגן וואָס זיך צו פֿאַרטראַכטן נאָכן פֿלוג פֿון „וואָסכאָד".

צום סאַך האָט מען זיך אײַנפֿאַרשטאַנען אָנצונעמען אן ענדגילטיקן באַשלוס וועגן די טערמינען פֿונעם פֿלוג אין דער קומענדיקער וואָך.

דעם 27-טן אָקטיאַבער.

נ. פּ. קאַמאַנין האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" זײַן אַרטיקל „פֿון "וואָסטאָק" ביז „וואָסכאָד", אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„די סעריע פֿון 6 שיפֿן, וועלכע זײַנען ארויסגעלאָזט געוואָרן אינעם פּעריאָד 1961—1963, האָט רעאַליזירט א ברייטע פּראָגראַם. אויב גאַגאַרינס פֿלוג איז געווען די ערשטע פּראָבע, טיטאָווס פֿלוג — א טיפֿע אויספֿאָרשונג, דער פֿלוג ניקאָלײַעוו-פּאָפּאָוויטש — נאָך א שריט פֿאָרויס, איז דער פֿלוג פֿון ביקאָווסקין און טערעשקאָווא א קוואַליטאַטיווער אויפֿטו לויט דעם דויער פֿון געפֿינען זיך אין קאָסמאָס און לויט די וויסנשאַפֿטלעך-פֿאָרשערישע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען געלייזט געוואָרן"...

דעם 28-טן אָקטיאַבער.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די מיטגלידער פֿון די עקיפּאַזשן, וועלכע אַרבעטן לויט דער פּראָגראַם „וויכאָד" (ארויסגאַנג), זאָלן באַקומען אורלויב פֿונעם 29-טן אָקטיאַבער און אַז זייער פֿלוג זאָל אָפּגעלייגט ווערן אפֿן ערשטן קוואַרטאַל פֿון 1965. גאַגאַרינען ווערט דערלויבט פֿאַרצוזעצן זײַן איבערגעריסענעם אורלויב פֿונעם 1-טן נאָיאַבער.

קאַמאַנין האָט מיטגעטיילט וועגן דעם באַשלוס פֿון דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע פֿון פּססר דורכצופֿירן אין דעקאַבער א וויסנשאַפֿטלעכע קאָנפֿערענץ וועגן די קאָסמישע אויספֿאָרשונגען און געבעטן גאַגאַרינען און פּאָפּאָוויטשן צו זײַן גרייט ארויסצוטרעטן אף די פּלענאַרע זיצונגען.

דעם 31-טן אָקטיאַבער.

קאָנסטאַנטין פֿעדין האָט אײַנגעלאַדן גאַגאַרינען, ער זאָל קומען אין צענטראַלן הויז פֿון די ליטעראַטן. צוזאַמען מיט גאַגאַרינען זײַנען געקומען וו. קאָמאַראָוו, ק. פֿעאָקטיסטאָוו און ב. יעגאָראָוו.

אף דער דאָזיקער באַגעגעניש זײַנען ארויסגעטראָטן קאָרניי טשוקאָווסקי, באָריס פּאָלעוואָי, איוואַן ראַכילאָ. זיי האָבן דערציילט וועגן דער טעטיקייט פֿונעם שרײַבער-פֿאַריין פֿון פּססר, וועגן די פּלענער פֿון די שרײַבער צו שאַפֿן ווערק אף קאָסמישער טעמאַטיק.

די קאָסמאָנאַווטן האָבן אין זייערע ארויסטרעטונגען דערציילט וועגן די סאַכאַקלען פֿונעם פֿלוג פֿון דער שיף „וואָסכאָד", וועגן דעם לעבן פֿונעם אָטריאַד קאָסמאָנאַווטן.

דעם 1-טן נאָיאַבער.

גאַגאַרין איז ארויסגעפֿלויגן אף אָפּרו קיין סאָטשי. מיט אים צוזאַמען — ניקאָלײַעוו און טערעשקאָווא.

דעם 2-טן נאָיאַבער.

שפּעט זיך אופֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. באַשלאָסן דורכלאָזן דעם פֿרישטיק, זיך דורכשפּאַצירן אין שטאָט, און זיך גענומען אָנטאָן. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ווען ער האָט די טיר געעפֿנט, איז אף דער שוועל געשטאַנען א שלאַנק, כיינעוודיק מיידל מיט א טאַץ אין האַנט.

— א גוט מאָרגן, יורי אַלעקסייעוויטש, — האָט זי געזאָגט, — איר האָט נאָך ניט געפֿרישטיקט? האָבן מיר אײַך געבראַכט איבערצובײַסן.

גאַגאַרין האָט שמייכלענדיק מיט א ברייטן זשעסט זי פֿאַרבעטן אין צימער. דאָס מיידל

האָט אַלץ אוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, געווונטשן אַ גוטן אַפּעטיט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— איך בין גערירט פֿון אײַער זאָרג, — האָט גאַגאַרין געזאָגט, — נאָר פֿאַרוואָס ווילט איר אוועקגיין? לאָמיר פֿרישטיקן צוזאַמען.

דאָס מיידל איז שטיין געבליבן, זיך אויסגעדרייט צו גאַגאַרינען מיטן פּנים און העפֿלעך געענטפֿערט:

— איך דאַנק אײַך, איך האָב שוין געגעסן. — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און צוגעגעבן: כּוץ דעם, בין איך איצט אויף דער אַרבעט.

איז אַוודאי גוט, אויף צו אַרבעטן דאַרף מען האָבן קויער.

— נו, גוט, — האָט דאָס מיידל מאַסקים געווען. — איך וועל שטיין אָט דאָ, — און זי האָט פֿײַערלעך צוגעשפּאַנט צום טיש און זיך אוועקגעשטעלט הינטערן אַנגלען פּונעם בענקל.

גאַגאַרין האָט מיט נאַיוער פֿאַרווונדערטקייט אויף איר אַ קוק געטאָן:

— ניין, אַזוי טויג ניט. איר וועט זיך אוועקזעצן באַם טיש און פֿון אַלץ פֿאַרזוכן.

דער טעלעפֿאָן האָט אָנגעהויבן קלינגען, אָבער גאַגאַרין האָט אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט, ער האָט אַליין צעשטעלט די טעלער, אַ מינוט געהאַלטן אין דער האַנט די אייזיקע גאָפּל־מעסער, אַ טראַכט געטאָן, אוועקגעלייגט דעם גאָפּל אויף דער צווייטער זײַט טיש און פֿאַר זיך געלאָזט דאָס מעסער.

— יורי אַלעקסייעוויטש, עס קלינגט עמעצער, — האָט דאָס מיידל דערמאָנט וועגן טעלעפֿאָן.

— דאָס קלינגט מען ניט מיר, ס׳איז נאָך צו פֿרי. איר קענט זיך איבערצײַגן. ביטע, נעמט דאָס טרײַבל.

דאָס מיידל האָט אוועקגעשטעלט די טאַץ און פֿאַרזיכטיק גענומען דאָס טרײַבל.

— אַ גוט מאָרגן, יאָ, איך רוף אים שוין! זי האָט איבערגעגעבן דאָס טרײַבל גאַגאַרינען: — דאָס קלינגט מען אײַך.

גאַגאַרין האָט גענומען דאָס טרײַבל:

— איך הער אײַך, ניקאָלײַ פּעטראָוויטש. וואָס איך טו? איך קלײַב זיך עסן פֿרישטיק. קיין מאָסקווע זאָגט איר? מיילע, דעם אָרלויב בין איך אײַך מוחל, נאָר מע דאַרף עפּעס אָפּעסן. וואָס הייסט איך האָב זיך צעקלאַפּט? איך בין געזונט און שטאַרק. נו, אויב דער אַעראָפּלאַן וואַרט שוין, פֿאָר איך גלײַך אַרויס.

גאַגאַרין האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און פֿאַרשײַט אַ קוק געטאָן אויפֿן מיידל:

— און איך דאַרף דרינגענדיק אַרויספֿליען קיין מאָסקווע. פֿרישטיקן, טײַער מיידל, וועט איר שוין אָן מיר, און איך וועל אָפּעסן אין אַעראָפּלאַן...

— וואָס הייסט פֿליען? איר זײַט דאָך אין אָרלויב.

— מײַן אָרלויב האָט זיך געענדיקט. איך מוז אומבאַדינגט זײַן אין מאָסקווע. עס האָבן זיך דאָרט פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז איך בין צעשעדיקט געוואָרן אין אַן אויטאָקאַטאַסטראָפֿע...

דעם 3־טן נאָיאַבער.

אין מאָסקווע האָט קאַמאַנין אים געמאָלדן וועגן דער פֿאַרשטייענדיקער פֿײַערלעכער עפֿענונג פֿונעם מאָנומענט „קאָסמאָס" אויפֿן פּלאַץ פֿון דער אויסשטעלונג פֿון די דערגרייכונגען פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט און וועגן דעם באַשלוס פֿון דער רעגירונג אײַנצולאַדן אַלע קאָסמאָנאַווטן צו דער אַנטהילונג.

דעם 4־טן נאָיאַבער.

4 אַזייגער באַטאָג האָט זיך געעפֿנט דער מיטינג באַם דענקמאָל „קאָסמאָס". עס זײַנען אַרויסגעטראָטן דער אַקאַדעמיקער קעלדיש, דער אַרבעטער קליוייעוו און דער קאָסמאָנאַווט גאַגאַרין.

דעם 12־טן נאָיאַבער.

גאַגאַרין איז אײַנגענעם מיט דער מישפּאָכע אַרויסגעפֿליגן קיין סאָטשי אויף אָפּרו. זיך באַגעגנט מיט קאַמאַנינען און אים אינפֿאָרמירט וועגן זײַנע באַגעגענישן אין דער ווײַסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּסחר און וועגן די שמועסן מיט ס. פּ. קאָראָליאָוו.

דעם 14־טן נאָיאַבער.

אין דער אויסלענדישער פּרעסע באַווײַזן זיך אָפֿטע ידיעות וועגן מעגלעכע קאָנטאַקטן מיט אײַנוווינער פֿון באַפֿעלקערטע פּלאַנעטעס, וועלכע עקזיסטירן אין וועלטאַל. יורי אַלעקסייעוויטש האָט אין סאָטשי זיך פֿאַרנומען מיט לייענען מאַטעריאַלן וועגן די נײַע

היפּאַטעזעס, זיך איבערצײַגט, אַז זיי זײַנען גאָרניט אַזוי נײַ. וועגן דער עקזיסטענץ פֿון באַוווינטע פּלאַנעטעס האָט נאָך ציאָלקאָווסקי געשריבן.

דעם 16-טן נאָיאַבער.

פּאַראַלגעמײנערנדיק גרויסע סאַכאַקלען פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר אינעם אויספֿאָרשן דעם קאָסמישן רוים, האָט יורי אַלעקסייעוויטש פֿאַרשריבן אייניקע געדאַנקען.

„קיין ראָמאַנטיקער פֿעלן ניט צווישן די קאָסמאָנאַווטן, נאָר איצט ווייסן שוין אַלע, אַז דער וועג אין קאָסמאָס איז ניט אויסגעשפּרייט מיט רויזן און אַז די, וועלכע האָבן זיך געלאָזט גיין אויף דעם וועג, זײַנען ניט קיין פֿאַנאַטיקער, ניט קיין ראָבאָטן, ניט קיין שרײַפֿעלער און רעדלעך אינעם קאָסמישן מעכאַניזם, נאָר געוויינטלעכע לײַט מיט אַ שטאַרקן ווילן. יעדער איינער פֿון זיי פֿאַרמאָגט עפּעס זײַנס אייגנס, אָריגינעלס"...

„דער מענטשלעכער פֿאַרנונפֿט האָט אַנטדעקט פֿיל זעלטענע זאַכן אין דער נאַטור. אים שטייט פֿאָר צו אַנטדעקן נאָך מער, און מיט דעם גופֿא וועט ער פֿאַרגרעסערן זײַן מאַכט איבער דער נאַטור". וו. אי. לענין.

די אידיי אָנצושרײַבן אַ בוך האָט ווידער פֿאַרכאַפּט גאַגאַרינען, ער טראַכט וועגן דער סטרוקטור פֿונעם בוך, וועגן זײַן קאָמפּאָזיציע, און ער מאַכט פֿאַרנאָטירונגען.

„איז דער קאָסמאָס אַן אייביקער סאָד אין די רוימען פֿונעם וועלט-באַשאַף, אַ שטאַפּל צו דער אינטערפּלאַנעטאַרער הערשאַפֿט?

דזשאָן קענעדי, דער פּרעזידענט פֿון פּשא האָט געהאַט געזאָגט: „די מעלוכע, וועלכע וועט קאָנטראָלירן דעם קאָסמאָס, וועט אויך קאָנען קאָנטראָלירן די ערד".

„מיר שטרעבן צו באַהערשן דעם קאָסמאָס, — האָט קימאַט אין דער זעלבער צײַט געשריבן דער אַמעריקאַנער גענעראַל ריטלענד, — ניט דערפֿאַר ווײַל ער באַצויבערט אונדז, נאָר ווײַל דאָס איז אַ פּלאַצדאַרם, ווו מע קאָן דורכפֿירן סטראַטעגישע אַקציעס פֿון גוואַלדיקער עפֿעקטיווקײַט".

אַ ניט-קאַמופֿלירטער קרעדאָ פֿון אַ פּאָליטיקער און מיליטאַריסט"...

דעם 20-טן נאָיאַבער.

נאָכן פֿרישטיק אַרויסגעפֿאָרן אויף פֿישפֿאַנג. מעווינים-פֿישער האָבן פֿאַרגעלייגט אָרגאַניזירן אַן אַרויספֿאָר צו כאַפּן פֿאָרעלן אויפֿן שוואַרצן טײַכל.

דעם 22-טן נאָיאַבער.

קאַמאַנין האָט אינפֿאָרמירט גאַגאַרינען וועגן דער גרויסער צאָל אײַנלאַדונגען, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פֿון די קאָלעקטיוון פֿון די אַרטיקע אָרגאַניזאַציעס. מע האָט זיך געהאַלטן אַן אייצע און באַשלאָסן זיך באַגעגענען מיט די אַרבעטער פֿונעם היגן מעכאַנישן זאַוואָד, אויך פֿאָרן אויף אַ באַזוך אין איינעם פֿון די קאָלווירטן.

דעם 3-טן דעקאַבער

איינער אַ זשורנאַל, וועלכער איז אָנגעקומען אין דער אַרטיקער ביבליאָטעק, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט גאַגאַרינס אַ שמועס מיט זשורנאַליסטן בעשאַס זײַן רײַזע קיין שוועדן:

— צי האָט איר באַהערשט דאָס געפֿיל פֿון שרעק בײַם פֿליען?

— ס'איז ניטאָ אַזאַ מענטש, וועלכער זאָל ניט זײַן אונטערגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן צושטאַנד. נאָר עס זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען גענוג גײַסטיק שטאַרק גרייוועד צו זײַן די שרעק.

— ווי אַזוי זעט אויס די ערד?

— אויסערגעוויינלעך שיין. די יאַמען, די גרויסע אָזערעס, די באַרג-רוקנס זעט מען דײַטלעך אָן. מײַן כאַווער ביקאָווסקי האָט דערציילט, אַז בײַס זײַן פֿלוג איז ער עטלעכע מאָל געפֿלויגן איבער שוויץ. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיק בילד. באַנאַכט זעט מען באַזונדערס דײַטלעך די גרויסע שטעט מיט זייערע בלישטשענדיקע פֿײַערן...

— ווער איז אײַער באַליבטער קאָמפּאָזיטאָר?

— טשײַקאָווסקי.

— וואָס וואָלט איר געפֿילט, ווען עס וואָלט אײַך אַ קוש געטאָן סאָפֿי לאָרען? דאָס זעלבע וואָס איר, פֿאַרשטייט זיך, אויב זי וואָלט באַוויליקט אײַך צו קושן, — האָט באַ אַלגעמיינעם געלעכטער געענטפֿערט גאַגאַרין.

— צי פֿאַרדינט איר אַ סאַך געלט? צי לוינט זיך צו זײַן אַ קאָסמאָנאַווט?

— אויב עס גייט אַ רייד וועגן געלט, קען איך אײַך קאַטעגאָריש ענטפֿערן: עס איז ניט קעדײַ.

דעם 9-טן דעקאַבער.

אַנטיילגענומען אין דער אַרבעט פון דער 5-טער סעסיע פונעם איבער-סאָוועט פססר פונעם זעקסטן צונויפרוף.

אינאָוונט געשמועסט מיט זײַנע סמאָלענסקער לאַנדסלײַט.

דאָס יאָר 1965

דעם 1-טן יאַנואַר.

דער טראַדיציאָנעלער באַל-קאַרנאַוואַל האָט זיך באַקומען ניט אַזוי גרויסאַרטיק, ווי עס האָבן געוואָלט די אָרגאַניזאַטאָרן. ס'האָט געדונערט די מוזיק, און מע האָט פֿיל געטאַנצט. קיין קאָנצערט-נומערן האָבן אויך ניט געפֿעלט. עס איז געווען צוגעגרייט אַ ספּעציעלע נײַ-יאָר-פּראָגראַם. און דאָך האָט מען גערעדט צווישן זיך, אַז עס פֿעלן „קאָסמישע מאָטיוון".

יורי אַלעקסייעוויטש האָט באַגריסט זײַנע קאָלעגן מיטן נײַעם יאָר, געווּנטשן זיי נײַע קאָסמישע סטאַרטן.

ער האָט באַזוכט דעם נאַטשאַלניק פֿון צצק (צענטער פֿאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן) אינדערהיים, געשמועסט מיטן פּאָלקאָווניק נאַזאַר מאַרטעמיאַנאָוויטש טראָפּימאָוו, דעם עלטסטן פּאָליטישן טוער פֿונעם צענטער, וועלכער האָט אין עטלעכע טעג אַרום געדאַרפֿט פֿאַרנעמען אַ נײַעם אַמט, געווּנטשן אים דערפֿאָלג און געבעטן, ער זאָל ניט פֿאַרגעסן זייער בעשוטפֿעסדיקע טעטיקײַט.

נ. פּ. קאַמאַנין האָט צו וויסן געגעבן, אַז די פּרעסע-אַגענטור „נאָוואָסטי" האָט אים צוגעשיקט אַן אַרטיקל פֿון אַ בעלגישן פּראָפֿעסאָר און געבעטן עס קאָמענטירן. דער פּראָפֿעסאָר באַהויפּטעט, אַז די קאָסמישע סוויווע איז געפֿערלעך פֿאַרן מענטשנס לעבן און אַז אַלע קאָסמאָנאַווטן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אָרביטאַלע פֿליגן, מוזן איצט בײַקומען פּסיכאָלאָגישע שטערונגען. 5 מעסלעס פֿאַרברענגען אין קאָסמאָס, — באַהויפּטעט דער פּראָפֿעסאָר, — איז דאָס העכסטע, וואָס אַ מענטש קאָן זיך דערלויבן. קאַמאַנין האָט געראָטן ניט ענטפֿערן אויף דעם מיט ווערטער. — לאָמיר בעסער ענטפֿערן מיט מעשׂים.

גאַנצפֿרי האָט גאַגאַרין אַוועקגעשיקט אַ באַגריסונג די אַרבעטס-בריגאַדעס, אין וועלכע ער איז געווען פֿאַרעכנט. אַזעלכע בריגאַדעס מערן זיך פֿון כּוידעש צו כּוידעש. ערעוו דעם נײַעם יאָר האָבן זיי אונטערגעציִיגן אַ סאַכאַקל פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסטונג. אַוועקגעשיקט גאַגאַרינען אַ ראַפּאָרט וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן.

יורי אַלעקסייעוויטש האָט איבערגעקוקט די פּאָטשט און, ניט געפֿונען דאָרט די צײַטונג „פּראַוודאַ", האָט ער געבעטן זײַנע שכיינים, זיי זאָלן אים באָרגן דעם הײַנטיקן נומער אויף עטלעכע מינוט, קעדיי איבערצולייענען קאָראָליאָווס אַרטיקל „קאָסמישע ראַכוועסן". דער הויפּט-קאָנסטרוקטאָר האָט געשריבן וועגן די דערגרייכונגען אינעם אויספֿאָרשן דעם הימלישן רוים, זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף וו. קאָמאַראָווס, ק. פֿעאָקטיסטאָווס און ב. יעגאָראָווס פֿלוג אין דער שיף „וואָסכאָד", באַהאַנדלט די גלאָבאַלע אויפֿגאַבעס פֿון אויספֿאָרשן די פּלאַנעטעס פֿון דער זון-סיסטעם.

„דער גרענעצלאָזער קאָסמישער אָקעאַן, — האָט צום שלוס געשריבן ס. פּ. קאָראָליאָוו, — וועט אין די נאָענטסטע יאָרן ווערן איינער פֿון די וויכטיקסטע געביטן אינעם אָנווענדן די נײַסטע מענטשלעכע קענטענישן אויף פֿאַרשיידענע געביטן פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק, קעדיי די מענטשן זאָלן קענען אַרבעטן און אָפּרוען אין קאָסמאָס אין זיכערע געפֿאַרלאָזע באַדינגונגען. עס וואַרטן אויף אונדז נאָך גרעסערע קאָסמישע ראַכוועסן, וועלכע האָבן שוין פֿון לאַנג צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון דער מענטשהײַט. דאָס זײַנען אַנ-

דערע וועלטן, מעגלעך אנדערע לעבנס-פֿאָרמען, ווײַטע, אומבאַקאַנטע זונען מיט זייערע פּלאַנעטעס און סאַטעליטן״...

דעם 2-טן יאַנוואַר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שלוס-עטאַפּ אין דער צוגרייטונג פֿון די עקיפּאַזשן בע-ליא׳עוו-לעאָנאָוו און כרונאָוו-גאָרבאַטקאָ. ביידע עקיפּאַזשן זײַנען געווען צוגעגרייט צום ערשטן אין דער וועלט אַרויסגאַנג אין אָפֿענעם רוים, נאָר בעליאַיעוון און לעאָנאָוון האָט געגאַרין געהאַלטן פֿאַר מער צוגעפּאַסט צו אָט דער פּראָגראַם. ער האָט זיך אין דעם איבערצײַגט בײַ די טרענירונגען, ווען צוזאַמען מיט זיי האָט ער דורכגעמאַכט דעם פֿלי אויף אַן עראָפּלאַן „טו-104״.

דעם 3-טן יאַנוואַר.

יורי אַלעקסייעוויטש איז אַרויסגעפֿאָרן מיטן צוג קיין סאַראַטאָוו אויף אַ באַגעגעניש מיט די אַרויסלאָזניקעס פֿונעם אינדוסטריעלן טעכניקום, אין צוזאַמענהאַנג מיטן 20-טן יוביליי פֿון דעם לערן-אַנשטאַלט. וועגן דער רײַזע האָט ער קיינעם ניט געגעבן צו וויסן, אַפֿילו אויף דער צוגעשיקטער אײַנלאַדונג ניט געשיקט קיין ענטפֿער. אַזוי, האָט ער גע-רעכנט, איז בעסער, באַשיידענער.

דעם 4-טן יאַנוואַר.

ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. אינמיטן דער נאַכט אַרויסגעגאַן פֿון קופּע און לאַנג גע-שטאַנען אין וואַגאָן-דורכגאַנג, אַרויסגעקוקט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט. ניט געקאָנט זיך באַפֿרײַען פֿונעם האַסטיקן שטראָם דערינערונגען. מיט אַ 10 יאָר צוריק האָט ער פֿאַרענדיקט דעם טעכניקום, דערנאָך די אוויאַ-שול, דערנאָך... זאַפּאָליאַריע, דער צצק, דער אָרביטאַלער פֿלי...

וויאַזוי וועט אויסזען די באַגעגעניש מיט די לערער און מיטשילער?

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, און ער איז פֿאַרזיכטיק-שטיל צוריק אַרײַן אין קופּע.

דעם 4-טן יאַנוואַר

אויפֿן וואָקזאַל איז מען געקומען מעקאַבל-פּנים זײַן גאַגאַרינען. עס זײַנען געשטאַנען אויפֿן פּעראָן און געוואַרט אויף אים זײַנע פּעדאַגאָגן און פֿרײַנט, די אָנפֿירער פֿון די קאָמיו-נישע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער געגנט.

ער איז אַוועק שפּאַצירן איבער די גאַסן פֿון זײַן יוגנט, געזוכט דעם ספּאָרט-פּאַלאַץ, געווען אויפֿן ברעג פֿון דער וואָלגע, זיך באַגעגנט מיטן קאָלעקטיוו פֿון דעם זאַוואָד פֿון טעכנישן גלאָז, בײַגעווען אויף אַ פֿאָרשטעלונג פֿון צירק.

ערשט אין אָוונט איז ער געוווירע געוואָרן, אַז אין אַן אויטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפֿע איז טראַגיש אומגעקומען דער אָנגעזעענער קאָנסטרוקטאָר פֿון ראַקעטן און אוויאַ-מאָ-טאָרן, דער העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי, לאַורעאַט פֿון דער לענין-פּרעמיע, דאָקטאָר פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן סעמיאָן אַריעוויטש קאָסבערג.

יורי אַלעקסייעוויטש האָט גוט געקענט קאָסבערגן, זיך אָפֿט מיט אים באַגעגנט, געווען באַגײַסטערט פֿון זײַן טאַלאַנט. ער האָט גלײַך אַוועקגעשיקט אַ קאָנדאָלענץ-טעלע-גראַמע דער פֿאַרטרויערטער מישפּאָכע.

דעם 5-טן יאַנוואַר.

אינדערפֿרי איז ער געקומען אין סאַראַטאָווער אינדוסטריעלן טעכניקום, באַקוקט די לאַבאָראַטאָריעס און אַאודיטאָריעס, אַרויסגעטראָטן מיט דערינערונגען.

באַזוכט דעם געגנט-קאָמיטעט פֿון ДОСААФ (פֿרײַווויליקע געזעלשאַפֿט פֿאַר מיטהילף דער אַרמיי, אוויאַציע און פֿלאָט) זיך באַגעגנט מיט די אינסטרוקטאָרן און לעקטאָרן פֿונעם סאַראַטאָווער עראָקלוב, וועלכע האָבן אים געלערנט און טרענירט, דערציילט זיי וועגן צצק, זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן פֿון זײַנע רײַזעס קיין אויסלאַנד.

אין אָוונט האָט ער אָנטיילגענומען אין דער פֿײַערלעכער פֿאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם 20-יאָריקן יוביליי פֿונעם אינדוסטריעלן טעכניקום. צווישן אַנדערס האָט ער אין זײַן אַרויסטרעטונג געזאָגט:

— ס׳קומט מיר אויס אַ סך צו מיִען זיך, נאָר די אַרבעט איז פֿאַר מיר אינטערע-סאַנט און פֿאַרכאַפּנדיק. איך קאָן זיך אַפֿילו ניט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי איך וואָלט געקאָנט זיך פֿון איר אָפּרײַסן. עס אַרבעט זיך גוט בלויז דעם, וועמען עס האָט ליב זײַן פֿאַך. ליב האָבן מײַן אַרבעט האָב איך זיך אויסגעלערנט דאָ אין טעכניקום...

דער לערער פֿון פֿיזיק נ. אי. מאָסקווין איז געווען קראַנק, צום פֿײַערלעכן אָוונט ניט געקאָנט קומען. יורי אַלעקסייעוויטש האָט אים געשיקט אַ בריוועלע:

„טײַערער ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש! איך בין אײַך דאַנקבאַר פֿון גאַנצן האַרצן פֿאַר אײַער וווּנדערלעכער טעטיקײַט. מיר זײַנען שטאָלץ, וואָס מיר האָבן פֿון אײַך באַקומען גוטע קענטענישן און סאָליד וויסן. אַלע ווינטשן מיר אײַך, איר זאָלט זײַן געזונט און שטאַרק".

דעם 6-טן יאַנוואַר.

יורי אַלעקסײעוויטש איז אַרויסגעפֿאָרן אין דער שטאָט שטאַט ענגעלס. אין קופּע האָט זיך פֿאַרזאַמלט א גרויסע צאָל זשורנאַליסטן. לויט זײַער באַקאַשע האָט ער דערצײלט וועגן דעם אַטריאַד קאָסמאָנאַווטן, וועגן די אויסמאַטערנדיקע טרענירונגען און פֿיזישע אָנלאָדונגען. אין זעלבן טאָג באַזוכט ער דאָס פֿעלד לעבן דאָרף אוזמאָריע, אַף וועלכן עס האָט זיך אין אַפּרעל 1961 אַראָפּגעלאָזט די קאָסמישע שיף „וואָסטאָק" מיטן ערשטן קאָסמאָנאַווט פֿון דער פּלאַנעטע.

די קאַלווירטניצע א. א. טאַכטאַראָווא און דער דיסקאַנט-פּירער פֿון דער ערשטער בריגאַדע אינעם אַרטיקן קאָלווירט א. ק. רודענקאָ, די ערשטע מענטשן אַף דער ערד, וועלכע האָבן באַגעגנט דעם קאָסמאָנאַווט, זײַנען איצט געווען זײַנע גאַסט-אויפֿנעמער. גאַגאַרין האָט געשענקט טאַכטאַראָווען און איר אייניקל ריטע, ווי אויך רודענקאָן, מאַטאַנעס, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿאַר זיי פֿון זוויאָזדני.

אין קלוב איז פֿאָרגעקומען א שמועס מיט די קאַלווירטניקעס. דער פֿאָרזיצער פֿונעם קאַלכאָז ל. ט. איטיאַקסאָוו האָט פֿאַרבעטן גאַגאַרינען צו זיך אהיים אַף מיטיק, אים באַגריסט מיטן אַרײַנטרעטן אַלס מיטגליד פֿונעם קאָלווירט און פֿאָרגעלייגט א טאָסט לעקאָוועד די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן.

— אויב אורטײלן לויט דעם געשמאַקן מאַלצײַט, האָב איך גאָרניט פֿאַרשפּילט, אַרײַנטרעטנדיק אַלס מיטגליד פֿון אײַער קאָלווירט, — האָט גאַגאַרין געזאָגט, — איצט בין איך שוין אויך א קאָלווירטניק, אַזאַ ווי מײַן טאַטע איז געווען.

דעם 7-טן יאַנוואַר.

אין פּאַלאַץ פֿון די פּיאָנערן איז פֿאָרגעקומען א באַגעגעניש פֿון די יונגע לעניניסטן מיטן קאָסמאָנאַווט. דער פֿאָרזיצער פֿונעם פּיאָנערן-אַטריאַד פֿון דער 76-טער שול פֿון דעם לענין-ראַיאָן אין ענגעלס האָט ראַפּאָרטירט גאַגאַרינען. אין מעשעך פֿון פֿיל כאָדאָשים זאַמלט דער אַטריאַד מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן פֿונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, דער אַטריאַד האָט געפֿירט א קאָרעספּאָנדענץ מיט די שטעט, ווו יורי אַלעקסײעוויטש האָט געלעבט, פֿאַרבעטן צוגאַסט די מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים געאַרבעט און זיך געלערנט, געשאַפֿן א מוזיי.

אין אָוונט איז יורי אַלעקסײעוויטש אָפּגעפֿאָרן קיין מאָסקווע.

דעם 8-טן יאַנוואַר.

די פּרעסע-אַגענץ „נאָוואָסטי" האָט צוגעשיקט אַן אַנקעטע און געבעטן ענטפֿערן אַף אייניקע פֿראַגן.

אַף דער פֿראַגע — „וועלכע זײַנען אײַערע פֿערזענלעכע קאָסמישע פּלענער?", האָט גאַגאַרין געענטפֿערט:

— מיר זײַנען ניט געפֿלויגן אין קאָסמאָס צוליב דעם, אַז אונדזערע באַמיִונגען זאָלן זיך דערמיט ענדיקן. מיר האָבן בעדייע צו זײַן אין קאָסמישן רוים אויך אין דער צוקונפֿט, פֿאַרווירקלעכן נײַע פֿליגן, און, וואָרשײַנלעך, ניט איין מאָל. איצט גרייטן מיר זיך צו נײַע רייסן אין קאָסמאָס. ווען, ווי־אַזוי און ווער פֿון אונדז עס וועט פֿליִען, איז דערווײַל שווער צו זאָגן. איין זאַך איז קלאָר: ס'וועט קומען דער טאָג, ווען די קאָסמישע שיפֿן וועלן אָוועקטראָגן דעם מענטשן צו אַנדערע הימלשע וועלטן.

דעם 9-טן יאַנוואַר.

בײַגעווען בא די טרענירונגען פֿון פּ. בעליאַיעוו און א. לעאָנאָוו. קאַמאַנין האָט באַשטימט דעם טאָג פֿון די עקזאַמענעס פֿונעם עקיפּאַזש — דעם 14-טן יאַנוואַר. קוזנעצאָוו און גאַגאַרין דאַרפֿן באַוואָרענען גינסטיקע באַדינגונגען אַף צוצוגרייטן די קאָסמאָנאַווטן צו די סומירנדיקע לימודים.

אין דער צווייטער העלפֿט טאָג איז גאַגאַרין בײַגעווען אַף דער באַראַטונג וועגן דער צוגרייטונג פֿון פֿרויען צום פֿלוג אין קאָסמאָס.

דעם 10-טן יאַנוואַר.

געלייענט דעם בוך „די ראַקעטעס, זייער קאַנסטרוקציע און אַנווענדונג" פֿון ג. לאַנגעמאַק און פּ. גלושקאָ. דער בוך איז דערשינען אין 1935. די מעכאַבערים האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגן פֿון בויען ראַקעטעס און זייער אַנווענדונג, אַנאַליזירט די פּאַטענטן אַף ראַקעטעס אין אייניקע אויסלענדישע מעדינעס, דערמאָנט וועגן ברענשטאָף. צום שלוס האָבן זיי

געשריבן: „די דאַמף-ראַקעטעס קענען אויסגענוצט ווערן אין דער אויסשטאַטונג פון אַעראָפּלאַנען, קלענערע שיפן, אויטאָמאַשינען פון אַלערליי טיפּן. דער הויפּט-געביט פון אָנווענדן ראַקעטעס אַף פליסיקן ברענשטאָף זײַנען פלוגן אַף גרויסע הייכן, מיט פאַרשיידענע צוועקן, ווי אויך קעדיי צו שיסן אַף גאָר גרויסע דיסטאַנצן".

פאַרנאַכט האָט גאַגאַרין באַזוכט די אויסשטעלונג פונעם סקולפּטאָר-לאַורעאַט ס. ט. קאָניאָנקאָוו אַף „קוזנעצקי מאָסט". באַגריסנדיק דעם וועלט-באַרימטן מײַסטער מיטן 90-יאָריקן געבורטסטאָג און דעם 70-יאָריקן יובליי פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט, האָט ער אים אונטערגעטראָגן, אַלס אויטאָר, דעם בוך „דער וועג אין קאָסמאָס".

דעם 12-טן יאַנוואַר.

אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַריכט וועגן דער גרייטקײַט פון בעליאַיעוון און לעאָנאָוון צום אַרויסגיין אין אָפענעם קאָסמאָס.

דאָס אַרויסגיין און אַרבעטן אין אָפענעם קאָסמאָס וועט דאַרפן סיסטעמאַטיש אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער פּראָגראַם פון יעדן צוקינפטיקן פלוג. גאַגאַרין האָט בײַ דער געלעגנהײַט גענויער באַהאַנדלט די פראַגע, וויאַזוי פאַרפולקומען די מעטאָדן פונעם צוגרייטן די עקיפּאַזשן, פאַרגעלייגט שאַפן ספּעציעלע טרענאַזשאָרן און אויסשטאַטן עטלעכע פליִענדיקע לאַבאָראַטאָריעס.

דעם 14-טן יאַנוואַר.

בײַגעוועזן אַף די עקזאַמענעס. צום ערשטן מאָל האָבן צוזאַמען מיט די מענער זיך געשטעלט צו די עקזאַמענעס פרויען-קאָסמאָנאַווטן.

אין אָוונט האָט פּאַוועל פּאָפּאָוויטש געבראַכט גאַגאַרינען צוויי בענדער פון דער זאַמלונג „די רעאַקטיווע באַוועגונג", אַרויסגעגעבן פונעם מיליטעריש-וויסנשאַפטלעכן קאָמיטעט פון „אָסאָאַוויאַכים" אין 1935. אין ערשטן באַנד זײַנען פאַרעפנטלעכט די אַרטיקלען פון ל. דושקינען, וו. וועטשינקינען, אי. מערקולאָוון און מ. טיכאָנראַוואָוון. דער צווייטער באַנד איז געווידמעט ק. ע. ציאָלקאָווסקין, זײַן וויסנשאַפטלעכער און פּראַקטישער טעטיקײַט. צום ערשטן מאָל ווערן דאָרט געדרוקט זײַנע ניט-פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן.

די אָפּהאַנדלונגען אינעם זאַמלבוך זײַנען פול מיט אָפּטימיסטישע באַהויפּטונגען וועגן דער מעגלעכקײַט צו פאַרווירקלעכן אינטערפּלאַנעטאַרע פלוגן אין דער נאָענטסטער צײַט.

דעם 25-טן יאַנוואַר.

עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן שאַפן אַ צווייטן אָטריאַד קאָסמאָנאַווטן. געאָרגי בערעגאָוואָי איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר.

גאַגאַרין האָט וועגן דעם געמאָלדן אַף אַ באַראַטונג און האַרציק באַגריסט דעם נײַעם קאָמאַנדיר.

דעם 26-טן יאַנוואַר.

צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָנספּעקט צום איבערכאַזערן דעם מאַטעמאַטישן אַנאַליז, געמאַכט אַרדענונג אין די קאָנספּעקטן.

אין אָוונט אָנגעקלונגען קאַמאַנינען און געבעטן ניט באַלעסטיקן קאָמאַראָוון מיט קיין שום אויפטראָגן, ווײַל ער דאַרף זיך גרייטן צו דער באַגעגעניש מיט טשעכאָסלאָוואַקישע זשורנאַליסטן.

דעם 28-טן יאַנוואַר.

דורכגעפירט לאַבאָראַטאָריע-אַרבעטן אין דער אַקאַדעמיע. די מיטאַרבעטער פון דער קאַטעדרע פון אַוויאַדינאַמיק האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיך מיט זיי פאָטאָגראַפירן.

— ווי איך בין זיך מעשאער, — האָט ער געענטפערט, — וועט עס זײַן אַן אָנדענקפאָטאָ. איך בין מאסקים. כ'בין אָבער דאָ ניט איינער אַליין. זײַט אַזוי גוט און פאַרבעט מײַנע קאָלעגן.

די יונגע וויסנשאַפטלער האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט. דאַן האָט ער פאָרגעזעצט:

— זאָגט מיר צו, אַז איר האָט בעדייע זיך פאָטאָגראַפירן מיט יעדן קאָסמאָנאַווט באַזונדער, — און ער האָט זיך גלײַך אַוועקגעזעצט אַף איינעם פון די צוגעגרייטע שטולן.

דעם 4-טן פעברואַל.

באַם הויפּט-קאָנסטרוקטאָר איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַרענדיקן דאָס צוגרייטן די קאָסמאָנאַווטן צום אַרויסגיין אין אָפענעם קאָסמאָס.

קאָראָליאָוו איז געווען שטאַרק אומרויִק, געײַלט, געוואָלט וואָס שנעלער פאַרווירקלעכן אַזאַ מין פלוג. ער איז אַרײַנגעדרונגען אינעם טאָך פון אַלע דעטאַלן פון דער פּראָגראַם, פון דער קאָנסטרוקציע פון די באַזונדערע קאָמפּלעקסן. גאַנצע מעסלעסן האָט ער ביז איצט פאַרבראַכט אין קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ, זיך געאַמפּערט אָן אַן עק מיט די געהילפן, אַ

צערייצטער געערדט מיט די, וועלכע האָבן זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט, געפאָדערט, אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן אין די באַשטימטע טערמינען. די שטימונג האָט זיך אָפט באַ אים געביטן אָן שום סיבה. ער איז געווען צוגעלאָזט און ליבלעך מיט די געוויסנהאַפטע מיט-אַרבעטער, געווען אופגעבראַכט אויף די ניט-געוויסנהאַפטע. פרײַנטלעך געערדט מיט די ראַציאָנאַליזאַטאָרס און ניט געקאָנט פאַרטראָגן די פויליאַקעס.

ער האָט געלעבט אין אײַלעניש, ניט וויסנדיק, אַז ער האָט בלויז געציילטע טעג צו לעבן; געטרוימט וועגן דער צוקונפט, ניט וויסנדיק, אַז ער וועט קיינמאָל מער ניט זען די פרוכט פון זײַן אַרבעט.

— מיר האָבן די ערשטע אוועקגעשיקט דעם מענטשן אין קאָסמאָס, — פלעגט ער אָפט זאָגן, — אויב מיר וועלן די ערשטע אַרויסגיין אין אָפענעם קאָסמאָס, די ערשטע זיך אַרויסזעצן אויף דער לעוואָנע, וועט אונדז אין דעם יאַרהונדערט קיינער שוין ניט דעריאָגן.

דעם 15-טן פעוורואַל.

גאַגאַרין האָט אָנגעקלונגען קיין בײַקאָנור, ווו קאָראָליאָוו פירט דורך די צוגרייטונג צום טעכנאָלאָגישן אַרויסלאָז פון די ראַקעטעס לויט דער פּראָגראַם „וואָסכאָד“.

ווײַזט אויס, אַז סערגיי פּאַוולאָוויטש איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, געענטפערט קורץ:

— אַלץ גייט לויטן גראַפיק. פיל זײַנען שוין לאַנג ניט געפלויגן, האָבן זיי פאַרגעסן זייערע פליכטן און געוווינהייטן. איך האָף, אַז מיר וועלן בײַקומען די שוועריקייטן.

דעם 16-טן פעוורואַל.

אינפאָרמירט די קאָסמאָנאַווטן וועגן זײַן שמועס מיט קאָראָליאָוו, געבעטן די עקיפּאַזשן, זיי זאָלן זײַן גרייט אַרויסצופליען קיין בײַקאָנור.

דעם 22-טן פעוורואַל.

אין בײַקאָנור איז דער טעכנאָלאָגישער אַרויסלאָז פון די ראַקעטעס דורכגעגאַנגען ניט געלונגען. וועגן דעם האָט אין מאָסקווע זיך דערוווּסט דער ערשטער גאַגאַרין. ס'זײַנען דערווײַל נאָך ניט גענוג קלאָר געווען די סיבות, נאָר ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער אַרויסלאָז פון בעליאַיעוו און לעאָנאָוו קען איצט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט.

גאַגאַרין האָט אין אָט דעם טאָג אויסגעמיטן באַגעגענישן, אין אָוונט ניט געגאַנגען אין קולטור-הויז, ווי זײַן מינהעג איז געווען, געזעסן אינדערהיים.

דעם 23-טן פעוורואַל.

הײַנט, אין טאָג פון דער סאָוועטישער אַרמיי, פילט זיך אַ באַזונדערס געמיטלעכע שטימונג באַ גאַגאַרינען.

שמועסנדיק מיט די קאָסמאָנאַווטן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אין בײַקאָנור און אַז עס וועלן זיך בײַטן די טערמינען פונעם אַרויסגיין אויף דער אַרביטע, האָט ער באַלד באַמערקט, אַז די באַדויערנסווערטיקע נײַס האָט אויף די עקיפּאַזשן געווירקט פונקט פאַרקערט: זיי האָבן זיך מער קאָנצענטרירט ווי ביז איצט, מיט מער פלײַס טרענירט אָפן טרענאַזשאָר.

שפּעט אין אָוונט האָט קאָראָליאָוו אָנגעקלונגען, באַגריסט מיטן טאָג פון דער סאָוועטישער אַרמיי, דערבײַ אויסגעזאָגט דעם סאָד, אַז פון אַ פאַרקילונג האָט ער אַ הויכע טעמפּעראַטור. די דאָקטוירים האָבן אים אַרײַנגעלייגט אין בעט, און ער האָט די מעגלעכקייט „צו טראַכטן ליגנדיק“. „זאָל דער דורכפאַל אײַך ניט פאַרשאַפן קיין צאָרעס, — האָט קאָראָליאָוו געזאָגט, — אויף מאַפּאַלעס לערנט מען זיך. דער טערמין פון לעאָנאָווס און בעליאַיעווס פלוג וועט ניט געענדערט ווערן. לאָזט זיי גריסן“.

דעם 26-טן פעוורואַל.

פון בײַקאָנור האָט מען צו וויסן געגעבן, אַז סערגיי פּאַוולאָוויטש איז ערנסט קראַנק — אַ לונגען-אָנצינדונג. די דאָקטוירים באַמיִען זיך, מע זאָל אים וואָס ווייניקער באַאומרויִקן.

דעם 27-טן פעוורואַל.

שפּעט אין אָוונט איז פון בײַקאָנור געקומען קוזנעצאָוו. ער האָט אינקורצן דערציילט וועגן דעם מאַצעוו אויפן קאָסמאָדראָם, פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן דער גרייטקייט פון די עקיפּאַזשן.

דעם 2-טן מאַרץ.

ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין האָט צונויפגערופן אַלע קאָסמאָנאַווטן און זיי אינפאָרמירט וועגן דעם פּלאַן פון די פלוגן אין קאָסמישן רוים אין 1965.

קאָמאַנינס אינפֿאָרמאַציע האָט אַרויסגערופֿן באַגײַסטערונג בײַ די קאָסמאָנאַווטן: עס זײַנען פֿאַרפּלאַנירט געוואָרן לאַנגדויערנדיקע פֿלוגן מיט אַרויסגאַנג אין אָפֿענעם קאָסמאָס. עס האָט זיך אויך גערעדט וועגן פֿאַרבינונגען מיט די פּלאַנעטן פֿון דער זון-סיסטעם.

דעם 7-טן מאַרץ.

אינדערפֿרי האָט מען זיך געגליטשט אויף לײַזשעס. דאָס איז געווען דער לעצטער ווינטער-שפּאַציר אין וואַלד. נאָך מיטיק האָט ער געלייענט, דורכגעקוקט די קאָרעספּאָנדענץ. עטלעכע צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך געווענדט מיט דער בּאַקאָשע, ער זאָל פֿאַר זיי אָנשרײַבן אַרטיקלען, ענטפֿערן אויף פֿראַגעס, אופֿנעמען זייערע קאָרעספּאָנדענטן. פֿאַר איינעם פֿון די זשורנאַלן האָט ער צוגעגרייט קאָמענטאַרן צום אַרטיקל „אונדזערע כאַווייִרים געפֿינען זיך אין פֿלוג".

„דאָס וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אין אונדזער לאַנד, — האָט גאַגאַרין געשריבן, — אויף צו באַהערשן דעם קאָסמאָס, זײַנען בלויז די ערשטע שריט אויפֿן לאַנגן און שווערן וועג צו די שטערן. זייער פֿיל דאַרף נאָך געטאָן ווערן. דער מענטש וועט, אָן ספֿק, פֿאַרגרעסערן זײַן מאַכט איבער דער נאַטור.

דאָס דערפֿאָלגרײַכע אַרויסגיין פֿונעם מענטשן אין אָפֿענעם קאָסמאָס וועט דערמעגלעכן צו שטעלן אויף דער טאָג-אָרדענונג די פֿראַגע פֿון בויען אינטערפּלאַנעטאַרע קאָסמישע סטאַנציעס, און דאָס וועט זײַן דער גרינגער וועג צו דערגרייכן אַנדערע פּלאַנעטעס".

דעם 8-טן מאַרץ.

אינײינעם מיטן גענעראַל קוזנעצאָוו באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן צוגרייטן ב. וואָלינאָוון, ג. בערעגאָוואָיען, ל. דיאָמינען און י. אַרטיוכינען צום לאַנגדויערנדיקן קאָסמישן פֿלוג אויף 15 מעסלעס. אויסגעהערט די מיינונגען פֿון די מעדיקער וועגן דער פּראָגראַם פֿון מעדיצינישע אויספֿאָרשונגען אין קאָסמאָס.

דעם 9-טן מאַרץ.

צו זײַן געבוירן-טאָג האָט ער באַקומען פֿילצאָליקע באַגריסונגען. אָט איז איין בריוו, וואָס איז גענומען אָן אַ באַזונדערן אָפּקלײַב:

„איר זײַט אַ גלענצנדער פֿאָרשטייער פֿונעם יונגן דאָר, און איך בין צופֿרידן, וואָס מיר, די עלטערע, האָבן ניט אומזיסט געקעמפֿט, פֿאַרגאָסן בלוט. בלײַבט טאָמיד אַזאַ, ווי איר זײַט: אַ גוטער, אַן אופֿמערקזאַמער, אַ מיטפֿילנדיקער און אַ וואָרעמהאַרציקער. איך שיק אײַך די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" פֿאַרן 19-טן נאָיאַבער, וווּ די 2-טע זײַט איז געווידמעט דעם קאָסמאָס. דאָרט זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט זייער גוטע מאַטעריאַלן. מיך האָט זייער איבעראַשט די טעלעגראַמע פֿונעם וועטעראַן פֿון אונדזער פּאַרטיי יעלענע סטאַסאָוואַ (אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי פֿון 1898), אַדרעסירט וואַלענטינע טערעשקאָווען, און אײַער בריוו דעם יונגנמאַן פֿון קאַנאַדע אירווינג לאַזאַר. עס זײַנען אין אָט דעם בריוו פֿאַראַן אַזעלכע שורעס: „מיר לעבן אין אַ צײַט פֿון גרויסע אופֿטוען, ווען די דרייסטע אידייען פֿונעם אומשטערבלעכן לענין ווערן פֿאַרווירקלעכט. ס'איז דען מעגלעך צו פֿאַרגעסן, אַז אין אַ צײַט, ווען אויף אונדזער ערד האָט געבושעוועט דאָס פֿײַער פֿונעם בירגערקריג, און אין די אָפּדערנאַכטן, ווען מאָסקווע איז געווען פֿאַרזונקען אין פֿינצטערניש, האָט לענין געפֿונען צײַט אופֿצונעמען דעם יונגן קאָנסטרוקטאָר פ. צאַנדערן און שמועסן מיט אים וועגן קאָסמישע פֿלוגן. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דעם דרייסטן קאַלוגער טרוימער ק. ע. ציאָלקאָווסקין, וועמענס געניאַלע נעוויִעס ווערן פֿאַרווירקלעכט אין אונדזערע טעג". האָט ניט קיין פֿאַריבל, וואָס איך ווענד זיך צו אײַך מיט אַ באַקאָשע: עס איז זייער וויכטיק פֿאַר אונדז, מענטשן, וועלכע זײַנען ניט פֿאַרבונדן מיטן קאָסמאָס, צו וויסן אַלץ וועגן לענינס ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָסמאָנאַווטיק. מיר האָט זיך דערווײַל ניט אײַנגעגעבן צו לייענען וועלכע-עס-איז נײַע מאַטעריאַלן אויף אָט דער טעמע. איך בעט אײַך זייער, איר זאָלט פֿאַרעפֿנטלעכן אין דער פּרעסע אַזעלכע מאַטעריאַלן. זאָלן אַלע וויסן, וויאַזוי לענין האָט געהאָלפֿן דער קאָסמישער וויסנשאַפֿט. כּוץ דעם, בעט איך אײַך — זײַט זיך מאַטריַח און שטעלט אײַער כּסימע אויף דער צײַטונג, וואָס איך שיק אײַך אין אָט דעם קאָנווערט.

מיט אַכטונג פּ. נ. טראַפּילאָוו, אָנטיילנעמער פֿון די קאַמפֿן הינטער סטאַלינגראַד, קאַוואַלער פֿון דרײַ שלאַכט-אָרדענס".

גאַגאַרין האָט ניט באַוויזן ענטפֿערן פּ. נ. טראַפּילאָוון, אָפּגעלייגט אויף דער צײַט, ווען ער וועט זיך אומקערן פֿון בײַקאָנור.

דעם זעלבן טאָג איז ער מיט אַ גרופּע קאָסמאָנאַווטן אַרויסגעפֿלויגן אויפֿן קאָסמאָדראָם. אין בײַקאָנור האָט זיי באַגעגנט קאָראָליאָוו, אויסגעפֿרעגט, וויאַזוי זיי פֿילן זיך, געשמועסט מיט בעליאַיעוון און לעאָנאָוון, זיך אינטערעסירט מיטן אינצידענט אין דער באַראָקאַמער.

קאָראָליאָוו האָט עמעצער אינפאָרמירט, אַז בעליאַיעוו האָט ניט גאַנצלעך אויסגעפּילט די פּראָגראַם פונעם עקספּערימענט און האָט אין דער באַראָקאַמער פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן. ווען גאַגאַרין האָט דאָס געהערט, איז ער געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט. אין דער ווירקלעכקייט איז אַלץ פאָרגעקומען אַנדערש: בײַסן עקספּערימענט אין דער באַראָקאַמער האָט זיך אָפּגעשטעלט דער צופלוס פון זויערשטאָף. וויסנדיק, ווי שטאַרק די וויסנשאַפטלער שעצן אַלערלײַ עקספּערימענטאַלע רעזולטאַטן, האָט פּאַוועל איוואַנאָוויטש בעליאַיעוו, בלײַבנדיק אָן אָטעם, געפונען דעם דעפעקט און אים צורעכט געמאַכט, פאַרלירנדיק דערבײַ דעם באַוווּסטזײַן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער נאָכדעם, ווי ער האָט ווידער געקאָנט אָטעמען, געקומען צו־זיך און פאָרגעזעצט זײַן אַרבעט לויטן פּלאַן.

— אָט צו וואָס עס פירט איבעריקע באַשיידנקייט, — האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש געזאָגט, אַ צופרידענער מיט דער נײַער ווערסיע פונעם אינצידענט אין דער באַראָקאַמער...

דעם 13־טן מאַרט.

בײַגעווען בײַ די קאָנטראָל־איבונגען, וועלכע קאָראָליאָוו האָט דורכגעפירט מיט די קאָסמאָנאַווטן.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אינטערעסירט די סיסטעם פון דער ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט דער ערד און דער אופן, ווי אַזוי דער עקיפּאַזש וועט באַריכטן וועגן די דורכגעמאַכטע אָפּעראַציעס. אונטערפירנדיק דעם סאַכאַקל פון די איבונגען, האָט ער געזאָגט:

„כ׳בין זייער צופרידן פון דער באַגעגעניש מיט אײַך. נאָכן שמועס האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז איר זײַנט באַהאַוונט אין דער לופט־שיף מער, איידער איך. איר האָט מיר געהאָלפן אופקלערן פאַר זיך פיל זאַכן. איינס וויל איך אײַך בעטן: לאָזט זיך ניט אַרײַן אין וווּליוּנגעריש מײַסים. קערט זיך אום לעבעדיקע אויף דער ערד". נאָך אַ מינוט שטילשווײַגן האָט ער, באַטראַכטנדיק אופמערקזאַם די אָנוועזנדע, אַ זאָג געטאָן:

— וואַרשײַנלעך, בין איך מיט אײַך צוזאַמען דאָס לעצטע מאָל. די „וואָסטאָקן" און די „וואָסכאָדן" האָבן מיר געקאָסט שטאַרק טײַער...

סערגיי פּאַוולאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו גאַגאַרינען און מיטן שטערן זיך צוגעריסט צו זײַן אַקסל.

דעם 16־טן מאַרט.

עלף אַזייגער איז זיך צונויפגעקומען די מעלוכע־קאָמיסיע. קאָראָליאָוו האָט מיטגעטיילט וועגן דער טעכנישער גרייטקייט צום סטאַרט, קוזנעצאָוו — וועגן דער גרייטקייט פון די עקיפּאַזשן, קאַמאַנין — וועגן זוך־מיטלען און עוואַקואַציע. גאַגאַרין איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ קורצער מעלדונג וועגן די קאָמוניקאַציע־קאַנאַלן בײַסן פלוג צווישן דער ערד און דעם עקיפּאַזש.

די מעלוכישע קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט אַלע באַריכטן און געשטעלט די אויפגאַבע: אַרויסשיקן די שיף דעם 18־טן מאַרט.

מיט 2 שאָ שפּעטער האָבן בעליאַיעוו און לעאָנאָוו זיך אײַנגעאָרדנט אין שטיבל פון די קאָסמאָנאַווטן, און גאַגאַרין איז די גאַנצע צײַט געווען מיט זיי.

דעם 18־טן מאַרט.

האַלב אַכט אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג פון דער קאָמיסיע ערעוו דעם אַרויסלאָז. האַלב נײַן איז גאַגאַרין בײַגעווען בײַסן אָנטאָן די סקאַפאַנדערס. 20 מינוט נאָך נײַן זײַנען אַלע דרײַ אָנגעקומען אויף די סטאַרטעווע פּאָזיציעס.

סערגיי פּאַוולאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו די קאָסמאָנאַווטן און געזאָגט:

— מײַנע טײַערע אָדלערלעך, די וויסנשאַפט נייטיקט זיך אין אַן ערנסטן עקספּערימענט. אויב אין קאָסמאָס וועט עפּעס זײַן ניט אין אָרדענונג, נעמט אָן פאַרנונפטיקע באַשלוסן... דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו לעאָנאָוון אַליין: — ליאָשע, איך וועל דיך ניט באַלעסטיקן מיט קיין אייצעס און באַקאָשעס, נאָר איין זאַך בעט איך דיך: דו זאָלסט בעשאָלעם אַרויסגיין פון דער שיף און בעשאָלעם צוריק אַרײַנקומען אין איר. דאָס איז אַלץ.

סערגיי פּאַוולאָוויטש און יורי גאַגאַרין האָבן זיך געזעגנט מיט די קאָסמאָנאַווטן. אין בונקער האָט קאָראָליאָוו פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. אַלע זײַנען געווען פאַרוווּנדערט — ער איז ניט געווען קיין רייכערער.

נאָכן סטאַרט פון דער ראַקעטע האָט גאַגאַרין זיך פאַרבונדן מיטן עקיפּאַזש:

— ווי פילט איר זיך?

בעליאַיעוו האָט געענטפערט:

— אויסגעצייכנט! די איבערגעלאָדנקייט שטײַגט, נאָר לאַנגזאַם. די ראַקעטע, קען מען זאָגן, איז אַ צאַרטע.

גאגארין: — „אַלמאַז", איך בין „זאַריאַ". וויאַזוי פילט איר זיך איצט? בא אונדז איז אַלץ אמבעסטן.

— איך בין „אַלמאַז". בא אונדז איז אויך אַלץ אין אָרדענונג. מיר זעען די ערד. שיין, זייער שיין! און דער הימל איז אינגאנצן שוואַרץ.

דערנאָך רעדט לעאָנאָוו:

— ווי נאָר מירן זיך סטאַביליזירן, וועלן מיר זיך פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס עס טוט זיך דאָ...

דער „וואָסכאָד" איז אַרויף אַף דער אָרביטע. אַלעקסיי און פּאַוועל האָבן זיך געדריקט די הענט. דער פלוג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דערפאָלג.

ס. פּ. קאָראָליאָוו האָט אין דער באַגלייטונג פון גאַגארינען זיך באַגעגנט מיט די זשורנאַליסטן, געענטפערט אַף אַלע זייערע פראַגעס.

רעדנדיק וועגן דער פּראָגראַם פונעם פלוג האָט ער צוגעגעבן:

— מע טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז עס קאָן זיך שאַפן אַזאַ מאַצעוו, ווען איין שיף וועט דאַרפן העלפן דער צווייטער. וויאַזוי וועט דאָס מעגלעך זײַן? די שיפן זײַנען דאָך הערמעטיש פאַרמאַכט. דאָס הייסט, אַז מע וועט צוקומען צו דער שיף, נאָר, אייגנטלעך, גאָרניט קאָנען טאָן, וואָרעם אויב מע וועט פּרוּוון זיך אַרײַנבאַקומען דורך דעם אַרײַנגאַנג-ליוק, וועט די הערמעטישקײַט צעשטערט ווערן און די מענטשן וועלן דאָרט אומקומען. הייסט עס, אַז עס דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן אַזאַ סיסטעם פון שליוזירן די שיף, וועלכע זאָל געבן די מעגלעכקײַט אַרויסצוװײַזן הילף אין אַ געפערלעכער לאַגע...

דעם 19-טן מאַרט.

אַלע מענטשן אַפן קאָסמאָדראָם, די ספּעציאַליסטן, ווייסנשאַפטלער, קאָנסטרוקטאָרן, אינזשעניערן זײַנען באַגײַסטערט מיט לעאָנאָווס דערפאָלגרײַכן אַרויסגיין אין קאָסמאָס.

די פרייד און די געהויבענע שטימונג האָבן אָבער מיטאַמאָל ווי אויסגעוועפּט, ווען מע האָט געמאָלדן פונעם באָרט פון דער שיף, אַז אין דער קאַבינע איז געפאַלן דער לופט-דרוק. בא בעליאַיעוון און בא לעאָנאָוון האָט עס קיין פּאַכעד ניט אַרויסגערופן. די קאָנסטרוקטאָרן זײַנען אויך געווען רויִק.

דער עקיפּאַזש האָט זיך גוט געפילט, די אַרבעטספעיִקײַט איז ניט פאַרמינערט געוואָרן.

די מיטלען פון מאַסעווע אינפאָרמאַציע פון אַלע לענדער אין דער וועלט האָבן איבערגעגעבן די איבעראַשנדיקע נײַעס: אַ מענטש איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָסמישן רוים.

פון דער ערד האָט מען בעליאַיעוון און לעאָנאָוון אינפאָרמירט וועגן די לעצטע נײַעס אַף דער פּלאַנעטע.

קאָראָליאָוו איז געווען באַאומרויִקט פון דער לאַגע אין דער שיף. ער איז געקומען צו פאָרן אַפן קאָמאַנדע-פּונקט און געמאָלדן וועגן זײַן באַשלוס אַראָפּצוברענגען די שיף פון דער אָרביטע אַפן 17-טן וויקל-קרײַז.

די מערהײַט מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן געשטיצט קאָראָליאָוון, און אַף דער שיף איז איבערגעגעבן געוואָרן דער באַפעל וועגן דער לאַנדונג לויטן אויטאָמאַטישן ציקל.

בייסן 17-טן וויקל-קרײַז איז די לאַנדונג ניט צו שטאַנד געקומען, די אויטאָמאַטישע אָריענטאַציע האָט ניט פונקציאָנירט, און די געהעריקע אַפּאַראַטור האָט זיך ניט אײַנגעשלאָסן. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו לאַנדן די שיף מיט דער הילף פון האַנט-פּילאָטאַזש אַפן 18-טן וויקל-קרײַז.

זעקס מינוט נאָך צוועלף האָט די קאָסמישע שיף „וואָסכאָד-2" זיך אַראָפּגעזעצט אַף דער ערד 180 קילאָמעטער אַף צאָפן-מײַרעוו פון דער שטאָט פּערם.

דערהאַלטנדיק די דאָזיקע ידיעה, האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו געזאָגט די אָנוועזנדע:

— פרײַנט מײַנע, איצט וועלן מיר זיך אַ קער טאָן מיטן פּאָנעם צו דער לעוואָנע. לאָמיר פאַרייניקן אונדזערע קויכעס אַף צו דערגרייכן דעם גרויסן ציל.

האַלב זעקס פאַרנאַכט איז דער אַעראָפּלאַן מיט די קאָסמאָנאַווטן אָנגעקומען קיין בײַקאָנור.

דעם 22-טן מאַרט.

די מעלוכע-קאָמיסיע האָט אויסגעהערט די באַריכטן וועגן די סאַכאַקלען פונעם פלוג.

דעם 23-טן מאַרט.

גאַגארין איז צוזאַמען מיט בעליאַיעוון און לעאָנאָוון אַרויסגעפלויגן קיין מאָסקווע.

■

ראַזע קאַץ־ראַבינאָוויטש

איך דערמאָן זיך

מייַנע פרייַנט און באַקאַנטע האָבן ניט איין מאָל מיך געבעטן, איך זאָל אָנשרייַבן זיכרוינעס וועגן די כאַווירים, מיט וועלכע איך האָב אין מעשעך פון דרייַצן יאָר (1933—1946) אָן אַן איבעררייַס געאַרבעט אין „עמעס"־פאַרלאַג. אַ סאַך אונדזערע מיטצייַטלער האָבן שוין געשריבן וועגן דעם, איך וויל זיך ניט איבערכאַזערן, און איך האָב באַשטימט דערציילן בלויז וועגן יענע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט אין דער פאַרמילכאָמע־צייַט. פון יענעם אָנהייב זייַנען שוין אַוועק העכער פינף צענדליק יאָר, נאָר איך געדענק אַלץ אַזוי בוילעט, עלעהיי עס איז פאָרגעקומען ערשט נעכטן. איך פלעג זיך טרעפן מיט אַ סאַך שרייַבער, זשורנאַליסטן, רעדאַקטאָרן, וועלכע זייַנען שוין, צום באַדויערן, אַוועק אין דער אייביקייַט. און ניט ווייניק קוריאָזן דערמאָנען זיך.

אין 1932, ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך געאַרבעט אויפן עלעקטראָ־זאַוואָד אויף קויבישעווס נאָמען, און דאָרט בין איך אָנגעקומען אויף קורסן פון מאַשיניסטקעס. געפונען האָבן זיך די קורסן אויפן פושקין־פּלאַץ, אַנטקעגן דער רעדאַקציע פון דער צייַטונג „איזוועסטיאַ". אונדזער לערערן, מאַריע אַנדרייעוונאַ פּאָפּאָוואַ, וועלכע האָט געאַרבעט אין די צוואַנציקער יאָרן אין סעקרעטאַריאַט בײַ לענינען אַלס מאַשיניסטקע, איז געווען אַ מייַסטער פון דעם „בלינדן" מעטאָד, דאָס הייסט, זי האָט „ניט געקוקט אונטער די פינגער" און ניט געטראַכט וועגן דעם באַטייַט פונעם טעקסט, וואָס זי דרוקט. אַ פאַרליבטע אין איר פאַך, האָט זי אָנגעשטעקט מיט ענטוזיאַזם די שילער. קעדיי באַוואָרענען אַ פעסטע מאַטעריעלע באַזע האָט זי פאַרגעלייגט אַלע שילער זיך אייַנאָרדענען אויף אַרבעט.

איינמאָל, דורכקוקנדיק די צייַטונג „דער עמעס", האָב איך איבערגעלייענט אַ מעלדונג, אַז עס פאָדערן זיך דער רעדאַקציע מאַשיניסטקעס. דעמלט האָב איך ניט געוווּסט, אַז עס זייַנען פאַראַן ספּעציעלע מאַשינקעס מיט ייִדישן שריפט און אויך ייִדישע מאַשיניסטקעס. כ'האָב ביכלאַל זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויאַזוי עס דרוקט זיך אַ צייַטונג.

האַקיצער, אין איינעם אַ טאָג האָב איך באַשטימט צופאָרן אין רעדאַקציע פונעם „עמעס" און זיך דערוויסן, צי מע קאָן זיך דאָרט אייַנאָרדענען אויף אַרבעט.

אויפהייבנדיק זיך מיט די טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ הויכן, שלאַנקן מאַנצבל מיט אַ לענגלעך סימפּאַטיש פּאָנעם.

— צו וועמען גייט איר עס? — האָט ער מיך געפרעגט.

איך האָב אים אַלץ דערציילט, און ער האָט מיך אַרייַנגעפירט צום פאַרטרעטער פונעם פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג אַבע פינקעלשטיין.

פינקעלשטיין האָט מיך פאַנאַנדערגעפרעגט, ווער איך בין און פונוואַנען, זייער ערנסט אויסגעהערט מיך און שטרענג געזאָגט:

— איר האָט פאַרענדיקט אַ ייִדישע שול און זיך געלערנט אין אַ ייִדישער פראָפעסשול, פאַרוואָס זשע ווילט איר ניט אַרבעטן אויף אַ ייִדישער מאַשינקע? אַ רוסישע קלאַפּט שוין בײַ אונדז, און מער דאַרפן מיר ניט.

איך בין דערציטערט געוואָרן פון אַזעלכע רייד, דערצו נאָך בין איך געווען זייער אַ שעמעוודיקע. כ'בין רויט געוואָרן, ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, און אַבע פינקעלשטיין האָט דערווייַל פאָרגעזעצט:

— אויב איר זייַט מאַסקים, קאָנט איר אָנקומען צו אונדז אויף אַרבעט, אָבער איצט גרייטן מיר לערנביכער פאַר די ייִדישע שולן, איר וועט דאַרפן אַרבעטן אויף אַלערליי פּראָצעסן, און ווען מיר וועלן פאַרענדיקן מיט די לערנביכער, וועט איר זיך קאָנען זעצן צו דער מאַשינקע.

דער מענטש, וועלכער האָט מיך אַרייַנגעפירט אין צימער, איז צוזאַמען מיט מיר אַרויס און גענומען מיך באַרויִקן:

— מיינט ניט, ער איז ניט קיין בייזער, פינקעלשטיין, בלויז אין דער אַרבעט איז ער אַזאַ. אָרדנט זיך בײַ אונדז איין, עס וועט אייַך ניט באַנג טאָן.

דאָס איז געווען דער באַוווּסטער זשורנאַליסט אַלעקסאַנדער כאַשין. ער האָט גענומען איבער מיר „שעפטום", און אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס האָט ער מיך רעקאָמענדירט אויף דער אַרבעט.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געקומען פאַרנעמען מייַן ערשטע שטעלע. כאַשין האָט

מיך באַגעגנט אין קאָרידאָר און אויסגעשריגן:

— אין אַ גוטער שאָ!

פון דעמלט אָן האָב איך פאַרבונדן דעם גורל מיט דער ייִדישער פּרעסע. אָנגעהויבן האָב איך פון אַ „פּאָדטשיטשיצע״ — אַ טעקסט־לייענערן — באַם רעדאַקטאָר אוורהם פרומקין. די לערנביכער האָבן אויסגעלייענט פריִער די רעדאַקטאָרן, די קאָנטראָל־רעדאַקטאָרן, און דערנאָך ערשט די קאָרעקטאָרן, ניט אַזוי, ווי באַם אַרויסלאָזן קינסטלערישע ליטעראַטור.

פרומקין איז געווען זייער אַן ערנסטער מענטש, אַ שווײַגער, אַ רעדאַקטאָר — אַ פאַכמאַן, אַ גרויסער באָקי אין ייִדישער ליטעראַטור, אין שפּראַך, אָרטאָגראַפיע. מע קאָן זאָגן, אַז ער איז געווען מײַן לערער פון ייִדיש.

די ערשטע צײַט האָבן מיר געאַרבעט איבער די קויכעס, קימאַט אָן האַפּסאָקעס, ווײַל די טערמינען אָפּשיקן די לערנביכער אין די שולן זײַנען געווען געפּרעסטע. ווען פרומקין האָט באַמערקט, אַז איך בין שוין מיד פון אָנשטרענגונג, האָט ער געמאָלדן, אַז נאָך יעדער שאָ אַרבעט וועלן מיר מאַכן אַן איבערײַס אויף צען מינוט. איך דאַרף דאָ אויפקלערן פאַר די, וועמען עס ווייסט ניט, וואָס אַזוינס איז אַ „פּאָדטשיטשיצע״. ס׳איז זייער אַ שווערע מי, מע דאַרף זײַן אויפמערקזאַם, מיט אַ גוטער ריִע און וויסן קאָלערליי קלאָלים ניט ווייניקער פון אַ קאָרעקטאָר.

נאָך יעדן איבערײַס פלעגט פרומקין זאָגן: „מיר פאָרן ווײַטער״.

כּוּץ די קליינע האַספּאָקעס, האָבן מיר נאָך געהאַט אַן איבערײַס אויף עסן מיטיק, דעמלט פלעגט מיך פרומקין עקזאַמענירן, צי איך געדענק דאָס, וואָס מיר האָבן הײַנט אויסגעלייענט.

ווען מע האָט פאַרענדיקט צוגרייטן די לערנביכער און מע האָט זיי שוין אָפּגעגעבן אין דרוק, בין איך אַריבערגעפירט געוואָרן אין ביכער־סקלאַד. דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט פיל שרײַבער, וועלכע פלעגן אַרײַנקומען, קעדיי באַקומען די אַוטאָר־עקזעמפּליאַרן פון זייערע ביכער: מיט בערגעלסאָנען, מאַרקישן, ווינערן, גורשטיינען, כאַריקן.

עס געדענקט זיך אַ יונגערמאַן, ניט קיין הויכער, מיט צוויי אויגן — שוואַרצע, ווי קאַרשן, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר. דאָס איז געווען בוזי אָליעווסקי. ער האָט גלײַך פון דער שוועל זיך אָנגערופן צו מיר:

— עפּעס אַ קענטלעך פּאָנעם, ווו האָב איך אײַך געזען?

כ׳האָב געענטפערט:

— איר זײַט געווען בײַ אונדז אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק מיט מוישע טײַטשן, דעריבער קען איך אײַך, און פאַרוואָס איר קענט מיך, ווייס איך ניט... איר זײַט אַרויסגעטראָטן אין דער ייִדישער פּראָפעסשול און געלייענט אונדז אַן אויסצוג פון דער פּאָעמע „שאַכטעס״... איך האָב אַפילו עפּעס־וואָס פאַרגעדענקט...

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ באַגריסן האַרציק די מיטאַרבעטערן פונעם זשורנאַל ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש מיט איר געבורטסטאָג.

כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

גוט־מאָרגן דעם הויכן געפּײַף פון סירענעס:
זאַוואָדן און שאַכטעס פון גאַנצן אַרום!
ניט ס׳רופן זיך איבער אין רוסלאַנד די הענער —
סע רופן סירענעס אין שאַכטעס די זון...

בוזי אָליעווסקי האָט געשײַנט, און איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן...

אַ צווייט מאָל, ווען אָליעווסקי איז אַרײַנגעגאַן צו אונדז, האָט ער מיר באַוויזן פאָטאָגראַפיעס, וואָס עס האָבן אים צוגעשיקט כאַווײַרים פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

שפּעטער האָט ער בײַס איינעם זײַנעם אַ באַזוך אין רעדאַקציע מיר געזאָגט, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ מיידל, וואָס איז ענלעך אויף מיר. איך האָב אים באַגריסט. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער געקומען זיך געזעגענען. ער איז אָפּגעפאָרן קיין בירָאָבידזשאַן.

איך האָב אַ פאָטאָגראַפיע, וועלכע עס האָט מיר צוגעשיקט מײַן שוועסטערקינד פון לענינגראַד — שאָלעם קאַץ, אַ לאַנגיאָריקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. אין יענער צײַט האָט ער זיך געלערנט אין פּראָפטעכשול. צום באַדויערן, האָבן זיך אין די מילכאָמע־יאָרן פאַרלוירן מײַנע אייגענע פאָטאָגראַפיעס און אויך ביכער מיט אונטערשריפטן פון ד. האָפשטיינען, ש. ראָסינען, ב. אָליעווסקין און אַנדערע שרײַבער.

איין ביכעלע האָט זיך צופעליק פאַרהיט פון די דרײַסיקער יאָרן: אורי פינקעלס „שאָלעם-אַליכעם" מיט אַזאַ אונטערשריפט: „דער כ׳ ראָזע קעצעלע, צום אָנדענק".

אין פאַרלאַג איז געווען אַ מינהג — פאַרצײַען די נעמען בײַ די פרויען. לעמאָשל, די מאַשיניסטקע עטיע קאָפּעלעוויטש (מוישע איטקאָוויטשעס פרוי) האָט מען גערופן קאָפּעלע, בלומע קאַטיק — קאָטיקל. און בײַ מיר איז פאַרבליבן אויף אַלע יאָרן דער נאָמען קעצעלע.

ס׳וואָלט זיך מיר קיינעם ניט אויסמײַדן פון יענע איבערגעגעבענע קולטור-טוער, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן געאַרבעט אין פאַרלאַג און אין דער צײַטונג-רעדאַקציע פונעם „עמעס", באַזונדערס זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די, וועגן וועלכע קיינער האָט ניט געשריבן. אָט, לעמאָשל, פּראַים שפּראַך איז געווען אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן ליטוואַקאָווס פאַרטרעטער. דערמאָנען זיך וועגן אים איז ניט גרינג, ווײַל שפּראַך איז געווען אַן אײַנזאַמער מענטש. אין דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט ער געדינט אַלס מיליטער-פעלדשער, און ווען עמעצן אין רעדאַקציע פלעגט עפּעס-וואָס ווײ טאָן, האָט אָסקאַר סטרעליץ, דער פעליעטאָניסט פון דער צײַטונג, זיך געכאָכמעט:

— באַלד וועט קומען שפּראַך און אײַך אויסהיילן.

איינס קאָן איך זאָגן, אַז פּראַים שפּראַך איז געווען אַ קוואַל פון וויסן און קולטור. ס׳האָבן זיך פאַרגעדענקט זײַנע אינהאַלטסרײַכע פאָרטראָגן אויף פאַרזאַמלונגען אינעם קאָלעקטיוו, די לייטאַרטיקלען אין דער צײַטונג, וועלכע ער פלעגט שרײַבן מיט אַ גרינגער פּען. אין 1934 האָט ער באַזוכט די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט און פאַרעפנטלעכט פאַרצייכענונגען און אַרטיקלען, פון וועלכע מיר האָבן זיך דערוווּסט, וויאַזוי עס זעט אויס און וואָס הערט זיך אין דעם טײַגע-קאַנט.

אַלע מאַשינקעס אין רעדאַקציע זײַנען געווען פון דער אַלטער מאָדעל „אונדערוווּד". צו מײַן אָנקומען אין דער מאַשין-ביוראָ האָט דער פאַרלאַג אײַנגעשאַפן אַ „רעמינגטאָן". קיינער פון די מאַשיניסטקעס האָט ניט געוואָלט אַרבעטן אויף דער נײַער: די „אונדערוווּדן" גייען זייער גרינג, און אויף אַ „רעמינגטאָן" איז שווער צו קלאַפּן. איך אָבער האָב געטראַכט, אַז אָנהייבן דאַרף מען פון אַ נײַער.

די בעסטע מאַשיניסטקעס — מערע קאָנאַטקינע (איר מאַן איז דעמלט געווען פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע), עטיע קאָפּעלעוויטש (קאָפּעלע) האָבן געהאַט איין כיסאָרן — זיי האָבן גאַנץ שנעל געאַרבעט מיט צוויי פינגער, נאָר אָניאַטערנדיק זיך בלאָטערס, פלעגן זיי אַרויסגיין פון דער רײ. אויך זייערע אַלטע מאַשינקעס פלעגן פאָדערן אַ רעמאָנט.

איך האָב זיך געמוזט אָנשטרענגען, קעדיי וואָס גיכער זיך אויסלערנען צו פאַרבײַטן די „אַלטע קאַדרען". ס׳איז וויכטיק געווען ניט בלויז אַרבעטן מיט אַלע צען פינגער, נאָר אויך, ווי מע האָט מיך געלערנט, מיטן „בלינדן מעטאָד". געהאָלפן האָט מיר דאָס, וואָס איך האָב געקלאַפּט אונטערן דיקטאַנט פון אווראָם סאַפּראָ, וועלכער האָט איבערגעזעצט די מאַטעריאַלן פון רוסיש. די מער קוואַליפיצירטע מאַשיניסטקעס פלעגט מען ניט זעצן מיט אים, ווײַל ער האָט געטראַכט איבער יעדן וואָרט. מיך אָבער האָט עס ניט געאַרט — פאַר דער צײַט, וואָס ער פלעגט טראַכטן, האָב איך אויסגעלערנט די קלאַוויאַטור אויף אויסווייניק, און דעמלט איז שוין ניט בלויז דער רעדאַקציע געוואָרן גרינגער, נאָר אויך מיר. און אָט, ווען מע האָט דרינגענדיק געדאַרפט פאַרבײַטן די נאַכט-מאַשיניסטקע מ. קאָנאַטקינע, האָט מען מיר שוין פאַרגעלייגט צו אַרבעטן בײַנאַכט.

שוין אין סאַמע אָנהייב איז פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע. מיטאַמאָל איז שפּעט בײַנאַכט געקומען צו גיין דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג מוישע ליטוואַקאָוו מיט אַ גאַנצער סוויטע — דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר מייער קאָנאַטקין, דער פאַרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר פּראַים שפּראַך, ווי אויך אָסקאַר סטרעליץ, באָרעך קאָבלענץ און נאָך אַנדערע. אַלע זײַנען צוגעגאַנגען צו מיר, און ליטוואַקאָוו האָט מיך געפרעגט:

— איר האָט נעכטן געאַרבעט?

איך ענטפער, אַז יאָ. קערט ער זיך אום צו זײַנע מיטגלידער און טוט אַ זאָג:

— אוואַדע! אַזאַ יונגע, ווי קאָן זי וויסן, וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט אַלימענטן? און ס׳איז זייער גוט, וואָס זי ווייסט ניט, ווײַל איך טרעף זיך מיט איר אָפט אינעם הויף פון מײַן הויז, איר שטעלט זיך פאָר וואָס מיט מיר וואָלט געווען?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און זײַנען אוועקגעגאַנגען.

איך בין געבליבן שטאַרק צעטומלט. עמעצער איז אוועק זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין לעצטן נומער פונעם „עמעס" איז באַמערקט געוואָרן אַ פּיקאַנטער דרוק-פעלער. ס׳איז געגאַנגען אַ רייד וועגן אַלימענטן, און איך האָב אָנגעשריבן עלעמענטן. איך האָב טאַקע ניט געוווּסט, מיט וואָס מע עסט דאָס וואָרט. אָבער פאַרוואָס האָט ער געזאָגט, אַז ער זעט מיך בײַ אים אין הויף? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

לאָזט זיך אויס, אַז ליטוואַקאָוו האָט געלעבט אַף פּושקין-פּלאַץ, פּונקט אין דעם הויף, ווו עס האָבן זיך געפונען די קורסן פון מאַשיניסטקעס, און ער האָט מיך דאָרט געזען.

שפּעטער איז ליטוואַקאָוו צו מיר צוגעגאַנגען, מיך באַרויִקט און געזאָגט:

— די ערשטע לאַטקע איז מיט אַ כּיסאָרן... (Первый блин комом)

מוישע ליטוואַקאָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ סאַך הומאָר און מיט פיל כאָכמע. מײַן מאַן שלוימע ראַבינאָוויטש, וועלכער איז געווען זײַן פּאָרטרעטער, האָט מיר אָפט דערציילט וועגן דעם.

ליטוואַקאָוון און ראַבינאָוויטשן האָט מען איינמאָל אַרויסגערופן דרינגענדיק אַף אַ זיצונג אין ווציק, אין קרעמל. אויסגעזען האָבן זיי ביידע ווי פּאַט און פּאַטאַשאָן: ראַבינאָוויטש איז געווען אַ הויכער, מיט אַ גרויסער שעוועליורע, און מוישע ליטוואַקאָוו — אַ נידעריקער, מיט אַ פּליך. ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אַף די טרעפּ און דאָרט איז געווען אַ שפּיגל, האָט ראַבינאָוויטש אײַלנדיק אַרויסגענומען אַ קעמעלע אַף צו פאַרקעמען זיך, ליטוואַקאָוו האָט אים אָנגעהויבן אונטערײַלן:

— גיכער!.. און גיט מיר איבער דאָס קעמעלע!

ראַבינאָוויטש האָט טאַקע אַזוי געטאָן. האָבן זיי אַ קוק געטאָן איינער אַפן אַנדערן און זיך צעלאַכט.

אין רעדאַקציע פלעגן קומען ניט ווייניק שרײַבער-גראַפאָמאַנען, וועלכע זײַנען זייער דערעסן געוואָרן ליטוואַקאָוון, און ווען ער פלעגט שוין ווערן אין קאַס, פלעגט ער אויסשרײַען:

— עס איז מיר ווייניק, וואָס אין מײַן הויף פאַרקויפן זיך פּיאַווקעס... (דאָרט איז געווען אַ פיליאַל-בײַדל פון אַן אַפּטייק).

אין 1937 איז געקומען צו פאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד דער באַוווּסטער שרײַבער ליאָן פויכטוואַנגער. די דאָזיקע געשעעניש איז אַמערסטן פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן. נאָך ביז דעם שרײַבערס אָנקומען איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן כּאַשינס אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג. „ל. פויכטוואַנגער איז איינער פון די פּאָפּולערסטע נעמען אין אייראָפּע. ער איז באַרימט, ווי דער סאַמע פלאַמיקער אַנטיפאַשיסט אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, ער צייכנט זיך אויס מיט זײַן טיפן און ברייטן רעאַליזם. זײַן באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד וועט מיטהעלפן זײַן ווײַטערדיקן אידייִש-קינסטלערישן וווּקס. ל. פויכטוואַנגער, דער גרויסער קינסטלער פון האַס קעגן פאַשיזם, וועט ווערן אויך דער גרויסער קינסטלער פון ליבשאַפט צום רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט", — אַזוי האָט געשריבן אַלעקסאַנדער כּאַשין.

די רעדאַקציע פון דער צײַטונג און די פאַרייניקונג פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער האָבן אײַנגעאָרדנט דעם 6 יאַנוואַר 1937 אַ באַגעגעניש מיטן באַוווּסטן שרײַבער. איך האָב געהאַט די זכיִע בײַצוזײַן אַף אָט דער באַגעגעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פונעם מאָסקווער שרײַבער-הויז. דאָרט זײַנען געווען א. קושניראָוו, ש. ראָסין, מ. ווינער, א. גורשטיין, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, אויך דער באַוווּסטער פליִער-טשעליוסקינעץ ב. פּיווענשטיין און די רעקאָרדסמענקע-פּאַראַשוטיסטקע מ. גוראַל. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן י. נוסינאָוו, וועלכער האָט געפירט די באַגעגעניש, פּ. מאַרקיש. ש: מיכאָעלס האָט געהאַלטן זייער אַ בילדערישע און עמאָציאָנעלע רעדע.

פון דער רעדאַקציע און פונעם פאַרלאַג „דער עמעס" איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגריסונג דער שמעלפּאָרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר שלוימע ראַבינאָוויטש. ער האָט אָנגעוויזן אַף די נײַע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינעם ייִדישן פאָלק. אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער געזאָגט, איז שוין פאַרשווּנדן צווישן די ייִדן דער טיפּ „לופטמענטש", ווי שאָלעם-אַלייכעם האָט אים פאָרגעשטעלט, פאַראַן בא אונדז נאָך אַזעלכע „לופטמענטשן", ווי ב. פּיווענשטיין...

אין זײַן ענטפער-וואָרט האָט ליאָן פויכטוואַנגער געזאָגט, אַז די הויפּט-שטראָמען, וועלכע גייען דורך אין זײַנע ווערק, זײַנען דער געזונטער „נאַציאָנאַליזם" און דער אינטערנאַציאָנאַליזם. ער אַרבעט שוין פיל יאָרן איבער דער טרילאָגיע, וואָס איר ערשטער בוך איז געווידמעט יויסעף פלאַוויוסן. דעם דאָזיקן ערשטן בוך האָט ער אָנגעשריבן ערעוו היטלערס קומען צו דער מאַכט. דעם צווייטן בוך פון דער טרילאָגיע האָט ער שוין פאַרענדיקט אין דער עמיגראַציע. שרײַבנדיק די טרילאָגיע, האָט פאַרגעזעצט ל. פויכטוואַנגער, האָט ער געוואָלט זי דערפירן צו אַ פּאָזיטיוון סאָף. אין פּראָצעס פון דער אַרבעט האָט ער אָפט געצווייפלט, צי דאָס וועט אים געלונגען. איצט, נאָכן אָנקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, צווייפלט ער ניט מער.

מיך האָט אויפגעטרייסלט די דאָזיקע באַגעגעניש, וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דאָס לעבן איז פול מיט געשעענישן, וואָס לאָזן צומאָל איבער אין זיקאָרן אַזעלכע פרישע שפּורן, אַז עס דוכט זיך: פּאַסירט האָבן זיי אָט ערשט ניט לאַנג.

ליטעראַטור-קריטיק || ביבליאָגראַפיע || פראַגן פון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן

אַ נײַע באַגעגעניש מיט די ווײַסרוסלענדישע שטעטלעך

אין דער אַנאָטאַציע צום בוך ווערט געזאָגט, אַז די סטימולירנדיקע אידיי פונעם שרײַבער איז „באַווײַזן די הײַנטצײַטיקע ייִדישע יישוּווים אין די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד". עס קומען אַפן זינען איזי כאַריקס שורעס: „איך קען דיך, ווײַסרוסלאַנד, אַזוי ווי איך קען מײַנע אייגענע פינגער, אינמיטן דער נאַכט וועל איך שטענדיק דײַן יעטווידע סטעזשקע דערקענען, די טראַקטן, די טײַכן, די ווייכע פאַרנאַכטן, די וועלדער, וואָס זינגען...". דאָס דאָזיקע געהויבענע געפיל פאַרשפּינט זיך אין מויער מיט אַן אַנדערן — אַ טרויעריקן: פון די געוועזענע ייִדישע מעקוימעס איז נאָך דער מילכאָמע קימאַט גאָרנישט ניט געבליבן... ווי עס טרעפט אָבער גאַנץ אָפט מיט געדאַנקען, וועלכע קומען אוף איידער דו לייענסט איבער דעם בוך, האָבן זיי זיך אי באַשטעטיקט, אי אָפּגעלייקנט.

רעלעסעס רײַזע-בילדער זײַנען מיר שוין באַקאַנט, זיי זײַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער דאָס זײַנען געווען באַזונדערע פובליקאַציעס, און אין בוך זײַנען זיי צונויפגעקליבן אינאיינעם. מיר לאָזן זיך אַוועק אין אַ נעסיע איבער די באַקאַנטע ערטער. צוליב וואָס? — קעדיי דערמאָנען דעם אָוואַר, קוויקן זיך מיט דער אַמאָליקער שטעטלדיקער עקזאָטיק, קלאָגן אַף די ברידערלעכע קוואָרים-גריבער? ניט דאָס איז דער הויפּט-ציל פונעם שרײַבער. יאָ. ער קאָן נישט ניט דערמאָנען דאָס פריִערדיקע שטעטל, וואָס האָט זיך לעדוירעס אײַנגעוואָרצלט אַף דעם ווײַסרוסלענדישן באָדן און זיך צעבליט אין די סאָוועטישע פאַרמילכאָמעדיקע יאָרן. אָבער וועגן דעם דערמאָנט בלויז דער אַוטאָר גאַנץ אָפּט פאַרלויפיק, ער וויל איבערהויפּט געבן דעם הײַנטצײַטיקן לעבן אין די באַוווּסטע און אומבאַוווּסטע שטעטלעך, וועגן זייער קיום „אונטערן פירדלעכן הימל".

דער עצם זשאַנער רײַזע-בילדער, רײַזע-באַשרײַבונגען איז שוין פון לאַנג פאַרשפּרייט אין דער ליטעראַטור. אַמאָל — נאָך אינעם 18-טן יאָרקונדערט — האָבן געמאַכט אַ רוישעם די אַזויגערופענע סענטימענטאַלע רײַזעס, דער העלד פון וועלכע לאָזט זיך אַוועק אין וועג און טיילט זיך מיט דעם לייענער ניט אַזוי מיט דעם, וואָס ער האָט געזען, ווי מיט דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, באַאָבאַכטנדיק די אָדער יענע ערטער און געשעענישן. אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט אַזאַ מין רײַזע-זשאַנער זיך ניט פאַרפעסטיקט, אין איר טרעט געוויינלעך אַרויס אַליין דער שריפטשטעלער, וועלכער דערציילט אומיטלבאַר וועגן דעם, מיט וואָס ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן. אַזוי טוט מענדעלע מויכער-ספאָרים, וועלכער פאָרט אַרום מיט זײַן בײַדל. שאָלעם-אַלייכעם גיט אַ וואָרט דעם מענטשן, מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפן אין וועג, לאָזט יענעם אויסריידן זיך, אויסגיסן זײַן נעשאָמע. אויך אַנדערע פאָרמען פונעם רײַזע-זשאַנער זײַנען פאַ־העלטניסמעסיק ברייט

הירש רעלעס. אונטערן פרידלעכן הימל. רײַזע-בילדער, נאָוועלן, דערציילונגען. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1983.

פֿאַרגעשטעלט אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ס׳זײַנען באַוווּסט, און ניט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, די אויסלענדישע קינסטלעריש-פּובליציסטישע רײַזע-באַריכטן פֿון אַרן ווערגעליסן. אין דער פֿאָרם פֿון אַ רײַזע-דערציילונג האָט געשאַפֿן ווערק שמואל גאָרדאָן, וועלכער האָט זיך געמיט צו באַווײַזן, וואָס עס איז געוואָרן פֿון די געוועזענע ייִדישע שטעטלעך, קאָמונעס און קאָלווירטן.

הירש רעלעס שטעלט פֿאַר זיך אַ באַשיידענע אויפֿגאַבע: „אומעטום, זאָלט איר וויסן, אונטער יעדן דאַך, ווו עס וווינען מענטשן, קומט שטענדיק עפּעס פֿאָר. אונטער יעדן דאַך פֿלעכטן זיך שטענדיק איבער פֿרייד מיט לייד, פֿאַרגעניגן מיט האַרצווייטיק״. די איבערלעבונגען פֿון אַזעלכע פּאָשעטע מענטשן באַשרײַבט רעלעס אָדער פֿון זײַן אייגענעם נאָמען, אָדער — און מערסטנטײל — פֿאַרפֿיקסירנדיק זייערע אַרויסזאָגונגען. די רעאַלעווירקלעכקייט איז אײַנהאַלטרײַך, מע דאַרף זי מאָלן אַזוי, ווי זי איז, ווײַל „דאָס, וואָס עס קלערט אויס דאָס לעבן, וועט קיין שרײַבער ניט אויסטראַכטן״.

אָבער לייענענדיק איינע נאָך דער אַנדערער רעלעסעס רײַזע-באַשרײַבונגען, ווערט קלאָר, אַז די פּאָשעטע מענטשן זײַנען גאָרניט אַזוי פּאָשעט, זייערע געוויינלעכע איבערלעבונגען אַנטהאַלטן אין זיך פֿיל וווּנטלעכס און באַלערעוודיקס. נאָך מער — פֿון די פֿילצאָליקע באַזונדערע רײַזע-פֿאַרצייכענונגען שאַפֿט זיך אײנעם באַוווּסטזײַן פֿונעם לייענער אַ מער אָדער ווייניקער גאַנץ בילד פֿונעם נאָכמילכאָמעדיקן לעבן אין ווײַסרוסלאַנד, פֿון די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען און קומען פֿאָר אויף דער דאָזיקער ערד.

אין אָט דעם הינזיכט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דער צווייטער אָפּטייל פֿונעם בוך, אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק קלײנער, וועלכער איז אָנגערופֿן „אויף פּאָלעסיע״. דערעכאַגווו, באַמערקט ה. רעלעס, אַז פּאָלעסיע האָט זיך אָנגעהויבן איבערבויען נאָך לאַנג פֿאַר דער מילכאָמע, אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. ער דערמאָנט דעם נאָמען פֿונעם שרײַבער הירש אָרלאַנד, וועלכער האָט אין זײַן ראָמאַן „העבליעס״ פּאָעטיש געשילדערט דעם דאָזיקן פּעריאָד. ער דערמאָנט די ייִדישע שרײַבער, וואָס שטאַמען פֿון פּאָלעסיע — מאָטיע דעכטיאַר, מענדל ליפּשיץ, שימען לעלטשוק, — „זיי האָבן באַגײַסטערט באַזונגען זייער קאַנט און די גרויסע ענדערונגען, וואָס זײַנען דאָרט פֿאָרגעקומען״. און ווײַטער לייענען מיר אַזאַ אינפֿאָרמאַציע אַבזאַץ: „איצט איז פּאָלעסיע ניט נאָר אַ קאַנט פֿון געדיכטע וועלדער, גרויסע אָזערעס און ברייטע טײַכן, נאָר אויך פֿון ספּעציאַליזירטע סאָווירטן און קאָלווירטן און פֿון הויך-אַנטוויקלטער אינדוסטריע״. „אין די שטעטלעך פֿון פּאָלעסיע, — שרײַבט רעלעס ווײַטער, און זײַן גוייִעס-איידעס איז באַגלויבלעך, — לעבן הײַנט מער ייִדישע מישפּאָכעס איידער אין אַנדערע געגנטן פֿון ווײַסרוסלאַנד״. מיט זיי טאַקע, ווי אויך מיטן נײַעם אויסזען פֿון די שטעטלעך, באַקענט אונדז הירש רעלעס.

אָט איז רעטשיצע, דאָס באַוווּסטע באַם דניעפּער שטעטל, וואָס איז פֿריִער געווען אַ צוציִענדיק אָפּרו-אָרט און איז געוואָרן אַ צענטער פֿונעם נאַפֿט-אַרויסבאַקום. ווען דער שרײַבער איז אַהין געפֿאָרן, האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָרט איז פֿולקום פֿאַרשוווּנדן די פֿרישע לופֿט, אַלץ שמעקט מיטן ספּעציפֿישן, ווייניק-אָנגענעמען נאַפֿט-רייעך. אָבער ער איז געוואָרן אָנגעלייגט אַנטוישט: „דער ייִשעוו זעט איצט אויס, פֿאַרקערט, נאָך אָפּגעפֿרישטער און ריינער, ווי געווען. די גאַסן — אָנגעטאָן אין אַספֿאַלט, די ביימער בײַ די טראָטואַרן — נאָך מער צעוואַקסן, די סעדער הינטער די הײַזער — אַ סאַך געדיכטער און די לופֿט — ריין, פֿריש. דאַטשניקעס — ניט ווייניקער ווי פֿריִער...״

און דאָ טרעפֿן מיר זיך מיט די נײַע מענטשן, וואָס בורעווען די ערד, באַקומען אַרויס נאַפֿט, גאַז. דאָס איז סיאָמע ראַסקין, וועלכער האָט דאָ געבויט די נאַפֿט-סקוואַזשינעס און איז דערנאָך געוואָרן אַ מעכאַניקער; דאָס איז אַליק, וועלכער איז נאָך דער מיטלשול אָנגעקומען ניט אין אינסטיטוט, ווי די מאַמע, די אַלמאָנע, האָט געטרוימט, נאָר איז אַוועק אַרבעטן אַלס אַ שלאָסער אין דער טריקאָטאַזש-פֿאַבריק און נאָך דעם „באַהערשט דעם פֿאַך פֿון אַ גאַזאָווטשיק, געוואָרן איינער פֿון די בעסטע אַרבעטער אויפֿן באַצירק״. מע קאָן ניט זאָגן, אַז די דאָזיקע יונגעלײַט זײַנען אייגנאַרטיק און בולט געשילדערט, ניין, — זייערע פּאָרטרעטן, זייער לעבנסוועג זעען אויס טראַפֿאַרעט. די באַשרײַבונג איז ענלעך אויף אַ צײַטונגס-רעפּאָרטאַזש. ווען רעלעס הייבט אָן שילדערן דעם יונגן דאָר — די סטודענטן מאַריק און וואָווע („שטערנדלעך איבער דער בעריאָזע״) אָדער קאַדיקן, וואָס גייט אַוועק נאָך דער שול אַרבעטן אויף אַן אונטערנעמונג („אייביקע זאָרגן״) — קומט ער אָן צו דער פּאַרטיקער קלישע, וועלכע מיר זעען שוין פֿון לאַנג אָן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אָבער ווען ער באַגעגנט מענטשן פֿון זײַן דאָר, ווערט זײַן בליק מער אויפֿמערקזאַמער,

אַנגעשטרענגטער, און ער שאַפט אַ געשטאַלט,
וואָס פֿאַרגעדענקט זיך. אָט איז, לעמאָשל,
דוואָסיע, דאָרע יאַקאָוולעוונע, ווי מע רופט
זי אויפֿן הײַנטיקן אויפֿן אין דער נײַער רעטשי-
צע. דער שרײַבער איז גערעכט, ווען ער באַ-
מערקט, אַז „יעדער געשפּרעך מיט דוואָסיען
איז אַ פֿאַרטיקע נאָוועלע, נעם די פּען און
שרײַב". זי איז אַ מאַמע, וואָס האָט שוין
אויסגעגעבן אירע קינדער, און איצט, ווי זי
זאָגט, סטאַרען זיי זיך ניט באַומרויִקן, „זיי
היטן מיך אָפּ, ווי דאָס אויג אין קאָפּ...". און
עס גייט אַוועק אַ דראָשע, פֿון וועלכער מיר
דערוויסן זיך וועגן איר פֿריִערדיקן און הײַנ-
טיקן לעבנשטייגער.
דוואָסיע דערמאָנט מיט אירע רייד שאָ-
לעם-אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן. אויך אין אַנדע-
רע מאָנאָלאָגן פֿילט זיך שאָלעם-אַלייכעמס
טאָן, זײַן דערציילערישע מאַניר, וועלכע עס
נוצט אויס אונדזער שרײַבער. ס׳באַקומען בײַ
אים אַ נײַע אָנלאָדונג שאָלעם-אַלייכעמס גע-
שטאַלטן. מיט רעכט רופֿט ער אָן דעם ייִשוו-
ניק פֿון דראַהאַנאָווע „אַ נײַער טעוויע". די
נאָוועלע וועגן אים איז געגעבן אין דער פֿאָרם
פֿון אַ דיִאַלאָג מיטן העלד, וועלכער האָט זיך
נאָך דער מילכאָמע אומגעקערט אַ לעבעדי-
קער, אָבער אין זײַן שטעטל, ווו קיינער פֿון
זײַנע קרובֿים און פֿרײַנט זײַנען ניט געבליבן,
האָט ער ניט געקענט זיך אָפּשטעלן, דאַן האָט
ער זיך, לויט דער אײַנלאַדונג פֿון זײַנעם אַן
אַדנאָפּאָלטשאַנין, באַזעצט אין אַ דאָרף און
דאָרט געפֿירט זײַן כאַיונע. צום סאָף מאַכט
דער מעכאַבער אַן אויספֿיר: „הער נאָר, דאָס
איז דאָך טעוויע דער מילכיקער! טעוויע, אָבער
שוין פֿון אונדזערע טעג — אויך צאָרעס פֿון
טעכטער, עמעס, אָף אַן אַנדער אויפֿן — נײַע
צײַטן, נײַע לידער. דער קאָפּ און די באַקן בײַ
מײַן טעוויען זײַנען ריין געגאָלט, אָנגעטאָן
איז ער אין אַ לײַכט העמדל, לאַווסאַנאָווע
הויזן, און אָף די פֿיס זומערדיקע סאַנדאַלעטן.
איך האָב געזוכט טעוויען אין שטעטלעך און
אין דערפֿער, געזוכט אַ ייִד מיט באָרד-און-
פּייעס און אומבאַדינגט אין אַ סורדוט. אַ ייִד,
וואָס שפּאַנט לעבן פֿערד-און-וואָגן. ווײַזט זיך
גאָר אַרויס, אַז אָט איז ער!"
דער שרײַבער באַקאַנט אונדז מיט טויש-
ווים פֿון די ווײַסרוסלענדישע שטעטלעך. ער
באַמערקט כאַראַקטעריסטישע שטריכן, אַדאַנק
וועלכע עס שאַפֿן זיך קאָלאָריטפֿולע פּאָרט-
רעטן. מיר דערקענען צומאָל אַלטע באַקאַנטע
פּנעם פֿאַרמילכאָמעדיקן שטעטל, אָבער זיי
באַקומען אַ נײַעם אָנבליק. ס׳ראָיז זײַנען עס
וועטעראַנען פֿון דער גרויסער פּאָטערלענדי-
שער מילכאָמע, וועלכע האָבן זיך ווירדיק
געשלאָגן מיטן סוינע, אומגעקערט זיך אַהיים,
געגומען אויפֿשטעלן די ווירטשאַפֿט. זיי זײַנען
שטאַרק באַשיידן, ס׳איז שווער זיי אַפֿילע
אַרויסרופֿן אָף אַן אָפֿענעם געשפּרעך. געוויינ-
לעך ווערט געשאַפֿן אַזאַ געשטאַלט פֿון אַרויס-
זאָגונגען פֿון די אַרומיקע באַקאַנטע און איי-
גענע.
אָפֿט ווערט די דערציילונג געפֿירט אין
אַ הומאָריסטישן שניט. מאָלנדיק די אייגנ-
שאַפֿטן פֿון די מענטשן, מיט וועלכע ער
שטויסט זיך צונויף, דעקט דער שרײַבער אויף
די אָדער יענע כעסרוינעס, וועלכע רופֿן
אַרויס אַ גוטמוטיקן שמייכל. טיילמאָל בויט
ער דאָס בילד אָף אַ פּאַראַדאָקסאַלער סיטואַ-
ציע. אין איינעם אַ שטעטל הערט זיך פֿון אַ
געסל טאָמיד אַ סווישטשערײַ און אַ פּײַפּערײַ.
ס׳פּײַפֿט שיִר ניט דעם גאַנצן מעסלעס אַ נײַער
קאַמצן, שימען דער סינדוק, וועלכער וויל אָף
אַזאַ אויפֿן פֿאַרטרײַבן די פֿייגל פֿון זײַן סאָד,
זיי זאָלן ניט שעדיקן די פֿרוכטן („אין אַ
שווערער לאַגע"). אַ געוועזענע אַקטריסע קאָן
זיך ניט צונויפֿלעבן מיטן אַרום, זי איז מיט
אַלץ ניט צופֿרידן („ניטאָ קיין רו"). באַסיען
האָט מען אָנגערופֿן „די כאַכאָמע פֿונעם
שטעטל": „דער ייִשעוו ענדערט זיך. דאָ און
דאָרט וואַקסן הויכשטאָקיקע געבײַדעס. די
געסלעך זײַנען אויסגעאַספֿאַלטירט, עס וואַקסט
אַ נײַער מיקראָראַיאָן. קינדער ווערן דערוואַק-
סענע, יונגע — סאָלידער, עלטערע — נאָך
מער עלטער. נאָר באַסיע זעט אויס שטענדיק
אַזוי ווי פֿריִער — דאָס זעלבע רונדע פֿרישע
פּנעם, די זעלבע לאַנגע קליידער, קימאַט ביז
די פּיאַטעס" („ווען מע איז אײַנגעוואָרצלט").
נאָך יאָרן וואַנדערן האָט זיך באַוויזן אין
קלימאָוויטשער יאַשע קוקוי — אַ מאָדנער פּאַר-
שוין, אָנגעטאָן אין אַ כאַלאַטל, ווי אַן אוזבעק.
ער איז טאַקע געקומען פֿון סאַמאַרקאַנד. דער
הייסער קלימאַט איז פֿאַר אים ניט צוגעפּאַסט,
האָט ער זיך אומגעקערט אין די אייגענע מע-
קוימעס. עס בלײַבט אין זיקאָרן דאָס געשטאַלט
פֿון דעם שטעטלדיקן פּאָליטיקער ווילע הײַשעס,
וועלכער לויפֿט אין דער באַשטימטער צײַט צום
טעלעוויזאָר אויסצוהערן די לעצטע נײַס, לאָזט
ניט דורך קיין איין לעקציע איבער אינערלעכע
און צווישנפֿעלקערלעכע איניאָנים אינטערע-
סאַנט זײַנען געגעבן טיפּן פֿון די הײַנטצײַטי-
קע „שטעטלדיקע באַלעבאַטים" — אַ פֿאַרפֿאָלק,
וואָס מאַכט געשעפֿטן אָף אַ הײַנטיקן אויפֿן,
מיט אַקוואַריוּם-פֿישעלעך, שטוביקע פֿייגע-
לעך אאַוו. זיי לאַכן אויס די, וואָס שטרעבן צו
בילדונג, ווערן דאָקטוירים, אינזשעניערן, —
צוליב וואָס מאַטערן זיי זיך? אָט ווי מע
דאַרף איצט לעבן: דער באַלעבאָס איז
אַ שוימער אין אַ סקלאַד און פֿאָרט אַרום
אָף דער אייגענער „וואָלגע" („אַ פּעיִק מיידל").

קינסטלער מארק שאגאל

יונגע סאלדאטן. 1914
צוגאסט. 1916



באם פענצטער (פּאָרטרעט פון אידע שאַגאַל). 1924

א ייִדישע כאַסענע. 1910



עסקיז פארן בילד „דאָס קינדער־וויגעלע״. 1916 — 1917

דאָוויד שפילט אף דער מאנדאָלינע. 1914



דאָ הערט זיך שוין א סאטירישער טאָן, אָבער די סאטירע איז בא רעלעסן ניט קיין בייסיקע. ער לאַכט פּאַשעט אויס די נייע ספּעקוליאַנטן, פּונקט ווי יענעם קארגן, וואָס פּייפּט א גאנצן טאָג, האָט קיין שום האנאָע ניט פון זיין אומופהערלעכער מי.

איינס נאָכן אנדערן קנעט אויס ה. רעלעס געשטאלטן. געוויינלעך ווידמעט ער יעדערן א באזונדער בילד, טיילמאָל מאָלט ער אַף איין בילד, אזוי צו זאָגן, א קאָלעקטיוון פּאָרטרעט, ווי אין דער פארצייכענונג „אלטע באקאנטע". דארט זיינען פאָרגעשטעלט פיר יונגען, מיט וועמען דער שרייבער האָט זיך באקאנט אין קריטשעוו: זוסיע לאָקשין („די דייטשן האָבן בא אים אָפּגעביסן א פוס"), אלעקסאנדער ליפּניק, א קליינינטשקער אין וווּקס, באהערשט ער בישטיקע די סוידעס פון סאמבאָ, קעדיי צו באווייזן, אז ער איז ניט פון די שרעקעוודיקע. אָט די פּאָר איז אפן פּאָדערשטן פּלאן, און אפן הינטערשטן — דער פריילעכער פּעדיא ריאזאנאָוו און דער בלאָנד-קוטשעריאווער יאשקע רוסין. אין צוויי צענדליק יאָר ארום באגעגנט ער זיי ווידער און מיר דערוויסן זיך וועגן זייערע וויטערדיקע גויראָלעס, ווי זיי האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די יוגנטלעכע קונדייסעריי און געוואָרן אָנשטענדיקע און כאָשעווע ארבעטנדיקע.

אזוי גייט דורך פאר אונדז איין באגעגעניש נאָך דער אנדערער. צייטנווייז זעען זיי אויס, ווי איינציקע אָפּגעשטעלטע קינאָ-קאָדרען, און דעריבער פיקסירן ניט איינציקע אונדזער אויפמערקזאמקייט, צופיל קורץ איז די באקאנטשאפט. עטלעכע פארצייכענונגען זיינען ענלעך אַף עסקיזן, זייער קורצע, צומאָל — ניט פארענדיקטע. אָנשטאָט צו שילדערן דעם מענטשלעכן כאראקטער באנוגנט זיך רעלעס מיט איבערדערציילן די ביאָגראפיע פון זיין העלד, — ער איז אזא און אזא, נאָך גענומען אן אָנטייל אינעם בירגערקריג, געווען א טשאַנאָוועץ, געקעמפט מיט די באנדיטן, אין די ערשטע פינפיאָרן פארנומען זיך מיט דער רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקסווירטשאפט, געשלאָגן זיך מיט די דייטשישע פאשיסטן אין דער ארמיי אָדער אין פארטיזאנישן אָטריאד, נאָך דער מילכאָמע ווידער גענומען זיך פאר דער ארבעט אאַוו. (זע, צום ביישפּיל, „באם וועטעראן"). טיילמאָל זיינען די געשילדערטע קאָנפליקטן צו מינדערוועטיק. עס זיינען גאָר ניט קאָנפליקטן, עפּעס קליינינקע מישפּאָכעדיקע כלוקעדייעס, וואָס פארענדיקן זיך בעשאָלעם. אין דער נאָוועלע „א קאפּריזנע ווייב" איז די מוטער ניט צופרידן מיט איר מאצעוו — דריי קינדער, פיל דייגעס, געמוזט וואַרפן די ארבעט, עס באדריקט זי די קלוימערשטע אומטעטיקייט. סאָפקאָלסאָף אָרדנט זי זיך ווידער איין אינעם צעך, און אין דער מישפּאָכע ווערט אפסניי שאָלעם. טאמארע איז ניט אזא קאפּריזנע, ווי עס ווערט אפּישירט אינעם טיטל.

אומזיסט קומט רעלעס אָן אין אייניקע פינאלן צו א פלאכן מוסער-האסקל, ער צעקייט פארן לייענער דאָס, וואָס איז אזוי אויך קלאָר. די שוין דערמאָנטע נאָוועלע „א פּעיִק מיידל", ווּ עס ווערן באוויזן די היינטצייטיקע שטעטלדיקע באלעבעסלעך, פארענדיקט זיך מיט אזא סאכאקל: „פיל אינטערעסאנטע באגעגענישן זיינען בא מיר פאָרגעקומען אין דער שטאָט. איך האָב זיך געזען מיט פּיאָלקען, מיט רובינען און מיט נאָך א סאך פון מיינע געוועזענע שילער. איך האָב פון טיפן הארצן געפרייט זיך מיט זייערע דערפאָלגן, נאָר ריינע קאָרטשיק איז בא מיר פון זינען ניט ארויס". די דאָזיקע קעגנשטעלונג פון גוטע און שלעכטע איז איבעריק.

און נאָך א באמערקונג. דער אָפּטימיסטישער טאָן, וואָס הערשט אינעם בוך, איז ניט אומעטום בארעכטיקט, טיילמאָל טראָגט ער ארייַן א פלאכן נוסעך. „ווען אומעטום איז גוט", — הייסט איין פארצייכענונג. זאָל זיין, אז אין דעם קאָנקרעטן פאל איז עס טאקע אזוי, אָבער די פראגע כאזוערט זיך איבער גאנץ אָפט, אין דער צייט, ווען ניט אלעמאָל אנטשפרעכט זי דער ווירקלעכקייט.

די הויפּט-אויפגאבע פונעם מעכאבער איז, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, באלויכטן דעם היינטצייטיקן קיִעם פון די ווייסרוסלענדישע שטעטלעך, אָבער ער קען זיך ניט אָפּוועגדן פונעם גרויסן כורבן, וואָס איז מיט זיי פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאציע. קימאט אין יעדער דערציילונג גיט ער אָנצוהערן וועגן דעם. ס'ראָוו באנוגנט ער זיך מיט אן אינפאָרמאטיווער קאָנסטאטאציע. ער קומט אליין ארייַן אין א באקאנט שטעטל אָדער לאָזט ארייַנקומען אהין א געוועזענעם טוישעוו, און זיי געפינען קימאט קיינעם ניט פון די אייגענע, פון די באקאנטע, מע האָט זיי אויסגעראָטן. אָט דער דאָזיקער גרויזאמער קיִעם גיט זיך אומעטום צו וויסן. אלפּי נעס זיינען ניצל געוואָרן בלויז איינציקע פון די, וואָס האָבן ניט באוויזן זיך צו עוואקויִרן. זייער שווערער גוירל איז באשריבן לאקאָניש און לאָזט איבער א שטארקן איינדרוק. איינע פון די לעבנגעבליבענע — טעמע סטאראָדוואָרסקאיא — איז די איינציקע, וואָס איז צופעליק פארבליבן פון די הונדערט און צוואנציק יִידן, וועלכע האָבן געווּינט אין דעם מייַרעוו-ווייסרוסלענדישן שטעטל זאברעדזשי. א ווייסרוסישע פאמיליע האָט זי געראטעוועט, און,

און נאָך ביז אדהײַעם קאָן זי צו־זיך ניט קומען, טראָגט שווער איבער די איינזאַמקײַט. א סטימול צום לעבן האָט איר געגעבן בלויז דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעזוכט אירער א פלימעניק, א צווײַגעלע פון איר גרויסער מישפּאָכע. זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט, דערצויגן, און דאָס צווײַגעלע האָט שוין געגעבן נײַע שפּראָצן. די דאָזיקע נאָוועלע איז טיפּיש פאַר רעלעסעס וועלט־באַנעם. דער אָוואַר איז טראַגיש, אָבער טראָץ אַלץ, ווערט פאַרגעזעצט דאָס לעבן.

א גרויסן אינטערעס רופן ארויס די זײַטלעך אינעם בוך, ווו עס ווערט דערציילט וועגן די געשעענישן אין לאַכווער געטאָ. לאַכווע איז א קליין שטעטעלע אין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד, דאָרט האָבן ביז דער מילכאָמע געוווינט באַ צוויי טויזנט מענטשן, דעריקער ייִדן. דאָרט האָבן די פאַשיסטן אײַנגעאָרדנט א געטאָ, וווהין זיי האָבן פאַרשפּאַרט ייִדן אויך פון די אַרומיקע יישוווים, און פאַרטראַכט אַלעמען צו פאַרטיליקן, אָבער אינעם טאָג, ווען עס האָט געדאַרפט אויסגעפילט ווערן דער אַכזאָריעסדיקער פּלאַן, איז אין געטאָ אויסגעבראָכן אַן אופשטאַנד, קימאַט אָן געווער האָבן די פאַרורטיילטע זיך קעגנגעשטעלט די באַוואָפנטע עססאָווצעס און פּאָליצײַען, און אַדאַנק דעם האָבן זיך געראַטעוועט עטלעכע הונדערט מענטשן. ווי אין אַנדערע פאַלן, לאָזט רעלעס דערציילן וועגן דעם די אָנטיילנעמער פונעם אופשטאַנד, ער באַגעגנט זיך מיט די, וואָס לעבן נאָך איצטער, און זיי דערמאָנען זיך וועגן לאַכווער געטאָ. די דאָזיקע דערינערונגען זײַנען אויך פראַגמענטאַרישע, נאָר דעם שרײַבער האָט זיך בעפּירעש אײַנגעגעבן צו אָנמאָלן א אומפאַרגעסלעך בילד פון דער טרויעריקער און העראָישער פאַרגאַנגענהײַט.

אין דעם געוועזענעם ייִדישן שטעטל לאַכווע זײַנען איצט קיין ייִדן ניטאָ, און לאַכווע איז ניט קיין אויסנאַם. צוזאַמען מיטן שרײַבער מאַכן מיר דורך א רײַזע איבער א סאַך ווײַסרוסלענדישע שטעטלעך, וווּ ס׳האָבן פאַרן קריג געלעבט גרויסע מאַסן ייִדן, און מיר דערוויסן זיך, אַז בלויז איינצלנע זײַנען געקומען צוריק. דער מעכאַבער דערפרייט זיך שטאַרק, ווען ער טרעפט מענטשן, וואָס רעדן אַף ייִדיש, — ווי אין וואַסיעוויטשי אָדער זשלאָבין. אָבער דאָס איז גאַנץ זעלטן. עמעס, קימאַט אין יעדן שטעטל געפינען זיך אַזעלכע, וואָס באַמיִען זיך פאַרהיטן כאָטש סימאָנים פונעם אָפּגעגאַנגענעם אָוואַר. אינעם בוך זײַנען עס געלונגענע געשטאַלטן — אַבע פון טשאַשניקי, זשעניע פּיטשקאָווסקאַיאַ, כאַנע די שוסטערקע און אַנדערע. וועגן איינעם פון זיי שרײַבט מיט רעכט ה. רעלעס: „קאַלזמאַן אַבע לעבט, ווייסן מיר, ווו יעדערער פון אונדזערע לאַנדסלײַט געפינט זיך, און ווי האַלט מיט יעדערן באַזונדער. ער איז א מין פּעדעמל, וואָס פאַרבינדט אונדז אַלעמען, ווו מיר זאָלן ניט זײַן”.

מיט זײַן אָפנהאַרציקײַט רופט רעלעס אַרויס צוטרוי באַם לייענער. אַגעוו, א געוויסן אינטערעס שטעלט פאַר דאָס עצעם געשטאַלט פונעם מעכאַבער, דעם געוועזענעם סטודענט פונעם וויטעבסקער ייִדישן פּעדטעכניקום, דעם לערער פון שפּראַך און ליטעראַטור, דעם זשורנאַליסט און שרײַבער, ווי ער שטעלט אַליין זיך פאַר אונדז פאָר. א מענטש א נײַגעריקער, האָט ער ליב אַרומפאָרן און געפינט אומעטום עפּעס באַזונדערס, געוויינלעכס און אויסערגעוויינלעכס, דאָס אַלץ ווערט נאָענט דעם לייענער פון די רײַזע־בילדער.

אַפן שאַרבלאַט פונעם בוך איז אָנגעצייכנט: רײַזע־בילדער, נאָוועלן, דערציילונגען. איך האָב ניט געפונען קיין גרויסן כילעק אינעם זשאַנער פון די פאַרגעשטעלטע זאַכן. די רײַזע־באַגעגענישן זײַנען גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק אין דער פאָרם: מאָנאָלאָגן, שמועסן, זיכרוינעס, קורצע דערציילונגען אאַוו. אַלע האָבן זיי א געוויסע דערקענטעניש־ווערט. צוזאַמען גענומען, גיבן זיי א פאָרשטעלונג וועגן הײַנטצײַטיקן ווײַסרוסלאַנד, וועגן דעם מאַצעוו פון די דאָרטיקע ייִדן. צווישן אַנדערס, דערוויסן מיר זיך, אַז אין ווײַסרוסלאַנד פאַרהיט מען די געדענק־ערטער, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט ייִדישע שרײַבער — אין ראָהאַטשאָוו איז פאַראַן א האַלקין־גאַס, אין וואָלאָזשין ווייסט מען ביאַליקס באַרג (אַף דעם באַרג פלעגט דער דיכטער ליב האָבן פאַרברענגען און פאַרפאַסן שירים). א שאָד, וואָס עס זײַנען ניט אײַנגעשלאָסן אינעם בוך די פאַרצייכענונגען וועגן מענדעלע מויכער־ספאָרימס קאַפּוליע, וועלכע זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד”.

ווען מיר פאַרמאַכן דעם בוך, קומט נאָכאַמאָל אַפן זינען כאַריקס א שורע — „שטעטלעך, שטעטעלעך, פאַרוואָרלאָזטע נעסטן”. איך בין דאַנקבאַר דעם שרײַבער, וועלכער האָט אונדז ווידער אַרײַנגעפירט אין די נעסטן, וועלכע מיר האָבן פאַרלאָזט, און ער האָט אונדז דערציילט וואָס עס טוט זיך דאָרט הײַנט.

■ ■ ■

וויקטאָר לענזאָן

וועניאַמין פליישמאַן און זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פידל"

ו. פליישמאַן

די מילכאָמע מיטן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד האָט אווועקגעטראָגן א סאך ווונדערבאַרע לעבנס. צווישן זיי — דאָס לעבן פונעם יונגן קאָמיוגיסט, טאַלאַנטפולן קאָמפּאָזיטאָר וועניאַמין פליישמאַן. די פּעדאַגאָגן און סטודענטן פון דער לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע האָבן גוט געקענט און ליב געהאַט וועניע פליישמאַנען. ער איז געווען אן עכטער פּאַטריאָט פון זײַן היימלאַנד, א מענטש מיט א ריינער נעשאָמע, א שטילער, באַשיידענער מענטש מיט א ווונדערלעך איינהײַטלעכער נאַטור. דער פאָלקס-אַרטיסט פון פססר קאָמפּאָזיטאָר געאָרגי סווירידאָוו, פליישמאַנס אַמאָליקער מיטשילער לויט דער קאָנסערוואַטאָריע שרײַבט וועגן זײַן כאַווער: „דאָס איז געווען א מערקווירדיקער טאַלאַנט, א מענטש מיט א זעלטענעם סייכל און עמפינדלעכער נעשאָמע". אינעם האַרבן איין-און-פערציקסטן יאָר איז פליישמאַן גלײַך פון דער קאָנסערוואַטאָריע אַוועק פרײַוויליק אַפן פראָנט...

קיין לענינגראַד איז דער פיר-און-צוואַנציקיאָריקער באָכער געקומען פון בעזשעצק, קאַלינינער געגנט. אין אָט דעם ניט-גרויסן שטעטל איז ער געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. יאָסיף אַראָנאָוויטש פליישמאַן, דער פּאָטער פונעם קינפטיקן קאָמפּאָזיטאָר, א ציין-דאָקטער לויטן פאַך, און זײַן פרוי, א לערערן פון עקאָנאָמישער געאָגראַפיע אין א שול, האָבן דערצויגן פיר זין און א טאָכטער. אַלע אין דער מישפּאָכע האָבן געלעבט צווישן זיך זייער פרײַנטלעך, זיי זײַנען געווען מענטשן פון א הויכן מאָראַל-עטישן ניוואָ. אין שטוב האָט געהערשט א מוזיקאַלישע אַטמאָספער. דער עלטערער זון און די טאָכטער האָבן געשפּילט פּאָרטעפּיאַנע, די מוטער האָט געזונגען. דאָס אַלץ האָט דירעקט געווירקט אַף וועניאַמינס טיכטיקער נאַטור. די מוזיק האָט אים געצויגן צו זיך. ניט זעלטן האָט מען געקאָנט זען, ווי ער, א קינד נאָך, מאָסטעט זיך אײַן ערגעץ אין א ווינקל פונעם צימער און זינגט אויס א ליד אונטערן אייגענעם אַקאָמפּאַנעמענט, אויסקלאַפּנדיק דעם ריטם מיטן פויסטל.

וועניע האָט זיך געלערנט שפּילן אַף א פידל. קינדווײַז האָט ער אָנטיילגענומען אינעם מוזאַקילשן קאָלעקטיוו באַם רויטן ווינקל פון דער אָרטיקער פּעדאַגאָגישער געזעלשאַפט. דער קאָלעקטיוו האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס אין אים האָבן אָנטיילגענומען מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און פּראָפעסיעס. אַף א פידל האָבן געשפּילט צוויי פּעדאַגאָגן פון וואָקאַל, אן אָרטיקער יוריסט, א סטודענט פון דער פּעדאַגאָגישער שול און

ער, דער דרײַצניאָריקער וועניע פֿליישמאַן. דער יונגער אַרבעטער פֿונעם מעכאַנישן זאַוואָד יעגאָראַוו האָט געשפּילט אַף אַ טרומייט, דער בוכהאַלטער סטראַגאַזשסקי — אַף אַ פּיסהאַרמאָניע און וועניעס שוועסטער דינע פֿליישמאַן — אַף אַ פּאָרטעפּיאַנע. דער לערער פֿון כימיע פּערעסלעגין איז געווען אַ קלאַרנעטיסט...

אין אָט דעם קליינינקן אָרקעסטער האָט זיך אָנגעהויבן וועניעס פֿליישמאַנס מוזיקאַלע דערציִונג. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל זיך אויסגעלערנט מוזיצירן, אַרויסברענגען קלאַנגען אין העסקעם מיטן נעשאָמע-געמיט. דאָ האָט ער דערהערט די לעבעדיקע אינטאָנאַציעס פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק, וועלכע האָט געקלונגען אין יעדן הויז פֿון זײַן היימשטעטל. שפּעטער וועט דאָס אָרקעסטערל פֿון זײַן קינדהייט ווערן דער פּראָטאָטיפּ פֿון דעם גאַס-אָרקעסטער אין זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פֿידל".

צוערשט האָט וו. פֿליישמאַן זיך ניט געקליבן צו ווערן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער מוזיקאַנט. נאָכן פֿאַרענדיקן די מיטלשול, איז ער אָנגעקומען אַף קורצטערמיניקע קורסן פֿאַר צוגרייטן לערער און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס פּעדאַגאָג אין אַ ווײַטן קאַרעליער דאָרף.

אין יענער צײַט האָט ער אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן אינעם פֿידל, אַז אַלע זײַנע געדאַנקען און געפֿילן האָט ער אויסגעדריקט בלויז מיט דער שפּיל אַף אָט דעם ווונדערלעכן אינסטרומענט. ער האָט געטרוימט וועגן לענינגראַד, קעדיי הערן דאָרט מוזיק אין אַ גוטער אויספֿילונג, זיך באַקענען מיט נײַע פֿאַר אים שאַפֿונגען, זיך באַגעגענען מיט עמעסע מוזיקאַנטן. קיין לענינגראַד איז ער געקומען אין 1931 און דאָרט געוואָרן אַ סטודענט פֿונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. די מוזיק אָבער לאָזט אים ניט צורו, און ער קומט אָן אין דער מוזיק-שול אַף מוסאָרגסקיס נאָמען, אַף דער קאָמפּאָזיטאָרןאָפּטיילונג אינעם קלאַס פֿונעם פּראָפֿעסאָר מ. יודין.

פֿליישמאַנס טאַלאַנט און מײַסטערשאַפֿט האָבן זיך אַנטוויקלט אַזוי שנעל, אַז שוין אין דרײַ יאָר אַרום האַלט ער אויס די עקזאַמענעס אין דער לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע און ווערט אַ שילער פֿון דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש. אין איינעם פֿון די פֿאַרהיטע בריוו צו די עלטערן (פֿונעם 5 דעקאַבער 1939) זאָגט ער אַרויס זײַן פֿרייד: „אין מײַן לעבן איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע געשעעניש: עס איז מאַסקים זיך פֿאַרנעמען מיט מיר דער פּראָפֿעסאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, וועלכן מע האַלט פֿאַר דעם קולטורעלסטן און טאַלאַנטפֿולסטן מוזיקער פֿון אונדזער צײַט. שאָסטאַקאָוויטש פֿאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן זיקאָרן: וואָס איר ווילט, שפּילט ער אַף אויסווייניק, אָריִענטירט זיך מאָמענטאַל אין די מוזיקאַלישע שאַפֿונגען, פֿאַרמאָגט אַ ווונדערבאַרן געשמאַק און עכטע מײַסטערשאַפֿט. צו מיר באַציט ער זיך זייער גוט. אַ נײַס איז אײַנגעפֿירט געוואָרן בײַ אונדז אַף די לעצטע לימודים: מיר שאַפֿן מוזיק דאָ גלײַך אינעם קלאַס, אָן אַן אינסטרומענט. אַף אויספֿילן יעדע פֿאַרגעבונג ווערט געגעבן אַ שאָ צײַט. דאָס מאָל האָבן מיר געשריבן ראָמאַנסן פֿאַר אַ שטים און פּאָרטעפּיאַנע אַף היינעס טעקסטן. ביידע מאָל האָט זיך באַקומען בײַ מיר געלונגען. דעם ראָמאַנס האָט צוזאַמען מיט די סטודענטן געשריבן אויך דמיטרי דמיטריִעוויטש, אָנגעשריבן האָט ער אים פֿאַר פֿינף מינוט, און, פֿאַרשטייט זיך, בעסער פֿון אַלעמען. די דאָזיקע איבונגען האָבן געהאַט דעם ציל צו אויסאַרבעטן אַ שנעלקײַט פֿון שרײַבן, וועלכע איז נאָך בײַ מיר זייער קנאַפּ אַנטוויקלט".

אין אַן אַנדער בריוו שרײַבט ער: „ס'ווילט זיך מיר אײַך אָנשרײַבן וועגן די יונגע מוזיקער פֿון שאָסטאַקאָוויטשעס קלאַס. אפֿן ערשטן אָרט דאַרף געשטעלט ווערן סווירידאָוו — פֿאַרן זומער האָט ער אָנגעשריבן אַ סימפֿאָניע. נאָך אים גייט לויט די מאַסשטאַבן לעוויטין, אַ פֿאַרענדיקטער פּיִאַניסט. אַן אַספּיראַנט אין דער קאָנסערוואַטאָריע לויטן קלאַס פּאָרטעפּיאַנע. נאָכדעם גייט יעוולאַכאָוו — ער שרײַבט איצט אַ קאָנצערט פֿאַר פּאָרטעפּיאַנע מיט אַן אָרקעסטער. מיט איין וואָרט, אונדזער קאָלעקטיוו שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט נאָר אַ שטודיר-גרופּע, נאָר עפּעס פֿיל מער...".

אין שאָסטאַקאָוויטשעס קלאַס אַנטוויקלט זיך גיך פֿליישמאַנס מוזיקאַלער געשמאַק — ער האָט ליב די רוסישע קלאַסיק, שוּבערטס ליריק, איז פֿאַרכאַפּט מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק. געשאַפֿן האָט וו. פֿליישמאַן מיט היספּײַלעס. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פֿאַר אים עקזיסטירט קיין זאַך ניט, אויסער מוזיק. געאַרבעט האָט ער צו 16 שאָ אין טאָג און איז געווען זייער שטרענג אין די פֿאָדערונגען צו זיך.

אין אָקטיאַבער 1937 שרײַבט ער צו די עלטערן: „איר דאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז אין אַזאַ ווונדערלעכער אומגעבונג, ווען קימאַט אַלץ, וואָס איך שרײַב, ווערט געלויבט, ווילט זיך שרײַבן אַ סאַך און גוט. און מיך קימערט, וואָס ניט שטענדיק באַקומט זיך בײַ מיר דאָס, וואָס איך וויל. די לײַכטקײַט פֿונעם שרײַבן ווערט דערגרייכט ניט אַזוי פּאָשעט, נעמענדיק אין אַכט דעם פֿאַרהעלטעניסמעסיק שפּעטן

עלטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך פֿאַר-
נעמען מיט מוזיקאַלער שאַפֿונג. אַגעוו, ס'איז
פּונקט צום אָרט, עס זאָל באַמערקט ווערן, אַז
מע דאַרף האָבן אַ יאַם מיט האָזע, קעדיי
רעדן וועגן „לײַכטקײַט פֿון שרײַבן מוזיק"
בײַס אין אַקטיוו פֿאַרמאָגט מען דערווײַל
איינע קאַוואָנעס און אַפֿילו ניט קיין פֿאַר-
שטעלונג וועגן די אייגענע קויכעס... ס'וואָלט
בעפֿײַרעש געווען ניט אײַנגאַנצן ריכטיק צו
זיפּצן אויף דער טעמע „אויב", ווײַל די דער-
וואָרבענע לעבנס-דערפֿאַרונג האָט אַ גרויסע
באַדײַטונג אינעם אינהאַלט און אין דער קוואַ-
ליטעט פֿון דער מוזיק".

פֿליישמאַן אַרבעט בײַ דער פּאַרטעפּיאַנע
ווי נאָר עס מאַכט זיך אַ מעגלעכקײַט זיך
צוזעצן צו איר. צוזאַמען מיט דער פֿרוי לעבט
ער אין אַ צוזאַמענוווינונג, און דאָס מאַכט
נאָך שווערער די אַרבעט. די פֿרוי איז, ווי גע-
זאָגט, אַ פּיאַניסטקע, און ער טרעט איר אָפּ
דעם אינסטרומענט, ווען זי גרייט זיך צו אַ
קאָנצערט אָדער צו די אָרדנטלעכע לימודים
און עקזאַמענעס, אַליין גייט ער אַוועק זוכן
אין דער קאָנסערוואַטאָריע אַ פֿרײַע פּאָרטע-
פּיאַנע...

אין זײַן שאַפֿונג האָט פֿליישמאַנען גע-
צויגן צו וואָקאַלער מוזיק (האַגאַם, ער האָט
אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל ריין אינסטרומענ-
טאַלע ווערק). צום באַדויערן, זײַנען די קסאַ-
וויאַדן זײַנע, אויסער דער אָפּערע און די פּאָר-
טעפּיאַנע-פּרעלודיעס, ניט פֿאַרהיט געוואָרן—
די מילכאָמע האָט אויך זיי ניט געשאַנעוועט...
ווי זײַנע פֿרײַנט דערציילן, זײַנען געווען באַ-
זונדערס ווערטפֿול די ראָמאַנסן אויף מ. יו.
לערמאָנטאָווס ווערטער. זײַן ווײַב שרײַבט:
„איך געדענק דעם טאָג פֿונעם קאָנצערט, ווען
עס זײַנען אויסגעפֿילט געוואָרן וועניעס ראָ-
מאַנסן אויף לערמאָנטאָווס ווערטער. איך האָב
געדאַרפֿט אַקאָמפּאַנירן און מיט האַרצקלאַ-
פּעניש געוואַרט, וויאַזוי עס וועט קלינגען די
מוזיק, דאָס קאָל פֿון דער זינגערן, מײַן אַקאָמ-
פּאַנעמענט. גלײַכצײַטיק האָב איך זיך געפֿילט
שטאָלץ, וואָס כ'וועל אויספֿילן אַזאַ פֿאַראַנט-
וואָרטלעכע ראָל". פֿליישמאַנס פּרעלודיעס
פֿאַר פּאָרטעפּיאַנע האָט צום ערשטן מאָל
אויסגעפֿילט אין סעפּטיאַבער 1937 אויפֿן אָוונט
פֿון די סטודענטן פֿון דער לענינגראַדער
קאָנסערוואַטאָריע יו. אַ. לעוויטין. זיי האָבן
געהאַט זייער אַ גרויסן דערפֿאָלג...

ווענ.יאַמין פֿליישמאַנס אַמערסטן באַדײַטנ-
דיק ווערק איז זײַן אָפּערע פֿון איין אַקט לויט
די מאָטיוון פֿון אַ. פּ. טשעכאָווס דערציילונג
„ראָטשילדס פֿידל". דאָס איז אַ רײַף מײַסטער-
ווערק, אין וועלכן ס'האָט זיך דעם קאָמפּאָזי-
טאָר אײַנגעגעבן פֿאָרויסצוזען אַ סאַך נאָוואַ-
ציעס אין דער אָפּערע-קאָמפּאָזיציע פֿון דער
הײַנטצײַטיקער מוזיק. אָט וואָס עס האָט גע-
שריבן דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש וועגן זײַן שי-
לער און, צווישן אַנדערס, וועגן זײַן אָפּערע
„ראָטשילדס פֿידל":

„ווען איך האָב פֿאַרנומען די פּראָפֿעסור
אין דער לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע, האָט
צווישן מײַנע שילער זיך אויסגעטיילט ווע-
נ.יאַמין פֿליישמאַן. איך קאָן מיט פֿולער זיכער-
קײַט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר
פֿון אַ קאָלאָסאַלן טאַלאַנט. שוין פֿון די ערשטע
טריט פֿון זײַן קאָמפּאָזיטאָרישער טעטיקײַט
האָט ער מיך פֿאַרכידעשט מיט זײַן דערפֿינ-
דערישקײַט און פֿרישקײַט, מיט דער עכטער
עמאָציאָנעלקײַט פֿון זײַן מוזיק. אין פֿלייש-
מאַנס ווערק זײַנען געווען אַלע אייגנשאַפֿטן
פֿאַר אַ ווײַטערדיקן וווּקס. ער האָט גלענצנד
באַהערשט דעם אָרקעסטער, שטענדיק גע-
טראָגן מיט זיך דעם טיפֿן געדאַנק פֿון אַ
גרויסן קינסטלער. זײַן פּאַרטיטור איז פֿול גע-
ווען מיט אומגעריכטע לייזונגען און מיט
איידלקײַט. פֿליישמאַן האָט מיט רעכט געהאַט
אַ שעם פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿאַרמאָגט
זעלטענע פּראָפֿעס.יאָנעלע ריינקײַט, אָנשטענ-
דיקײַט און אַרבעטזאַמקײַט. אין אַספּעקט
פֿון אַ שול-פֿאַרגעבונג האָבן מיר מיט
אים באַשלאָסן, אַז ער וועט אַרבעטן איבער
אַן אָפּערע פֿון איין אַקט „ראָטשילדס
פֿידל", לויט טשעכאָווס דערציילונג מיטן
זעלבן נאָמען. שוין פֿון די ערשטע טאַקטן איז
געוואָרן קלאָר, אַז די דאָזיקע אַרבעט גייט
אַרויס אויסער די גרענעצן פֿון אַ שול-אַרבעט.
„ראָטשילדס פֿידל" האָט ער פֿאַרענדיקט אין
קלאַוויר ערעוו דער מילכאָמע. עטלעכע
בלעטלעך פֿונעם קלאַוויר זײַנען ניט געווען
אינסטרומענטירט, און איך האָב דאָס געטאָן
אין 1943. אין סאַמע אָנהייב פֿון דער מיל-
כאָמע איז ווענ.יאַמין פֿליישמאַן אַוועק אויפֿן
פֿראָנט, ווו ער איז אומגעקומען. זײַן ריזיקער
טאַלאַנט, וועלכער האָט אַזוי פֿיל צוגעזאָגט
אין דער צוקונפֿט, איז אומגעקומען צוזאַמען
מיט אים".

וואָס זשע שטעלט מיט זיך פֿאָר וו.
פֿליישמאַנס אָפּערע? ווי מיר האָבן שוין גע-
זאָגט, איז זי אָנגעשריבן לויט טשעכאָווס באַ-
וווּסט ווערק. ס'איז אָבער ניט שווער צו באַ-
מערקן, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר גייט אין דער
אָפּערע זײַן אייגענע סצענישע ווערסיע פֿון
דער דערציילונג. די דאָזיקע ווערסיע איז
פֿאַרבונדן מיטן קאָנטראַסט-כאַראַקטער פֿון
דער אָפּערע. איין אַספּעקט אירער איז די
ספֿער פֿון געדאַנקען און מאַכשאָוועס פֿונעם
העלד, דעם באַגרעבער און פֿידלער בראָנזע.
דער צווייטער איז יענער, וואָס בײַ טשעכאָוון

איז ער געגעבן פאַרבײַגייענדיק, אַלס פּאָן, און פלײשמאַן האָט אים אַרויסגעפירט אַלס איקער — דער שטייגער פונעם שטעטל, וועלכער ווערט געמאָלט דורך די קלאַנגען פון שאַכקעסעס יידישן קלעזמער־אָרקעסטער (מיר כאַזערן איבער, אַז דער פּראָטאָטיפּ איז דאָ גאַנץ וואַרשײַנלעך געווען יענץ אָרקעסטערל, אין וועלכן עס האָט קינדווײַז געשפּילט אַליין פלײשמאַן).

בײַ וועמען פון די קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור וועלן מיר ניט באַגעגענען שילדערונגען וועגן דער שפּיל פון אַ יידישן אָרקעסטער, פון יידישע קלעזמער? בײַ פּושקינען, גאָגאָלן, טשעכאָוון... אויב אָבער בײַ זיי גייט דורך דער יידישער אָרקעסטער אַלס עפּיזאָד, אַלס רעמאַרקע, אַלס קאָלאָריטער שטריך, זעען מיר אין דער אָפּערע בײַ פלײשמאַנען עפּעס אַנדערש. דאָס קלינגען פון אַ יידישן אָרקעסטער איז דאָ פילפאַלנעווודיק. דער קאָמפּאָזיטאָר מאָלט דעם שטייגער פונעם שטעטל, אין וועלכן עס קומט פאָר די האַנדלונג, שאַפט אַ מוזיקאַלישע און פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער, אויף פאָן פון וועלכער ס'אַנטוויקלט זיך דער סוזשעט. גלײַכצײַטיק מאָלט ער די כאַראַקטערן פון די העלדן — פון שאַכקעסן, ראָטשילדן, צומאַל פון בראָנזען. און, לעסאָף, די מוזיק פונעם יידישן אָרקעסטער ווערט אַ פּסיכאָלאָגישער אונטערטעקסט פון דער אָפּערע, אַ קלאַנגען־עקוויוואַלענט פון איר אידיי. אויף אַזאַ פאָן אַנטוויקלט זיך די קולמינאַציע פון דער דראַמע. דערבײַ דאַרף מען ניט מיינען, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר פאַרשפּאַרט זיך אינעם קאָלאָריט פון דער יידישער אינטאָנאַציע. זײַן מוזיק אין דער אָפּערע איז ניט קיין עטנאָגראַפישע פאָרשונג פונעם יידישן פאָלקלאָר. שטריכן פון דער אינטאָנאַציעלקייט, פונעם ריטם, פון דער עצם מאַניר פון דער יידישער מוזיצירונג זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם קאָנטעקסט פון דער הײַנטצײַטיקער מוזיקאַלישער שפּראַך, און אויף אַזאַ אופן דערגרייכט דער קאָמפּאָזיטאָר אַ פּסיכאָלאָגישן עפעקט.

פלײשמאַן געפינט אין דער באַהעפטונג פון די פאָלקלאָר־אינטאָנאַציעס מיט דעם פּראָפעסיאָנעל־קאָמפּאָזיטאָרישן דענקען אַזאַ מוזיקאַלישע קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג, וועלכע דערמעגלעכט בולעט אַרויסצווײַזן דעם גרונט־געדאַנק פון דער אָפּערע, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון איר העלד: „ווען ס'וואָלט ניט געווען קיין בייז און קיין שינע, וואָלטן די מענטשן געהאַט איינער פון דעם אַנדערן אַ קאָלאָסאַלע נוץ און וואָלטן געוווּסט פון אַזאַ גליק, וואָס זיי האָבן עס אַפילו אין כאָלעם ניט געזען. און דעמאָלט וואָלט דער פידל געזונגען אַנדערע לידער, און די ווערבע וואָלט געהערט יענע נײַע לידער. דאָס וואָלטן געווען לידער וועגן גליק, וועלכן בראָנזע האָט ניט געוווּסט און ניט געהערט אַפילו אין כאָלעם...“ די אָפּערע פאַרענדיקט זיך מיט פידל־שפּיל, מיט פלײשמאַנס לײַט־פידל, וואָס שפּילט די אומעטיקע מעלאָדיע פון אַ טרויעריקן „פריילעכס“.

די אָפּערע „ראָטשילדס פידל“ איז באַשערט פון פיל יאָרן געווען פאַרגעסן, זי האָט אָבער אויסגעהאַלטן אַזאַ האַרצן אויספּרווו פון דער צײַט. איצט איז האָט זי אָנגעוווירן איר פרישקײַט און קלינגט אַזוי, פּונקט ווי זי וואָלט אָנגעשריבן געוואָרן הײַנט. דעם 20 יוני 1960 האָט די אָפּערע צום ערשטן מאָל אינגאַנצן אויסגעפּילט אינעם קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד פון פּססר אַ גרופּע אַרטיסטן פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע. אָט אַזוי איז זי געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע מאָל.

...אין די טעג פון דער לענינגראַדער בלאָקאַדע איז וועניאַמין פלײשמאַן פרײַוויליק אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניע. לויטן געזונטצושטאַנד האָט ער געהאַט פולע רעכט צו בלײַבן אינדערהיים. ער האָט אָבער אַפילו ניט געטראַכט וועגן דעם. דעם 5 יולי 1941 האָט ער איינער פון די ערשטע אַרײַנגעטראָגן זײַן פאַמיליע אין דער רעשימע פון די קאָמוניסטן, וועלכע גייען פרײַוויליק אַוועק אויפן פראָנט. אין אַ קליינינק פּאָסטקאַרטל, אַדרעסירט צו זײַנען נאָענטע, האָט ער געשריבן:

„טײַערע! איך האָב אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, מע זאָל מיך פאַררעכענען אַלס פרײַוויליקן אין דער רויטער אַרמיי. אַזעלכע מעלדונגען זײַנען בײַ אונדז אין דער קאָנסערוואַטאָריע געווען אַ סאַך“...

דער לעצטער בריוו צו די נאָענטע איז אָנגעקומען פון קראַסנאָיע סעלאָ. דער קאָמפּאָזיטאָר־שלאַכטמאַן האָט געשריבן, אַז ער גרייט צוזאַמען מיט זײַנע כאַווערים „מאַטאַנעס פאַרן סוינע“.

די געשעענישן פון פלײשמאַנס לעצטע וואָכן און טעג האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַזאַ אופן. אַלע קאָנסערוואַטאָרצעס האָט מען אָנגענומען אין אָפּאָלטשעניע פונעם אָקטיאַבערישן ראַיאָן פון לענינגראַד. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן שטאָט־פעסטונגען. די אָפּאָלטשענצעס האָבן געבויט דאָטן. דער טייל, אין וועלכן ס'איז אַרײַנגעגאַן פלײשמאַן, האָט זיך געפונען אינעם רוסקאָ־וויסאָצקער באַפעסטיקטן ראַיאָן. פלײשמאַן האָט אַקשאָנעסדיק זיך געגרייט צו די פאָרשטייענדיקע שלאַכטן. אויספירלעך דערלערנט דאָס געווער. איינצײַטיק האָט ער רעדאַגירט די קאָמיוגישע פראָנט־צײַטונג.

פלײשמאַן און אַנדערע לענינגראַדער קאָמפּאָזיטאָרן — גאַגלאַיעוו און קאַטאַקין — האָבן זיך אין יענעם טאָג געפֿונען אין אַ דאַט, וואָס האָט באַוואַכט דעם וועג אויף לענינגראַד. די פֿאַשיסטן פֿון אַ מעכאַניזירטער קאָלאָנע זײַנען ניט כּוישעד געווען, אַז עס דערוואַרט זיי אַ געפֿאַר און זײַנען געקראָכן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַר גאָרניט. אָבער ווען זיי זײַנען געקומען צום וועג, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויפֿן פֿײַער פֿון דעם קעגנטאַנקען־געווער אינעם דאָט. דעמלט האָבן זיי באַשלאָסן אים פֿאַרניכטן... די שלאַכטלײַט פֿונעם באַלאַגערטן דאָט האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע ביזן לעצטן אָטעם. מיט טראַסירנדיקע קעגנטאַנקען־קוילן האָבן די פֿאַשיסטן באַשאָסן דעם דאָט און אים אויפֿגעריסן...

דערמאָנענדיק ווענ׳יאַמין פֿלײשמאַנען און נאָך איין אויסגעצייכנטן יונגן קאָמפּאָזיטאָר — באָריס האָלצן, וועלכער איז אויך אומגעקומען אויף דער מילכאָמע, — שרײַבט ג. וו. סווירידאָוו פֿאָלגנדעס: אונדזער מוזיקאַלישער דאָר פֿילט דעם פֿאַרלוסט פֿון אָט די צוויי מענטשן. דאָס זײַנען געווען שעפֿער פֿון אַ דערהויבענעם נעשאָמע־געבוי, זיי האָבן מיט ייִראַס־האַקאָוועד זיך באַצויגן צו קונסט. פֿון אָט דעם דאָר קאָמפּאָזיטאָרן איז ווענ׳יאַמין פֿלײשמאַן געווען דער סאַמע טאַלאַנטירטער״...

גענריקאַס אַשעראָוויטש זימאַנאַס

אין עלטער פֿון 75 יאָר איז אין ווילנע געשטאָרבן דער אָנגעזעענער געזעלשאַפֿטלעכער טוער און זשורנאַליסט גענריקאַס זימאַנאַס. ער איז געווען אַ מיגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ליטע, אַ פּראָפֿעסאָר, דאָקטאָר פֿון פֿילאָסאָפֿישע וויסנשאַפֿטן, פֿאַרדינסטפֿולער קולטור־טוער פֿון דער ליטווישער סס״ר.

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״ טרויערן איבערן פֿאַרלוסט פֿונעם אַקטיוון אוטאָר פֿון דעם זשורנאַל און דריקן אויס טיפֿן מיטלײַד דער מישפּאָכע פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם.

■

אין די רעפּובליקאַנישע צײַטונגען פֿון ליטע איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַ נעקראָלאָג, אונטערגעשריבן פֿון די אָנפֿירער פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ליטע און דעם מיניסטאָרן־ראַט פֿון דער רעפּובליק.

אינעם נעקראָלאָג ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז אין אַפּרעל 1943 איז ג. זימאַנאַס געשיקט געוואָרן אויף דער אָקופּירטער מיצאַד די היטלעראָוועס טעריטאָריע און גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף פֿון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין ווײַסרוסלאַנד און ליטע. אָנהייבנדיק פֿון יאַנואַר 1944 איז ער געווען דער ערשטער סעקרעטאָר פֿונעם אונטערערדישן, דאָרעמדיקן געגנטלעכן קאָמיטעט פֿון דער קפּ(ב) פֿון ליטע און האָט אײנצײַטיק רעדאַגירט די צײַטונג פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט „קאָוואַ״ („קאַמף״).

אין די יאָרן 1945—1970 איז ער דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „טיעסאַ״. אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער רעדאַגירט דעם זשורנאַל „קאָמוניסט״, אָרגאַן פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון ליטע.

וולאַדימיר מילאַשעווסקי

וויאַזוי איך האָב געמאָלט איסאַק באַבעלס פּאָרטרעט

אין פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור" („גאָסליטיזדאַט") האָט מען מיר געזאָגט:

— מע דאַרף מאַכן באַבעלס אַ פּאָרטרעט פאַר אַ נײַער אויפלאַגע פון דער „רײַטער־אַרמיי". איר זײַט באַקאַנט מיט באַבעלן?

— ניין.

— נו, אַ קנאַפּער אומגליק. נעמט זײַן טעלעפאָן, קלינגט אים אָן!

עס איז געשטאַנען אַ זוניקער האַרבסט. איך האָב געפונען דאָס הויז אויף וואָראָנצאָוואָיע פּאָליע, אין אַ געסל, וואָס ציט זיך גלײַך נאָכן בולוואַר. הינטער דעם געמויערטן פּאַרקן האָבן זיך געזען די שוין רויט־ווערנדיקע קוסטעס פון ווײַסדאָרן. דאָס הויז, אַ פולס מיט היימישער געמיטלעכקײַט פונעם XIX יאָרהונדערט, איז געשטאַנען עטוואָס אָפּגעווײַטערט פון דעם טראָטואַר.

אין אַזעלכע הײַזער האָבן אַמאָל געלעבט אויסלענדער, וועלכע האָבן זיך אײַנגעפונדעוועט אין מאָסקווע, פאַבריקאַנטן־זאַוואָדטשיקעס, פאַרשיידענע גוזשאַנס, סיוון, בראַנדייען, זשאָרזש באָרמאַנס און אַנדערע. איצט וווינט דאָ באַבעל.

אויפן קלונג האָט ער טאַקע אַליין געעפנט די טיר. איך האָב גענומען זיך אײַנקוקן אין אָט דעם פעסטגעבויטן מענטשן, ווי עס איז צו זען, אַ האַרט ניסל. איך האָב דערהערט די געוויינלעכע פראַזעס פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט...

— איר ווילט מיך מאָלן? מײַלע, נו, פּרוּווט...

אַ שמייכלענדיקער, אַ צוגעלאָזענער, מיט עטוואָס „סטודענטישע" מידעס, אָן לאַנגע רייד, האָט ער זיך געזעצט פּאָזירן.

זײַן פּאָזע — פאַרקײַלעכיקטער רוקן, וואָס קומט אין באַריר מיטן רויטן האַלדז פונעם פּאָטעל־ווענטל. זי שטאַמט ניט פון דער אַדעליק־אַמפּירישער עפּאָכע, נאָר פון דער פעסטקאַפּיטאַליסטישער טקופע פונעם אָנהייב XX יה. דער עלנבויגן האָט זיך לײַכט אָנגעלייגט אויפן הענטל פונעם פּאָטעל. ער האָט לײַכטזיניק פאַרוואָרפן „אַ פוס אויף אַ פוס", אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן מיט אַ מילדער איראָניע.

די דעליקאַטקײַט, מיט וועלכער ער האָט באַטראַכט זײַן גאַסט, דעם קינסטלער, האָט גערעדט וועגן טאַקט, רויִקײַט, פעסטע רויִקײַט, זיכערקײַט אין זיך, רויִקײַט „אויפן גאַנצן לעבן". אָן אומרויִקער מענטש, וואָס האַלט אין איין זוכטן, איז ניט דעליקאַט...

ער האָט דערגרייכט די הויכקײַטן פון פּאָפּולערקײַט און פון קולטור! ער איז גאָרקיס אַ פרײַנט! אַ טאָפּעלער זיגער — אין די שווערקײַטן פון דער סוויווע און אין די „קונצן" פון דער ליטעראַטור! איצט קאָן ער פאַרזוכן דעם טאַם פון אָט דעם זיג, קוקנדיק דורך דער אָפענער טיר אין דעם „אייגענעם" אָראַנזשעווען סעדל. אינגיכן וועט ער פאָרן קיין פּאַריז... ניין, ניין. ניט אויף לאַנג, אויף אַ כאַדאָשים 3—4... אויף לאַנג קאָן ער ניט. דאָ איז דאָך איצט אַזוי וויכטיק יעדער טאָג. אַלץ קאָכט אין דער ליטעראַטור... אַלץ הייבט זיך אָן פונסנײַ.

אָנגעטאָן איז איסאַק עמאַנוילאָוויטש געווען באַשיידן. „ציכטיק ריין, אָבער באַשיידן"... אַזוי אַז ווען ער איז געפאָרן פון ניקיטסקיִע וואָראָטא, פונעם פּרעכטיקן הויז, אין וועלכן ס'האָט געלעבט גאָרקי, ביז צו וואָראָנצאָוואָיע פּאָליע, האָבן די האָרעפּאַשניקעס אינעם טראַמווײַ „אַנושקאַ" ניט כוישעד געווען, אַז מיט זיי צוזאַמען פאָרט אַ „טריִומפאַטאָר". די קעפּקע אינעם סטיל פון די צוואַנציקער יאָרן, וועלכע האָבן פאַרביטן דאָס צעקנייטשטע מיליטערישע היטל פון כאַקי־קאָליר, די גימנאַסטיאָרקע מיט אַ קעלנערל אויף צוויי קנעפּלעך, וועלכע האָט געזען דרײַ מילכאָמעס, — די דײַטשישע, דעם בירגערקריג, די מילכאָמע מיט די ווײַספּאָליאַקן, די פעסטע פיגור, — האָט גיכער געמאַכט דעם אײַנדרוק

פון א „ווירטשאַפטלער", איידער פון א קאַוואַלעריסט, וואָס „פּאַכעט מיט דער שווערד".

יאָ, אים האָט געקלעקט טאַקע ניט צו זײַן ענלעך אַף א „געניאַלן קינאָ-רעזשיסער" אין דעם דעמיסעזאָנעם מאַנטל, מיט לאַנגע האָר, — אַף אזא, וואָס איז נאַרוואָס „געקומען פון די אויסלאַנדס" און טראָגט „א רעקל מיט אַרופגעניייטע קעשענעס".

איך האָב אָנגעהויבן מאָלן און... איך מאָל, און מאָל, און עס קומט אַלץ ניט אַרויס.

צו וואָס האָב איך געדאַרפט נעמען אַף זיך אזא מי? עפשער איז דאָס באַבעלס א קאַפּריז און ניט באַבעל אַליין? דער עצעם סטיל פון מײַן צייכענונג, די אַנטשיידענע קלעפּ מיטן פּענדזל אַף אָנטראָגן דעם שוואַרצן שטריך, דער שפּור, דער פאַרפאַלענער שפּור, וואָס אויב ניט „שפּילן אַף צוריק", דאַרף מען אים פאַרמעקן, עפּעס זאָגן און אין דער זעלבער צײַט גאַרנישט ניט זאָגן. אָט דער דרייסטער סטיל פון קלעפּ מיטן פּענדזל איז געשאַפן געוואָרן צוליב דעם, קעדיי די ווירקלעכקײַט זאָל ווערן קלאָרער, ניט צוליב דעם, אַז זי זאָל ווערן נאָך אומקלאָרער.

עס איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס אַף א געוויסן אויפן זײַנען דאָ אָפּגעקומען אויך די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, וועלכע זײַנען קלאָר ניט געווען קיין דאָמינירנדיקע אין איסאַק עמענויִלאָוויטשעס געשטאַלט. מײַן האַנט האָט גערעדט ניט וועגן דעם, וועגן וואָס עס האָט געוואָלט זאָגן מײַן מויעך.

איך האָב זיך נערווירט, איין ניט געראָטענעם בויגן פּאַפּיר אַרונטערגעלייגט אונטער א צווייטן, אָנגעהויבן אָפּסנײַ...

אָפּאַנעם, אַז עפּעס האָט זיך יאָ באַקומען אין פּראַט פונעם פלינקן „לויף פון די ליניעס". פון דער שנעלקײַט, מיט וועלכער זיי זײַנען פאַרשריבן געוואָרן אַפן פּאַפּיר, פון די געשמאַקע קלעפּ מיטן פּענדזל. ליידער אָבער האָט עפּעס פונעם לעצטן, וואָס איז, אייגנטימלעך בלויז איין מענטשן — דעם שרײַבער באַבעל, — זיך ניט באַקומען. דער קאַרעוו האָט אַלץ געקוקט אַף מיר און אַפן לויף פון מײַנע ליניעס, ניט אופהערנדיק צו כיכיקען...

איך האָב פאַרייכערט. באַבעל האָט א קוק געטאָן אַף דער צייכענונג.

— גוט! וואָס דאַרף מען נאָך! טאַקע אזא בין איך! פּרעכטיק! פּרעכטיק! ס'וועט קלעקן, איר זײַט מיד, טײַערינקער! מירן איצט אויסטרינקען א גלעזל שטאַרקע טיי! א שיינע זון. ווי זי לײַכט, די זון! נו, איך גיי הייסן ברענגען טיי.

עס איז אַרײַן עפּעס א מיידעלע מיט פּוקע ליפּן. א מיידעלע א בלאָנדינקע פון א סלאַוויש קינדער-מײַסעלע. וואָס פאַר א שײַכעס האָט זי געהאַט צו באַבעלן, ווייס איך ניט.

— נו, מיידעלע, זיץ א ביסל, — האָב איך געזאָגט און באַלד אַפּן אָרט, פאַר פינף מינוט אָנגעמאָלט זי. די דאָזיקע צייכענונג האָט זיך באַ מיר פאַרהיט. איך האָב אָנגעצייכנט דאָס מיידעלע אַף דער פאַרקערטער זײַט פונעם „קאַרעוו".

איך קאָן דאָך יאָ, דער טײַוול זאָל עס נעמען, אויסדריקן דאָס, וואָס איך וויל, אָן א דורכפאַל! פאַרוואָס זשע האָט זיך מיט באַבעלן באַקומען אזא קאָנפוז?

מיר האָבן געטרונקען טיי. איך האָב א ביסל איבערגעלעבט דעם דורכפאַל. די צייכענונג פונעם מיידעלע האָט מיך באַרויִקט. באַבעל האָט געשמייכלט און געקוויקט זיך מיט דער צייכענונג פונעם מיידעלע. שפּעטער, קימאַט אין דרײַסיק יאָר אַרום, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז באַבעל האָט זיך געלערנט מאָלן, ער האָט באַזוכט אַן עכטע מאָלערײַ-שול. דעמאָלט האָט ער מיר קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם!

— ניין, ניין! אַף אָט דער צייכענונג וועלן מיר זיך טאַקע אָפּשטעלן. איך פאַרזיכער אײַך, אַז איך בין פּונקט אזא...

פונעם בויגן פּאַפּיר האָט אַף אונדז געקוקט עפּעס א פּערסאָנאַזש פון מאַרק שאַגאַלס בילדער. מע האָט געדאַרפט באַציִען זיך אָן ראַכמאָנעס צו זיך אַליין, קעדיי קאָנען זאָגן — דאָס בין איך... ניט יעדערער איז דערויף פעיִק.

איך בין געקומען אין רעדאַקציע פונעם פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור" מיט אומזיכערקײַט פאַרכאַפּט מיט זיך דעם פּאָרטרעט.

— גיכער גיט די צייכענונג. אַלץ איז שוין גרייט. איר פאַרהאַלט. מיר קאָנען ניט אָפּשיקן דעם בוך אין דרוקערײַ... באַבעל אַליין האָט געקלונגען, אַז דער פּאָרטרעט איז אויסגעצייכנט, זייער געלונגען. גאַרשמאַן, זעט איר, האָט שוין אַלע צייכענונגען אָפּגעגעבן. אָט זײַנען זיי, איר קאָנט א קוק טאָן.

איך האָב אַרײַנגעקוקט אין די איליוסטראַציעס.

„יאָ! מאַרק שאַגאַל, זאָל דאָס פעלן א האָר".

נו, צוליב א פולן קאָמפּלעקט פון די פּערסאָנאַזשן — מאַכטייסע (איך שטרײַך אונטער דאָס וואָרט „מאַכטייסע"!), איז מײַן פּאָרטרעט אַקוראַט אַפּן אָרט!

איך גיב אָפּ „מײַן באַבעלן" — דעם שרײַבער און דעם מענטשן, וועמען איך האָב שוין ליב באַקומען, דערפילט, אַז זײַן מילדע איראָ-

ניע און זײַן עסטעטיזם זײַנען מיר נאָענט און טײַער...

אין עטלעכע טעג ארום האָב איך אָנגעקלונגען באבעלן.

— איסאַק עמאנויִלאָוויטש, דערלויבט מיר אַרײַנקומען צו איך. איך האָב כיישעק א קאָנטראָליר טאָן מײַן צייכענונג.

— לעמײַ וואָלט איר זיך מאטריִער זײַן?..

די צייכענונג איז אַף איר אויפן גוט. עס קאָן זײַן, אז ניט אַלע קאַפּיטלען פונעם בוך „די רײַטער-ארמיי” האָט אָנגעשריבן דער דאָזיקער „גוילעם”, אָבער א סאך פון זיי האָט ער געוויס געשריבן. פארשטייט זיך, קומט אַרײַן, מאָרגן נאָך אײנס באטאָג וועל איך זײַן אין שטוב.

איך בין געקומען און געטראָפן באבעלן באם טיש, אַף וועלכן ס׳איז געשטאנען זייער שיין געפּעס. ווײַזט אויס, אז ער האָט ערשט פארענדיקט פרישטיקן.

אין צימער האָב איך דערזען דעם יונגן סקולפּטאָר סלאָנים, וואָס האָט געקלעפּט באַבעלס פיגור. באבעל האָט גערייכערט און גוטמוטיק געשמייכלט. דער סקולפּטאָר האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אַף א שטיק נאסן ליים, וואָס האָט אויסגעזען ווי א קאָפּ. ער האָט עפּעס-וואָס פאריכט אין דער סקולפּטור, צוגעקלעפּט נײַע שטיקלעך ליים.

מיר איז די סצענע זייער געפעלן געוואָרן.

כ׳האָב זיך ווידער גענומען צום פּאָרטרעט. די ארבעט איז בא מיר געגאנגען לײַכט און פריילעך. איך האָב זי אָנגעהויבן אָן צוגרייטונגען, פּאָשעט מיטאמאָל אָנגעוואָרפן מיט נאסער צעלאָזענער ספּיִע עטלעכע קלעפּ מיטן שוועבעלע, וואָס איז געווען אײַנגעטונקט אין טוש. פארענדיקט די צייכענונג (זי אָפּגעדרוקט אין «Литературное наследство»), האָב איך שטיפעריש אויסגעשריגן „בראוואָ!” צו זיך אַליין און אַרײַנגעוואָרפן דאָס שוועבעלע אין אשבעכער. באבעל האָט א קוק געטאָן אַף דער צייכענונג, זיך צעשמייכלט, ארויסגענומען דאָס שוועבעלע פונעם אשבעכער און געזאָגט:

— איך וועל פארהיטן אָט דאָס שוועבעלע אלס אָנדענק...

לײדער האָט ער אפילע דאָס אייגענע לעבן ניט פארהיט.

די געשיכטע פֿון באבעלס אַן אומבאַוווּסטן פּאָרטרעט

אין מארט 1979 האָט אין מאָסקווע זיך געעפנט אן אויסשטעלונג פונעם קינסטלער, אוטאָר פון דעם בוך „נעכטן, אייערנעכטן” — וולאדימיר אלעקסייעוויטש מילאשעווסקי (1893—1976). צווישן זײַנע ווערק ציט באזונדערס צו די אויפמערקזאמקײַט א סעריע פּאָרטרעטן פון שרײַבער, וועלכע זײַנען געמאכט געוואָרן מאָמענטאל, דורך א שטריך פון אן אָפּגעשניצט שוועבעלע, אײַנגעטונקט אין טוש. די פּאָרטרעטן פון אנדריי בעלי, וו. ווערעסײַעוו, איסאק באבעל, לידיִא סייפולינא, אָסיפּ מאנדעלשטאם, אנרי בארביוס און אנד. איבעראשן מיט זייער טרעפלעכקײַט, ענלעכקײַט און פּסיכאָלאָגישער טיפקײַט.

בא הײַנטיקן טאָג זײַנען צווישן די קונסטקענער באוווּסט וו. מילאשעווסקיס צוויי פּאָרטרעטן פון אי. באבעלן. אין דעם קינסטלערס ארכיוו, וועלכער ווערט זאָרגזאם געהיט פון זײַן פרוי אריִאדנע איפּאָליטאָווגא מילאשעווסקאיא, האָט זיך פארהיט נאָך איין פּאָרטרעט, אן אומבאוווּסטער, צוזאמען מיט בייגעלעך פאפיר, אַף וועלכע עס זײַנען באשריבן דערינערונגען וועגן באגעגענישן מיטן שרײַבער.

פון אלע דרײַ פּאָרטרעטן קוקט אַף אונדז באבעל דורך קײַלעכדיקע ברילן מיט דינע אויערלעך. דער אויסדרוק פונעם פּאָנעם איז אַף יעדן פון זיי א פארשיידענער. אפן פּאָרטרעט, וואָס איז געמאכט מיט אן אָנגעשניצט שוועבעלע, אײַנגעטונקט אין טוש (נומ. 2), דאָמינירט פארוווּנדערונג אַף די אנדערע צוויי (נומ. 1 און נומ. 3), וועלכע זײַנען געמאָלט מיט צעלאָזענער ספּיע און מיט טוש, זעט זיך א פרײַנטלעכער שמייכל.

אריִאדנע איפּאָליטאָווגא מילאשעווסקאיא האָט געוווּסט, וויִאזוי איר מאן האָט זיך באציִגן צו זײַנע אייגענע ווערק, וועלכע ער האָט געהאלטן פאר ניט-געלונגענע אָדער שוואכע, האָט זי נאָך לאנגע ספּייקעס דערלויבט צו פובליקירן אי. באבעלס אומבאוווּסטן פּאָרטרעט. לויט אונדזער מיינונג, איז באזונדערס אויסדריקלעך גראָד דער פּאָרטרעט, וועלכן מיר באצייכענען אלס נומ. 1, און דער קינסטלער האָט אים געהאלטן אלס ניט-געלונגענעם און ניט געשיקט אים אַף אן אויסשטעלונג. ניט שטענדיק איז אן אוטאָר אליין איבער זיך דער ריכטער. א סאך פון באבעלס באקאנטע האָבן גראָד דעם דאָזיקן פּאָרטרעט געהאלטן פאר א געלונגענעם.

נאָכן ענדיקן די ארבעט איבער די פּאָרטרעטן האָט וו. מילאשעווסקי ניט געשטעלט אַף זיי קיין דאטעס און קיין פאמיליעס. שפּעטער האָט ער אלע דרײַ פּאָרטרעטן באצייכנט אזוי:

פּאָרטרעט נום. 1 (דער פריִער אומבאוווּסטער) — „וו. א. מילאשעווסקי. איסאק באבעל. 1933”.

פּאָרטרעט נום. 2. — „וו. מילאשעווסקי, 1932” (אָפּגעדרוקט אינעם בוך „די רײַטער-ארמיי”, אין וועלכן די איליוסטראציעס זײַנען געמאָלט פון מ. גאָרשמאנען).

פּאָרטרעט נום. 3 — „אי. באבעל. וו. מילאשעווסקי. 1933” (פובליקירט אין «Литературное наследство» ב. 74, מ., 1965).

וי עס וועט דערוויזן ווערן ווײַטער, איז די מער פּריזע דאטע פונעם צווייטן פּאָרטרעט "רײַ־טער־ארמיי") א ריכטיקע, און די דאטע, וואָס איז אָנגעוויזן צום ערשטן און דריטן פּאָרטרעטן, א פעלערהאפטע. דער קינסטלער האָט געמאכט די אופשריפטן צו די פּאָרטרעטן אין א סאך יאָרן ארום נאָכן מאָלן זיי, אומגעפער אינמיטן פון די 60־ער יאָרן. אלס הויפּט־אָריענטאציע האָט אים גע־דינט דאָס, וואָס דער בוך „די רײַטער־ארמיי" מיטן פּאָרטרעט פונעם אווטאָר איז דערשינען אין 1933.

אין 1932 לעבט אי. ע. באבעל אין א דאָרף היני־טער מאָסקווע — אין מאָלאָדענאָווא. זעלטן־ווען כאפּט ער זיך אראָפּ קיין מאָסקווע וועגן פארשיידענע איניאָנים. אין די מאָסקווער זשורנאלן «30 дней» און «Новый мир» דרוקן זיך זײַנע דערציילונגען.

דער פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור פּלאנירט ארויסצולאָזן אן אָרדנטלעכע אופלאגע פונעם בוך „די רײַטער־ארמיי". צום אונטערשייד פון דער פאָריקער אופלאגע (1931), האָט די נײַע גע־דארפט זײַן אן איליוסטרירטע.

פונעם שרײַבערס פארבליבענע בריוו איז צו זען, אז נאָך אין דער צווייטער דעקאדע פון אווגוסט 1932 איז ער געווען אין מאָסקווע און שוין אינ־מיטן סענטיאבער — אין אויסלאנד. פון פראנקרײַך האָט ער זיך אומגעקערט אין סאָף אווגוסט — אָנ־הייב סענטיאבער 1933. פּונקט אין אָט דער צײַט איז דערשינען דער בוך „די רײַטער־ארמיי" מיט דעם שרײַבערס פּאָרטרעט, וועלכן עס האָט גע־מאָלט וו. מילאשעווסקי.

וו. מילאשעווסקי ווײַזט אָן אין זײַנע זיכרוי־נעס, אז בייס דער ארבעט איבערן פּאָרטרעט האָט אים באבעל געזאָגט, אז ער האָט בעדייע צו פאָרן קיין פראנקרײַך. דער שרײַבער איז ארויסגעפאָרן קיין אויסלאנד דרײַ מאָל. די ערשטע צוויי רײַזעס האָט ער פון פריִער פּלאנירט. די דריטע, אין יון 1935, איז געווען אן אומגעריכטע. באבעל און פּאס־טערנאק זײַנען דרינגענדיק ארויסגעפאָרן קיין פּא־ריזש, קעדיי אָנטיילנעמען אינעם קאָנגרעס אף צו פארטיידיקן די קולטור.

די רײַזע, וואָס וועגן איר שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס וו. מילאשעווסקי, איז געווען די צוויי־טע. מיר דאטירן זי אפן סאָף אווגוסט — אָנהייב סענטיאבער 1932. גראָד אין אָט דער צײַט האָט דער פארלאג געגרייט די איליוסטרירטע אופלאגע פונעם בוך „די רײַטער־ארמיי". עס איז פאָרגעקו־מען א באגעגעניש פונעם קינסטלער מיטן שרײַבער. ס'זײַנען געמאָלט געוואָרן אלע דרײַ פּאָרטרעטן.

דאָס ווערט באשטעטיקט אויך אין די ארויסלאָז־יעדיעס פונעם בוך „די רײַטער־ארמיי", דערשינען אין 1933, אָפּגעגעבן אין דרוק דעם 26 סענטיאבער 1932, אונטערגעשריבן צום דרוק דעם 6 דעקאבער 1932.

וולאדימיר אלעקסייעוויטש מילאשעווסקי איז גע־ווען ניט בלויז א פּרעכטיקער קינסטלער, נאָר אויך א טאלאנטפולער שרײַבער. זײַנע דערינערונגען, זײַנע אײַנדרוקן וועגן די ערשטע באגעגענישן מיט באבעלן, זײַנע ראַיוינעס און אָפּשאצונגען שטעלן מיט זיך פאָר א היפּשן אינטערעס.

אושער ספּעקטאָר

פון אויבן אראָפּ: איסאק באבעל. קינסטלער וו. מילאשעווסקי, 1933;
א ווייניק באוווּסטע פאָטאָגראפיע פון אי. באבעלן (דרײַסיקער יאָרן);
אי. באבעלס פּאָרטרעט אף דער הילע פון א בײַלאגע צום זשורנאל „אָגאָניאָק". קינסטלער וו. מילאשעווסקי. 1932

געפונענע מאנוסקריפטן

מײער װײנער

דער צאַפּלדיקער דויפּעק פונעם פאָלק

אין דער פאָלקלאָרישער מײַסע פּילן מיר דעם צאַפּלדיקן דויפּעק פונעם פאָלק אין א באשטימטער צײַט. אין דער פאָלקלאָר-מײַסע איז אָפּגעהיט לעבעדיק בלוט פונעם פאָלקס געשיכטע, פון דעם פאָלקס טאָגטעגלעכן לעבן, טראַכטן און פילן, פונעם פאָלקס ווונטשן און שטרעבן, פון דעם פאָלקס קלוגשאַפט און טאַלאַנט — די בוילעטסטע שטריכן פון זײַן „פּסיכישן שטייגער" אין א באשטימטער צײַט.

עס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר דער ייִדישער פאָלקסמײַסע, וואָס אין איר האָט זיך באזונדערס ריין אנטוויקלט דער הומאָרישער, וויציקער זשאנער. דאָס איז אן אייגנארטיקער שטריך פון דער ייִדישער פאָלקסמײַסע. דער דאָזיקער זשאנער פון דער ייִדישער הומאָריש-וויציקער פאָלקסמײַסע איז אזוי ספּעציפיש, אז מע האָט נאָך פאר אים ניט געפונען די פּאסיקע, פּינקטלעכע וויסנשאפטלעכע באצייכענונג.

אינעם פאָלק פלעגט מען זיי רופן „כאָכמעס", „גלײַכווערטלעך", „קאטאָוועסן", „האלאָצעלעך", „וויצן", „שפּיצלעך", מײַסעס, אנעקדאָטן און דעסגלײַכן.

דאָס זײַנען ווײַט ניט קיין „אנעקדאָטן", „וויצן" אין וווּלגארן זין, ווי מע באנוצט אמאָל די דאָזיקע ווערטער אינעם שטייגער. דאָס זײַנען וויציקע נאָוועלן. זיי זײַנען אף עפּעס אן אויפן נאָענט צו דעם זשאנער, וואָס האָט באקומען א קלאסיש געשטאלט אין פּאָדזשיאָס גײַסטרײַכע פאצעציעס. אָבער די פאצעציעס פון 1380—1459 האָבן א שטארק ערודיציאָנעלן און סאלאָנמעסיקן באַטאם, זיי פארמאָגן א היפּש ביסל „בילדונגס-עלעמענטן", מיט מאָטיוון און רעמיניסצענצן פון דער אנטיקער קלאסיק — און זיי זײַנען געשריבן אין א געשליפענעם לאטײַניש. דאָס ייִדישע וויציקע מײַסעלע, דאָס „האלאָצעלע" איז דורך און דורך פאָלקסטימלעך, האמויניש.

פאר די וויציקע מײַסעלעך זײַנען כאראקטעריסטיש אזעלכע שטריכן:

ערשטנס, האָט עס געוויינלעך א בוילעט שארפן מיין; שטענדיק איז עס עפּעס אויסן צו זאָגן. עס הערשט דאָ דײַטלעך דער אידייִשער מאָמענט.

צווייטנס, איז עס שטארק אינטעלעקטועל, עס שפּריצט און בלענדט מיט כאריפעסדיקע אײַנפאלן.

דריטנס, איז עס געוויינלעך מײַסעדיק; טאקע שפּאָרעוודיק, קאָנצענטרירט, אָבער דערציילעריש.

פערטנס, איז עס געוויינלעך שארף צוגעשפּיצט, „פּוענטירט", די פאבולע טרײַבט דעם סוזשעט צום „שפּיץ", צו דער ראָזשינקע.

פינפטנס, האָט דאָס וויציקע מײַסעלע זיך ליב צו שטיצן אף טיפע סאָציאל-פּסיכאָלאָגישע און שטייגערישע באָבאכטונגען: עס האָט ליב צו אנטבלויזן, צו קריטיקירן. עס מאכט טאקע אפאנעמעסן כויזעק.

זעקסטנס, שטרעבט געוויינלעך דאָס ייִדישע „האלאָצעלע" ניט סטאם ארויסצורופן דעם האנאָעדיקן שמייכל, וואָס קומט פון א סייכלדיקן, גלײַכן אײַנפאל, נאָר טאקע ארויסצורופן דעם אײַנדרוק פון קאָמיזם, טאקע מאַמעש ארויסצורופן געלעכטער. דאָס ייִדישע „האלאָצעלע" איז טאקע שטארק דורכגעדרונגען מיט דעם ביטערן טאם, וואָס אין איראָניע, — אָבער אויך מיט עכטן, זוניקן, גאָלדענעם הומאָר, וואָס לאכט פון דער ניט-פארשטאנדיקער ווירקלעכקײַט, ווײַל ערגעץ-ווו אין דער טיפעניש פונעם געמיט טליעט דער גלויבן, אז סאָפּקאָלסאָף וועט דאָס לעבן מוזן ווערן פארשטאנדיק.



שאָלעם ביילין

זיבעטנס, איז פאַר דעם באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש די זעלבסט-איראָניע. זעלטן געפינען מיר אינעם פאָלקלאָר אַזויפיל איראָניע צו זיך אַליין, אַזויפיל קריטישע באַציִונג צו זיך אַליין, אַזויפיל שאַרף צוגעשפּיצטן שפּאָט אויף די אייגענע פעלערן, ווי אין דער יִדישער האַלאַצע.

די דאָזיקע אייגנאַרטיקע שטריכן פון דער יִדישער וויציקער פאָלקסמײַסע זײַנען אַנטשטאַנען און האָבן זיך אַנטוויקלט אַלס רעזולטאַט פון דער לאַגע פונעם יִדישן פאָלק, וואָס האָט אין פאַרלויף פון זײַן געשיכטע געהאַט אַזויפיל אומענטשלעך ביטערע צאָרעס אויסצושטיין, סײַ סאָציִאַלע און סײַ נאַציִאָנאַלע. דאָס הומאָריש-וויציקע פאָלקסטימלעכע מײַסעלע געהערט צו יענע געניִאַלע אופטוען פון דעם פאָלקס שעפערישקײַט, דורך וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם וויסטן פאַרשקלאַפנדיקן דרוק פון „דרויסן און פון אינווייניק", צו יענע אופטועז, וואָס האָבן דעם פאָלק געהאָלפן אָפּהיטן די מענטשלעכע ווירדע, דעם טיפן שעפערישן אָפּטימיזם, דעם מוט צו לעבן און צו קעמפן.

אין די פאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און „האַלאַצעס" קומט צום אויסדרוק די זעלבסט-דערציִערישע איראָניע פון די פאָלקסמאַסן, זייער שטרעבן צו אַ העכערער מאַדרייגע פון באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש. אין זייער כויזעק איז פאַראַן סײַ שטראָף-רייד, סײַ גרויסע דערציִערישע קלוגשאַפט. אַלציינס צי מע לאַכט פון דער אייגענער אָפּגעשטאַנענקײַט אין די כעלמער מײַסעס, אין די „האַלאַצעס" וועגן דער אָפּגעשטאַנענקײַט פון פּראָווינציִעלע האַסאָגעס פון יִשוווניקעס, באַלעגאָלעס אאַוו., אָדער צי מע מאַכט כוכע-אותליע פון ניקאָלײַ דעם ערשטן, פון די שליאַכעטסקע פּאַנעס, פון יִדישע גווירים, ראַבאָנים, כאַזאָנים, פונעם דאַוונען, פונעם פאַרקרימטן פּשעטלדיק-סכאָלאַסטישן דענקען — און מע דערגייט דערבײַ ביז צו בעפּיירעש-אַפּיקאָרסישע, אַנטירעליגיִעזע אַרויסזאָגונגען, — אַלציינס הערט זיך דאָ אומעטום אַ גרויסער פאָלקסטימלעכער דערציִערישער מיין.

דעריבער איז ניט אַנטשיידנדיק, ווו, אין וועלכע געזעלשאַפטלעכע קרײַזן די אָדער יענע מײַסע איז צומאָל סאָפקאָלסאָף אין איר לעצטער פאָרם אויסגענוצט געוואָרן, לאָמיר זאָגן, צי זי איז דערנאָך פאַרוואַלגערט געוואָרן צו אַ מאַגיד אָדער צו אַ כאָסיד אאַוו. אַנטשיידנדיק און וועזנטלעך איז — פון וועלכער סאָציִאַלער אַטמאָספער זי איז לויט איר גאַנצן מעהוס אויסגעוואַקסן, פון וועלכע געזעלשאַפטלעכע אימפּולסן זי איז דורכגעדרונגען, וועמענס לעבן מאָלט זי, וועמענס נויטן, באַדערפענישן, טראַכטן, פילן, טרוימען און שטרעבן זי דריקט אויס לויט איר גאַנצן טאָך — בלויז דאָס איז וועזנטלעך.

די „האַלאָצעלעך", פּונקט אַזוי ווי די פאָלקלאָרישע מײַסעס ביכלאַל, האָבן ניט קיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסט פיקסירטע, פאַרגליווערטע פאָרם. זיי ווערן דערציילט מינדלעך. די פאַנטאַזיע און די דיכטערישע שעפערישקײַט פונעם פאָלק האַלט זיי אין איין שלײַפן, אין איין פאַריכטן, פאַרבעסערן, פאַרפולקומען, אַז זיי זאָלן זײַן וואָס מער געפּרעסט און דורכזיכטיק, וואָס מער אויסדרוקפול און קלינגעוודיק, אַז דער געדאַנק זאָל וואָס פּראָסטער, שענער און ווירקזאַמער קומען צום אויסדרוק. ניט געקוקט אויף זייער אינטעלעקטועלער שאַרפקײַט זײַנען די דאָזיקע פריילעכע מײַסעלעך, פּונקט ווי די פאָלקסמײַסע ביכלאַל, זייער אומיטלבאַר, פריש, עכט, נאַטור-וווּקסיק. זיי פאַרמאָגן בעטעווע דאָס, צו וואָס די געשריבענע ליטעראַטור שטרעבט מיט גרויסער אָנשטרענגונג — נאַטירלעכע גאַנצקײַט, אַן אָרגאַניש אַנטוויקלטן סוזשעט. יעדע געראָטענע „האַלאַצע" איז אַ פאַרענדיקטע און פאַרגאַנצטע נאָוועלע מיט אַ שאַרף אַרויסגעזאָגטן געדאַנקלעכן אינהאַלט.

די דאָזיקע וויציקע פאָלקסמײַסעס געהערן צו די איידלסטע אוצרעס פון דער קולטור-יערושע.

די מאָטיוון פון דער פאָלקסמײַסע וואנדערן, ווי באוווּסט, פון פאָלק צו פאָלק, פון לאנד צו לאנד, פון קאנט צו קאנט. ס'איז ניטאָ אזא מעהאלעך, וואָס זאָל זײַן פאר זיי צו ווײַט. זיי וואנדערן פון איין עק וועלט צום אנדערן, פון איין היסטאָרישער עפּאָכע צו דער אנדערער, פון מיזרעך קיין מײַרעוו, און פון מײַרעוו — צוריק קיין מיזרעך. מיט דער צײַט ענדערן זיך די מאָטיוון, באקומען אן אנדער אויסזען, און זייער אָפט טאקע אויך אן אנדער אינהאלט און באטײַט.

פאראן א הויפּט-פאָנד פון מאָטיוון אין דער פאָלקסמײַסע, וואָס געהערט צום קולטור-שוטפעס פון אלע פעלקער אין דער וועלט. אָבער אין דעם קאָנקרעטן געשטאלט, אין וועלכן די דאָזיקע גרונט-מאָטיוון ווערן בא יעדן פאָלק צו יעדער באזונדערער צײַט דערציילט, ווײַזט זיך ארויס די אייגנארטיקע נאציאָנאלע פאָרם, דער פּסיכישער שטייגער, וואָס קומט אויף דורך דער געמיינזאמקײַט פון דער קולטור און פון דער איבערגעלעבטער געשיכטע. אין דער קאָנקרעטער נאציאָנאלער פאָרם קומען צום אויסדרוק די היסטאָרישע אומשטענדן פון דער צײַט, דאָס לעבן פון די פאָלקסמאסן און זייער געזעלשאפטלעכע לאגע.

די נאציאָנאלע פאָרם טראָגט אף זיך דעם שטעמפּל פונעם גאנצן געשיכטלעכן וועג פונעם געגעבענעם פאָלק, פון זײַן פארגאנגענהײַט, פון זײַן קעגנווארט און אפילע געוויסע שטריכן פון זײַן שטרעבן צו דער צוקונפט. נאציאָנאלע פאָרם איז עפּעס אזוינס ווי קריסטאליזירטע געשיכטע. און אויב אזוי, איז דאָס אין א גרויסער מאָס שײַעך צו זאָגן אויך וועגן דער פאָרם פון דער פאָלקלאָרישער שאפונג, וועגן דעם אויפן, וויאזוי די מאסן פון דעם אָדער יענעם פאָלק נוצן אויס שטאָפן און מאָטיוון פונעם אלוועלטלעכן שוטפעסדיקן פאָלקלאָר-אוצער, קעדיי אויסצודריקן נײַע און אייגענע מאָמענטן פונעם לעבן און דענקען.

דאָס באטײַט אָבער ניט, אז ס'איז ניט פאראן קיין נײַ-שאפונג אויך אין פּראט פון מאָטיוון און שטאָפן גופע. פארקערט, יעדעס פאָלק שאפט אין פארלויף פון די היסטאָרישע ענדערונגען אויך נײַע מאָטיוון און שטאָפן, וואָס עס וואקסט ארויס פון די נײַע היסטאָריש-סאָציאלע באדינגונגען. די וויכטיקסטע נײַע נאציאָנאלע מאָטיוון גייען דערנאָך מיט דער צײַט ארײַן אינעם אלפאָלקישן שוטפעסדיקן קולטור-אוצער — אויב זיי האָבן א שײַכעס צו דער אלגעמיינער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

אוודע איז מעגלעך ארײַנצושטעלן דורכויס אלע פאָלקלאָרישע מאָטיוון און טעמעס, אויך די סאמע נײַסטע, סאמע נאציאָנאל-אייגנארטיקע, אין א טעמאטישער טאבעלע, אין א סיסטעם פון טעמאטישער קלאסיפיקאציע, וואָס איז שוין זינט לאנג פעסטגעשטעלט און פארטיק. עס וואָלט אָבער פאלש געווען פונדאנען צו דרינגען, אז אלע נײַע מאָטיוון און טעמעס זײַנען בלויז ווארִיאנטן פון אלטע מאָטיוון און טעמעס, פון זיי געבוירן. עס וואָלט פאלש געווען צו מיינען, אז די מאָטיוון און שטאָפן פונעם פאָלקלאָר זײַנען שוין זינט הונדערטער אָדער גאָר טויזנטער יאָרן איין מאָל פאר אלע מאָל סטאביליזירט, אז דאָ איז אין טאָך אפן געביט פון מאָטיוון-שאפונג קיין נײַס ניטאָ.

אזא טעאָריע פון „אין כל חדש"[1] — ניטאָ קיין גרונט-נײַע שאפונג אינעם פאָלקלאָר — איז א רעזולטאט פון א צופיל אײנזײַטיקן אָנווענדן דעם אזויגערופענעם פארגלײַכנדיקן מעטאָד, ווען מע טרײַבט איבער די אויספירן פון דעם דאָזיקן מעטאָד און צוליב די שוטפעסדיקע, אנאלאָגישע שטריכן, וואָס אינעם פאָלקלאָר פון אלע פעלקער, באמערקט מען ניט די אייגנארטיקע און גרונט-נײַע מאָמענטן, וואָס דער פאָלקלאָר פון איינצלנע פעלקער טראָגט ארײַן בא נײַע היסטאָרישע אומשטענדן אינעם אלגעמיינעם אוצער פונעם וועלט-פאָלקלאָר. אָן סאָפעק וועלן מיר אין יעדער נײַער היסטאָרישער עפּאָכע געפינען אכוץ ווארײַירונגען פון אלטע אויך גרונט-נײַע פאָלקלאָרישע שאפונגען מיט גרונט-נײַע אידייען, געשטאלטן, בילדער, כאראקטערן, שטאָפן, מאָטיוון און סיטואציעס, געבוירענע פון נײַע היסטאָרישע פארהעלטענישן, וואָס ווערן צום ערשטן מאָל קינסטלעריש רעאליזירט בא דעם אָדער יענעם פאָלק.

אזוי איז דאָס אינעם פאָלקלאָר ביכלאל, אין דער פאָלקלאָרישער מײַסע בפּראט און מעמיילע אויך אפן געביט פון דער וויציקער מײַסע (פאבליאָ, פאצעציע, אנעקדאָט, „קאטאָוועסל", האלאָצע). דזשאָן דענלאָפּ, איינער פון די פּיאָנערן אפן געביט פון דער פאראלגעמיינערטער מאָטיוון-פאָרשונג אין די פּראָזאישע שאפונגען פון דער וועלט-ליטעראטור, דערציילט אין זײַן בוך „די געשיכטע פון דער פּראָזע" ("The history of the fiction"), אז איינער אן ענגלישער ליטעראטור-פאָרשער האָט זיך אמאָל פארגענומען ארויסצוגעבן די פּאָפּולערע ענגלישע אנעקדאָטן-זאמלונג „דער אלטער דזשאָן מילער" מיט א קאָמענטאר, וואָס זאָל דערווײַזן, אז אלע קאטאָוועסן און האלאָצעס אין דעם בוך שטאמען פון אנטיקיש-גריכישן קוואל. דערצו זאָגט דזש. דענ-

---

[1] איין קאָל כאָדאָש.

לאָפּ אָט וואָס: „דאָס וואָלט זיך מיסטאמע ניט איינגעגעבן. עס וואָלט אָבער אָן באַזונדערער מי מעגלעך געווען צו געפינען דעם שווירעש פון די דאָזיקע אַלע אַנעקדאָטן אין די גריכישע און אין די מיזרעכדיקע מײַסעלעך און אין די פראַנצויזישע און איטאַליענישע נאָוועלן פון XV און XVI יאָרהונדערט".

איינעמעסן אָבער איז אויך די דאָזיקע קאָרעקטור נאָך אַלץ איינזײַטיק און א גוזמע. ערשטנס, ווערט דאָ ניט גענומען אין אכט די צוריקווירקונג פון מײַרעוו אַף מיזרעך. א סאַך מאָטיוון, וואָס מע מיינט צו געפינען זייער אורשפּרונג אין מיזרעכדיקע קוואַלן, זײַנען קיין מיזרעך אָנגעקומען דאַפקע פון מײַרעוו. צווייטנס, ווערט דאָ ניט דערשאַצט דער שעפערישער באַטײַט פון דער וואַריִאַציע, וואָס דערגייט אָפט ביז צו א גרונט-נײַעם טאָך. דריטנס, ווערט דאָ אינגאַנצן באַשטרײַט די נײַ-שאַפונג פון מאָטיוון. די צאָל מעגלעכע קאָנפיגוראַציעס אין די פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן זײַנען, ווען מע באַטראַכט זיי איבערפלעכלעך, באַגרענעצט. באַם פאַרגלײַכן נײַע מאָטיוון קאָן מען אין זיי געפינען שטאָפלעכע און סוזשעטישע אַנאַלאָגיעס צו אַלטע מאָטיוון. פון דעם צו מאַכן גיכע אויספירן וועגן דער אומבאַדינגטער אָבליגאַטאָרישקײַט פון דירעקטן „אָפּשטאַם" וועט זײַן וויסנשאַפטלעך פאַלש, אַן איינזײַטיקע גוזמע. די וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונג און פאַרגלײַכונג וועט געפינען אינעם פאָלקלאָר פון יעדן פאָלק און פון יעדער צײַט זייער א סאַך טראַדיציאָנעלע עלעמענטן, זייער א סאַך אַזוינס, וואָס איז בלויז אין געוויסע פּראָטים אַנאַלאָגיש צו דער טראַדיציע. אָבער אַכוץ דעם, דאַרף זי אויך האָבן אַן אויג אַף צו דערזען דאָס אייגנאַרטיק נײַע אינעם פאָלקלאָר פון יעדן פאָלק און אין יעדער צײַט.

אין יעדער זאַמלונג פון ייִדישע האָלאָצעס וועט מען, ווי בכלל אין יעדער אַנדערער זאַמלונג פון דעם זשאַנער, פון וואָסער פאָלק עס זאָל ניט זײַן, געפינען א סאַך וואַריִאַנטן צו אַלטע מאָטיוון און שטאָפן סײַ פון דער אייגענער טראַדיציע און סײַ פון פאַרשיידענע אַנדערע פעלקער פון דער אַנטיק, פון מיטלאַלטער און פון דער נײַער צײַט. מיר וועלן דאָרט געפינען מאָטיוון פון דער אַגאָדע, פון מיטלאַלטערלעכע ייִדישע קוואַלן, פון אַנטיק-גריכישע, פון אַלט-אינדישע, אַראַבישע, סירישע, פּערסישע, טערקישע קוואַלן, פונעם מיטלאַלטערלעכן פאַבליאָ, פון דער רענעסאַנס-נאָוועלע אין פראַנקרײַך, איטאַליע, שפּאַניע, פון דער דײַטשישער פאָלקלאָרישער מײַסע, פון דער רוסישער, פּוילישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער פאָלקסמײַסע אאַוו.

פאַראַן אַפילע אַזעלכע אַנעקדאָטן, וואָס זענען אין פלוג אויס ביז גאָר ייִדישלעך — און לעסאָף ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס זײַנען שעפעריש און אייגנאַרטיק געענדערטע וואַריִאַנטן פון אַלטע, לאַכלוטן ניט-ייִדישע מאָטיוון.

לאָמיר, לעמאָשל, נעמען אַזאַ מײַסעלע, ווי „א רענדאַר לערנט א הונט ריידן", און עס קאָן זיך דוכטן: וואָס קאָן שוין זײַן „ספּעציפיש ייִדישער?" דאָ ווערט דאָך דערציילט וועגן דער מוירעדיק אונטערדריקטער לאַגע פונעם ייִד בײַ די שלאַכטעסקע לײַב-אייגנטימערישע פאַרהעלטענישן. דאָ ווערט דאָך זייער טרעפלעך געשילדערט דער מעשוגענער ווילקיר פונעם פּוילישן פּאַן, די דערשלאָגנקײַט פונעם האַלב-לײַב-אייגענעם אָרעמען רענדאַר מיט זײַן ביטאָכן-פּסיכאָלאָגיע — א רעזולטאַט פון זײַן מוירעדיק אומזיכערער, פון פּריצישע קאַפּריזן אָפּהענגיקער האַלב-שקלאַפישער לאַגע.

ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז דער דאָזיקער מאָטיוו שטאַמט גאָר פון דער רענעסאַנס-נאָוועלע. ער ווערט אין א שטאָפלעך זייער ענלעכער פאָרם — דאָרט רעדט זיך וועגן א מאַלפּע — געבראַכט אין דער נאָוועלן-זאַמלונג: “Nouvelles Récréations et soyeux devise”[1] פונעם פראַנצויזישן פרײַדענקער בענאַווענטור דעפּעריער (זי איז אַנטשטאַנען אין די דרײַסיקער יאָרן פונעם XVI יאָרהונדערט). פון א ריי סימאָנים איז וואַרשײַנלעך, אַז דעפּעריער האָט דעם מאָטיוו אויך אַנטליִען פון דער עלטערער איטאַליענישער נאָוועליסטישער טראַדיציע. דער מאָטיוו האָט עפּעס א שײַכעס צו דער מײַסע, וואָס סאַאַדי דערציילט אין זײַן בוך „גוליסטאַן" וועגן א לעץ, וואָס האָט געוואָלט אויסלערנען אַן אייזל ריידן, און ווען א כאָכעם האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער דעם לעץ געזאָגט: „א באַלכײַ וועסטו ניט אויסלערנען ריידן. ביסטו א מענטש, טאָ לערן זיך בײַ אים שווײַגן".

אַזעלכע מײַסעס, ווי „די לײַכטער זײַנען געשטאָרבן", „מיילע, וואָס א זייגער קלאַפּט", „דער קייסער, דער גאַלעך און דער ייִד", „אָפּגעצאָלט די כויוועס" און א סאַך אַנדערע אין דער דאָזיקער זאַמלונג געהערן צום אַלוועלטלעכן וואַנדערנדיקן רעפּערטואַר.

אַזעלכע אין פלוג טיפּיש-ייִדישע מאָטיוון, ווי, לעמאָשל, אין דער מײַסע וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואָס האָט געהייסן א קימפּעטאָרן צולייגן א קאָפּיקע צום נאָפּל פאַר א סגולע, ווײַל יעדער אָרעמאַן לויפט נאָך א קאָפּיקע (זע „ר' הערשעלע אָסטראָפּאָליער, באַ-

[1] זע רוסישע איבערזעצונג. Кимвал мира и новые забавы. 1936 נאָוועלע, ז. 336 ביז 340.

שריבן אַלע זײַנע זיסע כאָכמעס" אאַז.), אָדער דער מאָטיוו וועגן דעם אָרעמאַן, וואָס וויל צוגעווינען זײַן פערדל, אַז ס'זאָל זיך באַגיין אָן עסן און גראָד ווען עס געווינט זיך אײַנגאַנצן צו, שטאַרבט עס גאָר אַוועק, — זײַנען דאַפקע אַלוועלטלעכע וואַנדערנדיקע מאָטיוון. מיר געפינען זיי אין די אַנעקדאָטן-זאַמלונגען פון פאַרשיידענע פעלקער, די ערשטע מײַסע געפינען מיר אין דער נאַסרעדין-זאַמלונג, נומ. 93, ז. 116 (אַנשטאָט אַ קאָפּיקע רעדט זיך דאָרט פון ניס), די צווייטע מײַסע געפינען מיר בײַ נ. פּ. אַנדרײַעוון: זע Указатель сказочных сюжетов по системе. Аарне, Ленинград, 1929, № 1682, «Мужик учит лошадь не есть», אויך נאַסרעדינס אַנעקדאָטן, נומער 192, ז. 116. זייער אַ סאַך מאָטיוון פון די „כעלמער מײַסעס" געהערן פּאָשעט צום אַלוועלטלעכן פאָלקלאָר-אוצער. אַ סאַך מאָטיוון זײַנען די זעלבע, ווי די ציקלען מײַסעלעך וועגן טיפּשים אינעם פאָלקלאָר פון פאַרשיידענע פעלקער („אַבדעריטן", „שילד-בירגער", „פּאָשעכאָנצן" אאַז.). לעמאָשל, צו דער מײַסע וועגן „אַ ראָוו אָן אַ קאָפּ"[1] געפינען מיר וואַריאַנטן בײַ אַנדרײעוון (נומ. 1225: „אַ פּאָשעכאָנעץ אָן אַ קאָפּ") און בײַ נאַסרעדין, נומ. 291 דאָס מײַסעלע: „ווען דײַן מאַן איז אַרויס פון שטוב, האָט ער געהאַט אַ קאָפּ אויף דער פּלייצע?" אאַז.

פון דער אַנדערער זײַט, קאָן אָבער קיין שום סאָפעק ניט זײַן, אַז אין יעדער גרעסערער זאַמלונג פון פאָלקלאָרישע מײַסעס וועט מען געפינען ניט בלויז שעפעריש-באַאַרבעטע וואַריאַנטן, נאָר אויך גאָר ניט ווייניק נײַע אָריגינעלע מאָטיוון, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען באַם געגעבענעם פאָלק און זײַנען פאַרוואָרצלט און אַרויסגעוואַקסן פון זײַן היסטאָריש-געזעלשאַפטלעכער לאַגע, פון זײַן פּסיכישן שטייגער. וואָס שײַך דער זאַמלונג פון ש. ביילין, וועלן מיר דאָ אָנווײַזן אויף אַזעלכע דורכויס אָריגינעלע מאָטיוון, ווי: „דער יאָמטעוו פּליי-טע", „פּאַרנאָסע פון זיך אַליין", „כײַקל דער מושלעם", „דרײַ ברייערס", „נאַדן פאַר אַ געשטאָרבענער", „אַ מײַסע וועגן שאָמער", „שלוימע האַמעלעך האָט ליב געהאַט בראַנפן", „נאָך ערגער און נאָך ערגער", „צופּיל גוטס טאָר מען ניט פאַרלאַנגען". קימאַט אַלע קאַטאָוועסן וועגן „דאַווענען און לערנען"; קימאַט אַלע אַנטיכסידישע מײַסעס: „אָפּגעלייגט די דײַגע אויף אַ טאָג", „אויף אַ שפּאַציר לעבן קלויסטער"; דער גרעסטער טייל פון די אַפּי-קאָרסישע און מאַסקילישע מײַסעס: „פאַלשע

אַניוועס", „מוירע-מוירייאָן" אאַז. מע קאָן מיט אַ געוויסער זיכערקײַט זאָגן, אַז אין ביילינס זאַמלונג קאַטאָוועסן, וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט דעם לייענער, זײַנען קימאַט צוויי דריטל דורכויס אָריגינעל, דאָס הייסט, אַז מיר וועלן צו זיי קיין וואַריאַנטן אינעם נאַציאָנאַלן פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער ניט געפינען.

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין דער סכעמע, לויט וועלכער עס איז געבויט סײַ די אַנטירעליגיעזע, סיי ביכלאַל די שטיפעריש-הומאָרישע יידישע מײַסע, דאָס קאַטאָוועסל, — באַשטייט אָט אין וואָס.

צוערשט קומט אַ מער אָדער ווייניקער אויספירלעכע דערציילערישע צוגרייטונג, אַמאָל ברייט באַשרײַבעריש, אַמאָל מער לאַקאָניש און זאַכלעך. ערשט צום סאַמע סאָף קומט פּלוצעם, ווי פון הינטערווײַלעכס, אַן אומגעריכט, איבעראַשנדיק וואָרט (אָדער האַנדלונג, אָדער געשעעניש), וואָס זעט אַמאָל אין פלוג אויס ווילד. עס פאַרטשמעליעט אויף אַ רעגע, פאַרכידעשט, שטופּט קלוימערשט אַראָפּ מיט אַ שטיפערישן שטויס סײַ דעם געדאַנקענגאַנג, סײַ די בילדערישע פאָרשטעלונגען — פון די צוגעגרייטע רעלסן, און באַלד דערנאָך ווערט דאָס קורץ, שאַרף, מיט געציילטע ווערטער דערגאַנצט דורך דער לאָגישער אויפלייזונג, פון וועלכער סע גיט מיטאַמאָל אַ בליק: סע שטימט, ס'איז ריכטיק. מע כאַפּט דעם טאָך, די האַמצאָע, און די פאַרוווּנדערונג פאַרוואַנדלט זיך אין הומאָרישער האַנאָע. ווי אַ פונק פון אַ שטיין ווערט דאָ אַרויסגעקלאַפּט מיט איין שטאַרקן קלאַפּ דער איבערצײַגנדיקער קאָמיזם. די לייזונג איז געוויינלעך געבויט אויפן כאַריפעסדיקן האַמצאָעדיקן סילאָגיזם (די יידישע האַלאָצעריקע מײַסע איז ביכלאַל געבויט אויף לאָגישער כאַריפעס). ווי ברייט דער צוגרייטנדיקער טייל זאָל ניט אַמאָל זײַן, איז געוויינלעך דער שפּיץ פון דער מײַסע, די איבעראַשנדיקע האַמצאָע איינ-ציקע ... נעם מיט דער לאָגיש-דערקלערנדיקער לייזונג — ראַפינירט-שפּאָרעוודיק, לאַקאָניש, קאָנצענטרירט. פאַרהעלטנישמעסיק באַשטייט געוויינלעך דער דאָזיקער שפּיץ, וואָס איז דאָן דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער מײַסע, — פון גאָר ווייניק ווערטער.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אָפּווײַכונגען פון דער אָנגעצייכנטער סכעמע. אָבער אין אַלגעמיין איז זי טיפּיש.

מיר, וואָס אַנטירעליגיעזע האַסאָגעס זײַנען פאַר אונדז אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, קאָנען זיך קוים מעשאַער זײַן, וואָס אַזוינס

[1] זע „אַנטיקלעריקאַלע פאָלקסמײַסעס" פון שאָלעם מירער, מאָסקווע, 1940, ז. 103.

דאָס האָט באטײַט אן אנטירעליגיעזע „כאָכ-
מע" אָדער שפּיצל צוריק מיט ארום די הונ-
דערט יאָר אין דער אטמאָספער פון אויסטער-
לישן געדיכטער אָפּגעשטאנענקײַט און רעלי-
גיעזן פאנאטיזם אינעם שטעטל. אָפּגערעדט
פונעם מוט, פון דער דרייסטקײַט, וואָס האָט
געהערט דערצו, אז מע זאָל זיך דורך א
„שפּיצל" אָדער ווערטל אקעגנשטעלן דער אלץ
באהערשנדיקער מאכט פון דער רעליגיע, מע
זאָל ניט מוירע האָבן פאר די קלאָלעס און
כאראָטעס, פאר די ווילדע, פארביסענע פאר-
פאָלגונגען, וואָס האָבן זיך בענעגייע אפיקאָר-
סים ניט אָפּגעשטעלט אפילע פאר בלוט פאר-
גיסן, מאָרד, מעסירעס, פארשיקונג און קאָ-
לערליי אנדערע געזעלשאפטלעכע פּײַנען. אָפּ-
גערעדט פון דעם אלעם, האָט פּאָשעט דערצו
געהערט אן אויסערגעוויינלעך שארפע זעלב-
שטענדיקײַט אינעם דענקען. מע טאָר ניט פאר-
געסן, אז די דאָזיקע „לייצים" האָבן דאָך גע-
ווינלעך געשעפּט זייערע קריטישע אָנשויונ-
גען ניט פון די געבילדעטע פאָרשריטלעכע
ליטערארישע קוואלן אין יענער צײַט, נאָר
דירעקט פון די שטימונגען, געפילן און גע-
דאנקען בא די פאָלקסמאסן.

דאָסראָוו מײַסעס, וואָס מע דערציילט
וועגן דעם אָדער יענעם לעץ, זײַנען דאָך אים
בלויז צוגעשריבן געוואָרן. אינעמעסן האָט
דאָס פאָלק גופע געשאפן דאָסראָוו דאָזיקע
מײַסעס; הייסט דאָס, אז דער אנטירעליגיעזער
טאָך פון די מײַסעס קומט דירעקט פון די
פאָלקסמאסן גופע, און דאָ דארף מען געדענ-
קען, אז אפילע די ראדיקאלסטע מאסקילים —
אכוץ עטלעכע גאָר וויניקע אויסנאמען אין
גאליציע — האָבן זיך גאָר-גאָר זעלטן דער-
וועגט צו געבן אין זייערע שריפטן (איך
רייד ניט פון פערזענלעכע געשפּרעכן און
פונעם פריוואטן שטייגער) כאָטשבי אפי-
לע אן אָנצוהערעניש אף קעגנערישקײַט
צו דער רעליגיע גופע. קעגן כסידים,
קעגן קלעריקאלן — יאָ, אָבער קעגן דער
רעליגיע גופע, קעגן דעם גלויבן אין גאָט —
כאלילע.

און דאָס איז דאָך אזוי געוויינלעך געוועזן
ניט בלויז בא די יידישע אויפקלערער. דער
מענטשלעכער געדאנק האָט זיך אין אייראָפּע
נאָך דער אנטיקישער צײַט גאָר לאנג, ביז
נאָענט צו אונדזער צײַט באוועגט אין די גרע-
נעצן פון די רעליגיעזע האסאָגעס, ער האָט
זיך זייער לאנג ניט געקאָנט באפרײַען פון
זייערע פּענטעס. ערשט אין דער צײַט פון דעם
רענעסאנס הייבט זיך דער מענטש אָן צוביס-
לעך פון זיי צו באפרײַען, אָבער צום אטעיס-
טישן וועלט-באנעם איז דעם מענטשן זייער
שווער געווען זיך דורכצוראנגלען — און ווער
שמועסט דעם דאָזיקן געדאנק עפנטלעך
ארויסצוזאָגן.

געצײלטע דענקער אין מעשעך פון
זעכצנטן ביז נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן גע-
האט דערצו דעם דענקערישן און פערזענלעכן
מוט. מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי
ווײַט ס'איז דעם דעמאלטיקן דענקען געווען
אומפאָרשטעלבאר די וועלט אָן גאָט און רע-
ליגיע, א דענקערישע סיסטעם אָן גאָט און
רעליגיע, ווי ווײַט דאָס איז דעמאלט אויסגע-
קומען אומעגלעך, פאנטאסטיש, פארברעכע-
ריש, מיעס און אפילע לעכערלעך. און מיט-
אמאָל זעען מיר אין קליינע ביז הארצווייטיק
אָפּגעשטאנענע שטעטלעך, בא מאסן, וואָס
לעבן קימאט אין האלבשקלאפישער אונטער-
דריקונג, וואָס רעליגיע און קלער האלטן אין
איין אָניאָגן אף זיי וויסטע מוירעס, בא די
יידישע שטעטלדיקע פאָלקסמאסן, וואָס סײַ
יידן, סײַ ניט-יידישע סוויווע האלטן זײַן גע-
וויינלעך פאר די סאמע פארביסענע פאנאטי-
קער, — פּלוצעם זעען מיר בא זיי אזעלכע
וווּנדערלעכע בליצן פונעם אנטירעליגיעזן
דענקען, ווי מיר זעען זיי זעלטן אפילע בא
די געבילדעטע דענקער פון יענער צײַט. איז
ווי זשע זאָלן אונדז די דאָזיקע דאָקומענטן
ניט זײַן זייער נאָענט און זייער טײַער?

אין די דאָזיקע מײַסעס זעען מיר דאָך
בעכוש, ווי סע פּיקט זיך דורך מיט גרויסע
ווייען און שווערקײַטן דער פרײַער מענטש-
לעכער ווירדיקער געדאנק בא די פאָלקס-
מאסן, וואָס האָבן געלעבט אונטער א מוירע-
דיק שווערן דרוק, ער רײַסט זיך דורך דורך
שווערע געדיכטע נעפּלען און פארלירט זיך
עפשער גיך ווידער אין דער פינצטערניש.
אָבער איינע א ווײַלע האָט ער דאָך געלויכטן
און געבליצט, געגעבן מוט, געוועקט און —
איידעס געזאָגט וועגן דעם קויעך פונעם
עמעס, וועגן די אייביק געניאלע קויכעס פון
די פאָלקסמאסן, וועגן זייער וווּנדערלעכער
שעפערישקײַט.

די מײַסעס וועגן די פאָלקסטימלעכע ליי-
צים (הערשעלע אָסטראָפּאָליער אא.) זײַנען
אָנגעזאָפּט מיטן פאָלקסטימלעכן פּראָטעסט
קעגן די סאָציאלע פארהעלטענישן אינעם
שטעטל, קעגן רעבייִם, גווירים און קאָהאָל,
זיי זײַנען פול מיט בײַסיקן כויזעק אף די
רעליגיעזע אווטאָריטעטן, אף דער פינצטערער
דערשלאָגנקײַט אינעם שטעטל.

א געזונטע פלעבייִש-„העפקײרישע" מו-
טיקע האָזע האָט דאָ מיטן בייזן געלעכטער
און מיט שארפזיניקן הייטערן שפּאס אופגע-

ריסן די וויסטע מאַרעשכוירע און דערשלאָגנקייַט פון די מאסן. די אנטיקלעריקאַלישקייַט גייט דאָ אָפּט אריבער אין אנטירעליגיעזקייַט. דאָ זייַנען שטאַרק און אינטערעסאַנט געקומען צום אויסדרוק די געזונטע קויכעס, וואָס האָבן געדרעמלט אין די מאסן פונעם פאָלק. דאָס זייַנען טייַערע דאָקומענטן פון דער פאָלקסטימלעכער שעפערישקייַט, פון דער פּלעבייִש-פאָלקסטימלעכער אופקלערערייַ אין אן אייגנאַרטיקער דיכטערישער פאָרם.

הערשעלע און די אנדערע פאָלקסטימלעכע לייצים — דאָס זייַנען זייער אייגנאַרטיקע, זייער נאַציאָנאַלע וואַריאַנטן פון דעם געשטאַלט טיל אולענשפּיגעלס, אָדער נאַסרעדינס. דער אידיישער טאָך פון דעם געשטאַלט הערשעלע איז גאָר ניט אזוי ווייַט פון יענער אידיישער הייך, וואָס דאָס אולענשפּיגעל-געשטאַלט האָט באַקומען אין דער ליטעראַרישדיכטערישער (שטאַרק „אידעאַליזירטער") באַאַרבעטונג פון שאַרל דע קאָסטער.

אין ש. בייַלינס זאַמלונג זייַנען אַרייַן אויך עטלעכע גרעסערע מייַסעס פון יענעם מין, וווּ די וויכטיקע עלעמענטן זייַנען דייַטלעך אויסגעמישט מיט עלעמענטן פון דידאַקטיק און מאָראַל. אין אַלגעמיין שטאַמען די קאָנקרעטע שטאָפן אין דער דאָזיקער גרופּע מייַסעס פונעם אַכצנטן און נייַנצנטן יאָרהונדערט, כאָטש די מאָטיוון זייַנען גאַנץ אָפּט גאָר אַלט. עס ווערן דאָ אָבער געבראַכט אויך עטלעכע מוסטערן פון אַזעלכע וויכטיקע מייַסעס, וואָס אויך די שטאָפלעכע טעמעס זייערע שטאַמען, אָן ספק, פונעם טיפן מיטלאַלטער. געוויינלעך געהערן זיי צו יענע אַלוועלטלעכע מאָטיוון, וואָס מיר געפינען זיי קימאַט אין יעדן פאָלקלאָר פון די פעלקער אין אייראָפּע.

אין די קאַטאָוועסן וועגן מעשומאָדים ווערט אָפּגעשפּיגלט די טראַגעדיע פון „טכום-האַמוישעוו" און פון דער צאַרישער „פּראַוואָזשיטעלסטווע" פאַר ייִדן, זיי געהערן צו דער טעמע „נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג דורכן צאַריזם". אָבער ניט געקוקט דערויף, וואָס די דאָזיקע קאַטאָוועסן מאַכן אויסערלעך כויזעק פון דער קריסטלעכער רעליגיע, וועלן מיר פאָרט אין זיי געפינען אַ געוויסע שייַכעס צום פאָלקסטימלעכן אַנטירעליגיעזן געדאַנק בכלל.

זייער טשיקאַווע איז די טעמע „שטאָט-מעשוגאָים", פון וועלכער עס ווערן דאָ געבראַכט עטלעכע מוסטערן. ווער סע מיינט, אַז עס ווערט דאָ כויזעק געמאַכט פון דער אומבאַהאָלפנקייַט פון פּסיכיש-קראַנקע מענטשן, דער האָט אַ גרויסן טאָעס. אונטער דער מאַסקע פונעם שטאָט-מעשוגענעם באַהאַלט זיך אָפּט אין דער פאָלקלאָרישער האַלאַצע אַ בייזער שטראָפנדיקער פאָלקסטימלעכער לעץ. ניט געקוקט אַף פאַרשיידענע יוראָדיווישע שטריכן זייַנע אין דער פאָלקלאָר-מייַסע, איז ער דאָ געוויינלעך דער פאָלקסטימלעכער בונטאַר, וואָס דערלויבט זיך, באַשיצט פון זייַן „קרענק", אַרויסצוזאָגן די עמעסדיקע געדאַנקען פון די מאסן. אין דער וויכטיקער פאָלקלאָר-מייַסע איז דאָס דאָזיקע געשטאַלט פונעם שטאָט-מעשוגענעם גאַנץ אָפּט אַ סאַך מער באַם זינען, איידער די סאַמע קליגסטע און מעיושעוודיקסטע שיינע-ייִדן פון דער שטאָט. אין דער דאָזיקער טראַקטירונג פון דעם געשטאַלט פונעם „מעשוגענעם" באַהאַלטן זיך געוויסע קערנדלעך פון זייער רעאַלן שטייגערישן עמעס. אַפּיקאָרסים און בונטאַרן האָט מען געקאָנט אָפּגעבן אין רעקרוטן, מאַסערן און פאַרשיקן קיין סיביר, אָבער אויך דערפירן צו מעשוגאַס אָדער פאַרשרייַען אַלס מעשוגע.

צי קאָן מען זאָגן, אַז יעדער, וואָס דערציילט פאָלקלאָרישע מייַסעס, דערציילט גוט? צי קאָן מען זאָגן, אַז יעדער צופעליקער פאָלקסטימלעכער דערציילער דערציילט אַלצייַנס גוט אָדער בכלל גוט? אוודאי נישט. פאַראַן אַזוי-זיך-דערציילער, פאַראַן מייַסטערס פונעם דערציילן, פאַראַן געניאַלע דערציילער, און פאַראַן דערציילער קאַליקעס, וואָס דערציילן דאָס געהערטע אין אַ צעקאַליעטשעטער, צעשעדיקטער פאָרם. ווער קאָן דערין צווייפלען?

איז ווי זשע דאַרף זיך נויהעג זייַן דער זאַמלער, פאַרשרייַבער, וואָס גרייט צו די פאָלקלאָרישע טעקסטן צום דרוק? ער דאַרף זיך נויהעג זייַן פּונקט אַזוי ווי דער פאָרשער, וואָס גרייט אַלטע ליטעראַרישע דענקמעלער צום דרוק. איז וואָס זשע טוט אַזאַ פאָרשער, ווען ער האָט, לאָמיר זאָגן, פון אַן אַלטן טעקסט אַ בעפייִרעש פאַרקריפּלטן, פאַרגרייַזטן מאַנוסקריפּט אָדער דרוק און קיין אַנדערער אָדער מער ריכטיקער האָט זיך ניט אָפּגעהיט? ער איז מעכוייעוו אַזוי גרינטלעך אַרייַנצודרינגען אינעם טאָך פונעם טעקסט, אַזוי היימיש צו ווערן מיט אים, אַז ער זאָל ווי ווייַט מעגלעך מיט דיווינאַטאָרישער גענויקייַט רעקאָנסטרויִרן, אופשטעלן די ריכטיקע, עמעסדיקע ווערסיִע אָפּן סמאַך פון מינדסטע אָנצוהערענישן. אַן עמעסדיק גענויער טעקסטאָלאָג איז מעכוייעוו מאַקסימאַל אָפּט ריכטיק צו טרעפן.

די דאָזיקע פאָדערונג האָט פּרינציפּיעל אויך א שייַכעס צום פאָלקלאָריסט, וואָס גרייט צו פארן דרוק פאָלקלאָר־טעקסטן. בא פאָלקלאָר־טעקסטן קאָן, פארשטייט זיך, א ריכטיקע וואריאַנט־פארגלייַכונג ניט דורכגעפירט ווערן, קאָלזמאן עס זייַנען ניט פאראן רייַכע (און צוטריטלעכע) האנטשריפטלעכע זאמלונגען אָדער אין דרוק פארעפנטלעכטע מאטעריאלן. דעריבער איז בא די ערשטע פארעפנטלעכונגען פון פאָלקלאָר־טעקסטן דאָס פארגלייַכן וואריאַנטן ניט קיין מוז־זאך. דאָ איז קוידעמקאָל וויכטיק די פיקסירונג און אָנזאמלונג. דאָס הייסט אָבער ניט, אז דער טעקסטאָלאָג איז דאָ ניט מער ווי א סטענאָגראף, אז אפילע די סאמע בעפיירעשע פארקריפּלונגען דארפן אים גאָר ניט אָנגיין, אז סע דארף אים גאָר ניט אָנגיין, צי איז דער דערציילער, לאָמיר זאָגן, פון דער אָדער יענער מייַסע, געווען א מייַסטער אָדער א קאליקע.

פאראן אזא ספּעציִעלער אינטערעס אין דער פאָלקלאָריסטיק, ווען מע וויל צוליב א דעטאלישער וויסנשאפטלעכער פראגע פעסטשטעלן, ווי עס זעט אויס אינעם שטייגער דער אָדער יענער אלטער פאָלקלאָרישער מאָטיוו, אין דער אָדער יענער צייַט, אין דעם אָדער יענעם קאנט. צוליב אזא צוועק מעג מען און מוז מען פיקסירן און ארויסגעבן דעם מאטעריאל אזוי ווי ער גייט און שטייט. דאָס זייַנען דאן געוויינלעך נאָך ניט אָפּגערייניקטע רוימאטעריאלן פאר דער ארבעט פונעם טעקסטאָלאָג.

אויב סע האנדלט זיך אָבער ניט וועגן א „וויסנשאפטלעכער" אויסגאבע אין דעם דאָזיקן פעדאנטיש־שמאָלן זינען, נאָר וועגן א וויסנשאפטלעכער אויסגאבע אינעם עמעסדיקן באטייַט פון וואָרט, וועגן אן אויסגאבע, וואָס וויל דערלאנגען דעם לייענער די דאָזיקע פאָלקלאָרישע מאטעריאלן אלס קונסטווערק אף האנאָע צו האָבן, אף זיי צו געניסן, — דארפן זיי זייַן ווי ווייַט מעגלעך נאָענט צו זייער עכטער ווערסיִע, אָדער לעפּאָכעס אין אזא פאָרם, וואָס זאָל ניט בעפיירעש קאליע מאכן דעם טאם, דעם כיין, דעם סטיל פון דער עכטער ווערסיִע, — ווי ווייַט מיר קאָנען זי זיך פאָרשטעלן און מעשאער זייַן.

טרעפן פינקטלעך אָדער אפילע בלויז אן ערעך, וויִאזוי די אָדער יענע ניט גאָר פולקומע ווערסיִע פון א מייַסע וואָלט אויסגעזען, ווען עס דערציילט זי א פאָלקלאָרישער מייַסטער־דערציילער, איז, פארשטייט זיך, אומעגלעך. אָבער אויב עס האנדלט זיך וועגן א געראָטענער, אָבער אין דעם אָדער יענעם אָרט, אָפּט בלויז דורך איין וואָרט, דייַטלעך געשעדיקטער מייַסע, וועט דער געניטער זאמלער דערזען, ווי עס לייַכט זיך דורך די נעשאמע פון דער זאך; פון די ניט־צעקאליעטשעטע טיילן אינעם טעקסט וועט ער דערקענען די עכטע קאָנטורן, לויט דעם וועט ער שוין לעפּאָכעס קענען אָפּקראצן דעם שימל, די ניט־געראָטענע סטיליסטישע אָנוואקסונגען, וואָס שולדיק דערין איז אן אומבאהאָלפענער דערציילער. דאָרט, ווו מיר זעען בעפיירעשע ארייַנגעטראָגענע סטיליסטישע געשמאקלאָזיקייַטן, טאָרן מיר דעם צופעליקן דערציילער בעשום־אויפן ניט האלטן פאר א קאנאָנישן איידעס.

ווען מע פארטיפט זיך אינעם גייַסט, אינעם טאָך און סטיל פון א פאָלקלאָרישער זאך, ווען מע האָט דאָ גוט אין זינען דעם פּרינציפּ פון „אך את נפשו שמור", „נאָר דעם נעפעש זייַנעם היט אָפּ"), קאָן מען דורך פארגלייַך און שטודיִום, מיט כוש פארן סטיל, מיט גוטן געשמאק, געניט און זייער אָפּגעהיט, זייער פאָרזיכטיק ארויספרייניקן — ווי פון אן אל־פרעסקאָ־בילד אף א וואנט, וואָס האָט געליטן פון נעץ — די ווילד־שוואָמען און דעם אָנגעטראָגענעם שימל, דעם צופעליקן שטערנדיקן פּסוילעס.

ווי באוווּסט, איז אף אזא אויפן ארויסגעגעבן געוואָרן די זאמלונג דייַטשישע פאָלקסמייַסעס דורך די ברידער גרים, די זאמלונג רוסישע פאָלקסמייַסעס דורך אפאנאסיעוון. און זיי געהערן דאָך צו די מוסטערהאפטע, עמעסדיק קלאסישע זאמלונגען פון דעם מין.

די קאטאָוועסן, האלאָצעס, פאָלקסטימלעכע שפּאסן, וויציקע מייַסעס, וואָס ווערן דאָ אין דעם בוך געבראכט, זייַנען געזאמלט פונעם פאָלקס־מויל און פארשריבן געוואָרן פונעם פאָלקלאָריסט שאָלעם ביילין אין מעשעך פון קנאָפּ זעקס יאָרצענדליק. שאָלעם ביילין איז געבוירן געוואָרן אין סענטיאבער 1857 אין נאוואָרעדאָק (נאָוואָגרודאָק), מינסקער געגנט, ווייַסרוסלאנד. ער האָט אָנגעהויבן זאמלען פאָלקלאָר אין יאָר 1883. באווירקט פון די ארבעטן פון דעם באוווּסטן רוסישן פאָלקלאָריסט א. נ. אפאנאסיעוו, האָט ער זיך פאראינטערעסירט מיטן צוזאמענהאנג צווישן די אלט־ייִדישע מייַסעס־מאָטיוון און דעם אלט־רוסישן פאָלקלאָר. אלס רעזולטאט פון די דאָזיקע פאָרשונגען איז אין יאָר 1907 ארויס זייַן בוך: Странствующие или всемирные повести и сказания в древнераввинской письменности, Иркутск, 1907. די ארבעטן פון שאָלעם ביילין און זייַנע פארעפנטלעכונגען אפן געביט פון ייִדישער פאָלקלאָריסטיק האָבן באקומען די אנער-

קענונג פון באוווּסטע פֿאָלקלאָריסטן און לי-
טעראטור-פֿאָרשער, ווי, לעמאַשל, פֿונעם
אקאדעמיקער א. נ. וועסעלאָווסקי, ד״ר אַל-
פרעד לאנדאו (ווין) אא. זינט אָנהייב 80-ער
יאָרן זאמלט ביילין דעם מינדלעכן פֿאָלקלאָר,
דעריקער: מײַסעס, שפּריכווערטער, ווערט-
לעך, רעדנסארטן, קאטאָוועסן, אנעקדאָטן
אאוו.

שאָלעם ביילין דערציילט, אז ווען ער איז
געווען א קינד, פֿלעגט זײַן מאמע אין אירע
שמועסן אָפט ארײַנפלעכטן פארשיידענע
שפּריכווערטער און מײַסעלעך. פאר די
שפּריכווערטער און מײַסעלעך פֿלעגט זי
פריער זאָגן: „יאק טאָי קאזאל״. פֿלעגט זיך
אינעם קינדערשן מויעך פון ביילינען פֿאָר-
שטעלן דאָס בילד פון אן אלטן, א קלוגן פּויער
מיט א ווײַסער באָרד — „טאָי״...

די זאמלונג, וואָס ווערט דאָ פֿאָרגעלייגט
דעם לייענער, איז אָפּגעקליבן געוואָרן פון
זייער א רײַכן האנטשריפטלעכן מאטעריאל,
א צען מאָל גרעסערן, ווי דער מאטעריאל,
וואָס איז ארײַן אין דעם בוך.

די פּרינציפּן פון אָפּקלײַב זײַנען געווען:
ברענגען בלויז דאָס, וואָס איז אין פּראט פון
אידיי און פֿאָרם אמיינסטן ווערטפול, אייגנאר-
טיק און כאראקטעריסטיש, דערווײַטערן, ווי
ווײַט מעגלעך, אלדאָס „אנעקדאָטישע״ אינעם
וווּלגארן זינען. דערבײַ איז גענומען געוואָרן
אין אכט, אז עס זאָלן דאַ זײַן פּארטראַטן, ווי
ווײַט מעגלעך, קימאט אלע הויפּט-טיפּן פון
דעם זשאנער און די וויכטיקסטע מאָטיוון און
טעמעס.

אלע טעקסטן אין דעם בוך זײַנען פֿאר-
שריבן געוואָרן פון ש. ביילין. די פארשרײַ-
בונגען שטאמען פון זייער א גרויסן שפּאַן
יאָרן. דער גרעסטער טייל טעקסטן איז פיק-
סירט לויט דער לעבעדיקער דערציילונג פון
באשטימטע דערציילער. א טייל טעקסטן איז
פארשריבן פונעם זיקאָרן, לויט דעם, וואָס
ביילין האָט געהערט דערציילן אין זײַנע קינ-
דער- און יוגנט-יאָרן. דער דאָזיקער טייל
גרייכט ביז קימאט אכציק יאָר צוריק. פאר-
שטייט זיך, אז גראָד די מאטעריאלן אין דעם
דאָזיקן באזונדערס ווערטפולן טייל פונעם בוך
אנטשפּרעכן אמווייניקסטן צו די שטרענגערע
פֿאָדערונגען פון דער וויסנשאפטלעכער פֿאָל-
קלאָר-פארשרײַבונג. בא א סאך פון די דאָזי-
קע טעקסטן ליגט צווישן הערן און פארשרײַבן
א היפּשע צײַט.

אויך וועגן די אנדערע פארשרײַבונגען,
וואָס זײַנען שוין יאָ פארשריבן געוואָרן טײַ-
קעף נאָכן הערן, קאָן מען ניט זאָגן, אז זיי
זײַנען פיקסירט געטרײַ, לויט די סאמע
שטרענגסטע, סאמע פּעדאנטישע פֿאָדערונגען
פון דער פֿאָלקלאָריסטיק. ביילין האָט אן
אויסגעצייכנטן פּינקטלעכן זיקאָרן, אָבער עס
ווענדט זיך דאָך געווייגלעך אין אזעלכע פאלן
אין דעם, וואָס דער זיקאָרן איז אויסן. און מע
קאָן לײַכט דערקענען, אז דער זיקאָרן פונעם
פארשרײַבער איז דאָ דעריקער געווען גע-
ווענדעט אף אידיי, טעמע, סוזשעט, — אָבער
ניט אף די פּרינציפּן פונעם מאָדערנעם פֿאָל-
קלאָריסטישן פארשרײַב-אויפן, ניט אפן
פּינקטלעכן איבערגעבן דעם דערצייל-סטיל,
דעם דיאלעקט, די פֿאָנעטיק אאוו.

אין סאמע וויכטיקסטן פּראט, וואָס שײַעך
דעם אידייש-סוזשעטישן אינהאלט זײַנען די
טעקסטן אָן ספק אבסאָליוט פארלאָזלעך.
א סאך ווייניקער פארלאַרן זײַנען זיי וואָס
שײַעך דער פּינקטלעכקײַט אינעם איבערגעבן
אינדיווידועלן רעדנסארט, סטיל, דיאלעקט
אאוו. דאָ זײַנען די מײַסעס קימאט אומעטום
דורכגעגאנגען דורכן פילטער פונעם זאמלערס
דערצייל-סטיל. אָן ספק וועט מען דערקע-
נען סימאָנים פון ביילינס דערציילערישן אויפן
קימאט אין אלע טעקסטן, — כאָטש עס וואַרפן
זיך דאָ אומעטום דורך אויסערלעך א היפּש
ביסל סטיל-עלעמענטן, וואָס שטאמען פונעם
פֿאָלקסטימלעכן דערציילער, און כאָטש דאָס
דערגייט ערטערווײַז אפילע ביז צום געטרײַען
איבערגעבן עלעמענטן פון דיאלעקטן, פון
אינדיווידועלן דערצייל-סטיל אאוו.

די דאָזיקע זאמלונג געהערט, הייסט דאָס,
צו דעם טיפּ, ווו דער פארשרײַבער פון די
פֿאָלקלאָר-מאטעריאלן איז אויך גופא אין דער
אייגענער צײַט א דערציילער. און מע מוז
זאָגן, אז ביילין איז ניט בלויז אן איבערגע-
געבענער פֿאָלקלאָריסט, נאָר אויך אן אויס-
געצייכנטער פֿאָלקלאָר-דערציילער מיט אן
אייגנארטיקן, עכט פֿאָלקלאָרישן, זאכלעך-לא-
קאָנישן סטיל און א בייגעוודיקער רײַכער
שפּראַך.

דערמיט איז לאכלוטן ניט געזאָגט, אז די
דאָזיקע זאמלונג פּרעטענדירט ניט אף וויסנ-
שאפטלעכן ווערט. פארקערט, דורך א געניטן
פֿאָרזיכטיקן אויספאריכטן דעם דערצייל-סטיל
אין יענע ערטער, וואָס זײַנען פון א ניט זייער
גוטן דערציילער בעפיירעש געשעדיקט גע-
וואָרן, קאָן זייער אָפט דערגרייכט ווערן א
סאך א גרעסערע נאָענטקײַט צו דער אור-
שפּרינגלעכער פֿאָרם אידער ווי דורך א
פּסעוודאָ-וויסנשאפטלעכן איבערגעטריבענעם
פּעדאנטיזם באם סטענאָגראפיש-פּינקטלעכן
פיקסירן פונעם דערציילערס מויל, דער פאר-
שרײַבער — אויב ער וויל זיך דערנעענטערן
צו דער עכטער אורשפּינגלעכער פֿאָרם פונעם

טעקסט — טאָר זיך ניט שקלאַפיש און אומבאַדינגט אונטערוואַרפן צו אַלע צופעליקייטן פונעם פאָלקלאָרישן דערציילן, טאָר ניט איבערלאָזן בעפּיירעש צופעליקע סטיליסטישע פלעקן, וואָס מאַכן קאַליע דעם אײַנדרוק פונעם קונסטווערק. דעריבער מיינען מיר, אַז דאָס, וואָס דער מאַטעריאַל איז ערטערווײַז פיקסירט לויטן זיקאָרן פון אַזאַ אויסגעצייכנטן פאָלקלאָר־דערציילער און פאָלקלאָר־פאָרשער ווי ש. ביילין, און דאָס, וואָס אַ זייער פאָרזיכטיקע סטיליסטישע רעדאַקציע האָט זיך אומעטום באַמיט אײַנצוהיטן דעם סטיל־כאַראַקטער, אַזוי ווי ער באַווײַזט זיך אין די מײַסעס גופא, — דאָס אַלץ קאָן ניט דאָס מינדסטע פאַרמינערן דעם וויסנשאַפטלעכן ווערט פון דער זאַמלונג אַלס קוואַל און דאָקומענט פאַר דער פאָרשונג.

דער מאַטעריאַל אין דער דאָזיקער זאַמלונג איז גרופּירט לויט דער שטאָפלעכער טעמע און דעם אידייִשן אינהאַלט. העיוויס די דאָזיקע צוויי זאַכן פאַלן ניט שטענדיק צונויף, איז צומאָל ניט מעגלעך געווען אויסמײַדן אַ געוויסע ניט־אויסגעהאַלטנקייט.

עס איז דאָ אין דער דאָזיקער זאַמלונג אַ היפּשע צאָל מײַסעס, וואָס כאָטש זיי זײַנען פאַרשפּרייט אינעם שטייגער ביזן הײַנטיקן טאָג, זײַנען זיי אָבער נאָך ביז איצט אין ערגעץ ניט געווען פאַרעפנטלעכט אין דרוק. פון אַ געוויסן טייל מאַטעריאַלן אין דער דאָזיקער זאַמלונג זײַנען שוין וואַריאַנטן יאָ געווען פאַרעפנטלעכט, אָבער די וואַריאַנטן פון ש. ביילין זײַנען אינטערעסאַנט סײַ פאַר זיך גופא סײַ צוליב די ידיעס, וואָס ער גיט צומאָל וועגן זיי.

בײַ דער גרעסטער צאָל מײַסעס פאַרצייכנט ביילין דאָס אָרט און די צײַט פונעם פאַרשרײַבן (אָדער פונעם ערשטן מאָל הערן). און אויב עס פעלן בײַ אַ טייל מײַסעס די דאָזיקע פאַרצייכענונגען, איז דאָס דערפאַר, ווײַל עס פעלן וועגן דעם ידיעס אין ביילינס מאַטעריאַלן גופא. די מאַטעריאַלן זײַנען דאָך געזאַמלט געוואָרן אין משך פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, דערמיט איז צו דערקלערן דער דאָזיקער צומאָליקער חסרון.

פון אַ ברייטן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט (וועגן דער געשיכטע פון די מאָטיוון, וואַריאַנטן, רעזולטאַטן פון דער פאַרגלײַכנדיקער אויספאָרשונג פונעם פאָלקלאָר בײַ פאַרשיידענע פעלקער און צײַטן, האַשפּאָעס, פאָלקלאָרישע און ליטעראַרישע טראַדיציעס אאַזוו.) האָט זיך ביילין דאָ דערווײַל אָפּגעזאָגט צוליב פאַרשיידענע סיבעס. עס ווערט בלויז געגעבן אַ טייל פון די וועזנטלעכסטע באַמערקונגען באַלד אויפן אָרט, נאָך די טעקסטן גופא.

שאָלעם ביילין

פאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און וויציקע מײַסעס

מײַסעלעך פון פאַרצײַטן

פאַרוואָס מעגן אָרעמעלײַט גיין איבער די הײַזער

אין די צײַטן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן זײַנען אַמאָל די אָרעמעלײַט געקומען צו די גווירים מיט אַ טײַנע.

— איר, גווירים, מאַכט אַ יאַקרעס, איר צאָלט די גרויסע געלטן פאַר אויפעס, פאַר פיש און פלייש, און דעריבער, ווען אַן אָרעמאַן ווערט קראַנק, ער דאַרף האָבן אַ הון, אַ שטיקל פלייש אָף אַ רעפּוע, איז ער ניט בעקויעך צו קויפן, וואָס ער דאַרף.

— נו, איז וואָס זשע ווילט איר? — האָבן די גווירים געפרעגט בײַ די אָרעמעלײַט.

— מיר ווילן, — האָבן די אָרעמעלײַט געענטפערט, — איר זאָלט אָוועקגיין פון דער שטאָט.

— הערסטו גאָר אָקאָרשט, — האָבן זיך די גווירים געכידעשט אף דעם אײַנפאַל, — אויב מיר וועלן אוועקגיין פון דער שטאָט, טאָ ווער זשע וועט מאכן דעם רעסטער?[1]

די אָרעמעלײַט זײַנען דאָך, נעבעך, מענטשן פאַריאָגטע און געשלאָגענע. האָבן זיי זיך טאקע גאנץ שטארק דערשראָקן און זײַנען אוועק צו די פּאָשעטע באלעבאטים מיט דער זעלביקער טײַנע.

— איר, באלעבאטים, קויפט אויס אפן מארק אלע פישן און פליישן. איר מאכט דאָך עפּעס די מעקאָכים, און דעריבער, אז עס ווערט עמעץ בא אונדז, כאָלילע, ניט געזונט, קאָנען מיר גאָרניט קויפן אף אָטכײַען זיך...

— איז וואָס זשע ווילט איר? — פרעגן די פּאָשעטע באלעבאטים.

— מיר ווילן, — האָבן די אָרעמעלײַט געענטפערט, — אז איר זאָלט אוועקגיין פון דער שטאָט.

— א שיינע מײַסע! — ווונדערן זיך די באלעבאטים, — אז מיר וועלן אוועק פון דער שטאָט, טאָ ווער זשע וועט צאָלן נאָכן רעסטער?

די אָרעמעלײַט זײַנען דאָך, נעבעך, מענטשן פאַריאָגטע און געשלאָגענע, האָבן זיי זיך טאקע שטארק דערשראָקן. איז בא זיי געבליבן, אז טאקע זיי אליין, די אָרעמעלײַט, זאָלן אוועק פון דער שטאָט.

איז געוואָרן בא די גווירים און בא די באלעבאטים א טומל, א געשריי און געפּיל־דער:

— סטײַטש! און ווער וועט גיין אין רעקרוטן?

איז געבליבן בעהעסקעם קולאָם, אז די אָרעמעלײַט זאָלן ניט אוועקגיין פון דער שטאָט. און דערפאר מעגן זיי טאקע גיין איבער די הײַזער.

(פארשריבן אין מאָסקווע, 1921. דער דערציילער שטאמט פון טשעריקאָוו, מאָהיליאָווער געגנט)

פאַרוואָס איז דער קרעטשמער אָרעם

א דאָרפישער קרעטשמער האָט אמאָל געפרעגט בא זײַן ווײַב:

— פונוואנען נעמט זיך בא אונדז דער דאלעס? דאכט זיך, אז א פּויער נעמט א קוואָרט בראנפן, גיסט מען אים צו א האלבע מיט וואסער און נאָך א קוואָרט שרײַבט מען אים צו אף דער וואנט, טאָ פונוואנען נעמט זיך בא אונדז פאָרט דער דאלעס?

דאָס ווײַב האָט געענטפערט:

— אין דער קוואָרט, וואָס מע שרײַבט אים צו אף דער וואנט, גיסן מיר דאָך ניט צו קיין וואסער. דערפון טאקע נעמט זיך דער דאלעס.

(פארשריבן אין 1915 יאָר פון דעם כאזן רעב נאָכעם האָרעליק פון פּאָריטש, באָברויסקער גובערניע)

א שטומער וויקועך

א גאַלעך האָט געהאַט א שטומען וויקועך מיט א ייִדן, א בלינדן אויף איין אויג.

דער גאַלעך ווײַזט איין פינגער, ווײַזט דער ייִד צוויי פינגער. ווײַזט אים דער גאַלעך דרײַ פינגער, ווײַזט אים דער ייִד א פויסט. האָט זיך דער גאַלעך זייער געוווּנדערט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער ייִד איז זיך מוידע אין דער קריסטלעכער עמונע.

דער גאַלעך האָט דאָך אזוי געגעבן צו פאַרשטיין:

— איך האָב אים געוויזן איין פינגער. דאָס הייסט, אז עס איז דאָ איין גאָט, האָט דער ייִד געוויזן צוויי. דאָס הייסט: „באַך אַטיעץ אי באַך סין". האָב איך אים געוויזן דרײַ פינגער. דאָס הייסט: גאָט דער פאָטער גאָט דער זון און דער רועך האַקוידעש. האָט ער געוויזן א פויסט. דאָס הייסט, אז אַלע דרײַ זײַנען דאָך איין גאָט.

האָט דער ייִד געלאַכט און אים געגעבן צו פאַרשטיין אנדערש:

— ער ווײַזט מיר, אז איך האָב איין אויג, ווײַז איך אים, אז מײַן איין אויג איז אזוי גוט ווי זײַנע צוויי. ווײַזט ער מיר ווײַטער, אז מיר האָבן צוזאמען דרײַ אויגן. האָב איך אים געוויזן, אז אויב ער וועט ניט אופהערן מיך צו רייצן, וועט ער קריגן מיטן קולעק אין די ציינער.

(דער דאָזיקער מאָטיוו פון שטומע וויקוכים דורך זשעסטן וועגן פראגן פון רעליגיע — געוויינלעך מיט א סאטירישן סאָף — איז זייער פאַרשפּרייט, באזונדערס אינעם פאָלק־לאָר פון די מיזרעכדיקע פעלקער)

ניט געלעבט און ניט געשטאָרבן

איינער האָט אמאָל געפרעגט זײַנעם א פרײַנט:

— ווי גייט עס דיר?

— שלעכט, ברודער. איך האָב געהאנדלט מיט ברויט, האָט אָנגעהויבן דער אוילעם צו שטארבן; איך האָב אָנגעהויבן האנדלען מיט טאכריכים, האָט דער אוילעם אופגעהערט צו שטארבן.

— ווייסטו וואָס, — האָט אים געגעבן אן אייצע דער ערשטער, — האנדל מיט ברויט און מיט טאכריכים. מימאָנעפשעך, וועט דער אוילעם שטארק שטארבן, וועסטו לייזן פאַר טאכריכים; וועט דער אוילעם אופהערן צו שטארבן, וועסטו לייזן פאַר ברויט.

האָט דער פאַרשוין געפאָלגט די אייצע

---

[1] דאָס שטײַער־צעטל, דער „ראַסקלאַד", וואָס און וויפל יעדערער דאַרף צאָלן קאַהאָלשע און מעלו־כישע שטײַערן.

און אָנגעהויבן האַנדלען מיט ביידע זאַכן, מיט ברויט און מיט טאַכריכים.

ס'איז אַפּגעגאַנגען א היפּשע צייַט, און די פרייַנט האָבן זיך ווידער באַגעגנט.

— ווי גייט עס דיר אַצינד? — האָט דער באַל־יויעץ געפרעגט דעם פרייַנט.

— ברודער־לעבן, נאָך ערגער, ווי פריִער.

— סטייַטש? לויט ווי איך פאַרשטיי, דאַרפסטו דאָך האָבן פּאַרנאָסע!

ס'איז אָבער ניט געלעבט און ניט גע־שטאָרבן.

(געהערט אין מאָסקווע, אין יאָר 1929, פון א בריסקער ייִדן)

וועגן דעם רעדט מען דאָך

א ייִד איז געזעסן און זיך געבראָכן דעם קאָפּ: וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט צוגעזאָגט דער טאָכטערס כאָסן הונדערט רובל נאַדן, און ס'פעלט אים א פופציקער.

טייַנעט צו אים זייַנער א גוטער־פרייַנט:

— ווייסטו וואָס? גיב דעם כאָסן דעם פופציקער, וואָס דו האָסט, און דעם צווייטן פופציקער וועסטו אים ניט דערגעבן.

— הערסט א מייַסע! — ענטפערט אים דער פאָטער פון דער קאַלע. — וועגן דעם רעדט מען דאָך, טאַקע דעם ערשטן פופציקער האָב איך ניט.

(פאַרשריבן אין אירקוטסק, 1917, דער דער־ציילער איז געקומען פונעם באָברויסקער קאַנט)

די שיינע לעוואָנע

א ייִד קוקט אויף דער לעוואָנע. זי שייַנט אַז ס'איז א מעכייַע, — זי איז אין פולער פּראַכט אין פולן גלאַנץ.

שרייַט דער ייִד אויס:

— אוי, לעוואָנע, לעוואָנע, ווען דו זאָלסט האָבן צוויי טעכטער, דערוואַקסענע מוידן כאַ־סענע צו מאַכן, וואָלסטו אַזוי ניט געשייַנט!

(פאַרשריבן אין מאָסקווע, 1929, פונעם קוי־דאַנאָווער ייִדן כ. יעסעליעוו)

זיבן סיבעס

אַן אָרעמער ייִד האָט אַמאָל געמאַכט א גנייווע.

ווען מע האָט אים געפרעגט אַפן געריכט, ווי קומט דאָס, ער זאָל אָפּטאָן אַזא זאַך, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז זיבן סיבעס האָבן אים גענייט, ער זאָל דאָס טאָן.

דער ריכטער האָט אים געפרעגט, וואָס זייַנען דאָס פאַר א זיבן סיבעס. האָט דער ייִד געענטפערט:

— די זיבן סיבעס זייַנען מייַן ווייַב מיט זעקס קליינע קינדער.

(פאַרשריבן אין מאָסקווע, 1931, פון א 70־יאָריקער פרוי, וואָס שטאַמט פון קאָזשיניץ, ראַדאָמער געגנט, פוילן)

דער גוויר מיטן קירזשנער אין באָד

איינמאָל אין אַ פֿרײַטיק, שוין שפּעטלעך פֿאַרנאַכט, האָבן זיך געטראָפֿן אַ גוויר מיט אַ קירזשנער אין באָד.

דעם גוויר האָט זיך פֿאַרוואָלט אַ ביסל זיך אויסבעזעמען אויפֿן פּאָלאָק. זאָגט ער צום קירזשנער:

— ווייסטו וואָס, בערע, דער פֿאַרשטשיק איז שוין ניטאָ, טאָ לאָמיר זיך איינער דעם אַנדערן אויסשמײַסן.

— גוט, — ענטפֿערט דער קירזשנער, — נאָר איר שמײַסט מיך אויס פֿריִער, וואָרעם, רעב כאַיִם, איר זײַט אַ געהויבענער באַלעבאָס, און איך בין ניט מער ווי אַ באַלמעלאָכע. איך וועל אײַך אויסשמײַסן, און איר וועט דערנאָך עפּשער גאָר כאַראָטע האָבן. ס'וועט אײַך ניט אָנשטיין צו בעזעמען אַזאַ פּראָסטן ייִדן.

האָט דער גוויר געזאָגט, אַז גוט, און ער האָט בימכילע דעם קירזשנער גאַנץ געשמאַק אויסגעשמיסן. דערנאָך האָט דער גוויר זיך אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק. דער קירזשנער האָט גענומען דעם בעזעם אין האַנט און געזאָגט:

— אויב איר האָט זיך אַליין אַנידערגעלייגט, טאָ שענק איך אײַך... מיר קענען זיך שוין אָנטאָן און גיין אַהיים.

(געהערט אין די זעכציקער יאָרן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין נאָוואָרעדאָק)

אַ מאַזל פֿון אַן אָרעמאַן

אַן אָרעמאַן פֿלעגט באַקומען פֿון אַ באַלעבאָס אַלע פֿרײַטיק אַ קאָפּיקע. האָט דער אָרעמאַן געבעטן דעם באַלעבאָס, ער זאָל אַרויסגעבן פֿאָרויס פֿאַרן גאַנצן יאָר, בכדי צו פֿאַרשפּאָרן די טירכע צו גיין אַלע פֿרײַטיק. פֿרעגט אים דער באַלעבאָס:

— און טאָמער שטאַרבסטו פֿאַרן יאָר? ענטפֿערט אים דער אָרעמאַן:

— נו, וועט דאָס זײַן מײַן מאַזל.

(געהערט אין צאַרסקאָיע סעלאָ, 1886, פֿונעם נאָוואָרעדאָקער מייער שאַפּער)

דרײַ ברייִרעס

אַן אָרעמער ייִד האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין אַן אַכסאַניע עטלעכע וואָכן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן. דער באַלעבאָס איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, ער זאָל אים אָפּצאָלן, וואָס עס קומט.

— גוט, — זאָגט דער אורעך, — איר האָט אײַך גאַנצע דרײַ ברייִרעס, און טוט אײַך, ווי איר פֿאַרשטייט. אָדער לאָזט מיך אינגאַנצן אָפּ פֿון מײַן כויוו, אָדער איך וועל גיין אין דער שטאָט איבער די הײַזער, צונויפֿקלײַבן עטלעכע רובל נעדאָוועס און אײַך אָפּצאָלן.

ווען איר דאָך מיסטאָמע מוירע האָבן מיך אָפּצולאָזן, טאָמער וועל איך פֿונדאַנען אַנטלויפֿן? — האָט איר די צווייטע ברייִרע, גיין מיט מיר צוזאַמען איבער די הײַזער. נאָר עפּשער שטייט אײַך ניט אָן צו גיין מיט מיר, מיט אַ קאַפּצן, האָט איר דאַן די דריטע ברייִרע — גייט זיך אַליין געזונטערהייט איבער די הײַזער.

(פֿאַרשריבן אין אירקוטסק, 1919, פֿון אַ בעסאַראַבער ייִדן)

לעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

פאַרגעסן דעם איקער...

איך האָב געלייענט מיט שטוינונג די פּאָלעמיק צווישן דער רעדאַקציע פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהייט" און איינעם פון די אַקטיווע מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צײַטשריפט, סידי רעזניק, וועלכער האָט אַרויסגערוקט אַ טײַנע קעגן דער צו שאַרפער און איבערגעטריבענער קריטיק אָפּן אַדרעס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך וועל זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק. לויט מײַן באַשיידענער מיינונג, האָט מען דאָרטן קימאַט פאַרגעסן דעם איקער פון די געשעענישן פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן — דעם היסטאָרישן זיג פון די אַנטינאַציִשע קויכעס, אין וועלכן די סאָוועטישע אַרמייען האָבן געשפּילט אַן איבערוועגנדיקע ראָליע אינעם צעשמעטערן די נאַציִשע בעסטיע. דער דאָזיקער זיג האָט אויך געלייזט דעם ווײַטערדיקן גורל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט און דערין אויך פונעם ייִדישן פאָלק. ס'מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק, און דעריקער אין דעם ענטפער פון דער רעדאַקציע, האָט מען קימאַט פאַרגעסן דעם דאָזיקן וויכטיקן היסטאָרישן פאַקט.

ס'האָט מיך אַמשטאַרקסטן אופגעטרייסלט דער אויפן פון באַהאַנדלען די אַנטשטייונג פון מעדינאַס־ייִסראָעל. סידי רעזניק, ווײַזט אָן אַף דער וויכטיקער ראָליע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד באַם אַנטשטיין פון מעדינאַס־ייִסראָעל. אַפּילע די געשיכטע פון דעם דאָזיקן באַוווּסטן פאַקט פּרוּווט די „מאָרגן־פרײַהייט" ענדערן און פאַרטושן דאָס יעסוידעסדיקע וויכטיקע, אַז די אַנטשטייונג פון ייִסראָעל־מעדינע איז דערמעגלעכט געוואָרן קודעמקאָל אין רעזולטאַט פונעם זיג איבערן היטלעריזם.

די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהייט" שרײַבט: „אַי, ייִסראָעל? אַהער קומט אַרײַן סטאַלינס פּאָליטיק. מע האָט געדאַרפט אַרויסשטויסן ענגלאַנד פון ערעץ־ייִסראָעל". ערשטנס, איז דאָס וועלן אַרויסשטויסן ענגלאַנד פון ערעץ־ייִסראָעל אויך אַ יעסוידעסדיקער טייל פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק: צו העלפן די פעלקער זיך צו באַפרײַען פון דער קאָלאָניאַלער, אימפּעריאַליסטישער מאַכט, פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט. וואָס פאַר אַן אוולע שטעקט אין דעם? אזוי האַנדלט דער סאָוועטנפאַרבאַנד לעגאַבע פיל אַנדערע פעלקער. איך מיין פאַרקערט, אַז מע וואָלט געדאַרפט אונטערשטרײַכן דאָס דאָזיקע פּאָזיטיווע, פּראָגרעסיווע אין דער פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס אַנטשיידנדיקסטע באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די אַנטשטייונג פון דער ייִסראָעל־מעדינע איז דערמעגלעכט געוואָרן קודעמקאָל אין רעזולטאַט פונעם היסטאָרישן זיג איבער נאַצי־דײַטשלאַנד. צי האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די נאַציִשע אַרמייען זײַנען געשטאַנען באַ די טויערן פון ייִסראָעל. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן די שרעקלעכע טראַגעדיע, ווען ניט דער עפּאָכעמאַכנדיקער זיג באַ סטאַלינגראַד. וואָס האָט געצוווּנגען די היטלער־גענעראַלן אָפּצוזאָגן זיך פון זייער וויסטן כאָלעם: פאַרנעמען דעם גאַנצן מיטעלן מיזרעך, דערונטער אויך ערעץ־ייִסראָעל... דאָס האָט געלייזט דעם גורל פונעם ייִדישן יישעוו אין ערעץ־ייִסראָעל.

די סאָוועטישע פאָרשטייער, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן אין דער אונאָ אין די דעבאַטן וועגן מעדינאַס־ייִסראָעל האָבן דעריקער זיך אָפּגעשטעלט אַף דער אומקום־טקופע מיצאַד די נאַציִסטישע ראָצכים. ווי־אַזוי פאַרגעסט מען דעם שרײַענדיקן פאַקט, ווען מע מאַכט כעזשבוינעס וועגן דער סאָוועטישער פּאָליטיק, צי זי איז אַנטי־ייִסראָעלדיק? די מײַרעוודיקע מאַכטן האָבן בעפּיירעש אַנגענומען אַן אַכזאָריעסדיקן באַשלוס וועגן פאַרמאַכן הערמעטיש זייערע טויערן פאַר ייִדן, וועלכע האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען פון נאַציִשן גענעם. אין דער זעלבער צײַט האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זיך געראַטעוועט עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדישע פּליטים.

דאָס אַנטשיידנדיק וויכטיקסטע פון אַלע שטאַנדפּונקטן איז געווען דער היסטאָרישער זיג איבערן נאַציִזם. מיט דעם איז געוואָרן צוניכטס די נאַציִשע ווילדע כאַלוימעס אָפּצומעקן דאָס ייִדישע פאָלק פון דער וועלט. דאָס איז וויכטיק צו דערמאָנען דאַפקע אין איצטיקן מאָמענט, ווען די גאַנצע מענטשהײַט מערקט האַיאָר אָפּ דעם 40־טן יאָרטאָג פונעם היסטאָרישן זיג איבערן נאַציִזם. עס איז אַ פליכט און קודעמקאָל מיצאַד ייִדישע פּראָגרעסיווע מענטשן אַרויסצוהייבן די היסטאָרישע ווענדונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט און פונעם ייִדישן פאָלק מיטן זיג איבערן דער נאַציִשער בעסטיע.

װעמען דאַרף מען ראַטעװען

איך האָב גאַנץ צופעליק צונויפגענומען די טיטלען פון עטלעכע אַרטיקלען, וואָס זײַנען לעצטנס דערשינען. איך האָב פאַרנאָטירט בלויז די טיטלען, ניט אַרײַנגייענדיק אין זייער אינהאַלט. לאָמיר דערמאָנען אייניקע פון זיי: 1) „אויך אמעריקאַנער ייִדן לעבן אין גאָלעס"; „ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער סינעוווּלקאַן לעגאַבע ייִדן, וואָס איז אָלעל אויסצוברעכן אין אַ געוויסן טאָג" (לויטן ייִסראָעל־קאָנסול אין ניו־יאָרק — „לעצטע נײַס"); 2) „געמישטע כאַסענעס שטעלן אין סאַקאָנע די עקזיסטענץ פונעם פראַנצויזישן ייִדנטום"; „אין 20 יאָר אַרום וועט דער פראַנצויזישער ייִדישער ייִשעוו ווערן קלענער מיט אַ העלפט" (ל. לענעמאַן, „לעצטע נײַס"); 3) „ייִדישע ייִשוּווים (אין לאַטײַן־אַמעריקע) לעבן ווי אַף אַ וווּלקאַן", „גרויסע צאָל געמישטע כאַסענעס" (ד׳ר ייִצכאָק וואַרשאַווסקי, „לעצטע נייס"); 4) „אַליאַרם־רוף פון שטאָקהאָלמער אויבער־ראַבינער: אַנטיסעמיטישער און ראַסיסטישער סאַם פאַרשפּרייט זיך אין שוועדן".

ווי געזאָגט, ברענג איך בלויז טיטלען פון עטלעכע אַרטיקלען. איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק צו ברענגען די דאָזיקע טיטלען, ווײַל אין פיל ייִדישע ייִשוּווים זײַנען פאַראַן באַמרויִקנדיקע דערשײַנונגען. איך שטעל זיך אָפּ דערויף דערפאַר, ווײַל איך האָב ניט געהערט, אַז די ציִוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע זאָל צונויפרופן קאָנפערענצן אין ראַיאָן און אין וועלט־מאַסשטאַב, כּדי צו אַליאַרמירן קעגן דער געפאַרפולער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטישן גיפט.

טאָגטעגלעך אַליאַרמירן זיי וועגן אַנטיסעמיטישע דערשײַנונגען דאָרט, ווו זיי זײַנען ניטאָ — אין סאָוועטנפאַרבאַנד. איך וואָלט געגלייבט אין זייער אָפּריכטיקײַט, ווען זיי וואָלטן אַליאַרמירט די וועלט־עפנטלעכקײַט קעגן געפערלעכן וווּקס פון נעאָנאַציסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, צווישן אַנדערע אויך אין די פאַרייניקטע שטאַטן. די ציִוניסטישע פירער קאָנצענטרירן אָבער אַלע זייערע פּײַלן דאַפקע און אויסשליסלעך קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ווײַל ניט די זאָרג וועגן די סאָוועטישע ייִדן האָבן זיי אין זינען, נאָר דאָס צוהעלפן צעפלאַקערן מיט „ייִדישע מאָטיוון" די אַנטיסאָוועטישע היסטעריע אין דינסט פון די אָנהענגער פון דער „קאַלטער מילכאָמע".

צווישן אַנדערן רוקט מען אַרויס דעם אַרגומענט, אַז די גרויסע צאָל געמישטע כאַסענעס שטעלט אין געפאַר די צוקונפט פון די סאָוועטישע ייִדן. ס׳ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז די דאָזיקע „געפאַר" דראָעט גאָר די פראַנצויזישע ייִדן, די ייִדן פון לאַטײַן־אַמעריקע און אויך פון די צאָפן־אַמעריקאַנער ייִדן, ווו די צאָל „געמישטע כאַסענעס" ווערט ניט קלענער נאָר אַלץ גרעסער. דאָס איז אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג, בלויז ראַסיסטן פון קאַהאַנע־כיידער קאָנען פאָרשלאָגן צו פאַרבאָטן געמישטע כאַסענעס. דער אונטערשייד באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די אַלע קלוימערשטע זאָרגער וועגן די סאָוועטישע ייִדן האָבן ניט אויפגעהויבן אַף קיין שום אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ און ניט אין דער ייִסראָעל־קנעסעט די פראַגע פון דער „סאַקאָנע פאַר דער עקזיסטענץ פונעם פראַנצויזישן ייִדנטום", אָדער פאַר די לאַטײַן־אַמעריקאַנער און צאָפן־אַמעריקאַנער ייִדן. דאָס באַשטעטיקט מיט דער פולער קלאָרקײַט, אַז די קלוימערשטע „זאָרג" וועגן די סאָוועטישע ייִדן איז אַ טייל פון גוט אָרגאַניזירטער אַנטיסאָוועטישער קאַמפּאַניע, וואָס איז אין פולשטענדיקער סטירע מיט די אינטערעסן פון די סאָוועטישע ייִדן, פון די ייִדן אַף דער וועלט, פון ייִסראָעל.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין פראַנקרײַך, צאָפן־אַמעריקע, לאַטײַן־אַמעריקע זײַנען פאַראַן ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און פיל שעליכים פון ייִסראָעל, דאָך איז דאָרט פאַראַן די „סאַקאָנע פאַר דער עקזיסטענץ פון ייִדן"... מע דאַרף זען די פאַקטן. מע טאָר זיכער ניט צווײַלן מיט צוואַנג דעם פּראָצעס פון אַסימיליאַציע, ס׳איז אָבער זינלאָז זיך קעגנצושטעלן דעם דאָזיקן נאַטירלעכן לעבנספּראָצעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש סײַ פאַר די מיזרעך־ און סײַ פאַר די מײַרעוו־לענדער.

זאָרגן פאַר אָפּהיטן, פאַר שטאַרקן און אַנטוויקלען דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע קולטור־לעבן באַטײַט זאָרגן קוידעמקאָל פאַר פאַרמײַדן אַ נײַע שרעקלעכע אַטאָם־מילכאָמע. מע דאַרף זאָרגן פאַר קאָאָפּעראַציע צווישן מיזרעך און מײַרעוו און אויך פאַר אַ דעטאַנט אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן צווישן מיזרעך און מיירעוו, און ניט צעפלאַמען מיט „ייִדישע מאָטיוון" די קאַלטע מילכאָמע... דאָס איז בעפיירעש קעגן די אינטערעסן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן סײַ פון מיזרעך און סײַ פון מײַרעוו, ווי אויך ייִסראָעל...

י ו ד ל א מ ע ד
(„דער וועג", טעל־אָוויוו)

פון מאָל צו מאָל איז די ישׂ־ראַעלדיקע פרעסע געצוווּנגען צו שרײַבן וועגן דער קאַטאַסטראָפאַ־לער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד. מיר ברענגען דאָ מאַטע־ריאַלן פון די דאָרטיקע צײַטונ־גען.

די מוטער פון צוויי קינדער פון יפו, אין שפיטאל וואָלפסאָן, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אונטערגעטראָגן, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין געלט צו שפּייזן זיך און אירע צוויי קינדערלעך.

דער נייער בודזשעט זאָגט אָן אַ פאַרקלענערונג פון בויען אין סאָציאַלן סעקטאָר. אויפן בילד: „שכונת הארגזים" (דער קוואַרטאַל פון די קעסטלעך) אין תל-אביב.

אין יאָר 1982 איז אָפּגעמערקט געוואָרן דאָס יאָר פון עלטערע מענטשן. ווייטער אַ פֿריִערדיק יאָר. אויפן בילד: אַן עלטערע פרוי בײַ איר הויז אין דרום תל-אביב. די הייך פון דער פענסיע פון 17 ביז 29% פון דורכשניטלעכן לוין.

...עס דויערט די חד גדיא־שפיל מיט דירות פאר עולים

...ן. דוד לוי: פאראן אין לאנד 80 טויזנט ליידיקע דירות – 22 טויזנט עולים אין לאנד אן א דאך איבערן קאפ

אַ בילד וועגן מצב פון דער ווירטשאַפטלעכער אַטמאָספער: די בענק ליידיק... און דער שוואַרצער מאַרק בליט...

עולים פראַטעסטירן

...עולים־אָרגאַניזאַציעס האָבן באַ... ...אייגצואָרדענען טעגלעכע פּראָ־ ...וואַכן ביי דער כנסת אין משך ...ונג, אָנהייבנדיק קומענדיקן זונ־ ...אָס פּראָטעסט קעגן דעם אָפּ־ ...ן פון־ געפינען א לייזונג פאר די ...ס־פּראָבלעמען פאר איינצלנע ...און פאר משפחות. דער באשלוס ...ענומען געוואָרן אויף א זיצונג ...פאָרשטייער פון די עולים־אָר־ ...ע׳ס מיט דער קליטה־קאָמיסיע ...ר הסתדרות, נאָכדעם ווי עס

זענען נישט באַקומען קיין צופרידנ־ שטעלנדיקע ענטפער פון דעם גענע־ ראַל־דירעקטאָר פון דער פּרעמיער־ קאַנצעלאַריע, מתתיהו שמולעוויטש.

נישט געקוקט אויף די באַנייטע דע־ קלאַראַציעס וועגן טויזנטער דירות וואָס שטייען ליידיק און זענען גרייט באַזעצט צו ווערן, געפינען זיך נאָך איבער 20 טויזנט עולים אין קליטה־ צענטערס און אין האָטעלן און אין גע־ דונגענע וווינונגען פאר א הויכן אָפּ־ צאָל.

צוויי אַרבעטסלאָזע יוגנטלעכע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד

די פּרעסע פון 9.9 האָט געבראַכט פאָלגנדיקע ידיעה: חיים פּרץ, 24 יאָר אַלט פון באר שבע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויפהענגען זיך. זיין ברודער, יצחק פּרץ, 22 יאָר אַלט האָט אַראָפּגעשלונגען טאַבלעטן. מען האָט אים אין אַ שווערן צושטאַנד, אַן באַוואוסטזיין אָפּגעפירט אין שפּיטאָל און געראַטעוועט.

דער עלטערער ברודער, חיים איז געקומען פון מיליטער־דינסט און נישט געקראָגן קיין אַרבעט און קיין דירה. דער יינגערער, יצחק איז אויך אַ לענגערע צייט אַרבעטסלאָז. געלעבט האָבן זיי אין אַן אונטערערדישן שוצקעלער אָן קאַנאַליזאַציע און אָן שטראָמענדיק וואַסער.

די פראַגע איז צו וואָס רופט מען אַהער ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, ווען מען אַרדנט נישט איין מיט באַשעפטיקונג און וווינונג די אייגענע בירגער?!

צו די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און צו די ליבהאָבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַרײַנגעטראָטן אין זײַן 25־טן יאָרגאַנג. אין משך פון אָט דעם פֿערטל יאָרהונדערט באַקומען די ליבהאָבער פון אונדזער ליטעראַרישער שאַפונג אַלץ נײַע און נײַע ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס, ליטעראַטור־פאָרשערישע עסייען און אַרכיוו־מאַטעריאַלן — אין אויצער פונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט. דער אָנזען פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז פאַר דעם צײַט־אָפּשניט אומגעהויער אויסגעוואַקסן, אירע ווערק זײַנען געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט צווישן טויזנטער און טויזנטער לייענער בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. אין צוויי הינדיכטן זײַנען באַזונדערס מערקבאַר די רעזולטאַטן פון אונדזער געמיינזאַמער מיט אײַך מי. עס באַווײַזן זיך נײַע שעפערישע נעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור — יונגע פּראָזאַיקער, דיכטער, ליטעראַטור־פאָרשער, און ס׳איז געשען דער נס פון אַ באַשטענדיקן סײַ טראַדיציאָנעלן, סײַ צוגעקומענעם ייִדיש־לייענער.

טײַערע פרײַנט!

פאַר אונדז שטייט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע אויף דעם 1986 יאָר. ס׳איז געקומען די צײַט צו אויסברייטערן די לייענער־באַזע פונעם זשורנאַל. און דאָס הענגט אָפּ פון יעדערן פון אונדז באַזונדער. מיר דאַרפן זען, עס זאָל ניט בלײַבן קיין איין ייִשעוו מיט ייִדישער באַפעלקערונג, אַפילו דער סאַמע קלענסטער, צו וועלכן עס זאָל ניט דערגיין „סאָוועטיש היימלאַנד". ס׳איז דאָך באַוווּסט, אַז אין די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך זײַנען הײַנט־צו־טאָג פאַראַן מישפּאָכעס, וועלכע וויסן און געדענקען ייִדיש, און ס׳איז אַ כיוו פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער זיך צו פאַרבינדן מיט זיי, אַפילו אויב דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער וווינט ניט אינעם געגעבענעם ייִשעוו, נאָר אין אַ שכנישן. וואָס איז שײַך די גרויסע שטעט מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג, אַזעלכע ווי מאָסקווע, קיִעוו, לענינגראַד, מינסק, קעשענעוו, לוואָוו, ביראָבידזשאַן, אָדעס, וויניצע, ווילנע, גאָרקי, כאַרקאָוו, וויטעבסק, באָברויסק, קאַזאַן, האָמעל, זשיטאָמיר, טאַשקענט, טשערנאָוויץ, נאָוואָסיבירסק און פיל אַנדערע, האָפן מיר, אַז דאָרט וועט יעדער אַלטער לייענער אַרײַנברענגען אויפן 1986 יאָר עטלעכע נײַע לייענער פון צווישן זײַנע שכנים, באַקאַנטע, קרובים. קאָאָרדינירן אָט די אַרבעט דאַרפן, נאַטירלעך, די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל וועט אין משך פון אויגוסט, סענטיאַבער און אָקטיאַבער דערוואַרטן פון אײַך אַלעמען, טײַערע פרײַנט, פון יעדן פון אײַך, אַ שריפטלעכע מיטיילונג וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן אין דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע.

אין די שמועסן מיט קומענדיקע לייענער דערציילט זיי, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" קומט צו זײַן 25־יאָריקן יובילײ מיט אַ באַדײַטנדיקער אָנזאַמלונג פון שעפערישקײַט. ער איז ניט נאָר רײַך אין אינהאַלט, נאָר אויך עסטעטיש אויסגעפורעמט מיט גראַפישע און מאָלערישע מוסטערן. צוזאַמען מיט יעדן זשורנאַל־נומער באַקומט דער לייענער אַ ביכל נײַסטע קינסטלערישע ווערק פון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, ווי אויך פון דער ייִדישער קלאַסיק. אָנהייבנדיק פונעם אָקטיאַבער־נומער פאַר הײַנטיקס יאָר, וועט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך דרוקן אַ „זעלבסטלערער" (Самоучитель) פון דער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז, ווי עס ווײַזט אויס, באַזונדערס וויכטיק פאַר יענע קומענדיקע לייענער, וועלכע האָבן אין זינען צו באַנײַען זייער וויסן אין ייִדיש אָדער אָפּסנײַ דערלערנען די שפּראַך.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען זיכער, אַז יעדער ליבהאָבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור וועט געבן זײַן בײַטראָג אויף אָפּצומערקן דעם 25־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט אַ צופלוס פון נײַע לייענער.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון
„סאָוועטיש היימלאַנד"

נוענטשן און גויראָלעס

עס טרעפט, אַז פון אַ געוויינלעכן, דוכט זיך אינדערוואָכיקן קאָנווערט רײַסט זיך מיטאַמאָל אַרויס אַ ווייגעשריי, און דו ווערסט איבעראַשט פונעם אומגליק, וואָס אַ מענטש טראָגט אין זיך לאַנגע יאָרן. פיל טויזנטער מאַמעס האָבן בײַם דעם געראַנגל מיט די פאַשיסטן פאַרלאָרן זייערע זין. דער כאַווערטע פלייטליך, וועלכע וווינט אין דער שטאָט באָריסאָוו, מינסקער געגנט, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען דאָס אָרט, ווו עס ליגט איר ערשטלינג נאָטע. זי שרײַבט אין רעדאַקציע: „עפשער קאָנט איר מיר העלפן אָפּצוזוכן דאָס דאָרף טשוכאָנאָוואָ אין דער מאָסקווער געגנט, לעם וועלכן עס איז אין אַ שלאַכט, דעם דרײַצנטן יאַנוואַר פונעם צוויי-און-פערציקסטן, דערהאַרגעט געוואָרן מײַן זון. איך לייג אַרײַן אינעם בריוו די פּאָכאָראָנקע, וועלכע איז דאַטירט מיט יענעם יאָר. וווּהין כ'האָב ניט געשריבן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ דאָרף. קאָן דען אַזעלכס געמאָלט זײַן? אין דער מיטיילונג וועגן דעם אומקום פון מײַן זונעלע איז שוואַרץ אויף ווײַס אָנגעוויזן, אַז ער איז דערהאַרגעט געוואָרן אין דער שלאַכט פאַרן דאָרף טשוכאָנאָוואָ און דאָרט האָט מען אים געבראַכט צו קווורע".

און ווײַטער דערציילט אין איר בריוו די מאַמע, אַז איר נאָטקעלע איז אומגעקומען, זײַענדיק נאָך אַלט קיין איין און צוואַנציק. ווען עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז ער געווען אַ סטודענט פונעם דריטן קורס אינעם מאָסקווער אינסטיטוט אויף באַומאַנס נאָמען. אינאיינעם מיט זײַנע כאַווײרים האָט ער אין די ערשטע כאַדאָשים פונעם קריג אופגעשטעלט פאַרטיידיקונגס-פּאָזיציעס הינטער מאָסקווע. שפּעטער זײַנען די כאַווערע אַוועק אויף אויספאָרמירונג אין יאָשקאַר-אָלאַ און ווײַטער — אין באַשטאַנד פון אַן אויסשפּיר-ראָטע — אויפן פראָנט. די מאַמע, ווי מיר פאַרשטייען פון איר צוגעשיקטן בריוו, וואָלט אומבאַדינגט געקומען קיין יאָשקאַר-אָלאַ, געוווירע ווערן איר זון, נאָר זי אַליין האָט מען דעמאָלט אופגערופן אין דער אַרמײ. „הײַנט בין איך אַלט 86 יאָר. איך בעט אײַך, זײַט זיך מאַטריעך, זוכט אויף דאָס דאָרף טשוכאָנאָוואָ"...

אַלע אונדזערע באַמיִונגען אויסצוקלאָרן, ווו עס געפינט זיך דאָס דאָרף, האָבן לעכאָטכילע קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן ניט געגעבן. מיר האָבן פאָרגענומען אונטערזוכונגען אין אַלע מײַרעוודיקע ראַיאָנען פון דער מאָסקווער געגנט, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די דאָרטיקע מיליטער-קאָמיסאַריאַטן און סאָוועטן פון פּאָלקס-דעפּוטאַטן. נאָר ניין, ניטאָ טשוכאָנאָוואָ. עפשער איז עס געווען אַ ביז גאָר קליין דערפל און מיט דער צײַט איז עס אויסגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן? מיר האָבן זיך פאַרטיפט אין היסטאָריש-געאָגראַפישע אויספאָרשונגען און זיך איבערצײַגט, אַז קיין דאָרף טשוכאָנאָוואָ איז הינטער מאָסקווע קיינמאָל ניט געווען. און דאָ איז אופגעקומען אַ געדאַנק, אַז, קענטיק, אין דער אויסשפּיר-ראָטע, ווו ס'האָט געדינט נאָטע פלייטליך, איז דערלאָזט געוואָרן אַ פעלער בײַם מע האָט געשריבן די מיטיילונג וועגן נאָטעס טויט, און אין רעזולטאַט איז פאַרקריפּלט דער נאָמען פונעם דאָרף. אונדזער האַשאָרע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ריכטיקער.

פון פאַרשיידענע קוואַלן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין דער ערשטער העלפט יאַנוואַר 1942 זײַנען שווערע שלאַכטן מיטן סוינע פאָרגעקומען אַרום דעם וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי. טאַקע דאָרט, אין איצטיקן שאַכאָווסקאָיער ראַיאָן פון מאָסקווער געגנט, איז פאַראַן אַ יישעוו מיט אַן ענלעכן נאָמען — טשוכאָלאָוואָ. ס'קאָן זײַן, אַז דאָס איז טאַקע דאָס דאָרף, וואָס אין דער פּאָכאָראָנקע אויף נאָטען איז עס אָנגעוויזן ווי טשוכאָנאָוואָ. פונדעסטוועגן אײַלן מיר זיך ניט זאָגן אויף זיכער, אַז דאָס איז אַזוי און מיט דעם שענקען

מיכל קאהאַן

דער כאוועריטע פליטליך א ברעקל פרייד אין איר אומענדלעכן צאר, — ביזוואנען מיר וועלן ניט באקומען אין די געהעריקע אינסטאנצן אן אַפיציעלן דאָקומענט וועגן דעם, אז דער סאָלדאט נאָטע פליטליך איז געבראכט געוואָרן צו קווורע אף דעם דאָזיקן בעסוילעם. לאָמיר האָפן, אז אזא דאָקומענט וועט זײַן...

אין אונדזערע פריערדיקע איבערזיכטן האָבן מיר דערציילט וועגן מענטשן, וועלכע קארגן ניט קיין קויכעס, קעדיי עס זאָל בלײַבן אף דער ערד א זייכער פון די קריגער, געפאלענע אין שלאכט, און אומגעבראכטע מיצאד די פאשיסטן קדוישים. קוידעמקאָל גייט א רייד וועגן אופשטעלן דענקמעלער אף די ברידער-קוואָרים. די מעלוכע האָט אויסגעבויט צענדליקער מעמאָריאלן, אזעלכע, אשטייגער, ווי אין לענינגראד אפן פּעסקאריאָווער בעסוילעם, אָדער אין וואָלגאָגראד אף דעם מאַמאיעוו-קורגאן, צי דער דענקמאָל אין באבי יאר און דער כאטינער מעמאָריאל. הינטער מאָסקווע בויט זיך איצט א גראנדיעזער מאָנומענט לעקאָווד דעם זיג איבער די פאשיסטן. עס זײַנען אָבער אדהײַעם פאראן ערטער אין די פארוואָרפענע ווינקלעך פון אונדזערע מײַרעוו-געגנטן, ווו עס ווערן אנטדעקט נאָמענלאָזע בלוטיקע גריבער און ריוון. און דאָ שליסן זיך אײַן אין דער ארבעט ענטוזיאסטן. אינאיינעם מיט די אָרטיקע מאכט-אָרגאנען, מיט די מיליטערישע קאָמיסאריאטן באמיען זיי זיך קלאָר מאכן, וועלכע ברידער-קוואָרים עס פּאָדערן דעם אופזיכט פון דער געזעלשאפטלעכקײַט און מע דאַרף זיי ארײַנשטעלן אין דער רעשימע פון גוט אָפּגעהיטע מעמאָריאלע דענקמעלער.

איינער פון אָט די ענטוזיאסטן איז מיכל קאהאן, וועלכער וווינט אין קיעוו. אין זײַן בריוו, וואָס מיר האָבן באקומען האיאָר סאָף מײַ, לייענען מיר: „מײַן עלטערן ברודער ייצכאָק-יידל האָבן די פאשיסטן דערהארגעט צוזאמען מיט זײַן גאנץ געזינד. מײַן ייִנגסטער ברודער, יעכעזקל, האָט זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. בא מײַנע עלטערן זײַנען געווען דרײַצן אייגענע קינדער און פיר יעסוימים, ווועמען זיי האָבן געהאָלפן. איך בין דער איינציקער, וואָס איז געבליבן אף דער וועלט. א סאך מײַנע קרויווים און כאווײרים האָבן די פאשיסטן פארשניטן. קאָן איך דען דערלאָזן, אז עס זאָל פון זיי פון אלעמען קיין אָנדענק ניט פארבלײַבן?"

דעם ערשטן דענקמאָל גיט זיך אים אײַן אופשטעלן אינעם היימשטעטל אושאָמיר.

מיכלס פאָטער, מייער דער קלעזמער, האָט געהאט א שעם פון אן עכטן מוזיקאנט. מע האָט אים געשעצט אין דער קלעזמערישער וועלט ווי דעם געניאלן פעדאָצערס א טאלמיד. דער מיליטערישער מוזיקאנט מיכל קאהאן האָט בייס זײַן דינסט אין דער ארמיי געשאפן עטלעכע אָרקעסטערס, צווישן זיי — א סימפאָנישן, אף די קאָנצערטן פון וועלכן עס זײַנען בײַגעווען קלימענט וואָראָשילאָוו, יוינע יאקיר. ביידע האָבן געליבט דעם אָרקעסטער. אין דער רויטער ארמיי האָבן פונקציאָנירט א סאך בלאָז-אָרקעסטערס, אָבער דער סימפאָנישער, וועלכן עס האָט געגרינדעט מיכל קאהאן, איז געווען דער איינציקער. אלנפאלס, מ. קאהאנס טעטיקײַט אלס מוזיקאנט גיט צו א צוגאָב-שײַן אף אויסצוקלאָרן, פונוואנען עס שטאמט זײַן אידעלע נעשאָמע.

מיכל קאהאנען זײַנען דאנקבאר די לעבנגעבליבענע נאָך דער ברוינער שכיטע טוישווים פונעם שטעטל אָלעווסק. דאָ שטייט אויך שוין א דענקמאָל. מיכל קאהאן העלפט מיט, עס זאָלן אנטהילט ווערן קאָלעקטיווע מאציייווס אין די שטעט וואָלאָדארסק-וואָלינסק און זשיטאָמיר...

מיכל קאהאן איז א לײַדנשאפטלעכער פארערער פון „סאָוועטיש היימלאנד", ער אבאָנירט זיך אפן זשורנאל פונעם 1961 יאָר. אין איינעם א בריוו זײַנעם לייענען מיר: „אף מײַן ביכער-פּאָלקע שטייען אלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד", כוץ דעם ערשטן פארן 1961 און דעם צווייטן פארן 1964. ס'פארדריסט מיך בעפיירעש, וואָס איך האָב ניט די דאָזיקע נומערן. נאָר קיינער וועט שוין מיר דאָ ניט העלפן. מיינט ניט, אז איך גיב אײַך אן אָנדײַט, איר זאָלט מיר זיי צושיקן"...

ווײַטער גייט אזא אנערקענונג: „ווען איך דאַרף באקומען דעם אָרדנטלעכן העפט פון „סאָוועטיש היימלאנד", לעב איך ניט רויִק,

כ׳האָב מוירע, אז דער נומער וועט פארפאלן ווערן, עטלעכע מאָל האָט שוין אזוי פּאסירט, נאָר איך האָב געקערט וועלטן, און מע האָט מיר מײַן זשורנאל געבראכט. איצט גיי איך אליין אף דער פּאָטשט אים אָפּנעמען. אזא מענטש בין איך״...

אזא מענטש איז אויך לעאָניד גאמבארין פון טאשקענט — א קאָמוניסט, א פּערסאָנעלער פּענסיאָנער, א וועטעראַן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. בייס דער פאשיסטישער אינוואזיע איז ער געווען אין דער ארמיי. אפן פראָנט זײַנען אוועק אויך זײַנע דרײַ ברידער און א שוועסטער. אין אָדעס זײַנען פארבליבן טאטע-מאמע, קליינע קינדער, קרויווים — זעכציק מענטשן. די היטלעראָווצעס האָבן זיי אלעמען אומגעבראכט. זייער לאנג האָט לעאָניד גאמבארין ניט געווּסט, ווו עס ליגט דאָס געביין פון די פארשניטענע. סאָפּקאָלסאָף איז אים געלונגען עס אויסקלאָרן. די אָדעסער — זײַנען אומגעקומען לעם דעם דאָרף באָגדאנאָווקע, דאָמאניעווסקער ראיאָן, ניקאָלײַעווער געגנט. ווען גאמבארין און זײַנע לעבנגעבליבענע לאנדסלײַט זײַנען געקומען צו פאָרן קיין באָגדאנאָווקע, האָבן די אָרטיקע טוישווים זיי באוויזן א ריוו, וועלכער לאָזט זיך אראָפּ צום דאָרעמדיקן בוג: אהין האָבן די פאשיסטן אָנגעוואלגערט די צעשאָסענע — טויזנטער פרויען, קינדער, זקיינים.

ווו אופצושטעלן א מאצייווע די אומשולדיקע קאָרבאָנעס איז, אזויארום, פעסטגעשטעלט געוואָרן, אָבער עס זײַנען אומגעריכט אופגעשווומען סיבעס, וועלכע האָבן געשטערט עס צו טאָן, און די סאמע וויכטיקסטע איז געווען, דוכט זיך, אן אָביעקטיווע און קאטעגאָרישע, אזא, אז בא אלעמען האָבן זיך אראָפּגעלאָזט די הענט. בא אלעמען, נאָר ניט בא לעאָנידן. נו, איז וואָס, אויב מע בויט אין די היגע קאנטן אן עלעקטראָסטאנציע? זאָל מען מאכן אן אײַנריכטונג פאר א וואסער-רעזערוואַר, זאָל מען אפילע פּלאנירן אריבערצופירן דאָס דאָרף באָגדאנאָווקע אף אן אנדער, העכער אָרט. פארוואָס דארף די בויונג שטערן אופצושטעלן א געדענק-צייכן? צי דען קאָן מען ניט פאר אים אויסקלײַבן אזא פּאָזיציע, וועלכע זאָל ניט פארשווענקט ווערן פונעם וואסער? דאָס איז איינס. און צווייטנס, אויב ס׳איז שוין יאָ אן אומפארמײַדלעכע זאך אָט דער וואסער-רעזערוואַר, מוז מען ארום דעם קאניאָן, ווו עס ליגן די אומגעבראכטע, אופשטעלן א דאמבע, אזוי פארצאמען די טעריטאָריע ארום דעם ריוו, אז דאָס וואסער, וואָס וועט אהער קומען, זאָל ניט צעשווענקען דעם ברידער-קייווער.

מיכל קאהאן מיט זײַנע כאווײרים באם דענקמאָל די געפאלענע פארטיידיקער פון אושאָמיר אין 1941

גאמבארינען איז שווער אויסגעקומען צו דערווײַזן, אז ער איז גערעכט, אז אנדערש קאָן ניט זײַן און טאָר ניט זײַן. ער האָט אָבער אויסגעפירט זײַנס. די ביוראָ פונעם ניקאָלײַעווער געגנטלעכן פּארטיי-קאָמיטעט און דער אויספירקאָם פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאטן האָבן אָנגענומען א באשלוס וועגן אופשטעלן דעם מעמאָריאלן געדענק-צייכן. א בוי-פּלאץ איז אויסגעקליבן געוואָרן אף א הייכעניש פון דער דאָמינירנדיקער איבער באָגדאנאָווקע טעריטאָריע. אלץ איז געמאכט געוואָרן פעסט. לעאָניד גאמבארין האָט איבערגעגעבן אין רעשוס פון אונדזער רעדאקציע א פאָטאָגראפיע, אף וועלכער עס איז פארקערפּערט א גראנדיעזע גראניט-הליבע — דער אנטהילטער בא דעם דאָרף באָגדאנאָווקע געדענק-צייכן.

ענלעכע בריוו און פאָטאָגראפיעס האָבן צוגעשיקט אין רעדאקציע אידע מאקוטאָן פון דער שטאָט קריוואָי ראָג און ווײמאן-גרישקאָ פון וואָראָשילאָווגראד. ווען זיי און זייערע לאנדסלײַט זײַנען ניט לאנג צוריק געגאנגען צום דאָרף זלאטאָוסטאָווקע — צום דענקמאָל די פארשניטענע אין נײַ-זשיטאָמיר, איזלוטשי-

סטאַיע, ראַבאַטשעיע סיעלאָ, קאמענקע, האָט די געוועזענע לערערן פון קאמענקע באסיע פײַערמאַן געלייענט אף אויסווייניק א ליד:

דער זעלבער וועג,
דער זעלבער בלויער הימל,
די זעלבע גרינע ביימער
בא דעם שליאַך.
עס קאָן א האַרץ פון ווייטיק זיך צערײַסן,
נאָר לײַדן קאָן א מענטשלעך האַרץ א סאַך.

מיט אָט דעם וועג,
פאַרומערטע און טריבע,
געשפאַנט מיר האָבן איצט אליין אהער.
זיי די טאַליאַנים האָבן דאָ געטריבן,
די קוילעס זייערע, מיר דוכט, אצינד איך הער.

די אומשולדיקע דערמאָרדעטע געדענקט מען אין דיסנע — אין דעם שטילן, פרידלעכן ווײַסרוסישן שטעטל אפן וווּנדערשיינעם ברעג פונעם טײַך מײַרעוו-דווינע. דעם 15 יון 1942 האָבן די פאַשיסטן דאָ איבערגעלאָזט א בלוטיקן שפור. 3.800 דערשאָסענע ליגן אין צוויי ברידער-קוואָרים. אין דיסנע גיט מען אכטונג אף זיי. צווישן די צוויי ריוון — א מירמלשטיין, וועלכן עס האָט פּראָיעקטירט דער טוישעוו פון ווילנע יורי קליאַט. די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע איז דאָ, אין דיסנע, פאַרשניטן געוואָרן. יאָר נאָך יאָר, אין יון כוידעש, קומען צו פאָרן צום מעמאָריאַל די נאָענטע און קרויווים פון די קדושים. מע נעמט מיט זיך מיט קינדער און אייניקלעך. „קוקט און פאַרגעדענקט! היט אָפּ דעם שאָלעם אף דער וועלט! און ווייסט, וואָס עס טראָגט מיט זיך דער פאַשיזם, דער אימפּעריאַליזם”. דאָס אַלץ האָבן מיר אויסגעלייענט אינעם בריוו, וועלכן ס'האָט צוגעשיקט דער פּערסאָנעלער פּענסיאָנער אווראָם בריאָ, וועלכער וווינט אין ווילנע.

אין די טעג, ווען עס איז פײַערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן דער פערציקסטער יאָרטאָג פונעם זיג איבער די פאַשיסטן, איז אין רעדאַקציע אָנגעקומען א בריוו: „געערטער כאַווער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד”! עס שרײַבט אײַך א פינסקער לייענער פונעם זשורנאַל, א מיטגליד פון קפּסס. איך שיק אײַך א פאָטאָגראַפיע — מיט מײַן פרוי שטייען מיר באַם ברידער-קייווער, ווּ עס ליגט מײַן גאַנצע מישפּאָכע. אין 1942 האָבן דאָ די פאַשיסטן דערמאָרדעט 30.000 מענטשן. אין 1964 האָט דער פינסקער אויספירקאָם פונעם סאָוועט פון די פאָלקס-דעפּוטאַטן אופגעשטעלט א דענקמאָל אפן ברידער-קייווער. יעדן נײַנטן מײַ, אין טאָג פון זיג איבערן היטלערישן פאַשיזם, קומט צו גיין די פינסקער באַפעלקערונג באַערן דעם אָנדענק פון די געהאַרגעטע. היינטיקן נײַנטן מײַ זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אהער פון פאַרשיידענע שטעט פינסקער ייִדן, וואָס זײַנען געבליבן לעבן. מיט אכטונג. דאָוויד סאַמורין”.

די בריוו דערציילן ניט בלויז וועגן קאָרבאָנעס, נאָר אויך וועגן העלדישע קעמפער און זיגער. מיט א צײַט צוריק האָט דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד” סאַמויל קופּערמאַן, וועלכער וווינט אין דער שטאָט קאָראָסטען, צוגעשיקט אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל וועגן זעקס קאָרסוניער ברידער פּאָדאָלסקי, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט אונדזער לאַנד, מוטיק געשלאָגן די פאַשיסטן. דער עלטסטער פון זיי, וועלוול פּאָדאָלסקי, א קאָמוניסט נאָך פון 1930, דער ייִנגסטער, פּייסי פּאָדאָלסקי, וועלכער איז אוועק אין שלאַכט גלײַך פון דער סטודענטישער באַנק, די איבעריקע — לייב, אזריעל און יאָסיף פּאָדאָלסקי — דרייסטע, באַשיידענע, אומשרעקלעכע יאַטן, און הערשל פּאָדאָלסקי, וועלכער איז געפאַלן אין אויגוסט 1941, דער איינציקער פון די פּאָדאָלסקיס, וואָס איז אומגעקומען אפן שלאַכטפעלד, אַלע, ווי עס דערציילט ס. קופּערמאַן, האָבן פאַרשיידענע כאַראַקטערס, פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, איינס איז בא זיי אַלגעמיינס: די ליבשאַפט צום סאָוועטישן סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

אונדזער לייענער א. ראַבינאָוויטש טיילט מיט אין זײַן בריוו, אז אין טאַשקענט, אף דער גאַס יונוסאַבאַד, אין דער שטוב 17, דירע 4, וווינט די כאַווערטע בלידאַיא מאַריע, גריגאָריעווגע, אַן אויסערגעוויינלעכע פרוי. אונדזער קאָרעספּאָנדענט האָט איבערגעלייענט וועגן איר אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג „טאַשקענטסקאַיא פּראַוודאַ” פאַרן 4 אַפּרעל 1984, און ער צווייפלט ניט, אז וועגן אָט דער העלדישער פרוי דאַרפן וויסן אַלע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד”.

דאַכט זיך — ס'האָט ניט געקאָנט זײַן, אז מאַשע בלידאַיא זאָל בלײַבן לעבן נאָך דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע פון איר היימשטעטל טשודנאָוו אף זשיטאָמירשטשינע, ווּ אין אויגוסט 1941 האָבן די דײַטשן צעשאָסן אַלע ייִדן. נאָר אזוי האָט פּאַסירט: א צעשאָסענע, איז זי געבליבן לעבן, אַרויסגעקראָכן פון דער גרוב. נאָכדעם, אָנהייבנדיק פון אָט דער גוירלדיקער שאָ און ביז דעקאַבער פיר-און-פערציקסטן, האָט זי יעדן טאָג געקאָנט אומקומען. אָבער דער בייזער גוירל איז ניט געווען בעקויעך זיך ספּראַווען מיט דער טאָכטער פונעם טשודנאָווער שוסטער הערשל בלידאַי, ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרניכטן זי, ווײַל

די קאָמיוגיסטקע מאשע (איר עמעסער נאָמען איז העניע) בליודאיא האָט זיך געראנגלט ניט מיט איר אייגענעם טויט, זי האָט געפירט א געשלעג מיטן פאשיזם. אין מעשעך פון א לאנגער צײַט פלעג זי איבערגעבן יעדיעס און געווער די פארטיזאנער, טראָגן פלוגבלעטלעך אין די דערפער, גאנוועגען אין די דײַטשישע סקלאַדן מינעס, וועלכע מע האָט נאָכדעם אונטערגעלייגט אונטער די רעלסן, ברענגען צו פירן מענטשן אין פארטיזאנישן אָטריאד. מאשע בליודאיא איז געווען א געוואגטע פארטיזאנערן, זי איז אויך איצט א דרייסטער מענטש. אָבער אירע צוויי אייניקלעך קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן, אז די גוטע, צוגעלאָזענע באָבעשי, וועלכע באקט פײַן שטרודל און האָניק-לעקעך — איז א העלדישער קעמפער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע...

יאקאָוו בלאוואט וווינט אין דער עסטלענדישער שטאָט נארווא. „איך אבאָניר זיך אף „סאָוועטיש היימלאנד” שוין עטלעכע יאָר, — שרײַבט ער אין זײַן בריוו. — איך זע באַשײַמפערלעך, ווי אף די זײַטן פונעם זשורנאל ווערט געפירט א געראנגל פארן שאָלעם אין דער וועלט. און דאָס איז גוט. מיר דארפן ניט קיין מילכאָמעס. טײַער האָט אונדז געקאָסט דער זיג איבער די פאשיסטן. איך האָב בייסן קריג פארלאָרן דרײַ ברידער”... זעקס ברידער בלאוואט האָבן זיך קעגנגעשטעלט די פאשיסטן: ראָמאן, דער צווילינג יעווגעני און אלעקסאנדער, יאָסיף, יאקאָוו און יעפים. דער עלטערער, ראָמאן, איז אומגעקומען, פארטיידיקנדיק קיִעוו. יעווגעני, אלעקסאנדער און יאָסיף זײַנען געווען טאנקיסטן — מילכאָמע געהאלטן אין איין טאנקען-עקיפאזש. די באוווּסטע ליד „דרײַ טאנקיסטן” איז ווי אף זיי אָנגעמאָסטן. דעם 12 מארט 1942, בייס דעם קערטשענסקער-פעאָדאָסיִיסקער דעסאנט, איז זייער מאשין אונטערגעקלאפט געוואָרן. פון דעם פלאקערנדיקן טאנק איז געלונגען ארויסצוקריכן בלויז דעם פארוווּנדעטן יאָסיפן. יעווגעני און אלעקסאנדער זײַנען פארברענט געוואָרן אין טאנק. אינײנעם געבוירן, צוזאמען אומגעקומען. טײַער האָט באצאָלט די מישפּאָכע בלאוואט פארן זיג.

אסיע שולמאן, אליין אן אָנטיילנעמערן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, שרײַבט אין א בריוו צו אונדז וועגן אירע פינף ברידער, געפאלענע אין די שלאכטן מיטן סוינע. פראָיִם שולמאן איז געווען א לערער, ער איז אומגעקומען אין 1941; הערשל שולמאן, א פארטיי-טוער, איז דערהארגעט געוואָרן הינטער דער שטאָט סטאראיא רוסא אין 1943; אווראָם שולמאן, וועלכער האָט פארן קריג געארבעט אלס אינזשעניער, איז געפאלן לעבן דער שטאָט קינגיסעפ אין 1941; כאיִם שולמאן, ווי נאָר ער האָט געענדיקט די סטאלינגראדער מיליטער-שול, איז אוועק אפן פראָנט און ארײַנגעפאלן אין ארומרינגלונג. שפעטער ראנגלט ער זיך מיטן פײַנט אין א פארטיזאנישן אָטריאד. א קויל האָט אים געטראָפן דעם דריטן יול 1944, בייס ער, שוין אן אָפיצער, א קאפיטאן, האָט אופגעשטעלט די איבערגעריסענע טעלעפאָן-פארבינדונג; ארן שולמאן, דער סאמע ייִנגסטער פון די ברידער, איז אומגעקומען אין 1941 לעם וואָראָניעזש. ער איז דעמלט אלט געווען אכצן יאָר.

די ברידער בלאוואט — יעווגעני, אלעקסאנדער און יאָסיף — מיט זייער כאווער פטשערוואָניוק

„ביז דער מילכאָמע האָט אונדזער מישפּאָכע געוווינט אין האָמעל, — דערציילט אסיע שולמאן. — געלעבט האָבן מיר ניט רײַך. געארבעט האָט בלויז דער טאטע, די מאמע איז געווען באלעסטיקט מיט קינדער. די עלטערע האָבן זיך געלערנט. אין די סטודענטישע יאָרן האָבן די ברידער געמוזט צופארדינען, קעדיי עס זאָל קלעקן אף קויפן מאלבושים און שפײַז — ווער עס איז געווען א קאָטשעגאר אף דער עלעקטראָסטאנציע, ווער עס האָט אויסגעלאָדן וואגאָנען, ווער עס האָט זומער געארבעט אלס ערד-מעסטער, דורכשפאנענדיק צופוס הונדערטער קילאָמעטער. און ניט געקוקט אף דעם, איז בא אונדז געווען א פריידיק פריילעך לעבן. אלע ברידער האָבן באקומען בילדונג, אלע זײַנען זיי געווען קאָמיוגיסטן, קאָמוניסטן”...

צווישן די מאטעריאלן, וועלכע די רעדאקציע האָט דערהאלטן און מאכמעס טעכנישע סיבעס נאָך ניט געקאָנט אויסנוצן, איז פאראן א בריוו, וועלכן עס האָט צוגעשיקט יודל קאנטאראָוויטש. לאָזט זיך אויס, אז אין דער שטאָט טשערניאכאָווסק, קאלינינגראדער געגנט, האָט דער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד” אָפגעהיט אן אוניקאלן דאָקומענט — אן אליין-געמאכט בלאָקנאָטל, אין וועלכן אן אומבאוווּסטער מארטירער האָט

פאַרשריבן, וואָס עס קומט פאַר אַרום אים און מיט אים. לײדער זײַנען די שורעס אין אַט דעם אײגנאַרטיקן טאָגבוך שטאַרק אָפּגעריבן, און עס איז שווער לײענען דעם דורך אַ נעס דערגאַנגענעם צו אונדז דאָקומענט. מיר האָפן אָבער, אַז מיט דער הילף פֿון די הײַנטצײַטיקע טעכנישע מיטלען וועט זיך אײַנגעבן צו פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די פֿאַרנאַטירונגען. אַלנפֿאַלס, דאָס, וואָס עס קאָן איבערגעלײענט ווערן איצט, זאָגט אײדעס וועגן דעם, אַז ניט נאָר אין די אַקאָפּעס, אָפּשלאָגנדיק דעם אָנגריף פֿון די היטלערישע טאַנקען, ניט נאָר אין באַגנעט-אַטאַקעס, ניט נאָר בײַסן שטורמעווען די פֿײַנטלעכע דזאָטן און פֿעסטונגען האָבן די אַנטיפֿאַשיסטן אַנטפּלעקט זײער מענטשלעכע גרויסקײַט.

אַ העפֿטל מיט פֿאַרשריבענע געטאָ-לידער האָט אַרײַנגעשיקט אין רעדאַקציע דער כאַווער נאַרקין פֿון דער שטאָט קאָמונאַרסק, וואָראָשילאָווגראַדער געגנט. צוועלף ווערק, סײַ ווײניק באַוווּסטע, סײַ שוין פּאָפּולערע, צווישן זײ: „אין אַ ליטוויש שטעטל — ווײַט", „קינדער-אַקציע", „געטאָ-מאַרש", „די עלנטע מאַמע", „אין באַראַק", „באַם געטאָ-טונעל" און, נאַטירלעך, דער הימן פֿון דער פֿאַרײניקטער פּאַרטיזאַנען-אָרגאַניזאַציע „זאָג ניט קײנמאָל, אַז דו גײסט דעם לעצטן וועג". שורעס מאָטיקע און טראַגישע, דערהויבענע און צאַרנדיקע, אומשרעקלעכע און יאַטערנדיקע פֿון צאַר און ווײ. אַזעלכע שורעס זײַנען בעקיווער געוועוּן פֿאַרפֿאַסן מענטשן פֿון גרויזאַמען גײַסט. ניט אַנמעכטיקײַט און אומבאַהאָלפֿנקײַט פֿון פֿאַרורטײלטע אויף פֿאַרניכטונג פֿילט זיך אין זײ, נאָר קוידעמקאָל דער גלי פֿון זײערע נעשאָמעס, די העלדישקײַט פֿון פּאַטריאָטן, ניט קײן ראַכמאָנעס, נאָר אָפּשײַ און פֿאַרערונג וועקן זײ.

וועגן דעם גײַסטיקן ווידערשטאַנד, וואָס די פֿאַרורטײלטע האָבן אַרויסגעשטעלט דעם נאַציזם דערצײלט אין איר בריוו די געוועזענע מאַרטירערן און געטאָ-קעמפֿערן גליקע טשערניאַק, וועלכע וווינט אין דער ווײַסרוסישער שטאָט מאָזיר:

„איך בין אַ געבוירענע אין ווילנע, געוועזן אין ווילנער געטאָ פֿונעם ערשטן טאָג ביז דעם 1943 יאָר. מע האָט מיך אָנגענומען אַלס מיטגליד פֿון דער דאָרטיקער פֿאַראײניקטער פּאַרטיזאַנען-אָרגאַניזאַציע. אונדזער אָנפֿירער איציק וויטענבערג האָט ניט געוווּסט פֿון שרעק. איך בין געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיטן יונגן דיכטער הירשעלע גליק. ער איז אומגעקומען בײַס אַן אַקציע אין געטאָ. הירש גליק איז געווען אַ ליכטיקער שטראַל אין אונדזער פֿינצטערערווירקלעכקײַט. אין 1978 בין איך געפֿאָרן קײן ווילנע, אין פּאָנאַר, אויף קײוועראָוועס — אין די פּאָנאַרער גריבער ליגט מײַן גאַנצע מישפּאָכע. אין פּאָנאַר איז פֿאַראַן אַ מוזײ, און צווישן די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון קאָרבאָנעס און קעמפֿער מיטן פֿאַשיזם אין ווילנע האָב איך געזען דאָס בילד פֿון הירשעלע גליק. אַ קאָפּיע פֿון אָט דער פֿאָטאָגראַפֿיע געפֿינט זיך איצט בײַ מיר און בײַ מײַנע קינדער. מיטן דיכטער אַווראָם סוצקעווער און זײַן פֿרוי בין איך אַוועק פֿון ווילנער געטאָ אין 1943 אין די מיאַדעלער וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. דאָרט האָבן מיר אַפֿילע טראַכטן ניט געקאָנט, אַז ער וועט אַרויסווײַזן אַזאַ אומדאַנקבאַרקײַט צו אונדזער סאָוועטיש הײמלאַנד. זאָל דאָס בלײַבן אויף זײַן געוויסן... דעם כאַווער מײער פֿאַדאָלני, דעם קאָמאַנדיר פֿונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד „פֿאַרניכטלער", האָב איך אויך געקענט. ער דאַרף געדענקען מײַן פֿריצײַטיק געשטאָרבענעם מאַן יאַנקעוו טשערניאַק, דעם פֿאַרטרעטער פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע אויפֿן וואָראָשילאָווס נאָמען.

מיט אײנעם פֿון די דיכטער פֿון „יונג ווילנע", מיט שמערל קאַטשערגינסקין, פֿלעג איך זיך אָפֿט זען. ער איז, ווי איך, געווען אַ מיטגליד פֿון דער פֿאַראײניקטער פּאַרטיזאַנען-אָרגאַניזאַציע, געקעמפֿט צוזאַמען מיט אונדז אין נעם וואַלד. דאָס טאַלאַנטפֿול ייִנגעלע אַליק פֿערעוואָזקין, וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אין געטאָ, האָט פֿאַרפֿאַסט צו קאַטשערגינסקיס ווערטער מוזיק. די ליד איז געווען פּאָפּולער אין געטאָ. די פֿאַראײניקטע פּאַרטיזאַנען-אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן, אַז די ליד האָט געדאַרפֿט זײַן אַ מער קעמפֿערישע — אַלס וויגליד האָט זי דירעקט ניט געראָפֿן צום קאַמף. איך ווײס ניט, עפּשער זײַנען אײַך באַקאַנט די ווערטער, נאָר אײניקע סטראָפֿעס וועל איך איבערגעבן אַזוי, ווי איך האָב זײ פֿאַרגעדענקט:

שטילער, שטילער ס'קוועלן קוואַלן
לעבן אונדז אַרום.
ביז דער טויער וועט ניט פֿאַלן,
זײַן מיר מוזן שטום.

לאָז דעם קוואַל זיך רויִק פֿליסן,
שטילער זײַ און האָף,
מיט דער פֿרײַהײַט קומט דײַן טאַטע,
שלאָף זשע, קינד מײַנס, שלאָף.

ווי די ווילִיע אַ באַפֿרײַטע,
ווי די ביימער גרין באַנײַטע,
לויכט שוין פֿרײַהײַט-ליכט
אויף דײַן שײן געזיכט..."

דער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם מוזיי פון געשיכטע אין דער שטאָט קאָלאָמיי, איוואן-פראנקאָווסקער געגנט, פ. סעגאל באשרײַבט אין זײַן בריוו אן אינטימע באגעגעניש פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט העכער פופציק יאָר צוריק געענדיקט די זיבניאָריקע שול אינעם שטעטלע קראסנאָסטאוו. פאָרגעקומען איז די באגעגעניש אין סלאוווטע. צווישן די געוועזענע מיטשילער, לעבעדיקע און אומגעקומענע ארבעטער, קאָלווירטניקעס, אנזשעניערן, לערער, פראָנטאָוויקעס ציט צו די אופמערקזאמקײַט די פאמיליע זייגערמאן. אף דער באגעגעניש איז ער געקומען פון דער שטאָט גראָזני. זײַנע עלטערן, די ברידער און שוועסטער, ליגן אינעם ברידער-קייווער. דער שרעקלאָזער קאָמאנדיר פון אן אויסשפיר-ווזוואָד שטייט שווײַגנדיק, מיט א פארנייגטן קאָפּ. פאר אים רעדט זײַן פרוי, די רוסישע לערערן אלעקסאנדרע סטעפּאנאָוונא. מיר דערוויסן זיך, אז ער, מוישע זייגערמאן, איז א קאוואלער פונעם „רום-אָרדען" פון אלע דרײַ מאדרייגעס. אינעם מײַ-נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן מיר וועגן זייגערמאנען ניט געשריבן, ווײַל מיר האָבן גאָרניט געוווּסט וועגן אים. מיר האָפן, אז פ. סעגאל וועט נאָך וועגן אים גענוי דערציילן.

דער קיִעווער טוישעוו דאָוויד שולמאן שרײַבט אין זײַן בריוו וועגן דעם, ווי אזוי אין א פארוואָרפן ווינקל אף אוקראַיִנע, אין שטעטל וועלעדניק, האָט די יוגנט אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן געגרינדעט א קאָמיוגישע אָרגאניזאציע. איצט איז שוין דאָוויד שולמאן א קאָמוניסט מיט א קימאט זעכציקיאָריקן פארטיי-סטאזש. „איך געפין זיך אף פארדינטער רו, — דערציילט ער. — ס'טוט מיר שטארק האנאָע צו באקומען און לייענען דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכן איך שרײַב אויס אין מעשעך פון צוויי צענדליק יאָר. איך האָב ליב לייענען קורצע נאָוועלעס און הומאָרעסקעס. די טעג זײַנען זיך צונויפגעקומען בא מיר די כאווירים בוזי זאק, דאָוויד קאָוואלסקי און זײַן פרוי אנע איסאקאָוונע, די כאווערטע סאָניע צוויק. איך האָב זיי פאָרגעלייענט אייניקע דערציילונגען, וואָס זײַנען געוועזן געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד", אויך א קאפּיטל פון הערשל פּאָליאנקערס ראָמאן „שמײַע גאזלען". בא מיר און בא מײַנע געסט איז די שטימונג געוועזן אן אויסגעצייכנטע"...

די אָנטיילנעמערן פון דער אונטערערדישער באוועגונג אף אוקראַיִנע בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע טאטיאנע מילער-רעזניק, וועלכע וווינט אין קיראָוואָגראד, באשרײַבט אין איר בריוו, ווי אזוי עס האָבן זיך געראנגלט מיט די פאשיסטן אירע כאווירים פארטיזאנער.

וועגן דעם מוטיקן לייטענאנט יורי עפּשטיין, וועלכער האָט אין די שלאכטן פארלאָרן די ריִע, נאָר איז ניט געפאלן בא זיך און האָט פארנומען זײַן אָרט אינעם לעבן, האָט אָנגעשריבן א בריוו. נ. מילניקאָוו פון סווערדלאָווסק. יורי עפּשטיין האָט פולקום באהערשט די סיסטעם פון שרײַבן און לייענען לויט ברײַלס אלעפבייס (פאר בלינדע). נאָך דער מילכאָמע איז ער געווען א מאסאָוויק אין אן אינוואלידן-ארטעל, דערנאָך פארוואלטעט מיט א ביבליאָטעק, געשטאנען בעראָש פון דער פארטיי-אָרגאניזאציע אין דער באשקירער געזעלשאפט פון בלינדע מענטשן. די לעצטע צוואנציק יאָר ארבעט יורי עפּשטיין אלס מאסאזשיסט אין א סווערדלאָווסקער שפּיטאָל. ער היילט קראנקע מענטשן, וועמען ס'קאָנען שוין ניט העלפן קיין אנדערע רעפּועס — און אלץ מיט זײַנע געזונטע, קלוגע הענט. דער וועטעראן פון דער מילכאָמע פארלאָזט ניט די ארבעט.

יויעל הורוויץ פון וויניצע, אוקראַיִנע, האָט צוגעשיקט א בריוו אין רעדאקציע, אין וועלכן עס גייט א רייד וועגן זײַן שאָכן, דעם אינוואליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע סאמויִל טארטאק, וועמענס ברוסט עס באצירן צוויי אָרדענס פון דער רויטער שלאכטס-פאָן, אן אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, א מעדאל „פאר געוואגטקײַט". זײַנערצײַט האָבן זיך איבערגעקרייצט טארטאקס קאמפסוועגן מיט דאָוויד דראגונסקיס, דעם איצטיקן גענעראל און צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפארבאנד. פּאסירט האָט עס דאן, ווען טארטאק איז נאָמינירט געוואָרן אלס פארבינדונגס-אָפיצער באם קאָמאנדארם ריבאלקאָ. אויספילן די ניט-לײַכטע פליכטן פון א פארבינדונגס-אָפיצער איז געווען גאנץ שווער, אָבער סאמויִל טארטאק האָט זײַן ארבעט געטאָן דרייסט, מיט לײַב און לעבן. עטלעכע מאָל איז ער פארוווּנדעט געוואָרן.

בײַס די פאשיסטן בעראָש מיטן גענעראל פראנקאָ האָבן פאָרגענומען א פוטש קעגן דער רעפּובליקאנער מאכט אין שפּאניע — אין די יאָרן 1936—1939 — איז דער אווטאָר פון נאָך איין בריוו, אָווסיי סוועט, אוועקגעגאנגען העלפן די רעפּובליקאנער זיך ראנגלען מיט די פראנקיסטן. ער האָט געקעמפט אינעם באשטאנד פון דעם 45-טן באטאליאָן פון דער אינטערנאציִאָנאלער בריגאדע, וועלכע האָט פארטיידיקט בארסעלאָנע. דערנאָך איז ער א שטיק צײַט געווען אינטערנירט אין פראנקרײַך, זיך אומגעקערט אהיים אין מארט 1941. דער אָנפאל פון די פאשיסטן האָט אים אפסנײַ

אופגערופן אין דער ארמיי. אָווסיי סוועט שלאָגט זיך מיט די היטלעראָווצעס אפן דאָרעם-מײַרעווודיקן און אף דעם צווייטן אוקראַינישן פראָנט, נעמט אָנטייל אין דער באפרײַונג פון רומעניע, אונגארן און טשעכאָסלאָוואקיע. מיט איין וואָרט, בא אים איז פאראן וועגן וואָס זיך דערמאָנען און וואָס צו דערציילן די לייענער.

ערעוו דעם פערציקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבער די דײַטשישע פאשיסטן איז אין רעדאקציע אָנגעקומען א בריוו פון דער שטאָט דימיטראָוו, דאָנעצקער געגנט: „מיר, די מיטגלידער פונעם סאָוועט פון דעם מוזיי אין דער פּראָפעסיאָנעל-טעכנישער שול נומער 94, געווידמעט די מאטראָסאָווצעס פון אונדזער לאנד, בעטן אײַך, איר זאָלט אונדז העלפן צונויפזאמלען מאטעריאלן וועגן געוואגטע קריגער, יידן לויט דער נאציאָנאליטעט, וואָס האָבן אזוי ווי אלעקסאנדער מאטראָסאָוו, מיטן אייגענעם גוף פארהאקט די אמבראזור פון א פײַנטלעכן דזאָט, און דערמיט באוואָרנט דעם אָנגריף פון אונדזער מיליטער. מיר ווייסן וועגן די כאווײרים בעלינסקי, לעווין, בומאגין, ראיזע. ווער נאָך? עפשער וואָלט איר אונדז ארויסגעשיקט דעם מײַ-נומער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", ווו מיר וועלן מיסטאם קאָנען עפּעס געפינען פאר זיך? מיט וואָס נאָך קאָנט איר אונדז העלפן?" און אן אונטערשריפט — ענגעלינע טשופּרינא. קוידעמקאָל האָבן מיר ארויסגעשיקט די יונגע דימיטראָווער כאווײרים דעם פינפטן נומער פון אונדזער זשורנאל, דערנאָך — דעם זעקסטן, אין וועלכן עס זײַנען פאראן מאטעריאלן, וואָס אינטערעסירן זיי. און ווײַטער, פארשטייט זיך, וועלן מיר העלפן די ענטוזיאסטן מיט אלץ, וואָס עס וועט זײַן מעגלעך.

אינטערעסאנט, אז די כעוורע פון דער דימיטראָווער פּראָפּטעכשול באדויערן אין זייער בריוו, וואָס זיי קאָנען ניט לייענען אונדזער מאטעריאל אין אָריגינאל. מיר ווייסן ניט, ווער זיי זײַנען לויט דער נאציאָנאליטעט, אָבער ס'איז אונדז באוווּסט, אז איצט, ווען עס הייבט זיך אָן די אבאָניר-קאמפּאניע אפן 1986 יאָר, פארקלערן זיך ניט ווייניק מענטשן, מערסטנסטייל יונגע, וועגן דעם, אז ס'איז קעדײַ צו ווערן לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד". דער זשורנאל האָט שוין לאנג א שעם פון א ווערטפולער אויסגאבע, די יידישע יוגנט ציט זיך צו אים, נאָר ניט אלע ווייסן יידיש. די, וואָס דערלערנען די שפּראך, האָבן ניט דערנאָך קיין כאראָטע. אין רעדאקציע קומען אָן פיל בריוו, וועלכע באשטעטיקן עס. די מערהײַט פון אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן האלט, אז די פאָרם פון דער יידישער ליטעראטור דארף פארבלײַבן אזא, ווי זי איז איצטער, זי דארף זײַן א נאציאָנאלע לויט דער פאָרם. יידישע שרײַבער דארפן שרײַבן אף יידיש. זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער אינהאלט פון זייערע ווערק דארף זײַן א סאָציאליסטישער.

אי. טאלפּאלאר פון קיעוו ווענדט זיך צו דער רעדאקציע: „שאָלעם-אלייכעם, כאָשעווע פרײַנט! אנטשולדיקט מיר, וואָס מײַן יידיש איז נאָך דערווײַל שוואך, אָבער דער פאָרשריט איז א באשײַמפּערלעכער: איך לייען און שרײַב אף יידיש. אין רעזולטאט בין איך אײַערער א לייענער!" און ווײַטער דערציילט ער, אז מיט פיר יאָר צוריק האָט ער געקויפט אין קיאָסק א נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד". „איך ווייס אליין ניט וויאזוי, נאָר עטלעכע אויסיעס פונעם יידישן אלעפבייס זײַנען אין מײַן זיקאָרן צו יענער צײַט פארבליבן. בעהאדראָגעדיק האָב איך אבסאָרבירט אלע אויסיעס, און ווען איר האָט פּובליקירט דעם אלעפבייס אין זשורנאל, איז מיר געלונגען פארפּינקטלעכן און פארטיפערן מײַנע יעדיעס. פון דעמלט אָן בין איך א קעסיידערדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד", און כ'דארף זאָגן, אז איך האָב אנטדעקט פאר זיך די וועלט, וועלכע איז פול מיט געשטאלטן פון מײַן קינדהײַט. איך דאנק אײַך פאר אײַער נוצלעכער טירכע"...

דער סטודענט פון כארקאָווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט באָריס גאָלבערג דערציילט, וויאזוי, זײַענדיק נאָך א שילער פונעם צענטן קלאס, האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". טאקע דעמלט האָט ער זיך פארינטערעסירט מיט דער יידישער שפּראך און אָנגעהויבן זי דערלערנען. עס זײַנען אדורך אָנדערהאלבן יאָר — און ער לייענט און שרײַבט אף יידיש. באָריס גאָלבערג שרײַבט, אז עס שטייט אים נאָך פאָר א סאך צו ארבעטן, קעדיי גוט באהערשן דאָס לאָשן. אזוי אָדער אנדערש, נאָר דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט ער ליב באקומען און קאָן שוין מיט אים זיך ניט צעשיידן.

מיט ב. גאָלבערגן סאָלידאריזירט זיך לעאָניד שיינקמאן, אויך א יונגער מענטש, אויך א סטודענט. ער לערנט זיך אינעם נאָווגאָראָדער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. עמעס, אים איז א ביסל גרינגער, איידער גאָלבערגן, זײַן באָבע און זײַן זיידע אין דער ווײַסרוסישער שטאָט מאָזיר פלעגן שטענדיק ריידן צווישן זיך אף יידיש, און די שפּראך איז ניט קיין פרעמדע פאר שיינקמאנען. אָבער סײַווי איז שיינקמאן צופרידן, וואָס דער גורל האָט אים צונויפגעפירט מיטן זשורנאל. ער טרוימט אפילע צו פארבינדן מיט אים זײַן צוקינפטיקע

טעטיקייט. „איך וויל זייער זיך איבערשרייבן מיט איינעם פון די יידישע שרייבער, — איז ער זיך מודה. — כ'וועל עפשער אליין ווערן א יידישער שרייבער"...

דער כאווער יע. נאבעדריק פון קיעוו טיילט מיט: „מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך דערלערנט יידיש, אויסנוצנדיק די לימו־דים, וועלכע עס דרוקט „סאָוועטיש היימלאנד". פון דעמלט אָן האָב איך האנאָע בייס איך לייען דעם זשורנאל. מיך אינטערעסירן זייער די פובליקאציעס פון אונדזער קלאסיק, וואָרעם פריער האָב איך ניט געלייענט אף יידיש ניט מענדעלען, ניט פערעצן".

די לייענערן פון „סאָוועטיש היימלאנד" ל. יעוואָלענקאָ פון דער שטאָט בעלאיא צער־קאָוו, אוקראינע, זאָגט ארויס א ווונטש, אז דער עלטערער דאָר זאָל איבערגעבן די ליבע צו דער מוטער־שפּראך און צו די שאפונגען פון די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער דעם היינטיקן יונגן דאָר. דערביי דארף גענומען ווערן אין אכט, אז דער בארוף פון יעדער ליטעראטור און קולטור איז — דערציען די מענטשן אין גייסט פון ליבע צום היימלאנד, קאמף פאר שאָלעם און סאָציאלן פּראָגרעס.

ענלעכע געדאנקען זאָגט ארויס אלעקסאנ־דער ספּעקטאָר פון פּיאטיגאָרסק. ער איז אלט 23 יאָר. „איך בין א פּאטריאָט פון מיין סאָוועטיש היימלאנד, איך וויל, אז מיינע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין זעלבן גייסט. די ווערק, וועלכע ס'פארעפנטלעכט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", העלפן מיר דערין".

אכטונג!

אין אָקטיאבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" פאר היינטיקס יאָר הייבן מיר אָן דרוק א זעלבסטלערער (Самоучитель) פון דער יידישער שפּראך. דער קורס לימודים וועט זיין אויסגע־רעכנט פאר די קומענדיקע לייענער פון יידישער ליטעראטור, וועלכע ווילן באנייען זייער וויסן פון דער שפּראך אָדער זי דערלערנען פונדאָסניי.

אף וויפל די רעדאקציע וועט ניט האָבן קיין פרייע עקזעמפּליארן פונעם זשורנאל אף צו באפרידיקן די באקאָשעס פון כאווירים, וואָס וועלן ניט באווייזן זיך אבאָנירן אף אָקטיאבער־דעקאבער ד. י., אייצענען מיר באצייטנס (ביזן 1 סענטיאבער) זיך אונטערשרייבן אפן פערטן קווארטאל, שוין אָפּגערעדט פונעם קומענדיקן 1986 יאָר, ווען עס וועלן זיך פובליקירן די ווייטערדיקע לימודים.

Внимание!

В октябрьском номере «Советиш геймланд» за текущий год мы начинаем печатать самоучитель языка идиш. Курс рассчитан на будущих читателей еврейской литературы, желающих усовершенствовать свои познания в языке идиш или изучить его заново.

Поскольку редакция не располагает свободными экземплярами журнала для удовлетворения просьб тех, кто не успел подписаться на октябрь—декабрь месяцы текущего года, советуем вовремя оформить подписку на 4-й квартал (не позже 1 сентября), а также на будущий, 1986 год, на протяжении которого будут публиковаться дальнейшие главы самоучителя.

דאָס איז טשיקאַווע

וויאַזוי וועט אויסזען די שטאָט בירָאבידזשאַן

דעם שנעלן טײַגע־טײַך בירע וועט באַפּוצן א ברעג־גאַס, מע האָט זי אָנגעהויבן בויען אין בירָאבידזשאַן. די גאַס וועט זיך שפּרייטן פונעם נאַטירלעכן פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו ביזן אוטאָמאָביל־בריק און וועט, אַזויאַרום, אָרגאַניש האַרמאָנירן מיטן אַרכיטעקטור־אַנסאַמבל פונעם אַדמיניסטראַטיוון צענטער פון דער שטאָט.

די בויונג פון דער ברעג־גאַס, — זאָגט דער הויפּט־אַרכיטעקטאָר פון דער שטאָט יע. ס. ברענער, — איז איינער פון די מאָסמיטלען אין דער ווײַטערדיקער ווױלײַנאָרדענונג פון דער שטאָט, וועלכע וועט אין 1987 יאָר אָפּמערקן איר גאָלדענעם יובילײ. עס איז באַשלאָסן פאַרהיטן די באַטור־שײַנקײַט פונעם ברעג, די פרײַע צוטריטן צו דעם וואַסער. אינעם פּראָיעקט פון דער ברעג־גאַס איז פאָרגעזען א ברייטער אַספּאַלטירטער פּאַס פון א בולוואַר, בלומען־בייטן, בענק, אָריגינעלע לײַכטערס.

מיר האָבן אויך אָנגעמערקט אוועקשטעלן אויפן מיזרעכדיקן אַרײַנפאָר אין דער שטאָט, דאָס הייסט פון דעם כאַבאַראָווסקער שאָסיי, א סטעלע, וועלכע וועט סימבאָליזירן די באַלוינונג פון דער שטאָט מיטן אָרדען „ערן־צייכן". אויף די גאַסן וועלן געשאַפן ווערן עטלעכע קאָמפּאָזיציעס פון די אַזויגערופענע קליינע פאָרמען. ס'איז אָנגעמערקט עפענען עטלעכע אָפענע זומער־קאַפעען. א באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט ווערט געשענקט דער ווױלײַנאָרדענונג פון די נײַע מיקראָ־ראַיאָנען.

העראָישע מישפּאָכעס

צווישן די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען פאַראַן לײַבלעכע ברידער און שוועסטער. דאָס זײַנען די סיביריאַקעס־טאַנקיסטן שיקע און מאָטל ווײַנרובס; די פּילאָטן־פאַרניכטלער באָריס און דמיטרי גלינקא, דערבײַ איז דער ייִנגערער ברודער דמיטרי — צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד; די אוויִאַטאָרן קאָנסטאַנטינאָווס: וולאַדימיר איז א שטורמאַן פון א באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַן, און זײַן שוועסטער טאַמאַרע — א פּילאָט־שטורמאָוויק; די באַרימטע פּאַטריאָטקע זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ און איר ברודער אַלעקסאַנדער — א קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילערישער באַטאַרײ; די מיליטערישע יאַם־פּילאָטן סערגיי און אַלעקסאַנדער קוזענקאָווס; דער קאָמאַנדיר פון דער 18־טער אַרמײ קאָנסטאַנטין און זײַן ייִנגערער ברודער וויקטאָר לעסעלידזע — אַן אַרטילעריסט; דער קאָמאַנדיר פון דער 5־טער טאַנקען־אַרמײ אַלעקסאַנדער ליזיוקאָוו און זײַן ייִנגערער ברודער פּיאָטער — א טאַנקיסט; די ברידער יעווגעני און גענאַדי איגנאַטאָווס — פּאַרטיזאַנער; ניקאָלײַ און מיכאַיִל פּאַניטשקינס — אוויִאַציע־שטורמאַנס.

אינטערעסאַנט איז אָפּצומערקן, אַז איטלעכע פון זיי איז דער הויכער טיטל צוגעייגנט אין איין אוקאַז פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסס"ר. אַזוי, צום בײַשפּיל, די איגנאַטאָווס — דעם 7 מאַרט פון 1943, די ווײַנרובס — דעם 6 אַפּרעל פון 1945, די פּאַניטשקינס — דעם 15 מײַ 1946 יאָר.

שליסלען פונעם רײַכסטאַג

אין מוזיי פונעם דניעפּראָפּעטראָווסקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט ליגן הינטער א גלאָז צוויי לאַנגע און דינע שליסלען.

...דעם 2 מײַ 1945 האָט קאַפּיטולירט בערלין. אין אָט דעם טאָג איז דער קאַפּיטאַן־אינזשעניר מאַטוויי יעפימאָוויטש קאַצנעלנסאָן געווען אין רײַכסטאַג, וואָס אין זײַנע קעלערן איז נאָך פאָרגעזעצט געוואָרן די שיסערײַ. די שווערע טירן פונעם הויפּט־אַרײַנגאַנג אין רײַכסטאַג זײַנען געווען ברייט צעפּראַלט. אין איינער פון אירע העלפטן האָט געשטעקט א בינטל שליסלען. דער אָפיצער האָט זיי גענומען אַלס אָנדענק וועגן די שלאַכטן פאַר בערלין.

נאָך דער מילכאָמע האָט ער זיי צוערשט פאַרהיט בא זיך אינדערהיים, אָבער דערנאָך פאַרשטאַנען, אַז די שליסלען פונעם רײַכסטאַג — דאָס זײַנען א רעליקוויע, און דערפאַר קאָנען זיי ניט געהערן נאָר צו אים. ער האָט אָנגעשריבן דעם מאַרשאַל פון סאָוועטנפאַרבאַנד ג. ק. זשוקאָוו און לויט זײַן אײַצעס אָפּגעשיקט די שליסלען קיין מאָסקווע, אין צענטראַלן מוזיי פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון פסס"ר.

איז וואָס זשע ווערט פאַרהיט אינעם מוזיי פונעם דניעפּראָפּעטראָווסקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט, וווּ עס אַרבעט דער דאָצענט מאַטוויי יעפימאָוויטש? אַן אָפּדרוק, א דובליקאַט פון די שליסלען פונעם רײַכסטאַג.

בּיבּליאָגראַפֿיע

נײַע ביכער פֿון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וואָס וועלן דערשײַנען אין 1986 אין מאָסקווער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

אין ייִדיש..

כאַים גורעוויטש. ווײַט און נאָענט (לידער־זאַמלונג).

כ. גורעוויטש לעבט און אַרבעט אין נאָוואָסיבירסק. אין זײַנע לירישע לידער, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דער זאַמלונג, דערציילט דער דיכטער וועגן זײַן לײַבלעכן סיבירער קאַנט, וועגן אירע מענטשן, וועגן די שווערע יאָרן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער מילכאָמע, אין וועלכער ער האָט אָנטיילגענומען. די מערהײַט פֿון די פֿאָרגעשטעלטע לידער זײַנען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די ליר ע. אין דער לידער־זאַמלונג (14 דרוקבויגן) זײַנען אײַנגעשלאָסן ווערק פֿון 23 סאָוועטישע ייִדישע דיכטער, וועלכע זײַנען אויף אייביק פֿאַרבליבן אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. אין אָט דעם בוך זײַנען באַנאַנד מיט די דיכטער פֿון דער עלטערער פּלעיאַדע — יאַשע זעלדין, בוזי אָליעווסקי, שמועל ראָסין, מוישע כאַשטשעוואַצקי, וועלכע האָבן פֿרוכטבאַר געאַרבעט אין דער ליטעראַטור נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, פֿאָרגעשטעלט דיכטער־פֿראָנטאָוויקעס מאָטל האַרצמאַן, שמועל העלמאָנד, שימען גאָלדענבערג, הירש דיאַמאַנט, הערשל דובינסקי, כאַים דושאַצקי, באָריס קאָראַבייניק, שלוימע לאָפּאַטע, רוווען רייזין, לייב טאַלאַלײַ, הענעך שוועדיק, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט מיט זייער פּאָעטישער קראַפֿט אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן, און צווישן זיי די נאָך דעמלט גאָר יונגע דיכטער שמועל אײַזנוואַרג, זכאַריע באַרסוק, אַרן באָראַדיאַנסקי, אַרל האָפּשטיין, הענעך קויפֿמאַן, שימען לעלטשוק, וועלוול רעדקאָ, פּיניע שטיינבערג.

הערשל פּאָליאַנקער. דער גורל פֿון אַ קינסטלער (ראָמאַן), 21 דרוקבויגן.

דער נײַער ראָמאַן פֿון דעם באַוווסטן סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער כאַפּט אַרום אַ גרויסן היסטאָרישן פּעריאָד — פֿון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע אין די יאָרן 1904—1905 ביז דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע פֿון 1941—1945. אַלס הויפּט־העלד איז אין דעם עפּישן ווערק פֿאָרגעשטעלט דער קינסטלער סימאָן מאַרקוס, אין וועלכן עס לעבט און ברויזט די הייסע שטרעבונג צו שאַפֿן אַלץ נײַע און נײַע בילדער, וועלכע זאָלן ניט לאָזן פֿאַרגעסן וועגן די גרוילן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער מילכאָמע, טאָן אַלץ, קעדיי ניט דערלאָזן צו קיין נײַער מילכאָמע.

באָריס סאַנדלער. טרעפֿלעך אַרויף צו אַ נעס. דערציילונגען און נאָוועלן (אַכצן דרוקבויגן).

באָריס סאַנדלער איז הײַנט איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע יונגע אַווטאָרן, וועלכע שרײַבן אויף ייִדיש. אין זײַן ערשטן בוך גייען אַרײַן די גרעסערע דערציילונגען „ווען עס קומט דער טאָג", „טרעפֿלעך אַרויף צו אַ נעס" און אַ ריי נאָוועלן. די פּראָבלעמאַטיק זייערע איז זייער פֿאַרשיידנאַרטיק: דערמאָנונגען וועגן דער קינדהײַט, ראַיוינעס וועגן דער הײַנטצײַטיקער יוגנט, פֿילאָסאָפֿישע עטיודן, פֿאַנטאַסטישע מאָטיוון, שטייגערישע פֿאַרנאָטירונגען.

מאַרק ראַזומני. אַ וועלט מיט וווּנדער. דערציילונגען און נאָוועלן (15 דרוקבויגן).

מאַרק ראַזומני איז איינער פֿון די עלטסטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. אין זײַן נײַעם בוך „אַ וועלט מיט וווּנדער" זײַנען אײַנגעשלאָסן דערציילונגען, נאָוועלעטן און מעשאָלים, אָנגעשריבענע אין די לעצטע יאָרן. אַלע זײַנע ווערק זײַנען דורכגעדרונגען מיט ליבע צום מענטשן, רימען דעם מענטשנס מי, זײַן אײדלמוטיקײַט, די גרייטקײַט צו העלדנטאַט, די פֿעיִקײַט צו טאָן גוטס. אַ סאַך פֿון מ. ראַזומניס ווערק פֿאַרמאָגן אין זיך עכטן סאַטירישן אָנלאָד. דער אַווטאָר טאַדלט פֿאַכדאָנעס, גרויסהאַלטערישקײַט, גלײַכגילטיקײַט.

אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש:

„**יאָר נאָך יאָר**" — «**Ежегодник**». צווייטער זאַמלבוך (25 דרוקבויגן).

אין 1985 דערשײַנט די ערשטע אין רוסיש אויסגאַבע פֿון די בעסטע ווערק פֿון די ייִדישע שרײַבער, פֿאַרעפֿנטלעכטע אויף די זײַטן פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

אין דעם אָרדנטלעכן צווייטן זאַמלבוך, וואָס איז געווידמעט דעם 25־טן יאָרטאָג פֿונעם זשורנאַל, וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן גרעסערע דערציילונגען און נאָוועלן, לידער, פּובליציסטישע מאַטעריאַלן, אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און קונסט פֿון די ייִדישע שרײַבער, באַגלייט מיט רײַכע אילוסטראַטיווע מאַטעריאַלן.

עליע גאָרדאָן. אונטער דער הייסער זון (ראָמאַן), 29 דרוקבויגן. דער סוזשעט פון דעם ראָמאַן באַזירט זיך אויפן לעבן און דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פונעם העלד פון סאָציאַליסטישער מי עליע יעהודין — אַ מענטשן פון אומויסשעפּלעכער שעפערישער ענערגיע, פון געוואַגטער דערפינדערישקייט און נאָוואַטאָרישע אידייען, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זײַנע כאַווײרים־מיטקעמפער געשאַפן אין קרימער סטעפּ אַ גרויסן אַגראָ־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס מיטן נאָמען „פעלקער־פרײַנטשאַפט“.

לידער פון דער פאַרגאַנגענהייט. פון דער ייִדישער פאָלקס־דיכטונג (8 דרוקבויגן). אין דער זאַמלונג זײַנען פאָרגעשטעלט ריטועלע און ליבע־לידער, פאַרשיידענע געזאַנגען וועגן יעסוימים און רעקרוטן, שפּאַסן־קאַטאָוועסן, קינדער־לידער, ליריק און אַנדערע זשאַנרען אין דער איבערזעצונג פון נאַום גרעבניעוו.

אַלס בײַלאַגע זײַנען אין דעם בוך אײַנגעשלאָסן לידער, געשריבענע אין פּעריאָד פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע דורך מענטשן, פאַרורטיילטע צום טויט, ווייניק פון וועלכע עס זײַנען לעבן געבליבן. אַלץ, וואָס עס איז אַרײַן אין דעם בוך, ווערט פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל.

נאָטע לוריע. די געשיכטע פון אַ ליבע. ראָמאַן, דערציילונגען (21 דרוקבויגן).

די ווערק פון נאָטע לוריע, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער ייִדישער, רוסישער, אוקראַיִנישער, מאָלדאַווישער און אַנדערע שפּראַכן, האָבן געקראָגן גוטע אָפּשאַצונגען מיצאַד דער ליטעראַטור־קריטיק און אויך ברייטע אָנערקענונג פון די לייענער.

די האַנדלונג פון „דער געשיכטע פון אַ ליבע“ וויקלט זיך פאַנאַנדער צוערשט אין גרענעץ־שטעטל פון ווײַסרוסלאַנד, דערנאָך אין לענינגראַד און כאַפּט אַרום דעם פּעריאָד פון דער מיט פון די 20־ער יאָרן ביז אונדזערע טעג. דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען מיט לויטערער לירישקייט. דער אַווטאָר שילדערט די הויכע גײַסטיקייט פון די סאָוועטישע מענטשן, זייער אָפּטימיזם, ליבע צום לעבן.

אין גרונט פון נ. לוריעס ווערק זײַנען די אידייען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט און אינטערנאַציאָנאַליזם.

בוזי מילער. קאַלזמאַן דער מענטש לעבט. ראָמאַן, דערציילונגען, נאָוועלן (28 דרוקבויגן).

דער בוך פון איינעם פון די פירנדיקע ייִדישע שרײַבער, וואָס ווערט פאָרגעלייגט דעם לייענער, שליסט אײַן ב. מילערס ווערק, געווידמעט דעם לעבן פון אונדזערע מיטצײַטלער, דער גורל פון וועלכע עס איז ענג פאַרבונדן מיטן ווײַטן מיזרעך. מיט גרויסער ליבע און האַרציקער וואַרעמקײַט שרײַבט בוזי מילער וועגן דער יוגנט, וועגן דעם כויוו פון אונדזערע מיטצײַטלער, אָפּצוהיטן און נאָכצופאָלגן די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזערע עלטערן.

ריווקע רובין. אַ מאָדנער טאָג. דערציילונגען, נאָוועלן, עטיודן (25 דרוקבויגן).

אין דער גרעסערער דערציילונג פון ר. רובין „אַ מאָדנער טאָג“ דערציילט די שרײַבערין וועגן דעם לעבן פון קינסטלער, ליטעראַטן, מוזיי־טוער. זייערע זאָרגן און פריידן, וועגן זייערע פאַרלוסטן און דעם אָפּסנײַ געפונענעם גליק.

אַכטונג, ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור!
די אַנאָטירטע ייִדישע און רוסישע ביכער פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועלכע דערשײַנען יעדעס יאָר אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, קאָנט איר באַצײַטנס באַשטעלן אין די אָרטיקע מאַגאַזינען פון בוך־האַנדל („קניגאַטאָרג“), ווי אויך אין די אָרטיקע האַנדלס־קאָנטאָרן פון דער געברויך־קאָאָפּעראַציע. באַקאַנט זיך צו דער צײַט מיט די יערלעכע אַרויסלאָז־פּלענער פון דעם פאַרלאַג!

■ ■ ■

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

ראַכקינד, סאָניע (1903)

— לינגוויסט, ליטעראטור־פאָרשערן. געבוירן אין שטעטל טאָלאָשין, ווײַסרוסלאנד. אין 1928 פארענדיקט די ייִדישע ליטעראריש־לינגוויסטישע אָפּטיילונג באם צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט און ביזן 1933 געווען א לערערן פון ייִדישער שפּראך און ליטעראטור. אין 1936 פארטיידיקט א דיסערטאציע באם אינסטיטוט פון ייִדישער קולטור פון דער ווײַסרוסלענדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע און באקומען דעם טיטל קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן, זיך פארנומען מיט לינגוויסטיק, אונטעריכטעט ייִדישע שפּראך און אלגעמיינע שפּראכוויסנשאפט אין מינסקער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. געדרוקט ארטיקלען וועגן שפּראך־פראגן אינעם מינסקער ליטעראריש־קינסטלערישן זשורנאל „שטערן". צוזאמען מיט ה. שקליאר ארויסגעגעבן א ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך. אָנהייבנדיק פונעם 1944, נאָכן באפרײַען מינסק פון די פאשיסטישע אינטערווענטן, געארבעט אלס דאָצענט אין מינסקער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. וווינט אין מינסק.

ווערק: (צוזאמען מיט ה. שקליאר) ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך. מינסק, ווײַסרוסלענדישע וויסנשאפט־אקאדעמיע, 1940; (צוזאמען מיט ד. קורליאנדן) די הײַנטצײַטיקע פּראָלעטארישע ייִדישע דיכטונג אין אמעריקע, כרעסטאָמאטיע. דאָרט, מעלוכע־פארלאג, 1932; צו דער טעמע: שאָלעם־אלייכעם אין רוסישער איבערזעצונג. זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", 1968, נום. 7.

ביבליִאָגראפיע: וו. שאַץ. א נײַטיקער בוך (וועגן דעם ייִדיש־רוסישן ווערטערבו). צײַטונג „אָקטיאבער", 14 מײַ 1941.

ראָסין שמואל (1941—1890)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל שומיאטש, געוועזענע מאָהילעווער גובערניע, ווײַסרוסלאנד, אין א מישפּאָכע פון א באלעגאָלע. צו 15 יאָר זיך באזעצט אין קאטערינאָסלאוו (איצט — דניעפּראָפּעטראָווסק), געארבעט אלס מאליער און בלעכער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן געלעבט אין אָדעס, כארקאָוו, פּענזע. אין 1921 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. אָנגעהויבן שרײַבן זייער פרי. אין 1918 ארויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל — „באָבעמײַסעס", אין 1919 — א זאמלונג לירִיק „מויערקעפּלעך". צו די יאָרן, ווען ער האָט געלעבט אין כארקאָוו, געהערט זײַן ערשטער פּרווו אין דראמאטורגיע. זײַן פּיעסע „די אופוואכונג" ווערט געשטעלט אין כארקאָווער „גשאטקינס טעאטער". באזונדערס אקטיוו הייבט ער אָן ארבעטן אין דער ליטעראטור שוין זײַענדיק אין מאָסקווע. רוסלאנד, מאָסקווע ווערן די הויפּט־טעמעס פון זײַן שאפונג. א באדײַטנדיק אָרט אין זײַנע לידער פארנעמען די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאנד, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער רעוואָליוציע אין 1907—1905 און ענדיקנדיק מיט די יאָרן פונעם בירגערקריג. ברייט איז אין זײַנע ווערק פאַרגעארבעט געוואָרן די טעמע פון סאָוועטישן פּאטריאָטיזם און פעלקער־פרײַנטשאפט. דעם 3 יול 1941 גייט ער אוועק אין דער מאָסקווער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע און קומט אום דעם 6 אָקטיאבער אין א שלאכט בא וויאזמע.

ווערק: באָבעמײַסעס, קינדער־פּאָעמעס. יעקאטערינאָסלאוו, פארלאג „וויסנשאפט", 1918; מויערקעפּלעך, לידער. כארקאָוו, פארלאג „האָפענונג", 1919; שײַן, פּאָעמע. מאָסקווע, „לירִיק", 1922; צו אלע צו אונדז, לידער און פּאָעמעס. דאָרט, צענטרפארלאג, 1929; זין און טעכטער, פּאָעמע (1905). דאָרט, „דער עמעס", 1934; עס גייט דער שניט, לידער. מינסק, ווײַסרוסישער מעלוכע־פארלאג, 1935; מיט די ערשטע, דערציילונג. מאָסקווע, „דער עמעס", 1937; אין איינער א נאכט, דערציילונג. דאָרט, 1937; פארליבטערהייט, לידער. דאָרט, 1938; שלוימקע דאשעק, קינדער־דערציילונג. דאָרט, 1939; צו דער צײַט, לידער און באלאדעס. דאָרט, 1939; לידער וועגן טאטן, דאָרט, 1939; אונדזער רו, לידער. דאָרט, 1940; טרײַהײַט, פּאָעמע אין דרײַ טיילן. ווילנע—מאָסקווע, „דער עמעס, 1941.

ביבליִאָגראפיע: י. דאָברושין, אין לויטערקײַט פון לירִיק (אין דער זאמלונג „אין איבערבוי").

מאָסקווע, „דער עמעס", 1932; ל. טשערניאַק, מיט אָפענער ברוסט אין אטאקע (צום 75־טן געבורטסטאָג פון שמועל ראָסין). זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", 1965, נומ. 8; א. ווערגעליס, פון לויטערן, פון פולן קרוג. דאָרט, 1970, נומ. 8; מ. ראָזענהויז, ש. ראָסינס ווערק (ביבליִאָגראפישע רעשימע). דאָרט; קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפעדיע (רוסיש), ב. 6, פארלאג „סאָוועטסקאיא ענציקלאָפעדיִא". מאָסקווע, 1971; אָ. קאָליטשעוו, וועגן מײַנע פרײַנט. „סאָוועטיש היימלאנד", 1967, נומ. 3.

רובין, ריווקע (1906)

— פראָזאִיקער, קריטיקער, איבערזעצער. געבוירן אין מינסק אין דער מישפּאָכע פון א האנטווערקער. פארענדיקט דעם מינסקער פעדאגאָגישן אינסטיטוט און די אספיראנטור בא דער ווײַסרוסלענדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. געארבעט אלס לערערן אין שולן און אין אן ארבפאק. אונטעריכטעט אלס דאָצענט אינעם מינסקער פעדאגאָגישן אינסטיטוט די געשיכטע פון דער יִידישער ליטעראטור, ווי אויך טעאָריִע פון ליטעראטור. געארבעט אין דער יִידישער אָפטיילונג פונעם מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אין 1934 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. געווען א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם אלמאנאך „היימלאנד", פון דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", פון שאָלעם־אלייכעמס „געזאמלטע ווערק" (6־באנדיקע אויסגאבע אין רוסיש), צווייטע אופלאגע. בייס דער מילכאָמע געארבעט אין דער צײַטונג „טאמבאָווסקאיא פראוודא", שפּעטער אלס זשורנאליסט אין אלמא־אטא. אלס קריטיקער דעביוטירט אין 1931 אינעם זשורנאל „שטערן" (מינסק). אין די ליטעראטור־פאָרשערישע ארבעטן

געשענקט פיל אופמערקזאמקײַט דער שאפונג פון שאָלעם־אלייכעמען און י.־ל. פערעצן. א היפּש אָרט פארנעמט אין אירע ארבעטן די סאָוועטישע יִידישע ליטעראטור. אין די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליקער באווּסט מער אלס פראָזאִיקער. אירע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אף רוסיש. וווינט אין מאָסקווע.

ווערק: יִיצכאָק־לייבוש פערעץ. מאָסקווע, פארלאג „דער עמעס", 1941; יִידישע פרויען, פארצייכענונגען, דאָרט, 1943; שרײַבער און ווערק. ווארשע — מאָסקווע, פארלאג „יִידיש בוך" — פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי", 1968; עס שפּינט זיך א פאָדעם, דערציילונגען. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאטעל", 1975; אזא מין טאָג, דערציילונגען. דאָרט, 1982; ווו איז דער העלד פון אונדזער צײַט? זשורנאל „שטערן", 1939, נומ. 4—5; מיר לעבן. אלמאנאך „היימלאנד", 1948, נומ. 5; א נאָענטער מענטש. דאָרט, 1948, נומ. 3; אין א זײַטיק געסל. אלמאנאך „מיט פעסטן טראָט" (מינסק), 1947; פאָרעדעס צו די בענדער 6 און 10 פון שאָלעם־אלייכעמס „אויסדערוויילטע ווערק". „דער עמעס", 1936—1937; פאָרוואָרט צו די „אויסגעוויילטע ווערק פון י.־ל. פערעץ אין 2 בענדער. דאָרט, 1941; נאָכוואָרט צו ז. ווענדראָפס „אונדזער גאס". „סאָוועטסקי פּיסאטעל", 1967; פאָרוואָרט צו אי. קיפּניסעס בוך „אונטערוועגנס". דאָרט, 1979; נאָכוואָרט צו ז. אקסעלראָדס „לידער". דאָרט, 1980; קאגאנאָווסקיס שאלעכל. זשורנאל „פאריזשער צײַטשריפט", 1963, נומ. 31; (אין רוסיש וועגן יִידישער ליטעראטור) פאָרוואָרט צו די „אויסגעוויילטע ווערק" פון שאָלעם־אלייכעמען אין 6 בענדער. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא", 1959; פאָרוואָרט צו שאָלעם־אלייכעמס „דערציילונגען". דאָרט, 1940; פאָרוואָרט צו שאָלעם־אלייכעמס „פונעם יאריד", „דערציילונגען". דאָרט, 1957; פאָרוואָרט צו ז. י.־ל. פערעצעס „אויסדערוויילטס". דאָרט, 1962; „די גרויסע וועלט פון קינדהײַט" (אין דער זאמלונג „דאָס לעבן און שאפן פון ל. קוויטקאָ). „דיעטגיז", 1976.

ביבליִאָגראפיע: אי. פעפער, מיט פעסטן טראָט. צײַטונג „אייניקײַט, 24 יול 1947; ה. רעמעניק, ליכטיקע באגאבונג. „סאָוועטיש היימלאנד", 1966, נומ. 5; ד. ריטער, א בוך קריטיק. צײַטונג „בירָאבידזשאנער שטערן", 20 סענטיאבער 1968; ה. ראבינקאָוו, א ביִאָגראפיע פון א גאנצן דאָר. דאָרט, 11 אָקטיאבער 1978; י. לוואָווסקי, דער נעכטן און דער הײַנט — געקניפּט און געבונדן. „סאָוועטיש היימלאנד", 1970, נומ. 9; ט. גען, מאָסקווער יִידישע שרײַבער אין פּראָפיל. דאָרט, 1978, נומ. 2; ב. מילער, א פאָדעם אין געוועב. דאָרט, 1975, נומ. 12; ב. מילער, די פארבן פון לעבן. „בירָאבידזשאנער שטערן", 17 מײַ 1981; (אין רוסיש) ה. רעמעניק, די האָריזאָנטן פון א קינסטלער. פאָרוואָרט צום בוך „עס שפּינט זיך א פאָדעם", „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא", 1982; ל. ראזגאָן, ר. רובינא. „וויאָטסיא ניט". זשורנאל „נאָווי מיר", 1983, נומ. 9; מ. פענס, טרײַ צו זיך. זשורנאל „ליטעראטורנאָיע אָבאָזרעניע", 1984, נומ. 3; או. גוראלניק, דאָס נעפּל פון צײַט. זשורנאל „דרוזשבא נאראָדאָוו", 1984, נומ. 10.

■

M. Viner, the well-known literary historian and critic. The book never saw the light, however, because of the war. The proofs were preserved by he family of the late S. Beilin. We are printing M. Viner's article and examples of folk art.

August this year saw the publication of the ten-thousandth number of the newspaper "Birobijaner Stern", an organ of the Regional Committee of the CPSU and the Executive Committee of the Regional Soviet of People's Deputies of the Jewish Autonomous Region. This event is discussed by Chaim Beider, deputy editor-in-chief of the magazine "Sovietish Heimland", and newspaper editor Leonid Shkolnik.

"Our Space Corner" features the continuation of "A Chronicle of the Life of Yuri Gagarin" by Victor Mitroshenkov of Moscow.

We are also publishing, in "Our Mailbag", the latest review of the magazine's post.

Beginning with the next issue of "Sovietish Heimland" in October, we shall be publishing a Yiddish language self-teacher. The author of this, as of the previous lecures, will be Assistant Professor Shimon Sandler of Tiraspol.

The issue ends with our regular features, "Items of Interest", "From the Magazines and Newspapers", 'Bibliography", 'Chronicle" and "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature".

Supplement:
Shimon Sandler "Lectures on the Study of Yiddish"
(Book Four)

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No. 9, September, 1985

It is 85 years since the birthday of eminent Soviet Jewish poet Itsik Fefer (1900-1952). In connection with this date, the magazine is publishing a cycle of his poems from "Resurrection", the last collection published during his lifetime.

Last year, prose writer Iosif Burg of Chernovtsy, after a trip to the Baikal-Amur Railway and Birobijan, published a series of articles in "Sovietish Heimland". The writer is still concerned with BAM and has written a number of short stories based on his impressions of people in the Soviet Far East. Readers can form their own opinion of these stories, which we are publishing in our current number.

"Guard at the Gates", a novel by Aron Vergelis of Moscow tells about events in the post-war period when the characters are faced with serious problems in restoring a centuries-old shtetl destroyed during the fascist invasion.

Poetry is represented by verse cycles from Motl Gruvman of Novgorod, Dora Khaikina of Kiev and Moishe Pens of Mahachkala.

We are marking two memorable literary dates: the 100th birthday anniversary of well-known publicist Moishe Kats (1885 to 1960), and the 125th birthday anniversary of Semyon Frug (1860-1916). We are printing an extract from "Our Sholem-Aleichem", a book by M. Kats in which he gives his personal recollections of meetings with the great writer, and we are also publishing four of S. Frug's own poems.

This year, world public opinion is marking the 850th birthday anniversary of the great philosopher, physician and astronomer Maimonides (1135-1204). In connection with this date, we are printing an article, "The Personality and Philosophy of Maimonides" by writer Efim Drutz and Samuil Kliger (Cand. Philosophy) of Moscow.

Our section "Literary Criticism" contains an article by Zalman Libinson (city of Gorky) entitled 'In the Backwoods of Byelorrusia" (about a book of travel notes and stories by Hirsh Reles, "Under a Peaceful Sky", which has been brought out by "Sovietsky Pisatel" Publishers). An article by musicologist Victor Lenzon of Moscow tells about the work of composer V. Fleishman, who fell at the front in 1943.

"The History of an Unknown Portrait of I. Babel" is the title of an essay by art historian Usher Spektor of Moscow. He tells about a drawing from life which he found in the archives of the distinguished artist, V. I. Milashevsky.

In July 1941, the Moscow "Der Emes" publishing house signed for the press a book entitled "Folk Anecdotes and Humorous Tales", writen down and collected by folk-lore expert S. Beilin. The foreword to the book was written by

записанные и собранные фольклористом С. Бейлиным. Предисловие к этой книге написал известный литературовед и критик М. Винер. В связи с войной книга, однако, не увидела свет. Корректура книги сохранилась в семье покойного С. Бейлина. В номере печатаются статья М. Винера и образцы фольклорного творчества.

В августе нынешнего года вышел 10-тысячный номер газеты «Биробиджанер штерн», органа обкома КПСС и исполкома областного Совета народных депутатов Еврейской автономной области. Об этом беседуют редактор газеты Леонид Школьник и заместитель главного редактора журнала «Советиш геймланд» Хаим Бейдер.

Рубрика «Наш космический уголок» представлена продолжением «Хроники жизни Юрия Гагарина» Виктора Митрошенкова (Москва).

В номере печатается очередной обзор «Почта «Советиш геймланд». Начиная со следующего, октябрьского номера «Советиш геймланд» будет печататься самоучитель языка идиш. Автором самоучителя, как и предыдущих лекций, является доцент Семен Сандлер (Тирасполь).

Номер завершается традиционными рубриками «Это интересно», «Листая журналы и газеты» «Библиография», «Хроника», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы».

Приложение к номеру:

Семен Сандлер «В помощь изучающим идиш»
(четвертая тетрадь)

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 9, сентябрь, 1985

Исполняется 85 лет со дня рождения выдающегося еврейского советского поэта Ицика Фефера (1900—1952). В связи с этой датой журнал публикует цикл его стихотворений из последнего прижизненного сборника поэта «Возрождение».

В прошлом году прозаик Иосиф Бург (Черновцы), после поездки на Байкало-Амурскую магистраль и в Биробиджан, опубликовал в «Советиш геймланд» цикл художественных очерков. Бамовская тема продолжает волновать писателя, и он создал ряд рассказов, основанных на впечатлениях о людях Дальневосточного края. В настоящем номере эти рассказы выносятся на суд читателей.

В романе Арона Верелиса (Москва) «Страж у ворот» повествуется о событиях послевоенного времени, когда перед героями встают нелегкие проблемы возрождения к жизни разрушенного фашистским нашествием старого, векового местечка.

Поэтическая рубрика номера представлена стихотворными циклами Мотла Грувмана (Новгород), Доры Хайкиной (Киев), Мойше Пенса (Махачкала).

Две памятные литературные даты отмечаются в номере — 100-летие со дня рождения известного публициста Мойше Каца (1885—1960) и 125-летие поэта конца XIX — начала XX вв. Семена Фруга (1860—1916). В журнале печатается отрывок из книги М. Каца «Наш Шолом-Алейхем», включающий личные воспоминания о встречах автора с великим писателем, а также четыре стихотворения С. Фруга.

Мировая общественность отмечает в нынешнем году 850-летие со дня рождения великого философа, врача, астронома Маймонида (1135—1204). В связи с этой датой печатается статья писателя Ефима Друца и кандидата философских наук Самуила Клигера (Москва) «Личность и философия Маймонида».

В разделе «Литературная критика» публикуется статья Залмана Либинзона (г. Горький) «Белорусские глубинки» (о книге путевых заметок, новелл и рассказов Григория Релеса «Под мирным небом», вышедшей в издательстве «Советский писатель»). В статье музыковеда Виктора Лензона (Москва) рассказывается о творческом пути композитора В. Флейшмана, павшего на фронте в 1943 году.

«История неизвестного портрета И. Бабеля» — так называется очерк искусствоведа Ушера Спектора (Москва), в котором повествуется о найденном им в архиве художника В. И. Милашевского рисунке, сделанным выдающимся живописцем с натуры.

В июле 1941 года в московском издательстве «Дер эмес» была подписана к печати книга «Народные анекдоты и шуточные сказки»,

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 30.06.1985. Подписано к печати 18.08.1985 г. Формат $70\times108^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1100.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1985 г.

Цена 70 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

И. Фефер. Стихи (к 85-летию со дня рождения).
А. Вергелис. Страж ворот (роман).
Рассказы И. Бурга.
Стихи М. Грувмана, Д. Хайкиной.
Памятные литературные даты. М. Кац. У Шолом-Алейхема. С. Фруг. Стихи.
Наш космический уголок. В. Митрошенков. Из книги «Земля под небом (продолжение).
К 850-летию Маймонида. С. Клигер, Е. Друц. Личность и философия Маймонида.
Литературная критика, искусство, живопись. З. Либинзон. Новая встреча с белорусскими местечками. В. Ленэон. Веньямин Флейшман и его опера «Скрипка Ротшильда». В. Милашевский. Как я рисовал Бабеля. У. Спектор. История неизвестного портрета И. Бабеля.
«Биробиджанер штерн» — вчера, сегодня, завтра.
Найденные рукописи. С. Бейлин. Народные анекдоты и шуточные сказки.
Воспоминания. Р. Кац-Рабинович. Осталось в памяти.
Почта «Советиш геймланд». Листая журналы и газеты. Это интересно. Новые книги. Материалы для лексикона советской еврейской литературы.
Резюме на русском и английском языках.

1985

№ 9

34-525